STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 01859

DI HOYPT SHTREMUNGEN IN DER LITERATUR FUN NAYNTSENTEN YORHUNDERT

Georg Morris Cohen Brandes

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

געאָרג בראַנדעס

די הויפּט שטרעמונגען אין דער ליטעראַטור פון נײַנצענטען יאָרהונדערט

באַנד 10

יונג־דייטשלאַנד

איבערזעצט פון
ד״ר. יעקב גרינפעלד

מאַקס נ. מייזעל
אידישער פארלאַג פאַר ליטעראַטור און וויסענשאַפט
424 גרענד סטריט, ניו יאָרק.
1921

Copyright, 1921
by
Max N. Maisel

דאָס יונגע דייטשלאַנד.

אויב דער קינסטלער וואַרפט זיך ניט אַרויף אויף זיין אַרבייט אַזוי ווי קורציע האָט זיך גע־וואָרפען אין אָפּגרונד, און אויב ער אַרבייט ניט אין דעם קראַטער גלייך ווי אַן ערדגראָבער, אויף וועלכען די ערד איז אַרויפגעפאַלען; אויב ער פאַנגט אָן אַרומקלערען די שוועריגקייטען אויפ'ן אָרט פון בייק:מען זיי איינע נאָך דער צווייטער, דעמאָלט וועט ער זיין דער עדות פון זעלבסט־מאָרד פון זיין אייגענעם טאַלאַנט.

— באַלזאַק.

אינהאלט:

(יונג־דייטשלאנד, אפטיילונג 1)

קאפיטעל 1. — דער פאליטישער הינטערגרונד — — — — — — — — 7
קאפיטעל 2. — די וויסענשאפט און רעאקציע — — — — — — — 23
קאפיטעל 3. — דער גייסט פון דער אפאזיציע — — — — — — — 28
קאפיטעל 4. — דער איינפלוס פון דער יולי רעוואלוציע — — — 32
קאפיטעל 5. — בייראנס איינפלוס — — — — — — — — — — 64
קאפיטעל 6. — די באדייטונג פון דער נייער ליטעראטור — — 51
קאפיטעל 7. — בערנע — — — — — — — — — — — — — — 58
קאפיטעל 8. — היינע — — — — — — — — — — — — — — 132
קאפיטעל 9. — פארטייאישקייט — — — — — — — — — — 239
קאפיטעל 10. — אימערמאן — — — — — — — — — — — — 248

1.

דער פּאָליטישער הינטערגרונד.

פון דער צייט פון דעם הייליגען בונד, האָט דייטשלאַנד'ס לענדער געדריקט די גרויסע סיסטעמאַטישע רעאַקציע, וועמעס אָנהויב איז געלעגט געוואָרען אויפ'ן וויענער קאָנגרעס; איהר צענטער איז געווען עסטרייך, און דער אָנגעזעהענסטער פאָרשטעהער איהרער — מעטערניך, טאַלעראַנ'ס תלמיד. ער האָט ניט פאַרמאָגט זיין לעהרער'ס געשיקטקייט, נאָר איז געווען מעהר געפעהרליך; ער האָט געהאָפּט אַרומצעוויקלען גאַנץ אייראָפּאַ מיט אַ רעאַקציע־חושך. די הויפּט־טעטיגקייט איז באַשטאַנען אין דעם, אַז ס'זאָל אויפ'סניי אויפבליהען אַלץ, וואָס איז פאַרלאָרען געגאַנגען, צעשטערט אָדער אונזיכער געוואָרען פון דער רעוואָלוציע און פון נאַפּאָלעאָנ'ען. די רעגירונג האָט ענדליך געמוזט באַקעמפּפען דעם גרויסען שונא מיט אַלערליי מיטלען: בעטען פאָלקס־הילף אַנשטאַט געבען באַפעהלען, זיך ווענדען צו זייערע סענטימענטען אַנשטאַט צו שטיצען זיך אויסשליסליך אויף זייערע טריי־אונטערטעניגע געפיהלען, און אפילו פאַרשפּרעכען עפּעס, וואָס איז אַזוי פרעמד פאַר דער קאַבינעט־פּאָליטיק, עפּעס אַזוי סטודענטיש־רעוואָלוציאָנעריש, ווי „די וויעדער־געבורט פון דייטשלאַנד“. ווירקליך, צווישען די לאָזונגען וואָס עסטרייך האָט אַרויסגעלאָזט און די, וואָס די פּרייסישע רעגירונג האָט פאַרשפּראָכען, איז געווען אַ גרויסער אונטערשייד. „גערעכטיגקייט און אָרדנונג“. „אָרדנונג און שלום“ — אַזוי איז געווען די לאָזונג פון דער עסטרייכישער פּראָקלאַמאַציע: „דאָס פאָלק, „פרייהייט און עהרע, דייטשלאַנד“ — דאָס איז געווען די פּרייסישע לאָזונג. נאָר דאָך

זיינען ביידע גרויסע דייטשע מלוכות געגאַנגען פיעל ווייטער אַנט־קעגען דעם צייט־גייסט, ווי דאָס האָט געשטימט מיט די פּאַרלאַנ־גען פון די מלוכה־פיהרענדע פּערזאָנען. און ווען דער שונא איז נאָר פּאַרטריבען געוואָרען, דער רעוואָלוציאָנערער יורש איז אַראָפּ־געזעצט געוואָרען פונ׳ם טראָהן, און די פרייהייטס־מלחמה האָט זיך געענדיגט, האָבען די מלוכה־פיהרער אַנגעהויבען אויסראָטען די פרייהייט מיט דעמזעלבען אימפּעט, מיט וועלכען זיי האָבען זיך פריהער געכאַפּט צו פיהרען די מלחמה געגען שונא.

די יוגענד, וואָס איז אונטערגעוואַקסען אין דער צייט פון דער מלחמה מיט פראַנקרייך האָט ערוואַרט, אַז דער רעזולטאַט פון זיעג וועט זיין די גרינדונג פון אַ פאַראייניגטער דייטשער מלוכה. שטיין האָט נאָך אין יאָהר 1812 צונויפגעשטעלט אַ פּלאַן וועגען פאַראיי־ניגען די צופעלגענע טיילען פון דער דייטשער אימפּעריע: ארענד און גערעס האָבען געשריבען אין דערזעלבער ריכטונג. נאָר ביים שליסען פון דעם פּאַריזער שלום, אין יאָהר 1814, איז קלאָר פעסטגעשטעלט געוואָרען: „די דייטשע מלוכות זיינען אומאָפּ־הענגיג איינע פון דער צווייטער און זיינען פאַראייניגט אין אַ פעַ־דעראַציע״. דאָס האָט געמאַכט אַ סוף צו אַלע ערוואַרטונגען וועגען דער גרינדונג פון אַ פאַראייניגטער מלוכה. עס איז אריבער כמעט אַ גאַנצער דור, איידער די אידעע פון פאַראייניגונג איז ווידער געבוירען געוואָרען אין די מחות פונ׳ם פאָלק. אויפ׳ן ארט פון אַ פאַראייניגטער מלוכה איז באַשאַפען געוואָרען דער „דייטשער בונד״, אָדער, ווי מען האָט איהם גערופען „בונט״ — אַ רייך קאָלירטער ארלעקינער קאָסטיום פאַר דער נאַציע, וואָס איז אַזוי ביטער אַנטוישט געוואָרען.

מיט דעם טרוים וועגען דער פרייהייט איז פאַרגעקומען דאָס זעלבע, וואָס מיט דעם טרוים וועגען פאַראייניגונג. אום צו באַ־גייסטערען דאָס פאָלק אין דעם קאַמפּס־מאָמענט מיט נאַפּאָלעאָנ׳ען, האָבען פילע דייטשע מלכים פאַרשפּראָכען זייערע אונטערטעניגע אַ פרייע קאָנסטיטוציע. פון די גרעסערע מלוכות האָבען נאָר באַיערן, באַדען און ווירטעמבערג — געוועזענע מיטגלידער פון נאַפּאָלעאָנ׳ס רהיין־בונד, געהאַלטען אָט די פאַרשפּרעכונגען און ביי זיך איינגעפיהרט קאָנסטיטוציעס, — באַיערן און באַדען אין

יאָהר 1818; ווירטעמבערג, וואו דער קעניג, אַלס אויסנאַם, איז געווען אַ מעהר פריי־דענקענדער, ווי די שטאַנד־רעגירונגען — אין יאָהר 1819, ווערענד קאַרל אויגוסט פון דער קליינער זאַקסען־ווייִמאַר, דער פּיאָנער פון פּאָליטישער פרייהייט אין דייטשלאַנד, אין יאָהר 1816, האָט געגעבען זיין פאָלק אַ פרייהייטס־קאָנסטיטוציע און געגרינדעט ביי זיך אַן אמת'ע פּאַרלאַמענטאַרישע אידיליע.

נאָר אַט די איינציגע פּאַלען האָבען קיין גרויסע באַדייטונג ניט געהאַט, ווייל עסטרייך, ווי נאָכ'ן שליסען פון שלום אַזוי אויך פאַר דעם, איז געווען די פאַרשטעהערין פון דעם רעאַקציאָנערען פּרינציפּ, און דייטשלאַנד, וואו די באַפעלקערונג האָט אַרויסגעוויזען אַ שטאַרקע שטרעבונג נאָך פרייהייט, איז אינגאַנצען צוגעשטאַנען צו מעטערניכ'ס פּאָליטישע פּרינציפּען.

אָבער די דייטשע באַפעלקערונג האָט ניט נאָר געוואָלט קריגען אַ קאָנסטיטוציע, נאָר פאָדערענדיג זי, האָט זי זיך געשטיצט אויף בארעכטיגונג. אַט דאָס רעכט האָט מען זיי פאַרשפּראָכען אויפ'ן פּאַפּיער, וואָס איז געווען פאַרזיגעלט מיט רעגירונגס־זיגלען. אין אַן עדיקט פון יאָהר 1810 האָט דער רעפאָרמער פון דייטשלאַנד, דער קאַנצלער־פירסט האַרדענבערג, פאַרשפּראָכען צו גרינדען אין דער צוקונפט אַן אַלגעמיינע פאָלקס־פאַרשטעהערשאַפט. אין דער צייט פון דער מלחמה מיט נאַפּאָלעאָנ'ען איז דאָס פאַרשפּרעכען איבערגע'חזר'ט געוואָרען, און ענדליך אין מאַניפעסט פון דעם 23טען מאַי 1815, איז דעם פאָלק געגעבען געוואָרען אַ פאָרמאַלער צוזאָג און עס איז געמעלדעט געוואָרען וועגען דעם קעניג'ס אונפערמייד־ליכען פאַרלאַנג צו גרינדען גלייך אַ קאָמיסיע און אויסצואַרבייטען אַ פּראָיעקט פון רעגירונגס־באַשטימונגען אויף קאָנסטיטוציאָנעלע יסודות. נאָר ווערענד מיטערניכ'ס סיסטעם איז מעהר פאַרשפּרייט געוואָרען, איז די אויספירונג פון אַט דעם פּלאַן אַלץ ווייטער און ווייטער אָפּגעלעגט געוואָרען. ווען געררים האָט באַשלאָסען זיך צו ווענדען צו האַרדענבערג'ן פון די רהיין־פּראָווינצען מיט אַ מעמאָ־ראַנדום, וואָס האָט באַדאַרפט דערמאָנען דעם קעניג זיינע פאַרשפּרע־כונגען, האָט ער געקראָגען אַן ענטפער, אַז דער קעניג, געבענדיג די פאַרשפּרעכונגען, האָט חכמה'דיג איבערגעלאָזט פאַר זיך דאָס רעכט צו באַשטימען די צייט פאַר זייער דורכפיהרונג. פיעל מאָל

נאָכהער האָט דער קעניג זיך ערקלערט געבונדען צו'ן אַט די פאַר־שפּרעכונגען, נאָר צו דערזעלבער צייט האָט ער שטענדיג באַגלייט זיין ערקלערונג מיט אַ באַמערקונג, אַז באַשטימען די צייט פון אויספיהרען אַט די צוזאָגונגען מוז בלייבען פאַר זיין פּאַטערליכער זאָרג. דערווייל זיינען אַריבער 25 יאָהר — די לעצטע יאָהרען פון קעניג 1).

די זאָרגען פון די רעגירונגען האָבען זיך איצט קאָנצענטרירט אויף אויסצוראָטען אַלע סמנים פון דער נאַפּאָלעאָנישער אַדמיניס־טראַציע. אַזוי, צום ביישפּיעל, האָט מען אָפּגעשאַפט אין האַנאָ־ווער דעם נאַפּאָלעאָנישען קאָדעקס מיט זיין עפענטליכער געריכטס־פיהרונג, און אויף זיין אָרט איז ווידער באַנייט געוואָרען דער אינקוויזיטאָרשער פּראָצעס פון'ם 16טען יאָהרהונדערט מיט דער געהיימער געריכטס־פיהרונג. די פּויערים, וואָס די פראַנצויזען האָבען באַפרייט, זיינען ווידער פאַרשקלאַפט געוואָרען. מען האָט אָפּגעשאַפט דאָס פּרינציפּ פון גלייכהייט פאַר'ן געזעץ; דער פּריצישער קלאַס האָט צוריקגעקראָגען אַלע פּאָליטישע און סאָציאַלע פּריווילעגיעס, וואָס ער האָט געהאַט אין אַכצעהנטען יאָהרהונ־דערט.

און אין דערזעלבער צייט, וואָס די ערשטע שפּראָצונגען פון אַ פרייערען רעגירונגס־לעבען האָבען זיך אָנגעהויבען אַרויסווייזען אין דרום־דייטשלאַנד איז פאָרגעקומען אַ צופאַל, וואָס האָט גע־געבען אַ סיגנאַל צו פאַרשטאַרקען די רעאַקציע, צו שטויסען איהר פאָרווערטס און צו אָננעהמען געוואַלט־מיטלען אום צו דערשטיקען די אומבאַדייטענדסטע און אומשולדיגסטע פאָלקס־געפיהלען; איך רעד וועגען קאָצעבו'ס מאָרד, אָדער גיכער, וועגען דער באַגייס־טערטער באַציהונג צום מערדער, וואָס דער באַגאַנגענער פון איהם פאַרברעכען האָט אַרויסגערופען אין דער פאַרקנעכטעטער דייטש־לאַנד, וואָס איז פול געווען מיט שפּיאָנען.

דאָס אויפוואַכען פון דעם נאַציאָנאַלען זעלבסט־פאַרשטאַנד און די באַגייסטערונג פאַר פרייהייט, וואָס האָט זיך אַזוי אַרויסגעצייגט

1) בידערמאַן: „דרייסיג יאָהר פון דער דייטשער געשיכטע"; פּרוץ: „צעהן יאָהר", 1 און 2.

אין דער צייט פון דעם קאָנפליקט מיט פראַנקרייך, האָבען באַשאַ־פען אין די נאָכפאָלגענדע יאָהרען צוויי באַוועגונגען צווישען דער דייטשער יוגענד, וועלכע די רעגירונג האָט איצט געשענקט פיעל אויפמערקזאַמקייט: די גרינדונג פון גימנאַסטישע געזעלשאַפטען און סטודענטישער באַוועגונג (בורשענשאַפט).

יאַן, דער גרינדער פון דער פאָלקס־גימנאַסטיק האָט, נאָך פיכטע׳ן, געהאַט אַ גרויסע ווירקונג אויף דער דייטשער יוגענד, אַ דאַנק זיין גרינדונג פון דער ערשטער גימנאַסטישער שול אין בערלין. ער איז פריהער געווען אַ מיטגליד פון לוצאָוו׳ס שיס־קאָרפּוס; אַ הייסער דייטש און אַ פיינד פון די פראַנצויזען, האָט ער געטראָגען לאַנגע גרויע האָר, וואָס זיינען אין אומאָרדנונג אַראָפּגעפאַלען אויף זיינע אַקסלען, מיט אַן אָפענעם האַלז און מיט אַ ברייטען, אַראָפּהענגענדיגען קאָלנער, מיט אַ גראָבען סוקענעם שטעקען אין די הענט. באַגעגענענדיג אויף זיינע קאַניקול־רייזעס אַ פראַנצויזישע שילד אָדער אַ מאַן, וואָס איז געווען גע־קליידעט ווי אַ פראַנצויז, האָט ער מיט זיינע תלמידים איהם אַרומגערינגעלט און האָבען געשריען: הע, הע! אין דער צייט פון זיינע רייזעס האָט ער זיך זעהר אָפּגעהיט מיט׳ן עסען און טרינ־קען; די עקסקורסאַנטען האָבען צוזאַמענסטען געלעבט אויף ברויט און וואַסער און ביינאַכט זיינען זיי געשלאָפען אונטער׳ן פרייען הימעל, און דעמאָלט האָט זיך אַרום פייער צעטראָגען מאַסמאַנ׳ס שעהנע ספּאָרט־ליעד:

„שטובענוואַכט, אָפענפאַכט
האָט די הערצער ווייך געמאַכט,
וואַנדערפאַרט, טורנעראַרט
מאַכט זיי פראַנק און האַרט.“

אָט דער מאַסמאַן, איידער ער איז געוואָרען איינער פון די גימנאַסטישע פיהרער, האָט פיעל מיטגעאַרבייט אויף דער גרינדונג פון די סטודענטישע „בורשענשאַפטען“, — דערזעלבער וואָס האָט געשפּיעלט אַזאַ גרויסע ראָלע אַלס דער שעיר לעזאזל אין היינע׳ס לידער און פאָררעדעס (ווינטערמאַרשען, ק. 11, לויבגעזאַנגען צום קעניג לודוויג, אַ פאָררעדע צו ראָמאַנסעראָ).

יאַ איז אין גיכען געוואָרען די פיגור פון ליידענשאַפטליכער פאַרעהרונג ניט נאָר פאַר דער ניט־דערוואַקסענער יוגענד, נאָר אויך פאַר די בארימטעסטע מענשען און געזעלשאַפטליכע קערפּער־שאַפטען. דיכטער האָבען איהם געווידמעט זייערע ליעדער: אזא בארימטער פילאָלאָג ווי טירש האָט איהם געווידמעט זיין „פינדאר“ און פאַרגלייכט די דייטשע גימנאַסטיק מיט דער גריכישער; צוויי אוניווערזיטעטען האָבען איהם געשענקט דעם עהרען־דאָקטאָר. יאַן פּערזענליך איז געווען אַ טיעף־אונטערטעניגער מענש, נאָר צווישען זיינע לאַנג־האָריגע גימנאַסטען, וואָס זיינען ארומגעגאַנ־גען מיט אָפענע העלזער און מיט רעקלאַך פון ניט געווייסטען ליי־וואַנד, איז אריין אין דער מאָדע אויסלאַכען די אָרמעע און צומ־מיינסטען די פראַנצאָזישע גוואַרדיע־אָפיציערען: זיי האָבען חוץ דעם אין זיך ערצויגען אַ שטאַרקען האַס געגען די אַבסטראַקטע שונאים; ביי די גימנאַסטען איז געווען אַ באַשטימטער וועג, ווי אזוי צו הרג׳ענען דעם שונא פון דער גוטער זאַך: מען דאַרף צוערשט מיט׳ן שווערד ציעלען אין אויג, און אויב דער קרבן האָט פאַרדעקט דאָס געזיכט, דאַרף מען טרעפען אין סאַמע האַרצען.

ווערענד אָט די באַוועגונג איז באַשאַפען געוואָרען אין בער־לין, האָט די באַוועגונג פון די בורשענשאַפט זיך קאָנצענטרירט אין טיורינג. צוערשט האָט עס געטראָגען אַ כאַראַקטער פון קריסטליך־דייטשער טרוימעריי און געהאַט דעם צוועק צו רעפאָרמירען די גראָבע סטודענטישע זיטען; ווערענדיג באַשאַפען אין דעם טייל פון דייטשלאַנד, וואָס איז געווען דער צענטער פון די קליינע דייטשע מלוכות, האָט די באַוועגונג זיך אויסגעקליבען פאַר איהר פּראָגראַם דאָס בארימטע ארנדט׳ס ליעד, וועגען דעם, אַז גאַנץ דייטשלאַנד איז דער געבורטס־אָרט פון די דייטשען.

צווישען די יענאַ־פּראָפעסאָרען איז דער נאָהענטסטער צו די סטודענטען געווען איינער פריס. דאָס איז דערזעלבער פריס, וועמען העגעל, אין זיין פאָררעדע צו דער „פילאָסאָפיע און רעכט“, לאַכט אויס, אַלס אַ פאַרשטעהער פון אויבערפלאַכליכקייט. דאָס איז געווען אַ הייסער ליבעראַל, וועלכער האָט, ריידענדיג וועגען העגעל׳ן געזאָגט, אַז זיין נייע לעהרע איז ניט אויסגעוואַקסען אין גאָרטען פון וויסענשאַפט, נאָר אין די בייטען פון אונטערטעניג־

קייט. אונטער פריס'עס שוץ איז די שטרעבונג צו פאַראייניגונג און אַבסאָלוטער פרייהייט פאַרשפרייט געוואָרען צווישען דער סטודענטישער יוגענד. די מיטגלידער פון בורשענשאַפט האָבען זיך אויסגעקליבען אַ שוואַרץ־רויט־געלע פאָהן. אַט די פאַרבען זיינען קאַפירט געוואָרען פון די פאַרבען פון די מונדירען פון דעם לוצעווישען שיס־קאָרפוס — שוואַרצער און רויטער אויבערשלאַג מיט גאָלדענע קנעפ.

די יובילעאום־פייערונג פון דער רעפאָרמאַציע אין יאָהר 1811, האָט געצויגען אַלעמענס אויפמערקזאַמקייט אויף די סטודענטען און יוגענד. דאָס האָט אייגענטליך געבראַכט צום געדאַנק צוזאַמענצורופען די פאָרשטעהער פון אַלע דייטשע בורשענשאַפטען אויף אַ קאָנפערענץ אין וואַרטבורג. אין קאַרל זאַנד'ס יובילעאום ווערק ווערט דערמאָנט, אַז די דייטשע וועלט האָט פון אַרנדט'ס צייט דריי ירושה־שונאים: רוים, די מאַנאַשעסטווא און דער מיליטאַריזם. דעם 18טען אָקטאָבער זיינען 500 בורשען, אונטער דער לייטונג פון עטליכע פראָפעסאָרען, אַוועק קיין וואַרטבורג, וואו זיי האָבען געהאַט אַ באַנקעט אין דעם קעניג'ס זאַל, אויפ'ן באַפעהל פון דעם ליבעראַלען קייזער קאַרל אויגוסט. דערנאָך האָבען די גימנאַסטען אָנגעהויבען צייגען זייערע קונצען, אום צו איבערראַשען די איינוואוינער. אין אָבענד האָט מען געצונדען פיעל פייערווערק. דאָ האָט יאָן פאַרגעשלאָגען, נעמענדיג אַ ביישפיעל פון לוטהער'ן, וואָס האָט פאַרברענט דעם פאַבסט'ס בול, פאַרברענען איצט אַלץ, וואָס איז געשריבען געוואָרען פון די שונאים פון דער גוטער זאַך. מאַסמאַן איז פייערליך צוגעשטאַנען צו אַט דעם פאָרשלאַג. מען האָט געבראַכט עטליכע פעק מיט אַלט־געדרוקטע פאַפיר, מיט די נעמען פון די געהאַסטע ביכער, וואָס זיינען פאַרפאַסט געוואָרען פון די שונאים פון דער גימנאַסטיק. פון זיי זיינען דריי געשריבען געוואָרען פון שמאַלצ'ען, דעם ערשטען רעקטאָר פון בערלינער אוניווערזיטעט; דאָ האָט אויך פיגורירט דער זשאַנדאַרם־בוך, וואָס איז אַזוי טרויעריג באַריהמט געוואָרען, פון דעם פרייסישען יוסטיץ־מיניסטער קאַמפף; דער „נאַפּאָלעאָנישער קאָדעקס“, „די געשיכטע פון דייטשלאַנד“ פון קאָצעבו; „די רעסטאַווראַציע“ פון האַלערען און אז. וו. און צולעצט האָט מען אויך אַריינגעוואָרפען

אין פייער דעם אולאַנישען מונדיר מיט די בענדלאַך, דעם פּאַריק און דעם קאַפּראַלישען שטעקען.

ווען פירס האָט זיך דערנאָך מיט אַ פייערליכער רעדע געזעגענט מיט די סטודענטען, האָט ער זיי אויפמערקזאַם געמאַכט דערויף, אַז זיי געפינען זיך איצט אין דעם לאַנד פון דייטשער פּאָלקס־פריי־היט, פון דייטשען פריידענקערטום. ער האָט אין זיין רעדע גע־האַט אַזעלכע אויסדרוקען, ווי: „דאָ איז ניטאָ קיין שטענדיגע אַרמעע און אַז. וו." — דער אויסדרוק איז דערפאַר געווען שטאַרק קאָמיש, וואָרים ווייסאַר'ס חיל איז באַשטאַנען פון פּשוט'ע האַנד־ווערקער, וועלכע האָבען פאַר אַ קליינעם טאָג־לוין ציטוויליג אַרויס־געטראַטען אין די ראָלען פון הוזאַרען אין הויכע שטיוועל מיט שפּאָרען, נאָר אָהן פערד. אין דער פאָררעדע צו זיין „פילאָסאָפיע פון רעכט", רעדט העגעל וועגען אָט דער רעדע, וואָס פירס האָט זיך ניט געשעמט צו האַלטען אויף אַן עפענטליכער פייערונג, וועגען וועלכער עס טראָגען זיך אַרום אַזוי פיעל שלעכטע מעשיות, און נאָך דערביי אַרויסזאָגען פאָלגענדע מיינונגען בנוגע צו דער מלוכה און איהר פיהרונג: „פון אונטען, פון דעם פאָלק, וועט דאָס לעבען ערשיינען, אויב נאָר דער אמת'ער געזעלשאַפטליכער גייסט וועט באַקומען דעם אויבען־אָן; די געזעלשאַפט קען זיין פאַרבונדען נאָר מיט די הייליגע באַנדען פון פריינדשאַפט". העגעל געפינט פירס'עם נאַרישקייט און נידערטרעכטיגקייט אין דעם, וואָס ער וויל צושטערען די גוטע אַרכיטעקטור פון דעם רעגירונג'ס שכל אין „אַן אומריינעם געמיש פון הארץ, פריינדשאַפט און ענ־טוזיאַזם".

מאַסמאַן האָט פאַרעפענטליכט דעם באַריכט פונ'ם יום־טוב, און האָט דאָרט געשריבען, אַז די נאַכט האָט אָנגעהויבען אַרומהי־לען דייטשלאַנד, נאָר פּלוצלונג האָט זיך אַ ליכטיג־ן'אַזעווער פריה־מאָרגען פאַרנומען.

מעטערניך האָט זיך באַמיהט צו ווירקען אויפ'ן פירשט האַר־דענבערג און אויפ'ן קעניג אַלעקסאַנדער, אַז צוליעב דעם יום־טוב זאָל מען אַביסעל צודריקען דעם קייזער קאַרל אויגוסט, און זינט דעמאָלט האָט ער אין וויענער הויף באַקומען דעם צונעמעניש „דער אַלטער בורש".

צווישען די ביכער, וואָס מען האָט פאַרברענט אין וואַרטבורג זיינען איינינע געוועזען קאָצעבו'ס. אין ווייסאַר האָט ער ארויסגעגעבען זיין „ליטעראַרישעס וואָכענבלאַט", אין וועלכען ער האָט געחנפ'עט רוסלאַנד און געזידעלט די דייטשע יוגענד. ווי ניט אַפּגעטע האָט סימפּאַטיזירט מיט דער יוגענד, נאָר איצטיגס מאָל האָט ער זיך דערפרעהט מיט דעם, וואָס מען האָט אַזוי אָפּגעזידעלט זיין אַלטען שונא. אַזוי ווי קאָצעבו איז געוועזען אַ מיטגליעד פון'ם רוסישען קאָנסולאַט און פלעגט פון צייט צו צייט שיקען באַריכטען אין פּעטערבורגער הויף, האָט מען איהם געהאַלטען פאַר אַ רוסישען שפּיאָן. זיינע באַריכטען זיינען געוועזען ניט מעהר ווי אומשולדיגע ליטעראַרישע איבערבליקען, נאָר אין די אויגען פון דער שטודירענדער יוגענד איז ער אויסגעקומען ווי אַ ריכטיגע פאַרקערפּערונג פון וועלזעוואָלען. אין דערזעלבער צייט האָט זיך אין גיסען'ער אוניווערזיטעט אונטער דער לייטונג פון די דריי ברידער פאָלען, פאַקטישע רעפּובליקאַנער, אַנגעהויבען ענטוויקלען דער ראַדיקאַליזם, וואָס האָט זיך שטענדיג אַרומגעטראָגען מיט'ן געדאַנק צו הרג'ענען די טיראַנען מיט זייערע מיטהעלפער. אין די סטודענטישע ליעדער האָבען זיך געפונען אַזעלכע אויסדרוקען: „כאַפּ ארויס דעם מעסער פון פרייהייט! אורא! שטעך איהם אריין די שווערד אין שלונג און דער'הרג'ע איהם!" קאַרל פאָלען איז געוועזען אַ פיהרער און אונטער זיין ווירקונג איז אינגאַנצען אַרונטערגעפאַלען דער יונגער, שמאַלקעפּיגער מיסטיקער קאַרל זאַנד, וואָס האָט זיך שטענדיג אַרומגעטראָגען מיט אַן אידעע וועגען דעם קרבן וואָס יעזוס קריסטוס האָט געבראַכט, און דעם 23טען מערץ פון יאָהר 1819 האָט ער דעם אַלטען קאָצעבו אַריינגעשטאָכען אַ שווערד אין האַלז. אויפ'ן פּאַפּירעל, וואָס ער האָט איבערגעלאָזט נעבען טויטען קערפּער, זיינען געוועזען אויפגעשריבען פאָלען'ס ווערטער: „דו קענסט ווערען אַ יעזוס!"

ווי קלאָר עס איז ניט געוועזען, אַז דער דאָזיגער מאָרד, וואָס איז געקומען פון אַ רעליגיעזער עקזולטאַציע, האָט ניט געהאַט קיין שותפות'דיגס מיט די שטרעבונגען פון דער פריידענקענדער־יוגענד, נאָר אַט דער צופאַל, צוזאַמיינסטען איבער דעם, וואָס זאַנד האָט זיך אָנגעהויבען מאָלען אין פאָלק'ס פאַרשטאַנד אין דער געשטאַלט פון

אַ היילינגען, האָט געצוואונגען מעטערניכ׳ען און גענצען, דעם עסטרייכישען אימפּעראַטאָר און דעם דייטשען קאַנצלער, אַרויסטרעטען מיט אַ פּראָטעסט קעגען איהם; אין גיכען זיינען אויסגעאַרבייט געוואָרען די אַזוי־אָנגערופענע קאַרלסבאַדער רעזאָלוציעם: צייטווייליגע, אויסשליסליכע געזעצען פאַר די אוניווערזיטעטען, די „דעמאַגאָגען“ אין דער פּרעסע. אַזוי אַרום איז באַשאַפען געוואָרען די דאַמאָלסדיגע דייטשע צענזור און גענץ האָט מיט פולע רעכט געקענט לויבען די נייע אָרדנונג, ווי די גראַנדיעזסטע רעאַקציאָנערע באַוועגונג, וואָס איז געבאָרען געוואָרען פאַר די לעצטע דרייסיג יאָהר.

אונטער׳ן תירוץ, אַז מען פאַרפאָלגט די גרויסע רעוואָלוציאָנערע פּאַרטיי, וואָס האָט אין אמת׳ען אפילו ניט עקזיסטירט, ווי עס האָבען עס גוט געוואוסט די רעגירונגען אליין, האָבען זיי אָנגעהויבען אַ גאַנצע רייהע מיט פאַרפאָלגונגען קעגען דעם אַזוי־גערופענעם „ליבעראַליזם“. דע־ווינטע, אַ פּראָפעסאָר פון בערלינער אוניווערזיטעט, דערצו אַ פּראָפעסאָר פון טהעאָלאָגיע, איז אָפּגעזאָגט געוואָרען דערפאַר, וואָס ער האָט אָנגעשריבען אַ טרייסט־בריעף צו זאַנד׳ס מוטער. די פּאָליציי האָט דעם בריעף איבערגענומען און איבערגעלייענט. די רעאַקציע איז געווען געווענדט אויך קעגען די פאַרטיידיגער פון דייטשלאַנד׳ס זעלבסטבאַוואוסטזיניגקייט, וואָס האָט ערוואַכט אין דער צייט פון דער מלחמה. יאַן איז אַרעסטירט געוואָרען, איינגעשפּאַרט אין פעסטונג און דערנאָך פאַרשיקט, אונטער פּאָליציי־אויפזיכט, אין אַ קליינער שטאָדט; אַרנדט, אַלס „דעמאַגאָג“, איז אַריינגעשלעפּט געוואָרען אין אַ קרימינעלער געשיכטע און פאַרטריבען געוואָרען פון דער שטעלע. געררעס, וועלכער איז אָפּגעזאָגט געוואָרען פון זיין שטעלע, איז אַנטלאָפען קיין אויסלאַנד.

די צענזור האָט זיך פאַרשפּרייט אין דייטשלאַנד ניט נאָר אויף די ביכער און צייטונגען וואָס האָבען זיך דאָרט געדרוקט, נאָר אויך אויף אויסלענדישע אויסגאַבען. אַלע דייטשע צייטונגען וואָס האָבען זיך געדרוקט אין ענגלאַנד, פראַנקרייך און האָלאַנד, זיינען פאַרבאָטען געוואָרען. גאַנץ גרויסע אויסגאַבען, ווי צום ב. ש. בראָקהויז׳ישע, זיינען, צוליעב עטליכע בראָשורען וואָס זיינען דאָרטען

געדרוקט געוואָרען צענזורירט געוואָרען. אין אַלע אוניווערזיטעטען האָט מען באַשטימט פּאַרטרויענסווערטהע פּערזאָנען, וואָס האָבען באַדאַרפט נאָכפּאָלגען די שטימונגען צווישען די סטודענטען און די פּראָפעסאָרען־לעקציעס. אַלע גימנאַסטישע געזעלשאַפטען זיינען פאַרבאָטען געוואָרען, און אויך די אַזוי־גערופענע אַלט־דייטשע קאָסטיומען און די שוואַרץ־רויט־געלע פאַרבען. צוממייסטען האָט די פּאָליציי זיך מייסטעריש ארויסגעצייגט אין דער פאַרפאָלגונג פון די פאַרבען. זי האָט געמאַכט אַ געיעג אויף פראַקען, הוטען, קאָ־טאַסען, ליולקעס, און יעדען איינעם, וואָס מען האָט געכאַפּט אין אַ ווייסען הוט, אין אַ רויטען זשילעט און שוואַרצען פראַק, האָט מען אריינגעזעצט אין טורמע און איהם באַשולדיגט אין רעגירונגס־פאַרראַט.

אין די 20־גער יאָהרען האָבען עטליכע סטודענטען פון מאַר־בורג זיך אויסגעשריבען פעכטונגס־שווערדען פון אַ סאָלינגערער פאַבריק, נאָר עס האָט גראַדע געטראָפען, אַז די געוועהנליכע פאַב־ריק־מאַרקע, דאָס וואָרט „פירסט", איז אויף די שווערדען ניט גע־ווען. די גיסענער רעגירונג האָט געמאַכט אַן אונטערזוכונג אום צו דערגעהן, אויב די סטודענטען האָבען אומיסטען געמאַכט אַזאַ באַשטעלונג, אָבער צו דעם גרויסען פאַרדראָס פון דער פּאָליציי, איז ניט געפונען געוואָרען דער מינדסטער פאַרדאַכט אויף דער באַשולדיגונג. „איך האָב רחמנות אויף אייערע רעגירונגס־מענשען", האָט דאַמאָלס געזאָגט דער פראַנצויזישער מיניסטער גראַף דע־סער צו דעם באַרימטען ניבור, „זיי האַלטען מלחמה מיט סטודענטען."

מען האָט הויפּטזעכליך געזוכט פאַרבאָטענע געזעלשאַפטען צווי־שען די סטודענטען. ווען מען האָט אַרעסטירט אַרנאָלד רוגען האָט קאַמפף געמאַכט אַן אמת פּאָליצייאישען געיעג דורך זיין שטעקען, אויף וועלכען עס זיינען געווען אויסגעשניטען די נעמען פון עטליכע בורשען פון יענאַ, ביז וואַנען דיזער קאָרפּוס־דעליקטי איז ענדליך קאָנפיסקירט געוואָרען אין שטראַלזונד. רוגען האָט מען געפּייניגט מיט לאַנגע איבעררייסונגען ביים אויספרעגען, ווערענד אין זיין צעל האָבען די ווערים איהם געגעסען. פאַר'ן פאַרברעכען וואָס ער האָט געטראָגען „אין מיטען העלען טאָג דייטשע פאַרבען", האָט פריטץ רייטנער באַדאַרפט באַצאָהלען מיט אַפּזיצען אין אַ שרעק־

ליבער טורמע אין בערלין; דערנאָך האָט מען איהם פאַראורטיילט פאַר רעגירונגס־פאַראַט און איהם אַריינגעזעצט אין אַ שמוציגען קאַזעמאַט אין פעסטונג. אין באַיערען איז אַ פּאָליטישער זינדי־גער פאַראורטיילט געוואָרען צו פעסטונג פאַר דער שולד, וואָס איז, נאָך פיעלע באַווייזען, באַשטאַנען אין דעם, וואָס ביי איהם אין הויז האָט מען געפונען עפּעס וואָס איז געווען עהנליך אויף אַ דייטשען פירסטערליכען מאַנטעל. דייטשע יונגע לייט, צוממיינ־סטען אַ דאַנק די עסטרייכישע מסירות, האָבען געמוזט געהן אין טורמע, אָדער אַרויסגעטריבען ווערען. מיט איין וואָרט: די לי־בעראַלע־בורזשואַזע יוגענד איז דעמאָלט געווען אַזוי רעכטלאָז און אַזוי פאַרפאָלגט, אַזוי ווי די סאָציאַליסטישע יוגענד פונ׳ם פער־טען־שטאַנד אין יאָהר 1890.

האַנט אין האַנט מיט דער פּאָליטישער איז, ווי געוועהנליך, אויך געגאַנגען די רעליגיעזע רעאַקציע. די פּרייסישע רעגירונג האָט אין 1821טען יאָהר געשלאָסען מיט׳ן פּאַבסט אַ קאָנקאָרדאַט, וואָס האָט געגעבען דער קאַטוילישער קירך אַן איינפלוס, וואָס איז אונ־מעגליך געווען אין פרידריך דעם גרויסען׳ס צייטען. אין אַ יאָהר אַרום האָט מען איינגעפיהרט אין דער פּראָטעסטאַנטישער קירך נייע פאָרמען פון גאָטעס־דיענסט, וואָס האָט זי דערנעהנטערט צו דער קאַטוילישער. באַדייטענדער פון אַלץ איז דאָס, וואָס אפילו דער נאָמען „פּראָטעסטאַנטיזם“ איז געוואָרען צו שאַנד. לויט אַ באַפעהל וואָס דער מיניסטאָרען־קאַבינעט האָט אַרויסגעלאָזען, זיי־נען די טערמינען „פּראָטעסטאַנט“ און „פּראָטעסטאַנטיזם“ פאַר־באָטען געוואָרען אין דייטשלאַנד; די צענזורען זיינען פאַרזאָגט געוואָרען ניט דורכצולאָזען אַזעלכע ווערטער, און זיי פאַרבייטען מיט דעם וואָרט „עוואַנגעליזם“.

אַ שטאַרקער טרויער, איבער דעם וואָס די האָפנונגסלאָזע רעאַקציע האָט בעזיעגט די מחות פון אַלע פּראָגרעסיווע מענשען, האָט אַרומגעכאַפּט אַלע בעסטע מענער און פרויען פונ׳ם דייטשען פאָלק. נאָר די פאָלקס־מאַסע איז גיך פאַרזונקען געוואָרען אין אַפּאַטיע און אין אַ פּאָליטישער גלייכגילטיגקייט. די רעאַקציע, וואָס איז פריהער אַנגעבונדען געוואָרען פון דרויסען, איז איצט אַריינגעדרונגען אין די מחות. פיעלע האָבען אַנגעהויבען קוקען

אויף די קאָנסטיטוציע, וואָס דייטשלאַנד האָט פאַרשפּראָ־כען, ווי אויף אַ ווערטלאָזער זאַך; אַנדערע האָבען בסוד געליטען בזיון זעהענדיג דייטשלאַנד, וואָס האָט געבראַכט אַזעלכע גרויסע קרבנות אין דער מלחמה קעגען נאַפּאָלעאָנ׳ען און האָט נאָך אַלץ קיין קאָנסטיטוציע ניט געהאַט, ווערענד די דרום־דייטשע קעניגרייכען, וואָס זיינען געגאַנגען האַנד אין האַנד מיט׳ן שונא, האָבען שוין גאַנץ לאַנג באַנוצט זיך מיט דער פרייהייט פון פּאָליטישען לעבען און האָבען איינגעפיהרט ביי זיך אַ פּאָליטישען קאַמף; אַט די פּערזאָנען האָבען געקוקט אויף דעם פּאָליטישען קאַמפּף אין אַט די לענדער מיט אַ כלומר׳שטדיגער גלייכגילטיגקייט, וואָס האָט פאַרדעקט אַ געפיהל פון קנאה און פאַרדרוס. זיי האָבען אַנגעוויזען מיט אַ נקמה־געפיהל אויף דעם, אַז דער בונדעס־ראַט, וואו דייטש־לאַנד און עסטרייך האָבען געהאַט די אויבערמאַכט, האָט זיך שטענ־דיג געזאָרגט וועגען דעם, אַז מען זאָל אָפּשטעלען דאָס וואַקסען פון דעם דרום־דייטשען פּאַרלאַמענטאַריזם. חוץ דעם האָבען זיי נאָך געקענט פאַרשוואַרצען די אָפּאָזיציע, וואָס האָט אַנגעהויבען זיך צו באַווייזען אין די דרום־דייטשע קעניגרייכען. די מיניסטאָרען האָט זיך אָביסעל איינגעגעבען אָפּצוציהען אָביסעל די וואַהלען פון די קאַנדידאַטען וואָס האָבען ביי זיי ניט נושא־חן געווען, און אָביסעל האָבען זיי צוגעצויגען מיט כאַבאַר אָדער שרעקונגס־מיט־לען אויף זייער זייט פיעלע געגנער; און צולעצט האָבען זיי גע־קענט, אין אַ נויט־פאַל, ניט שענקען קיין אויפמערקזאַמקייט די באַשלוסען פון דער פּאַלאַטע, אויב די לעצטע האָט זיך אַרויסגע־זאָגט קעגען זיי. אַזוי ווי די מאַכט האָט זיך געפונען אין די הענט פון די רעגירונגען איז גאַנץ פאַרשטענדליך, אַז די פּאַרלאַמענטאַ־רישע באַשלוסען ביז׳ן יאָהר 1820, האָבען קיין שום טיפען אינטע־רעס ניט פאַרגעשטעלט.

די דייטשע פּרעסע איז קיינמאָל הויך ניט געשטאַנען. פאַר־לירענדיג די מעגליכקייט צו באַטראַכטען רעגירונגס־אַנגעלעגענהיי־טען, האָט זי זיך געמוזט באַגנוגענען מיט נאַכריכטען פון פּשוט׳ע פּאָליטישע פאַקטען און על־פּי־רוב געגעבען הויף־ידיעות, נייעסען וועגען שטורעמס און פאַרפלייצונגען, וועגען דער געבורט פון אויס־טערגעוועהנליכע קאַליקעס אין דער וועלט פון חיות און וועגען דעם

ערשיינען פון נייע שטערן אויף די אייראָפּעאישע טעאַטראַלישע ביהנען.

די געבילדעטע מענשען האָבען זיך געמיהט צו באַלוינען זיך פאַר דער אוממעגליכקייט צו נעהמען אַנטייל אין פּאָליטישען לעבען פונ׳ם לאַנד מיט ליידענשאַפטליכער, האַלב־אומזיניגער באַגייסטערונג פאַר׳ן טעאַטער. קיינמאָל האָט מען נאָך אַזוי ניט פאַרגעטערט די זינגערינס און טענצערינס, ווי דעמאָלט. אין בערלין זיינען אין די צוואַנציגער יאָהרען אַלע אינטערעסען אָפּגערוקט געוואָרען אויף צוריק צוליעב דער פראַגע וועגען דייטשער אָדער איטאַליענישער מוזיק. אַלע אָהן אויסנאַם זיינען אריינגעשלעפּט געוואָרען אין קריעג, וואָס איז אַנטשטאַנען צוליעב ספּאָנטיני׳ן און וועבער׳ן. ווען בערנע איז אין יאָהר 1826 אָנגעקומען קיין בערלין, זיינען די מחות פון אַלע מענשען געווען פאַרנומען מיט דער זינגערין הענ־ריעטאַ זאָנטאַג, און וועגען בערנע׳ן האָט מען נאָר דאָס געוואוסט, אַז ער האָט אָנגעשריבען וועגען איהר אַ קריטישען אַרטיקעל. אין זיינע בריעף פון פּאַריז געפינט זיך אַ שאַרפזיניגע און גאַנץ אמת׳ע באַשרייבונג וועגען דעם, אַז מען האָט בערנע׳ן אומעטום באַגעגענט און באַגריסט מיט׳ן אויסרוף: „דאָס איז דער הערר, וועלכער האָט געשריבען וועגען הענריעטאַ זאָנטאַג“. נאָך אין יאָהר 1832 זיינען אַלע לעבענס־ערשיינונגען: די פּאָליטישע באַוועגונג אין פראַנקרייך, די פּוילישע נידערלאַגע און דער רחמנות צו די פּוילישע פליכט־לינגע פאַרגעסען געוואָרען איבער דער באַגייסטערונג פאַר דער טענצערין טאַליאָני׳ס פּיסלאַך, וואָס האָבען אַקוראַט צו יענער צייט אָנגעהויבען זייער זיעגרייכען טורנע איבער אייראָפּאַ. די הויפּט־פאָרשטעהער פון דער פּרייסישער גייסטיג־רעאַקציאָנערער ריכטונג, דער האָפמאַרשאַל, צוקינפטיגער דיפּלאָמאַט, גענעראַל טעאָדאָר הענריך פּ. כאָכאָוו, שרייבט אין מאַי 1832 צום גענעראַל־פּאָסטמאַסטער פּ. נאַגלער:

„זי וועט טאַנצען און אַזוי אַרום אונז פאַרשאַפען פיעל פרייד און באַשעפטיגונג... די מימיק פון דער גראַציעזער טיליאָני האָט אַרויסגעשטופּט די בייזע צייכענס פון דער צייט.“

דאָס וואָרט באַשעפטיגונג איז ספּעציעל כאַראַקטעריסטיש.

איהרע טענץ האָבען ניט נאָר פאַרשאַפט פאַרגניגען, נאָר זיי האָבען אויך געגעבען באַשעפטיגונג 1).

אין ליטעראַרישער הינזיכט האָט דער דאַמאָלסדיגער דור, נאָכדעם ווי געטע האָט דערגרייכט זיין אַכציג־יעהריגען עלטער, זיך שטאַרק באַגייסטערט מיט געטע׳ן. אַלץ וואָס דער ווירדיגער דיכטער האָט געזאָגט אָדער געשריבען, האָט דאָס לעזענדע פּובליקום געהאַלטען פאַר דער פאַרקערפּערונג פון קלוגשאַפט, שעהנקייט און געטליכע פּאָעזיע. זיין גאַנץ לעבען האָט ער געמוזט פיהרען אַן אונאויפהערליכען קאַמפּף מיט דער שנאה און אומפאַרשטענדליכקייט; איצט האָט די באַגייסטערונג פאַר איהם אָנגענומען כמעט אַ קאַריקאַטור־פאָרם. אין בערלין איז דאָס דערגאַנגען צו הערקולעסישע סטאָלפּען פון נאַרישקייט 2). אין צעלער׳ס בריעף צו געטע׳ן רעדט זיך וועגען זיינע „עלפענאַרא“. „די קומענדע דורות גלויבען ניט, אַז די זון פון אונזער צייט האָט באַשיינט דאָס דאָזיגע ווערק“. די אַלע, וואָס האָבען אָנגעלעגט שטיינער אויף געטע׳ס וועג, אַזוי לאַנג ווי זיין נאָמען האָט געהערט צו דער קריגערישער ליטעראַטור, זיינען געוואָרען זיינע אַנהענגער פון דער צייט וואָס זיין נאָמען איז געוואָרען אַן אומצווייפעלבאַרע אויטאָריטעט און האָט באַקומען אַ כאַראַקטער פון אַ קאָנסערוואַטיוו־נאַציאָנאַלער

---

1) „פרויען אין פראַקרייך אין דער צייט פון דער יולי־רעוואָלוציאָן“, פאַרטרויטע בריעף פון גענעראַל פאָן כאָכאָוו, אַרויסגעגעבען פון י. קעלכנער און ק. מענדעלסאָן־בערטאָלדי.

2) אין בערלינער ליטעראַרישער געזעלשאַפט, „די מיטוואָך געזעלשאַפט“, האָט דער געהיים־ראַטגעבער שולץ אָנגעשריבען לכבוד געטע׳ס געבורטס־טאָג אַ ליעד מיט פאָלגענדען אינהאַלט: „אַך ווען איך זאָל זיין אַ פישעל, אַ לעבעדיגס און פריש, אינגאַנצען אָהן ביינער, אום צו פאַרשאַפען געטע׳ן אין זיין געבורטס־טאָג אַ גוצליך, גרינג און באַטעמ׳ט עסען.“ וועגען אָט דער געזעלשאַפט האָט אַמאָל דער שאַרפזיניגער סאַפיר געזאָגט, אַז דער נאָמען אַליין צייגט ווער איהרע מיטגלידער זיינען. דאָס וואָרט „מיטוואָך־געזעלשאַפט“ אַנטהאַלט דריי ווערטער: „אָקס, עזעל און שאָף“.

לאַזונג. נאָר אין אַלגעמיין איז די ליטעראַטור געפאַלען. די ראָ־מאַנטישע פאַנטאַזיע פון דער פּאָעזיע האָט געהאַלטען ביים אויס־געלאָשען ווערען. ראַאופּאַך און מיולער האָבען געקעניגט אויף דער ביהנע. קלאַוכען האָט געהערשט אויפ'ן געביט פון ראָמאַן. די בעלעטריסטישע ליטעראַטור איז מיט יעדען טאָג געוואָרען אַלץ מעהר אויבערפלעכליך און גייסטיג נידעריגער.

2

די וויסענשאפט און רעאקציע.

די דייטשע וויסענשאפט, נאכ'ן איבערפלוס פונ'ם ראמאנטיזם, וואס האט באפרוכפערט דעם באדען, האט זיך שטארק דערהויבען, דערגרייכענדיג א גלענצענדע ענטוויקלונג אין אלע איהרע געביעטען; זי האט אין דערזעלבער צייט אויך איבערגעביטען איהר פארב. א דאנק אומגינסטיגע אומשטענדען איז זי אין דערזעלבער צייט געווארען אלץ מעהר אידעאליסטיש, זיך אויף יעדען שריט אפגערוקט פונ'ם ווירקליכען לעבען און אלץ מעהר צוגעשטאנען צו דער עקזיסטירענדער רעגירונגס־סיסטעם.

אלס א גוטערביישפיעל דערפון דיענט העגעל. אין מערץ 1819 האט קארל זאנד דער'הרג'עט קאצעבו, און מיט א האלב יאהר שפעטער, 22טען אקטאבער 1818, האט העגעל דאס ערשטע מאל פארנומען די קאטעדרא פון בערלינער אוניווערזיטעט. שוין אין זיין איינטריט־רעדע האט ער געלאזט וויסען די צוהערער זיין פראגראם און פון אט דעם פראגראם האט מען געקענט זעהן, אז דאס עקזיסטירענדע סיסטעם און העגעל'ס פילאסאפיע האבען א צוזאמענהאנג, ווארום אט די פילאסאפיע האט באזירט אויפ'ן געדאנק פון אלמעכטיגקייט, און די מלוכה — אויף דער מאכט פון בילדונג און וויסען. דעם אומשטאנד, וואס פרייסען איז צו יענער צייט אומטריי געווארען איהר כאראקטער און איהר פארגאנגענהייט, ווערענדיג געפיהרט פון עסטרייך און דינענדיג דער גייסטיגער און פאליטישער רעאקציע, האט דער פילאזאף קיין אויפמערקזאמקייט ניט געשענקט. דערווייל זיינען די קארלסבאדער געזעצען שוין געווען אויסגעארבייט, ווערענד פרייסען האט גענר

מען אויף זיך די איניציאַטיווע דורכצופיהרען אַלע קליינע טיראַנישע געזעצען, אַ דאַנק וועלכער גאַנץ דייטשלאַנד איז אין גיכען אונטערגעפאַלען אונטער אַ פּאָליציייאַישע אויפזיכט. העגעל האָט אַזוי שטאַרק געהאַסט די סענטימענטאַלע פּאָליטיק פון די בורשענשאַפטען ווי די סענטימענטאַלע פילאָסאָפיע. די וואַרטבורגער קאָנפערענץ האָט ער געהאַלטען פאַר אַ ראָמאַנטישער נאַרישקייט, און זאַנד'ס קלאַפּ מיט'ן שווער האָט דערוועקט אין איהם אַ האַס. אין דער פאָררעדע צו דער „פילאָסאָפיע פון רעכט", זיין ערשט און מעהר באַדייטענד ווערק אין בערלין, האָט ער ניט נאָר זיך ערנידריגט מיט זיין פאַרטיידיגען די פאַרפאָלגונג פון די דעמאַגאָגען, נאָר ער איז אַוועק אַזוי ווייט, אַז ער האָט אָנגעהויבען ארויסטרעטען אין דער ראָלע פון אַ זשאַנדאַרם, אַרויסגעבענדיג זיין געוועזענעם קאָלעגע פירס צו דער רעגירונג:

„איך האָף, אַז ניט דער פּאָסטען און ניט דער טיטול קענען זיין אַ טאַליסמאַן פאַר די פּרינציפּען וואָס צושטערען די מאָראַל און אויך די געזעלשאַפטליכע אָרדנונג."

דערווייל איז העגעל זינט דעמאָלט געוואָרען דער פילאָזאָף־דיקטאַטאָר פון דייטשלאַנד. פון בערלין האָט ער געהערשט איבער דער גאַנצער דייטשער גייסטיגער וועלט.

נאָר אָט די פילאָסאָפיע, אַפילו אין אַזאַ קאָנסערוואַטיווען ווערק, ווי די „פילאָסאָפיע פון רעכט" איז געווען, ענטהאַלט אַ צווייזיניגקייט, וואָס האָט געפיהרט צו גרויסע רעזולטאַטען. שוין אין יענער פריהער דערמאָנטער פאָררעדע, וואָס האָט באַקומען אַזאַ מאוס'ן שם, האָט זיך געפונען אַ פראַגע, וואָס איהר איז באַשערט געווען צו ווערען אַ קלאַסישער לאָזונג פון יענער צייט: פאַר איהר האָבען זיך צוערשט אָנגעכאַפּט די קאָנסערוואַטיווען פון דער רעסטאַראַציע־עפּאָכע, און דערנאָך האָבען זיך מיט איהר באַנוצט אַלס אַ געוועהר פאַר אַ שטורם העגעל'ס אינגסטע שילער. אין דער פאָררעדע זיינען מיט גרויסער שריפט געווען אָנגעשריבען פאָלגענדע צוויי שורות: „אַלץ, וואָס איז ראַציאָנאַל, איז אמת, און אַלץ, וואָס איז אמת, איז ראַציאָנאַל". וואָס האָט דאָס געמיינט? העגעל ענטוויקעלט דעם געדאַנק, אַז אויב דאָס געפיהל ערקלערט, אַז אַלץ וואָס עקזיסטירט איז נישטיג, איז דאָס שוין אַליין נישטיג; אויב

אבער, פאַרקערט, די אידעע ווערט אַנערקענט אַלס אַ פּשוט׳ע פאַר־שטעלונג, דאַרף מען אַננעהמען, אַז עס איז ניטאַ קיין אַנדער ווירק־ליכקייט, אויסער דער אידעע. דער זין פון דער פילאָסאָפיע איז געווען צו ענדיגען דעם אייביגען אַנהויב אין׳ם עקזיסטירענדען, אינ׳ם צייטליכען, אינ׳ם אויגענבליקליכען; מיט אַנדערע ווערטער, אין אַט דעם פאַל דאַרף מען ניט באשאַפען קיין רעגירונג־אידעאַל, נאָר מען דאַרף זי נעהמען ווי זי איז.

גאַנץ אויפריכטיג איז געווען האַים, העגעל׳ס ביאָגראַף, מיט זיין מיינונג, אַז די לעהרע וועגען דער אבסאָלוטער מאַכט איז ניט אַזוי געפעהרליך, ווי די לעהרע וואָס ערקלערט פאַר הייליג אַלץ וואָס עקזיסטירט. נאָר פון דער צווייטער זייט קען מען מיט דעמזעל־ביגען רעכט באשטעטיגען, אַז אפילו די ליידענשאַפט צו איבער־קעהרענישען ביי דער רעוואָלוציאָנערער יוגענד איז ניט אַוועק אַזוי ווייט, ווי די לעהרע וואָס ערקלערט פאַר ווירקליכקייט נאָר דאָס ראַציאָנאַלע, — נעמליך, עס אַנערקענט דאָס איבעריגע אַלס אַ פּיק־טיווע לעבערליכקייט, אַלס אַ מיראַזש, געגען וועלכען מען קען קעמפען, באַזייטיגען, פאַרניכטען, צושטערען. דעריבער האָט ראַ־בערט פּרוץ געקענט זאָגען וועגען אַט דער אָריגינעלער פראַגע, אַז אַ דאַנק איהם זייגען פאַרנישט געוואָרען אַלע צווייפלען; דער אַלטער גאָט פון חושך איז אַרונטערגעשליידערט געוואָרען אין אָפּ־גרונד, און דעם טראָהן האָט פאַרנומען דעם נייער, אייביג־הערשענ־דער צעאוס, די אידעע, וואָס אַנערקענט זיך, — דעם מענש, ווי אַ דענקענד וועזען.

ווי פאַרשיידען עס זיינען געווען די פילע אויסטייטשונגען פון העגעל׳ס פילאָסאָפיע, נאָר די עהנליכקייט צווישען אַט דער לעהרע און געטע׳ס פּאָעזיע איז אַנערקענט געוואָרען פון אַלע וואָס פאַר־שטעהען. פאַר אַ קליינער גרופּע פון געטע׳ס פאַרעהרער אין בער־לין איז העגעל געוואָרען זייער מעכטיגסטער בונדעס־גענאָסע, און די באַגייסטערונג פאַר אַט די צוויי גרויסע גייסטער, וועלכע מען האָט גערופען: איינעם — דער אַבסאָלוטער דיכטער, און דעם צווייטען — דער אַבסאָלוטער פילאָסאָף, איז צונויפגעגאָסען גע־וואָרען אין איין געפיהל. דער רעכטגלויביגער העגעליאַנער האָט איינגעזעהן די פיעל־באַדייטענדע צוזאַמענטרעפונג אין דעם אומ־

שטאַנד, וואָס העגעל איז געבוירען געוואָרען דעם 27טען אויגוסט, און געשטאָרבען דעם 28טען. אין די צוואַנציגער יאָהרען האָבען העגעל'ס אמת'ע פאַרעהרער זיך פאַרזאַמעלט אויף אַ אָבענד־פעסט דעם 27טען אויגוסט און געטרונקען לכבוד זייער לעהרער, דערמאַנענדיג דאָס, וואָס איז דער פאָררעדע צו דער „פילאָסאָפיע פון רעכט" האָט ער געזאָגט וועגען מינערווע'ס סאָווע, וועלכע הויבט אָן פליהען, ווען עס פאַלט צו דער בין־השמשות.

„ווען די מיט־נאַכט האָט אויסגעשלאָגען, איז איינער פון די רעדנער אויפגעשטאַנען און מיטגעטיילט די פרעהליכע נייעס, אַז אַפּאָלאָן, — דער גאָט פון טאָג און ליעד — האָט געבראַכט אויף זיין זון־וואָגען דעם גליקליכען טאָג פון דעם 28טען אויגוסט" 1).

דער פּאַטריאָטיזם, וואָס האָט אין 1813 אַרויסגעטריבען דעם שונא פון'ם לאַנד, האָט געהאַט אין זיך צוויי גאַנץ אַנטקעגענגעזעצטע עלעמענטען: אַ היסטאָרישע, רעטראָספּעקטיווע ריכטונג, וואָס האָט זיך גיך פאַרמירט אין אַ ראָמאַנטיזם, און אַ פריידענקענדע, וואָס האָט געגלויבט אינ'ם פּראָגרעס פון דער ריכטונג, וואָס איז צולעצט פאַרוואַנדעלט געוואָרען אין ליבעראַליזם. ווען עס האָט איינגעטראָטען די רעאַקציע, האָט זי זיך אָנגעהויבען שטיצען אויף פילע פּרינציפּען פונ'ם ראָמאַנטיזם, און אין גיכען האָט זי איהם אינגאַנצען פאַר זיך באַהערשט. אַזעלכע טהוער ווי גערעס, ווי פרידליך שלעגעל און אַנדערע, זיינען אַריבערגעגאַנגען פונ'ם ראָמאַנטישען לאַגער אין דעם רעאַקציאָנערען.

די פרייהייטס־ליבענדע גרופּע האָט אין דער צייט פון דער מלחמה מיט נאַפּאָלעאָנ'ען, זעלבסט־פאַרשטענדליך, געטיילט די שנאה פון די ראָמאַנטיקער צו פראַנקרייך. נאָר ווען איהרע סימפּאַטיען זיינען פאַרוואַנדעלט געוואָרען אין פאָרלאַנגען און פאָדערונגען (פּרעסע־פרייהייט, אַ קאָנסטיטוציאָנעלע רעגירונג, אַ וואַהלען־געזעצע און אַז. וו.) איז צוביסלאַך ביי איהר אָפּגעשוואַכט געוואָרען איהר פיינדשאַפט צו פראַנקרייך. וואָס שטאַרקער די רע־

1) האַים: „העגעל און זיין צייט", ז. 365. „פאָרלעזונגען איבער דער דייטשער ליטעראַטור פון דער געגענוואַרט", ז. 259. טרייטשקע: „דייטשע געשיכטע", באַנד 3, 686.

אַקציע איז געוואָרען, אַלץ אָפּטער זיינען די בליקען געוואָרען געווענדעט צום שכנ'ישען לאַנד, וואָס האָט פאַרמאָגט אַ פּאַרלאַמענטאַרישע רעגירונג. און אין גיכען האָבען די העלדען פונ'ם פראַנצויזישען ליבעראַליזם באַקומען אַ גרויסען ווערט ביי די דייטשע ליבעראַלען; זיי האָבען פון ווייטען אויסגעזעהן פיעל גרעסער, ווי מען האָט אויף זיי געקוקט ביי זיך אין לאַנד. אין דייטשלאַנד איז, ווי נאָכ'ן זיעג איבער נאַפּאָלעאָנ'ען, אַזוי אויך נאָך זייער נידערלאַגע, די רוהיגקייט געווען די ערשטע פליכט פונ'ם בירגער. אין אָט דעם לאַנד האָט אומעטום געהערשט אַ שטילקייט און אַן אונטערטעניגקייט. אַזוי איז שטענדיג, ווען אַ הויך־באַגאַבט נאָר ניט־ענערגיש פאָלק קען בשום אופן ניט אַראָפּוואַרפען פון זיך דעם איהר שטיקענדען יאָך. די אונטערדריקונג האָט באַשאַפען אַ האַס צו זיך אַליין. דער האַס צו זיך האָט ענטוויקעלט עפּעס אַ שאַרפזיניגע פאַרצווייפלונג, ווי דער הומאָר פון אַ פאַראורטיילטען צו דער תליה פאַר דער הינריכטונג. און ביי די בעסערע מענשען איז צו ביסלאַך אנטוויקעלט געוואָרען אַ ליידענשאַפט, צו זוכען אַן ערלייכטערונג צו די ליידען, אין אויסלאַכען זיך פון דער אייגענער נישטיגקייט. די געשפּרעכען וועגען דער אינערליכער לאַגע פונ'ם לאַנד האָבען גענעבען אַן אורזאַכע צו איראָניזירען איבער זיך זעלבסט. מען פלעגט אָפּלאַכען פון די ראָמאַנטישע טרוימען, דעם געדולד־גייסט און אונטערטעניגקייט אין פּאָליטישען געביט, אַרטאָדאָקסיזם און פּעסימיזם אויפ'ן רעליגיעזען געביט. די קאַריקאַטור־פאָרמען פון דעם מלוכה־לעבען, פון דער רעליגיע און פּאָעזיע האָבען געריצט צום אויסלאַכען, וואָס האָט: אָט שטאַרק אָנגעריהרט די פּאַטריאָטישע געפיהלען, אָט אָנגענומען אַ לייכטזיניגען טאָן, וואָס צוליעב דעם, וואָס דער ליבעראַליזם האָט שטענדיג געצויגען צו פראַנקרייך, איז ער געווען, אָדער האָט געדאַרפט גיכער זיין, אַ פראַנצויזישער, איידער אַ דייטשער.

3.

דער גייסט פון דער אָפּאָזיציע.

די פאַרשידענע שאַטירונגען פון די מיינונגען, וואָס מיר האָבען אויסגערעכענט, זיינען פאַרקערפּערט געוואָרען אין די מעהר אויסגעצייכענטע דיכטער און שריפטשטעלער אין יענער צייט־פּעריאָדע. אדאַלבערט פאָן שאַמיסאָ, וואָס געהערט אַ דאַנק זיין באַרימטע פּראָזאאישע ערצעהלונג „פּעטער שלעמיעל" און איינינע שטריכען פון זיין כאַראַקטער, צו דער דייטש־ראָמאַנטישער ריכטונג ביי אַנדערע באַציהונגען, געפינט זיך אין אַן ענגער פאַרבינדונג מיט דעם פראַנצויזישען גייסט און פראַנצויזישער דיכטונג: אין פילע פון זיינע אָריגינאַלסטע גערדיכטען און אין זיינע ליעדער־עפּיגראַמען איז ער דער אויסדרוק פון דער אומעטיגער שטימונג, וואָס האָט באַהערשט די בעסטע מענשען פון יענער צייט אין דער פאָרם פון דער אַלץ־וואַקסענדער פּאָליטישער און סאָציאַלער רעאַקציע. שוין אין זיין ליעד „די גאָלדענע צייט" פון 1882, לאַכט ער אויס די עפּאָכע אין וועלכער מען האָט זיך גערעכענט פאַר אַ יאַקאָבינער, ווען מען האָט געקענט עפענטליך ערקלערען, אַז צוויי און צוויי איז פיער; אין „נאַכט־וואַכטער־ליעד" לאַכט ער אויס די יעזואיטישע הערשאַפט. אין „יאָסואַ" און „דאַמפפּראָס" שפּעט ער אָפּ פון די, וועלכע האָבען צוגע'גנב'עט דער צייט'ס געהיימנים, זי פאַרקלענערט און איינגעשפּאַרט אין ענגע ראַמען. אין „דאָס געבעט דער וויטווע" מאָהלט ער מיט טיעפען פּעסימיזם אַ בילד פון דעם האַרט־הערציגען רעגירען פון די הערשענדע קלאַסען, וואָס זיינען אין גאַנצען גלייכגילטיג צום דעם שיקזאַל פון דעם פּשוט'ן המון; צולעצט זאָגט ער אַרוים זיין גרינדליכע מיינונג אויף זיין

ציים אין פאָלגענדען הומאָריסטישען פיער־שורה׳דיגען ליעד, וואָס דערמאָנט אָן אַ פיעל־שטימיגען כאָר־ליעד, פול מיט אומעט:

קאַנאָן

דאָס איז דאָס אומגליק פון דער שווערער צייט,
דאָס איז פון דער שווערער צייט דאָס אומגליק,
דאָס איז דאָס שווערע אומגליק פון דער צייט,
דאָס איז, אָ, שווער אומגליק! דיין צייט.

נאָך די יונגע שטרעבונגען, וואָס האָבען זיך אויסגעצייכענט מיט׳ן ראָמאַנטישען כאַראַקטער אין דער אויסוואַהל פון זייער מאַטעריאַל, ווי אויך מיט׳ן נאָכמאַכען די פאָרם פון דער שפּאַנישער דראַמאַ, איז אין פּרינציפּיעלען קאַמף מיט׳ן ראָמאַנטיזם אריינגעטראָטען דער גראַף אויגוסט פאָן פּלאַטען האַלערמונדע. ער לאַכט אויס די לעצטע ערשיינונגען פון ראָמאַנטיזם אין דייטשלאַנד, הויפּטזעכליך דאָס פעהלען פון טאַקט און אַ קריטישען חוש און דאָס ניט קענען אונטערשיידען צווישען דעם מענשען, וואָס געהערט צו איהר גרופּע און דעם מענשען, וואָס געהערט ניט צו איהר. דערנאָך געהט ער איבער פון דער ליטעראַרישער דראַמאַ צו דער פּאָליטישער ליריק, ווערענד אין איהם ווערט וואָס אַמאָל שטאַרקער די איבערצייגונג, אַז די הויפּט־אורזאַכע פון דער טרויעריגער לאַגע פונ׳ם געזעלשאַפטליכען לעבען איז דאָס, וואָס דאָס דייטשע פאָלק פאַרשטעהט ניט די קראַפט, דעם סטיל און די פאָרם פון פּאָעזיע. ער פאַרטראָגט ניט דאָס לעבען אין דייטשלאַנד,ער אַנטלויפט פון דער אָנגעגליהטער מיט היץ לופט אין סעציליע, צו די דענקמאָלען פון דער אַלטער וועלט, אום צו פאַרגעסען די שווערע, שטיקענדע צפון־אַטמאָספערע און דעם יאָך פון דער דייטשער רעגירונגס־פאַרמען. נאָר ער קען פאַר קיין פאַל זיך ניט אָפּווענדען פון דער דערנידערונג, אין וועלכער עס געפינט זיך זיין לאַנד. ער שרייבט זיין „בערלינער נאַציאָנאַל־ליעד“, וואָס איז פול מיט איראָניע אויף דער אונטערטיניגקייט צו אויסלענדער און דער מילדקייט צו די יעזואַיטען. מיר געפינען ביי איהם אַן אויסגוס פון נאַציאָנאַלען זעלבסטהאַס, וואָס האָט זיך ביי איהם דערוועקט צוליעב דעם, וואָס דער צענזאָר האָט געשטודירט זיינע ליעדער:

„נאר באַרוהיג דיך, דער שאַדען איז ניט אַזוי גרויס, כאָטש דיין דיכטערישע עהרע האָט געליטען. דו ווייסט שוין פון לאַנג, אַז ס'איז ניטאָ קיין ערגערס אויף דער וועלט, ווי צו זיין אַ דייטש."

ווי דורכגעדרונגען היינריך היינע, פלאַטאָנ'ס געגנער, איז ניט געווען מיט'ן ראָמאַנטיזם אין אָנהויב פון זיין טעטיגקייט, איז דאָך זיין פּראָזא דורכגעדרונגען מיט דעם מאָדערנעם גייסט. איי־דער ער האָט, אייגענטליך, אַנגעריהרט די פּאָליטישע סטרונע, מאַכט ער זיך לוסטיג אין זיינע „רייזעבילדער" מיט בייסענדע אַנפאַלען און אַפּלאַכענישען איבער דער לאַגע אין דייטשלאַנד און איבער דער דייטשער אַפּגעלאַזטקייט. לודוויג בערנע, פאַרקערט, כאָטש ער האָט זיך געצייגט אַלס אַ שטאַרקער עסטעט אין פאַרלויף פון צעהן יאָהר צייט, ווען ער איז אַרויסגעטראָטען אַלס אַ טעאַטער קריטיקער און אַלס מחבר פון קליינע נאָוועלען, איז דאָך זיין איינ־ציגע ליידענשאַפט אין דער ווירקליכקייט געווען פון אָנהויב אָן די ליעבע צו דער אַלגעמיינער פּאָליטישער פרייהייט.

דאַס וואָס אַט די שריפטשטעלער האָבען געהאַט לעזער און פאַרעהרער, איז דער בעסטער באַווייז, אַז דער דענקענדער טייל פון'ם דייטשען פאָלק צו ענדע פון די צוואַנציגער יאָהרען, האָט זיך אָפּגעזאַגט פון גלויבען אין אויטאָריטעט ווי אויף דעם פּאָליטישען אַזוי אויך אויף דעם אַלגעמיין גייסטיגען געביט. אין דער צייט, נעמליך, איז די פאַרפאָלגונג אויף די בורשאַפטען אָנ־געגאַנגען מיט דער גרעסטער היץ; אַלע סטודענטישע אָרגאַני־זאַציעס זיינען צובראָכען געוואָרען, אָבער זיי זיינען אַלע מאָל אויף ס'ניי אָרגאַניזירט געוואָרען, און אין איין דייטשער מלוכה, אין באַיערען, זיינען זיי, נאָכדעם ווי לודוויג האָט פאַרנומען דעם טראָהן, אפילו געדולדעט געוואָרען פון דער פּאָליציי. ווען עס האָט אויס־געבראָכען אַ קריג צווישען זיי, האָט מען זיך דעמאָלט געקענט דערוויסען פון די פאַרשיידענע שטימונגען, וואָס האָבען צו יענער צייט אָנגעפילט די מחות פון'ם פאָלק. אין ערלאַנגען זיינען אין יאָהר 1827 געגרינדעט געוואָרען דריי, איינער צום צווייטען געגנער־שע, געזעלשאַפטען: די טוטאָנישע, די אַרמינישע און די דייטשע. די טוטאָניע, איז געווען דער אָרגאַן פון דער ריין ראָמאַנטישער רעליגיעזער מיסטיק און האָט ערקלערט, אַז זי וועט זיך האַלטען

ווייט פון דער פּאָליטיק. די אַרמינישע פּרינציפּען זיינען געווען: שטרענגע מאָראַליטעט און שטרעבונגען צו וויסענשאַפט; אָלס איהר צוועק האָט זי זיך געשטעלט, איבערצובויען דייטשלאַנד'ס געזעלשאַפטליכען לעבען, פעסטשטעלענדיג אין איהר די אייניגקייט און פרייהייט. די דייטשע — האָט אויסגעדריקט איהר דאַמאָלסדיגע ראַדיקאַלע ריכטונג. אַט די געזעלשאַפט האָט זיך אָפּגעזאָגט פון אַלע פאָדערונגען פון שטרענגער מאָראַליטעט, פון דעם אַלטען „טוגענד־בונד", זיך אָפּגעקערט פון אַלע אויטאָריטעטען און אָפּגעשאַפט דעם גלויבען אין אויטאָריטעט, אפילו אין דער רעליגיעזער, האַלטענדיג זיך ביי דער מיינונג, אַז דער צוועק — וואָס איז אויך פאַר דער געזעלשאַפט געווען די פאַראייניגונג פון דייטשלאַנד מיט דער פרייהייט — קען דערגרייכט ווערען נאַר דורך אַ רעוואָלוציע. כאָטש אַט די געזעלשאַפט איז אין תוך געווען אַ ריין פּאָליטישע, וואָלט דאָך געווען אַז אומזין זי אָנצורופען אַלס אַ וויכטיגע און געפעהרליכע פאַר דער רעגירונג.

אַט די דריי הויפּט־באַוועגונגען האָבען גיך געפונען אָנהענגער אין אַלע דייטשע אוניווערזיטעטען, און עס איז גאַנץ כאַראַקטעריסטיש דער פאַקט, אַז די ריכטונג וואָס די דייטשע האָט אָנגענומען, האָט נעהאָט דעם גרעסטען ערפאָלג.

4.

דער אײַנפלוס פון דער יולי־רעוואָלוציע.

אין מיטען פון אט דער אפגעשטאַנענקייט, אט דעם יאָך, פער־צווייפלונג, האָפנונג, זיך־זעלבסט אויסלאַכען און שטרעבען צו פרייהייט, האָט די נייעס פון דער יולי־רעוואָלוציע אין פּאַריז גע־ווירקט אויף דער געזעלשאַפטליכער מיינונג אין דייטשלאַנד ווי אַ עלעקטרישער טאָק. אַלע בליקען האָבען זיך געווענדעט קיין פראַנקרייך און דייטשלאַנד'ס גייסטיגע קרייזען האָט בעהערשט אַ ענטוזיאַזם, וואָס פילע האָבען געטיילט.

דעם שטאַרקסטען אײַנפלוס האָט אַט דער צופאַל געהאַט אויף דער שטודירענדער יוגענד.

מיט צוויי מאָנאַטען פאַר דער רעוואָלוציע האָט קאַרל גוצקאָוו, ווי ער האָט אַליין דערצעהלט, זייענדיג ניינצעהן יאָהר אַלט, נאָך ניט געהאָט דעם מינדעסטען באַגריף וועגען דער אייראָפּעאישער פּאָליטיק. ער האָט ניט געוואוּסט, וועער אַזוינס פּאָליניאַק איז; וואָס עס מיינט פארשוועכען די כאַרטיע (די פראַנצויזישע קאָנס־טיטוציע). ער האָט נאָר געוואוסט איינס, אַז די דייטשע בורשאַפ־טען, ניט קוקענדיג אויף אַלע פאַרפאָלגונגען, עקזיסטירען דאָך, און אַז מען מוז זיך דערשלאָגען צו פאַראייניגונג אין דייטשלאַנד. אויב ער האָט זיך אַמאָל פאַרגעשטעלט איבערקעהרענישען, וואָס האָבען געקענט אַ שטוים טאָן פאַרווערטס דעם גאַנג פון די געשעהענישען, האָבען זיי געמוזט גיכער קומען פון ערלאַנגען אָדער פון יענאַ, ווי פון פּאַריז; אין לעצטען פאַל, האָט ער געדענקט, אַז עס איז מעג־ליך, אַז דעם פילעלינען־המון, וועלכער קעהרט זיך אום אַהיים, וועט זיך אַרויסזעצען אין שטראַלזונד, און מיט געוועהר אין די הענט

װעלען זיי פאַרכאַפּען די שטאָדט, װעלען רופען די פּאָמעראַנישע מיליץ (לאַנד־װעהר) זיך נעהמען פאַר׳ן געװעהר און דעמאָלט װעלען די פּױערים, זייענדיג געדריקט פונ׳ם הונגער, מעגליך צושטעהן צום אויפשטאַנד.

צו יענער צייט, איז דער פראַנצויזישער שריפטשטעלער סען־מאַרק זשיראַרדין געקומען קיין בערלין, אום צו ערלערנען די דייטשע שפּראַך, דאָס פּרייסישע שול־סיסטעם, דעם פּיעטיזם װאָס האָט אויפגעבליהט אין האַללע און די אוניװערזיטעטישע טעאָלאָגיע, װעמעס פאַרשטעהערס זיינען געװען שלעיערמאַכער און נעאַנדער. אַלס אַ מיטאַרבייטער פון דעם „זשורנאַל דע דעבייט" האָט ער געקראָגען דיזע צייטונג פון פאַריז און אַלס אַ צוקינפטיגער קאַבינעט־מיטגליד, מיט גרויסען אינטערעס נאָכגעפאָלגט דעם ערפאָלג פון דער פראַנצויזישער אָפּאָזיציע. גוצקאָװ האָט יעדען טאָג איהם געגעבען אַ לעקציע אין דייטש. זיי האָבען געלייענט קאָצעבו׳ס קאָמעדיע, װאָס דעם פראַנצויז איז זי מעהר געפעלען געװען פאַר איבונגען, װי די שריפטען פון שילער און געטע. צו דערזעלבער צייט האָבען זיי געפיהרט הייסע געשפּרעכען װעגען פּאָליטיק. גוצקאָװ האָט ניט געלייקענט פון סען־מאַרק־זשיראַרדין װאָס פאַר אַ קליינע אָהנונג ער האָט װעגען דער אַלגעמיינער פּאָליטישער באַדייטונג פון דער פראַנצויזישער קאָנסטיטוציע, און האָט אָפען באַשטעטיגט, אַז די יענישע בורשענשאַפט האָט אַ גרעסערע װירקונג אויף דעם גאַנג פון דער געשיכטע, װי די פאַריזער דעפּוטאַטען־פּאַלאַטע. זשיראַרדין, צושמייכלענדיג ביי דיזע אַרגומענטען, האָט העפליך געענטפערט. אָפטמאָל זיינען אָט די געשפּרעכען איבערגעריסען געװאָרען מיט׳ן אָנקומען פון עדואַרד האַנסען, אַ באַרימטער דייטשער פּראָפעסאָר, דער באַרימטסטער פון אַלע העגעל׳ס תלמידים אויפ׳ן יורידישען פאַקולטעט, װאָרענהאַגענ׳ס און הייגעס פריינד. קענענדיג גוט די פראַנצויזישע שפּראַך, פלעגט ער נעמען אַ אָנטייל אין דער פּאָליטישער דעבאַטע און מיט זיינע שװאַרצע, געגרייזעלטע האָר און מיט זיינע באַקען־באָרדען האָט ער געמאַכט אַ אָריגינעלען איינדרוק אויף זשיראַרדין. װען גוצקאָװ האָט געהערט, װי דער שעהן־געקליידעטער, דער שמייכלענדיגער און שאַרפזיניגער קאַטעדער־פּראָפעסאָר לאַכט אויס די בורשענשאַפטען און דערצעהלט אין

שפּאַס, אַז ער האָט אַליין אַמאָל אויף די ברעגען פון זאַאַל געטראַכט וואָס פאַר אַ מיטעל איז דער בעסטער, צו העלפען דייטשלאַנד קריי־גען אַן אימפּעראַטאָרישע קרוין, האָט ער, גוצקאָוו, געבעטען דעם פּראַנצויזישען פּאָליטיקער ניט צו גלויבען, אַז די גאַנצע דייטשע יוגענד טראַגט זיך כלומר׳שט ארום מיט דיזע, האַנהאַנ׳ס, געדאַנ־קען. „איך וויים עס,” האָט סען־מארק־זשיראַרדין געענטפערט. „איהר ווילט באַפרייען די וועלט מיט דער הילף פון דער סאַנסקרי־טישער שפּראַך!”

דעם 3טען אויגוסט, 1830, איז אין זאַל פון דער בערלינער אוּ־ניווערזיטעט געפייערט געוואָרען דעם קייזער׳ס געבורטסטאָג מיט געזאַנג און רעדעס. די סטודענטען זיינען געשטאַנען אין אַן ענגער מאַסע פאַר דער אָפּגעצוימטער ביהנע, וואו עס זיינען געזעסען די פּראָפעסאָרען, די רעגירונגס־באַאַמטע און דער גענעראַל־שטאַב. דער אָראַטאָר איז געווען דער באַרימטער פילאָלאָג באָק, און איבער זיין קאָפּ האָט געזונגען דער סטודענטען־כאָר, אונטער דער לייטונג פון׳ם מוזיק־דיריגענט צעלטער, געטע׳ם קאָרעספּאָנדענט. דער רעקטאָר פון דער אוניווערזיטעט, אַ יוריסט, פּראָפעסאָר שמאַלץ, איז אַרומגעגאַנגען צווישען די בענק אין אַ פּאַריק און שווערד און זיך דורכגעוואָרפען מיט פריינדליכע ווערטער מיט די גע־עהרטע געסט. האַנס, פּאַרקערט, איז געווען שטאַרק אויפגערעגט און אונגעדולדיג. ער האָט צוטיילט עטליכע בריעף פון פרידריך פּ. ראומערען, וועלכער האָט זיך נאָר וואָס צוריקגעקעהרט פון פּאַריז. דער קרוינפּרינץ, דער שפּעטערדיגער פרידריך ווילהעלם דער פערטער, איז געזעסען און געשמייכעלט, נאָר אַלע האָבען געוואוסט, אַז מיט עטליכע טעג צוריק האָט מען אין פראַנקרייך אָראָפּגעזעצט דעם קעניג פון׳ם טראָהן. עס האָט זיך געדאַכט, גלייך ווי אַ הילך פון האַרמאַטען וואָלט זיך צוטראָגען איבער׳ן זאַאַל. באָק׳ס רעדע וועגען די שעהנע קונסטען, האָט ניט געצויגען קיינעמ׳ס אויפמערק־זאַמקייט, און ווען העגעל האָט פון דער קאַטעדרע אויסגערופען די נעמען פון די, וועלכע האָבען ערפאָלגרייך דורכגעמאַכט די אַקאַדע־מישע לעהרע, האָט קיינער ניט געהערט די נעמען וואָס ער האָט גערופען, אויסער, פערשטעהט זיך, די וואָס האָבען געקראָגען די מעדאַלען. גוצקאָוו אַליין האָט נאָר מיט איין אויער געהערט, אַז

ער האָט געקראָגען אַ מעדאַל פאַר זיינע ערפאָלגען אין פילאָסאָפיע; מיט'ן צווייטען אויער האָט ער זיך צוגעהערט צו דעם, וואָס מען האָט דערצעהלט וועגען דעם פאָלק, וואָס האָט האָט אַראָפּגעזעצט זייער קעניג פון טראָהן, וועגען דעם הארמאַטען־הילך, וועגען די טויזענדער וואָס זיינען געפאַלען אין קאַמפף. ער האָט אפילו ניט צוגעהערט זיך צו די באַגריסונגען וואָס ער האָט געקראָגען; ער האָט אפילו ניט געעפענט דעם פוטלאַר, אין וועלכען עס איז געלעגען דער גאָלדענער מעדאַל; ער האָט פאַרגעסען זיין האָפנונג צו ווער־רען פּראָפעסאָר, צוליעב וואָס ער האָט אַזוי געוואָלט קריגען דעם מעדאַל. ער איז געשטאַנען אַ באַרוישטער און געטראַכט וועגען סען־מאַרק־זשעראַרדין, וועגען זיין פּראָפעצייהונג און וועגען זיינע איי־גענע טרוימען, וועגען די דייטשע בורשענשאַפטען. באַלד נאָך דער צערעמאָניע איז ער אוועק אין אַ קאָנדיטעריי און צום ערשטען מאָל אויף זיין לעבען האָט ער געכאַפּט לייענען אַ צייטונג. ער האָט אומגעדולדיג ערוואַרטעט דאָס ערשיינען פון דער אָפיציעלער אָבענד־צייטונג, ניט צוליעב דעם וואָס ער האָט ערוואַרטעט צו געפינען דאָרטען זיין נאָמען צווישען די מעדאַליסטען. ניין, ער האָט פשוט געגאַרט זיך צו דערוויסען, ווי אַזוי פּאַריז האָט אויסגעקוקט, צי זיינען דאָרטען נאָך פאַרבליבען די באַריקאַדען; ווי אַזוי פראַנק־רייך וועט אַרויס פון לאַפאַיעט'ס הענט: אַלס רעפּובליק אָדער אַלס קעניגרייך. „די וויסענשאַפט האָב איך איבערגעלאָזט הינטער זיך, — די געשיכטע האָט מיך גערופען פאַרטווערט", האָט ער געשריבען 1).

זיין געשטאַלט איז טיפּיש; ווי אַ מוסטער פון דער שטימונג פון דעם יונגען דור אין יענער צייט אין דייטשלאַנד, — דער דור פון די דאַמאָלסדיגע צוואַנציג־יעהריגע בחורים.

כמעט איינצייטיג מיט קאַרל גוצקאָוו'ס פּאָליטישער אויפוואַ־כונג, איז אין געטע'ס קאַבינעט פאַרגעקומען די באַקאַנטע מיספאַר־שטענדניש: איינער פון דעם באַרימטען דיכטער'ס באַזוכער, ווע־מען דער אַלטער דיכטער האָט זעהר פרעהליך עמפּפאַנגען צוליב די

1) קאַרל גוצקאָוו, „דאָס קאַשטאַניען וואַלדכען אין בערלין"; „ריקבליקע אויף מיין לעבען", ז. 7).

לעצטע געשעהענישען אין פּאַריז, האָט אין אָנהויב פון׳ם געשפּרעך געדענקט, אַז געטע רעדט דאָ װעגען די יולי־טעג, און ערשט פיעל שפּעטער האָט ער זיך דערוואוסט, אַז ער רעדט נאָר וועגען דעם, אַז דער נאַטור־וויסענשאַפטליכער קריג, וואָס איז פאָרגעקומען צווישען קיואוועען און סענט־איילער׳ן, איז געוואונען געוואָרען דורכ׳ן לעצטען. אַ לאַנגע צייט האָט דיזע מיספאַרשטענדניש געדינט אַלס באַוויז פון געטע׳ס באַגרעניצקייט אין פּאָליטיק. נאָר די גערעכטיגקייט פאָדערט אָנצודייטען אויך אויף דער צווייטער זייט פון׳ם באַלערענדען אַנעקדאָט: אויף דעם פיעל־באַגרינדעטען געפיהל פון דעם אַלטען׳ס ניט־גלויביגער באַציהונג צו פּאָליטישע געשעהענישען, וועלכער מען האָט אין יענער צייט צוגעגעבען אַ גרויסע באַדייטונג. אין דער ווירקליכקייט איז דער אויבען־דערמאָנטער וויסענשאַפטליכער קריג געוועזען פיעל וויכטיגער, ווי די פראַנצויזישע רעוואָלוציע פון 1830, נאָך זיין אידעען־אינהאַלט און נאָך דער איבערקעהרעניש, וואָס דאָס האָט געמאַכט אין דער גייסטיגער וועלט. סענט־אילער׳ס לעהרע וועגען דער „איינזיגקייט פון׳ם טיפּ“, האָט געדיענט אַלס פאָראויסזאָגער פון דאַרווינ׳ס בוך „די ענטשטעהונג פון די מינים“. נאָר דאָס בילד פון דער יוגענד׳ס באַגייסטערונג פאַר דער פראַנצויזישער פּאָליטישער איבערקעהרעניש טרעט נאָך העלער אַרויס אויפ׳ן הינטערגרונד פון געטע׳ס אינדיפערענטיזם. (עמיל קוה: „ביאָגראַפיע פר. העבעל׳ס“, 1, 432.)

גרויס איז אויך געוועזען דער איינדרוק וואָס אָט די געשעהעניש האָט געמאַכט אויף די באַרימטע פערזאָנען, וואָס האָבען ניט געהערט ניט צום יונגען און ניט צום אַלטען דור.

די ענטוויקעלטסטע און די סאַמע־דענקענדע פרוי פון יענער צייט, ראַכעל, געטע׳ס אַ ליידענשאַפטליכע פאַרעהרערין, וועלכע איז שוין דעמאָלט אַלט געוועזען 60 יאָהר, האָט אַ דאַנק איהר עמפּינדליכקייט, זיך באַצויגען מיט דער גרעסטער סימפּאַטיע צו דער רעוואָלוציע. אַלס פרוי האָט זי מעהר אינטערעסירט די סאָציאַלע זייט פון די געשעהענישען, ווי די פּאָליטישע. זי איז שטאַרק באַגייסטערט געוואָרען פון׳ם סען־סימאָניזם; זי האָט פאַרשטאַנען מיט אַ ריין־יוגענדליכער וואַכזאַמקייט, וואָסערע קערנער עס באַהאַלטען

זיך אין איהם, און האָט אין דער יולי־באַוועגונג געזעהן דעם ער־שטען שטוים צו דער פאַרווירקליכונג פון זיינע סאָציאַלע אידעען.

צו דעם לעבהאַפטען און באַגייסטערטען איינדרוק פון דער יולי־רעוואָלוציע איז צוגעקומען אַן אַנדער איינדרוק, וואָס האָט פאַר־שאַרפט די פּאָליטישע ליידענשאַפטען ביי דעם יונגען דור, — דער איינדרוק, וואָס דער פּוילישער אויפשטאַנד האָט אויף זיי גע־מאַכט. דאָס האָט מען געקענט קלאָר זעהן אין דעם פאַל מיט פּלאַטענען, וואָס האָט זיך געווענדעט אין אַ שטאַרקער אויפרעגונג צום פּרייסישען קרוין־פּרינץ אין אַ פּאָעטישען אויפרוף, אַז ער זאָל אויף זיך נעהמען די פאַרטיידיגונג פון די פּוילישע ענינים. (עס איז אַ סברא, אַז דער קרוין־פּרינץ האָט איהם מיטגעפיהלט). און דער־נאָך האָט ער זיך גענומען פאַרפאַסען זיינע „פּוילען־לידער", די איינ־ציגע לידער זיינע, אין וועלכע ער דערהויבט זיך ביז ליידענשאַפט; די שטאָלצע פרייהייטס לידער, וואָס זיינען פול מיט די שאַרפסטע סאַרקאַסטישע אָנפאַלען אויפ'ן זעלבסט־הערשער, פאַר וועמען עס האָבען זיך געבויגען די דייטשע הויפען, ווי פאַר אַן אַלמעכ־טיגסטען הערשער, און אויף די, וואָס האָבען זיך ערלויבט אונטער־געקויפט צו ווערען דורך געלד.

בערנע'ן האָט די נייעס וועגען דער יולי־רעוואָלוציע געטראָפען ווי אַ פּלוצליכער דונער.

אין זומער פון דעם יאָהר 1830 האָט ער געוואוינט אין דעם באָדע־פּלאַץ אין סאָדען, ניט ווייט פון פראַנקפורט, אום זיך צו ערהאָלען נאָך דער לאַנג־דויערענדער מאַלאַריע און די אָפטע אָנ־פאַלען פון בלוט־שפּייען. זיין טאָגע־בוך ווייזט, אַז זיינע פּאָליטישע האָפנונגען זיינען כמעט שוין אויסגעלאָשען געוואָרען, ווי עס זיינען פאַרשטומט געוואָרען זיינע אַלע פאַרלאַנגען. אָזא נשמה, ווי זיינע, וואָס האָט ליידענשאַפטליך געשטרעבט צו פרייהייט, גע־דאָרשט נאָך גערעכטיגקייט, האָט אויסגעזויגען זיינע לעבענס־קראַפטען און ענדליך ניט געקענט אריבערטראָגען דעם יאָך פון דער פּאָליטישער רעאַקציע.

ער איז אַלט געווען 44 יאָהר, און פון דער צייט פון דער באַ־פרייאונג־מלחמה, ד. ה., אין דער יוגענד און אין זיין רייפען אַלטער, האָט ער נאָר געזעהן דעם זיעג פון נידערטרעכטיגקייט, ווי זי פאַר־

פאָלגט אַלץ וואָס איז אמת און פריידענקענד. ער האט ניט געקענט אויפהויבען די אויגען פון דעם פּאַפּיר אויף וואָס ער האָט געשריבען אום צו זעהן, ווי דער בלאַסער שרעק פאַר יעדער שטאַרקער ליידענשאַפט, פאַר אידעאַלען, אפילו פאַר דער יוגענדליכקייט גערט האנט אין האנט מיט'ן חיה'שען אינסטינקט פון זעלבסט־דערהאַלטונג און מיט דער טירישער באַגייסטערונג פאַר די גענוסען — מעטערניכ'ס און גענצעס פרינציפען. ער האָט זיך ניט אָפּגעזאָגט אפילו פון איינער פון זיינע יוגענד־איבערצייגונגען. נאָר איבער זיין סביבה איז געהאַנגען אַ טרויער־דעק. איהם האָט זיך געדוכט, אַז ער זיצט אין דייטשלאַנד אויפ'ן גרונד פון ים, וואוהין דער ים־גלאַק ברענגט נאָר גענוג לופט, אום ניט דערשטיקט צו ווערען. אין פּאַריז האָט ער געאָטעמט מיט פרישער לופט, דאָרט האבען די ליכט פון דער זון, די קולות פון מענשען, דער רעש פונ'ם לעבען, איהם אריינגעבראַכט אין באַגייסטערונג. איצט האָט ער געציטערט פון קעלט צווישען די פיש. ער האָט זיך נעקוועלט מיט דער שרעקליכסטער בענקשאַפט. די שטילקייט האָט איהם קראַנק געמאַכט; די איינגשאַפט, אין אַלע הינזיכטען, האָט איהם געפּרעסט ביז'ן בלוט.

ער איז געווען איינער פון יענע נאַטורען, וואָס קענען ניט אַ לאַנגע צייט פאַרטראָגען קיין איינזאַמקייט. ער האָט זיך גענויטיגט אין בעטהאָווענשע סימפאָניעס, אָדער אין טרוימען. ער איז געווען פון יענע מענשען, וואָס פיהלען זיך אומאַנגענעם אין אַ טעאַטער־לאָזשע. ער האָט געוואָלט זיצען אין פּאַרטער, ארומגערינגעלט פון פיעל מענשען.

איהם האָט זיך געדאַכט, אַז אַלע לעבענס־ווערטען ווערען פּאַבריצירט אין דייטשלאַנד אונטער דער ערד, אין דער מיט־נאַכטיגער שטילקייט, אַזוי ווי הענדלער פון פאַלש געלט שטעכען זייערע מטבעות. די וואָס האָבען געאַרבייט אין דייטשלאַנד, האָבען ניט גענאָסען די פרוכט פון זייער ארבייט; און די וואָס האָבען יאָ גענאָסען, די וואָס האָבען אין מיטען העל־שיינענדען טאָג געהאַנדעלט מיט די לעבענס־ווערטהען, וואָס זיינען באַשאַפען געוואָרען אונטען, אין דער פינסטערניש, דורך שרעק און ציטערניש, אָט די האָבען ניט געאַרבייט. אין פראַנקרייך האָט דער לעבענס־לוסטיגער

מענש געלעבט א קוריער־לעבען, וועלכען מען שיקט מיט רעגירונגס־דעפעשען אין פרעמדע שטעדט, אַלע מאָל אין א נייער, און וועל־כער זעהט אין דער צייט פון זיינע וואַנדערונגען זעהר פיעל און האָט הנאה פון די פאַרשיידענאַרטיגע איינדרוקען; אין דייטשלאַנד האָט ער געלעבט ווי א בריף־טרעגער, וואָס מאַכט שטענדיג נאָר די קורצע רייזע צווישען צוויי סטאַנציעס און קריגט דערפאַר פונ'ם גליק א קלעגליכען טרונק־געלט. פאַרשטעהט זיך, אַז דער בריף־טרעגער קען מאַכען אַזעלכע רייזעס אפילו אין שלאָף. איהם איז באַקאַנט יעדער שטיין אויף א מרחק פון צוויי מייל, און דאָס האָט שוין אין דייטשלאַנד געהייסען פאַלקאָמענהייט. נאָר בערנע, וואָס האָט געוואוינט אין פּאַריז, אין א קליינעם האָטעל, און האָט צוגעקוקט די שלאַכט פון די הינער אין הויף, די אייפערזיכטיגקייט פון די אינדיקעס און די קאָקעטסווע פון די אינדיטשקעס, האָט זיך ניט געפרעהט מיט דער מעגליכקייט אויסצואַרבייטען אין זיך א זעלטענע פאַלקאָמענהייט („אוים מיינעם טאָגעבוך", פּאַריז, 22־סטער מאַי, 1830).

פלוצלונג באַקומט ער א ידיעה, אַז פּאָלינאַק'ס מיניסטעריום האָט פאַרעפענטליכט די באַוואוסטע אָרדינאַנצען, האָט פאַרשוועכט די קאָנסטיטוציע. פאַראויסזעהענדיג אַלע רעזולטאַטען פון דיי־זער געשעהעניש, שרייט ער אויס: „און גאָט זאָגט: זאָל ווערען ליכטיג!"

און באַלד נאָכדעם זיינען אָנגעקומען די נייעסען וועגען דער יולי־רעוואָלוציע. אומגעדולדיג האָט ער יעדען טאָג ערוואַרט די שטונדע, ווען די צייטונגען קומען אָן. ער איז יעדען טאָג געגאַנ־גען איבער'ן גרויסען וועג, אויסקוקענדיג דעם בריף־טרעגער. ווען דער לעצטער איז אַזוי גיך ניט געקומען, פלעגט בערנע צוגעהן ביז העכסט, וואו עס פלעגט אָנקומען די קאָרעספּאָנדענץ. באַלד האָט ער שוין מעהר ניט געהאַט קיין כחות אויסצוהאַלטען אין פּאַריז. ער האָט זיך אומגעקעהרט קיין פראַנקפורט, וואו ער האָט די אָרו־מיגע ערשטוינט און עלעקטריזירט מיט זיין הייסער באַגייסטערונג. דעם שוויינענדיגען, מיט'ן מאַרטירער געזיכט, דעם פריהערדיגען בערנע'ן, איז גאַרניט געוועזן צו דערקענען. עס האָט זיך געדאַכט, אַז עפּעס א וואונדער האָט מיט איהם פּאַסירט: ער איז יונג גע־

וואָרעז און איז נאָך אַמאָל געזונד געוואָרען. עס האָט זיך אויס־געדרוקט, אַז זיינע אַלע אַלטע טרוימען זיינען שוין פאַרווירקליכט געוואָרען און איצט איז אַלץ, וואָס ער האָט אַזאַ לאַנגע צייט גע־דאַרפט האַלטען אין דער טיפעניש פון זיין נשמה, אַרויסגעשוואָר־מען אויף דער אויבערפלאַך, ווי עס שפּרינגט אַרויס אַן עלאַסטישע פּרוזשינע ווען מען נעהמט אַוועק דעם דרוק וואָס פּרעסט זי.

פראַנקפורט האָט איהם אויך ניט לאַנג צופרידענגעשטעלט, און אין אַ שטיקעל צייט אַרום איז ער אַוועקגעפאָהרען קיין פּאַריז.

דעם 7טען סעפּטעמבער שרייבט ער פון שטראַסבורג:

„די ערשטע פראַנצויזישע קאָקאַרדע האָב איך דערזעהן אויף אַ פּויער׳ס הוט, וועלכער איז געפאָהרען פון שטראַסבורג און איז פאַרביי מיר דורכגעפאָהרען קיין קעלע. אָט די קאָקאַרדע האָט זיך מיר אויסגעוויזען, ווי אַ קליינער רעגענבויגען נאָך אַן אַלוועלטלי־כער פאַרפלייצונג אין אונזערע טעג; אַלס אַ סימבאָל פון שלום, וואָס דער גאָט פון שלום האָט אַראָפּגעשיקט. אָבער ווען די דריי־קאָלירענדיגע פאָהן האָט אַ בלאַסק געטאָן פאַר מיינע אויגען, דער־מאָלט, אַך! איך בין מאַכטלאָז צו באַשרייבען די אויפרעגונג, וועלכע האָט מיך באַהערשט... די פאָהן איז געשטאַנען אין מיטען פון אַ בריק, איהר שטעקען האָט געשטעקט אין פראַנצויזישער ערד, נאָר אַ טייל פון דער פאָהן האָט געפלאַטערט אויך אין דער דייטשער לופט. פרעג דעם ערשטען סעקרעטער פון דער געזאַנד־שאַפט וואָס דו באַגעגענסט, צי אין דעם איז ניט פאַראַן אַ פאַר־שוועכונג פון דעם צווישען־פעלקער רעכט. בלויז אַ רויטער פּאַס פון דער פאָהן האָט געוועהט איבער אונזער ערד. דאָס איז די איינ־ציגע פאַרב, וואָס איז אויסגעקומען אויף אונזער חלק פון דער פראַנ־צויזישער פרייהייט — אַ רויטע: בלוט, בלוט! אַך, נאָר ניט קיין בלוט וואָס איז פאַרגאָסען געוואָרען אויף שלאַכט־פעלדער!“

בערנע האָט דאָ נאָר אויסגעדריקט די געפיהלען, וואָס האָבען אַרומגעכאַפּט אַ גרויסע צאָהל פון די מענשען, וואָס זיינען נאָך אין דייטשלאַנד געווען עמפּינדליך צו ענטוזיאַזם. אין דייטשלאַנד, גלייך ווי אין פראַנקרייך, איז מען געווען באַגייסטערט פון די פראַנ־צויזישע פּאָליטעכניקער, פון די סטודענטען און אַרבייטער פאַר זייער העלדישקייט אין דער צייט פון די דריי גרויסע טעג, —

נאָכמעהר איז מען געווען באַגייסטערט פון זייער טעטיגקייט דער־פאַר, וואָס מען האָט אין דעם געזעהן די ערוואַכונג פון ענערגיע, וואָס האָט זיך געדוכט, אַז די דייטשען האָבען שוין מעהר ניט אַזעלכעס. אומעטום האָט זיך אַרויסגעוויזען די נייגונג זיך צו באַציהען מיט אַן איבערטריבענעם סאַרקאַזם, איבער דעם, וואָס עס פעהלט זיי דער פּאָליטישער חוש, און דערפאַר וואָס זיי קענען ניט האַנדלען ענערגיש אין דעם אַנטשיידענעם מאָמענט.

אויב אָט די געשעהענישען האָבען געקענט האָבען אַזאַ גרויסע ווירקונג אויף אַזעלכע פּערזאָנען ווי בערנע, און אויף אַזעלכע ענטוזיאַסטען, וועלכע מען האָט אַזוי אָפט באַגעגענט צווישען די פאַרשטעהער פון דער וויסענשאַפט, ווערט דאָס בילד באַקומען אַ פאַרענדיגטען אויסזעהן, ווען מיר ווענדען אַ קוק טאָן, וואָסער אַן איינדרוק זיי האָבען געמאַכט אויף די רעאַקציאָנערע מענשען.

געגטץ, וועלכער האָט צוערשט זיך געפרעהט איבער דער ענער־גיע פון קאַרל דעם צעהנטען, איז טרויעריג געוואָרען, ווען ער האָט נאָר דערזעהן די דערנעהנטערונג פון דער רעוואָלוציע.

„די אָרדינאַנסען געגען די צייטונגען און ביכער — האָט ער געשריבען — האַלט איך פאַר אַ מוראַ׳דיגער ריזיקע, דעם גרונד פון וועלכער איז מיר נאָך ביז איצט ניט קלאָר געוואָרען... אַזאַ געוועהר קען מען באַנוצען נאָר אין אַזאַ פאַל, אויב דו פיהלסט אַ זיכערקייט אין דיין קראַפט און אין דיינע מיטלען; אַזעלכע מענשען, ווי פּאָ־ליניאַק און פעיראָנע וועלען אומקומען, אויב זיי וועלען וואַגען געהן אויף אָט דעם וועג.“

נאָר ווען עס איז ביי איהם אַריבער די ערשטע מורא, האָט ער מיט זיינע מיטהעלפער אָנגעהויבען די שטאַרקסטע און פּיעלפאַ־כיגסטע טעטיגקייט, אום אַרויסצוקריגען אַ נוץ פון יעדען טעות, וואָס די פריי־דענקענדע האָבען געמאַכט. ביי אַ קלוגער באַ־נוצונג מיט די רעזולטאַטען, וואָס די פראַנצויזישע רעוואָלוציע האָט געבראַכט, האָט מען געקענט אין דייטשלאַנד, מיט דער הילף פון אַן אומ׳ברחמנות׳דיגע אונטערדריקונג פון אַלע באַוועגונגען, מיט דער הילף פון שווערע פאַרפאָלגונגען און צענזור, אויף לאַנג פאַר־האַלטען די אַנטוויקלונג פון דער פרייהייט, אַזוי אַז נאָך מעטער־ניכ׳ס אויסדרוק, צוגעפּאַסט פאַר דער האַמבאַכער רעוואָלוציאָנע־

רער פייערונג, האָט די יולי־רעוואָלוציע גרינג געקענט פאַרוואַנדעלט ווערען פון אַ פייערונג פון שלעכטע אין אַ יום־טוב פון גוטע, און ווירקליך, עס איז ניט אַריבער קיין יאָהר פון דער צייט, וואָס גענץ האָט אַזוי טרויעריג געקוקט אויף דער צוקונפט און ער האָט שוין געשריבען פאָלגענדעס:

„נידער מיט די טרויעריגע געדאַנקען! מיר שטאַרבען ניט. אייראָפּאַ שטאַרבט ניט. און דאָס וואָס מיר ליבען, שטאַרבט אויך ניט. איך בין שטאָלץ דערמיט, וואָס איך בין קיינמאָל ניט פאַר־צווייפעלט.”

ווי מעטערניך האָט פאַרמאָגט געגוג ליטעראַרישען פאַרשטאַנד, אום באַגייסטערט צו ווערען פאַר בערנע'ן, אַזוי איז אויך גענטץ געווען אַ הייסער אָנהענגער פון היינריך היינע. ביז דער יולי־רע־וואָלוציע האָט מען נאָך געקענט זעהן אין היינע'ן הויפּטזעכליך דעם דיכטער פון דער אומגליקליכער ליבע און דעם פּאָעטישען הו־מאָריסט, מיט אַ לייכטער שאַטירונג פון אַטעאיזם און לייכט־זיניגקייט.

היינריך היינע האָט זומער געלעבט אין העליגאָלאַנד, טרוימענ־דיג אויפ'ן ברעג, קוקענדיג אויפ'ן ים, זיך איינהערענדיג אין דעם פּאַטשען פון די כוואַליעס. ער האָט פאַרלאָרען אַלע האָפנונגען אויף בעסערע צייטען. ער האָט געלייענט די ווינציגע ביכער, וואָס ער האָט מיט זיך געבראַכט, האָמער און די ביבעל, די געשיכטע פון די לאַנגאָבאַרדען און איינינגע אַלטע ביכער וועגען מכשפות און כשוף. דער דיכטער האָט איצט מיט זיין געבראָכענעם גייסט זיך גע'חדוש'ט, ווי אַזוי ער האָט ערשט מיט אַ שטיקעל צייט צוריק געקענט זיין דער רעדאַקטאָר פון די „פּאָליטישע אַננאַלען”. צוויי טעג נאָך דער יולי־רעוואָלוציע, נאָך איידער די נאַכריכט האָט געקענט דערגרייכען ביז העלגאָלאַנד, שרייבט היינע אין איינעם פון זיינע בריעף וואָס ער האָט געשיקט פון'ם אינזעל, אַז ער האָט פעסט באַשלאָסען זיך אויף שטענדיג אָפּזאָגען פון פּאָליטיק און פילאָסאָפיע: די גאַנצע „מעשה” ברענגט ניט קיין נוצען; כאָטש דער געדאַנק פון דעם אַלגעמיינעם וואוילזיין וועט איהם ניט לאָזען רוהען, נאָר ער ווייסט, אַז עס וועט אַלץ איינס גאָרניט אַרויסקומען דערפון; די וועלט איז ניט אונבאַוועגליך, נאָר זי באַוועגט זיך אין

א פאַר׳כשוף׳טען קרייז, ניט ברענגענדיג קיינע רעזולטאַטען; ווען ער איז נאָך געווען יונג און ניט פּראַקטיש, האָט ער געגלויבט, אַז כאָטש אייניגע מענשען קומען אפילו אום אין קאַמף פון דער מענש־הייט פאַר פרייהייט, דערפאַר אָבער פייערט צולעצט די גרויסע זאַך איהר זיעג; איצט אָבער זעהט ער ווי די מענשהייט באַוועגט זיך, גלייך ווי דער ים, נאָך די רעגעלען פון אַפּלייפען און צולויפען.

אויב אפילו די דאָזיגע אויסדרוקען זיינען ערשט שפּעטער צו־געטראַכט געוואָרען, אויב אָט די בריעף זאָלען אפילו זיין ניט אמת׳ע, שטעלען זיי אָבער מיט זיך פאַר שטיקלעך פון עראינערונגען, וואָס זיינען צוליב קאָנטראַסט דערנאָך צוגעשטעלט געוואָרען אַלס איבער־גאַנגס־טייל אין בוך וועגען בערנע׳ן 1), דאָך האָבען מיר אין זיי אַן אמת בילד פון היינריך היינעס גייסטיגער שטימונג אין יענע אומפּאַרגעסענע טעג.

דעם 6טען אויגוסט שרייבט ער:

„איך בין געזעסען און געלייענט פּאָול וואַרנעפרידע׳ס „די געשיכטע פון די לאַנגאָבאַרדען", ווען א גראָבער פּאַקעט מיט צייט־טונגען, מיט ליכטיגע, פלאַמענדיגע, פייערדיגע נייעסען איז מיר אָנגעקומען פון דער יבשה. דאָס זיינען געווען זונען־שטראַלען, וואָס זיינען איינגעוויקעלט געווען אין געדרוקטען פּאַפּיר און האָבען אָנגעצונדע אין מיין נשמה א גראַנדיעזען פייער. מיר האָט זיך גע־דוכט, אַז איך קען אָנצינדען דעם גאַנצען אָקעאַן ביז צום צפון־פּאָל מיט׳ן פלאַמענדיגען ענטוזיאַזם און שטורעמדיגער פרייד, וואָס האָט אין מיר אויפגעקאָכט."

דאָס אַלעס האָט זיך איהם אויסגעוויזען ווי א חלום. מעהר פון אַלעמען האָט מאָדנע געקלונגען אין זיינע אויערען לאַפּאַיעט׳ס נאָמען. עס האָט זיך איהם פאָרגעשטעלט ווי עפּעס א לעגענדע, פון די, וואָס זיינען איהם דערצעהלט געוואָרען אין זיין קינדהייט; ער האָט קוים געקענט באַגרייפען, ווי אַזוי דער מענש, וואָס האָט באַגייסטערט די זיידעס פון דער איצטיגער צייט און האָט זיי געפיהרט אויף א מלחמה פאַר דער באַפרייאונג פון אַמעריקא, האָט זיך איצט ווידער אַרויפגעכאַפּט אויפ׳ן פערד, און שטעלט מיט זיך

---

1) זעה: „געזאַמעלטע ווערקע", 7, 80.

פאַר אַ נאַציאָנאַלען העלד. איהם האָט זיך אַליין פאַרוואַלט פאָהרען קיין פּאַריז, אום צו זעהן אַלץ אויפ'ן וואָהר מיט די אייגענע אויגען.

ער שרייבט אין אַן אויפגערעגטען פּאַטעטישען טאָן, און בלויז צייטענווייז מאַכט ער וויינער זיין פּאַטאָס מיט דער שאַטירונג פון אַ גרינגער איראָניע איבער זיך אַליין:

„לאַפאַיעט, דריי־פאַרביגע פאָהן, מאַרסעליעזע... איך בין ממש פאַר'שכור'ט... געוואַגטע האָפנונגען באַפּען מיך ליידענשאַפטליך אַרום, הויבען מיך אין דער הויך, ווי בוימער מיט גאָלדענער פרוכט און צופלאַטערענדע צווייגען, צושפּרייטען זייערע גרינע קליידער... ביז'ן סאַמע הימעל. עס איז פאַרשוואונדען מיין פאַרלאַנג נאָך רוהיגקייט. איך ווייס ווידער וואָס איך וויל, וואָס איך דאַרף זיין, וואָס איך דאַרף טאָן... איך בין דער זוהן פון דער רעוואָלוציע און איך כאַפּ זיך ווידער פאַר מיין הייליגען געוועהר, איבער וועלכען מיין מוטער האָט געמורמעלט איהרע פאַר'כשופ'טע ווערטער... בלומען! בלומען! איך וויל באַקרוינען מיין קאָפּ פאַר אַ מלחמה אויף לעבען און טויט. נאָר אויך אַ לירע גיט מיר, אַז איך זאָל קענען אויסזינגען אַ שלאַכט־ליעד... ווערטער, ענליך צו בליש־טשענדע שטאַלענע פּיקעס, וואָס קענען זיך אַרויפדרעהען ביז'ן זיבעטען הימעל און דאָרט דערשרעקען די אָרימע צבוע'קעס, וואָס זיינען אַריין אין קדשי־קדשים... איך בין אינגאַנצען — פרייד און געזאַנג, אין גאַנצען — שווערד און פלאַם... און מעגליך, אַז אויך אַן אמת משוגע'נער."

ער דערצעהלט, צווישען אַנדערע זאַכען, אַז דער פישער וואָס האָט איהם אין עטליכע טעג אַרום געפיהרט צום זאַמד־ברעג, פון וועלכען ער האָט זיך געוואָרפען אין וואַסער אַריין, דערצעהלט איהם, שמייכלענדיג ווענען די נייעסען, מיט פאָלגענדע ווערטער: „דאָס אָרימע פאָלק האָט געזיעגט". און היינע איז ערשטוינט געוואָרען פון דעם ריכטיגען אינסטינקט פונ'ם פּשוט'ן מענשען. אין אמת'ן אָבער איז פאָרגעקומען פאַרקערט: ניט דאָס אָרימע פאָלק, נאָר די רייכע זיינען צולעצט געבליבען די זיעגער.

נאָר דער איינער אויבענגעבראַכטער אויסדרוק איז ניט גענוג, אום צו ווייזען, ווי אַזוי די דייטשע שריפטשטעלער האָבען פאַר־שטאַנען די יולי־רעוואָלוציע. זי האָט אין זיי איינגעאָטעמט די־

זעלבינע רעליגיעזע געפיהלען, מיט וועלכע פערציג יאָהר צוריק האָבען די פיהרענדע גייסטער אין דייטשלאַנד זיך פאַרהאַלטען צו די געשעהעגישען פון דער גרויסער רעוואָלוציע. זי האָט זיך זיי פאָרגעשטעלט ניט אַלס רעזולטאַטען פון דער מאַכט פון דער ליבעראַלער בורזשואַזיע און איהר מעגליכקייט צו באַפּוילען די נידעריגע קלאַסען צו אַרבייטען פאַר זיי און פאַרגיסען זייער בלוט; נאָר דאָס איז געווען דער אַלגעמיינער סיגנאַל פאַר דער פּאָליטי־שער, עקאָנאָמישער און רעליגיעזער באַפרייאונג פון דער מענש־הייט. זי האָט זיך זיי פאָרגעשטעלט אַלס יענע גרויסע געשעהעניש וואָס האָט מיט איין קלאַפּ אַראָפּגעשליידערט דעם יאָך, וואָס האָט געדריקט דאָס פאָלק און באַפרייט אַלע מחות פונ׳ם דרוק.

איינער פון די מעהר־אויסגעצייכענטע צווישען די ראַדיקאַלע שריפטשטעלער פון די פערציגער יאָהרען, ראָבערט פרוץ (וועלכער איז דעמאָלט אַלט געווען אינגאַנצען פערצעהן יאָהר) האָט אין יאָהר 1847 פּראַכטפול געשילדערט דעם איינדרוק, וואָס די יולי רע־וואָלוציע האָט געמאַכט, מיט פאָלגענדע אויסדרוקען:

„אין פאַרלויף פון פונפצעהן יאָהר האָט זיך געדאַכט, אַז די איביג־שאַפענדע קראַפט פון דער וועלט־געשיכטע איז פאַראַליזירט. אין פאַרלויף פון פונפצעהן יאָהר האָט מען געבויט און רעמאָנטירט, גערופען קאָנגרעסען, געגרינדעט געזעלשאַפטען, צוואָרפען נעצען פון פּאָליציייאישער מאַכט איבער גאַנץ אייראָפּאַ, געשמידט קייטען, אַנגעפילט די טורמעס, אויפגעשטעלט עשאַפאָטען — אָבער דריי טעג זיינען גענוג געווען, אום אַראָפּצושליידערען די טראָהנען און מאַכען ציטערען אַלע איבעריגע. ניט אמת זיינען געווען די באַריה־מערייען פון די מאַכט־האָבער און דאָס, וואָס עס האָבען געזונגען און גערעדט זייערע לעקער־ראָמאַניסטען" 1).

די טויזענד־יעהריגע הערשאַפט פון דעם הייליגען בונד האָט אינגאַנצען געדויערט פונפצעהן יאָהר. דעריבער האָט זיך געדוכט, אַז אַ נייער פריהלינג דאַרף אויפשיינען, הן אין דעם פּאָליטישען, הן אין דעם גייסטיגען לעבען פונ׳ם דייטשען פאָלק.

---

1) ר. פרוץ: „פאָרלעזונגען איבער דער דייטשער ליטעראַטור פון דער געגענוואַרט", 270,271.

5.

באיראנ'ס איינפלוס.

די קלאסישע ליטעראטור אין דייטשלאנד איז געוועזן אין סוף פון אכצעהנטעזן און אין אנהויב פון נייצעהנטעזן יאהרהונדערט נאך איהר פארם און אינהאלט אן אנטיקע; די ראמאנטישע ליטעראטור וואס האט איהר נאכגעפאלגט איז מיט איהר אינהאלט און פארם געוועזן א ליטעראטור פון די יאהרהונדערטען. ביידע ליטעראטורען האבען זיך דערוייטערט פון דער ארומיגער ווירקליכקייט, פון דער איצטיגער צייט, פון די פאליטישע און סאציאלע פארהעלטנישען פון זייער צייט. קיין איינע פון זיי האט ניט געהאט קיין דירעקטען איינפלוס אויף את די געביטען. דאס אידעאל האט זיך ארומגעטראגען אין דעם בלויען עפיר פון גריכענלאנד, אדער אין דעם קאטוילישען הימעל פון די מיטעלע יאהרהונדערטען. איצט איז עס אינגאנצען געוועזן אויף דער ערד. פאר די אויגען פון אלע טרוימענדע און שטרעבענדע מענשען איז ערשינען דאס מאדערנע אידעאל אהן א שום מיסטישע עלעמענטען. מיט אימפעט, מיט ליידענשאפט, וואס האט גאנץ אפט פארוואנדעלט די פראזאאישע פארם אין א פובליציסטישער און די פאעזיע — אין א ריין לירישער, אדער א ריין פראגמענטארישער, האבען די געגנעריש־געשטימטע דיכטער און שריפטשטעלער אנגעהויבען ארייגשפארען אין דער ליטעראטור דאס לעבען פון דער צייט און איהר אינהאלט. נאר אזוי ווי דאס ארייגשפארען פון דעם נייעם מאטעריאל אין דער ליטעראטור איז געטאן געווארען דורך קאמף, האבען דער הומאר און די סאטירע אנגעהויבען שפילען אין דייטשלאנד נאך א גרעסערע ראלע, ווי פריהער. די געגנערשאפט צום

הערשענדען סיסטעם און די אַנפאַלען אויף איהם זיינען געווען דורכגעדרונגען מיט דעם גייסט פון דער שטורם־און־דראַנג פעריאָדע. דאָס איז געווען די מעכטיגע שטרעבונג צו פרייהייט, וואָס האָט צוערשט געצוואונגען היינע'ן און בערנע'ן דורכלעגען נייע וועגען פאַר דער דייטשער ליטעראַטור, און דערנאָך באַגייסטערט די שריפט־שטעלער, וואָס האָבען זיי נאָכגעפאָלגט און געקראָגען אַ ניט־באַשטימטען נאָמען „דאָס יונגע דייטשלאַנד".

עס איז געווען איין גרויסע ערשיינונג, וואָס איז אָפט דערמאָנט געוואָרען, נאָר איז נאָך אָפטער ניט דערמאָנט געוואָרען — די ערשיינונג פון דער פרעמד־שפּראַכיגער ליטעראַטור, וואָס, ניט קוקענדיג דערויף, וואָס זי שטאַמט פון אַ פרעמד לאַנד, האָט פונדעסטוועגען געהאַט אַ גרעסערען איינפלוס אויף דייטשלאַנד'ס גייסטיגען לעבען, ווי איהרע גייסטיגע פיהרער. מיר ריידען וועגען לאָרד באַיראָן און זיינע ווערק. זיינע קינסטלערישע שוואַכקייטען און חסרונות זיינען ערשט שפּעטער אַנטדעקט געוואָרען אין דייטשלאַנד. דער איינציגער איז געווען גוצקאָוו, וואָס האָט איהם אין יאָהר 1835 אומ'ברחמנות'דיג קריטיקירט. נאָר באַיראָן, פאַר וועמען געטע איז געווען באַגייסטערט און איהם ליעב געהאַט, צומיינסטען פאַר די טיילען פון זיינע שריפטען, וואו דער אַלטער מייסטער האָט דערשפּירט זיין אייגענעם איינפלוס; באַיראָן מיט זיין אונגעצוימטער געגנערשאַפט צום הערשענדען סיסטעם; באַיראָן מיט זיין דורשט נאָך טעטיגקייט, מיט זיין האַס צו דער קנעכטשאַפט, וואָס האָט זיך באַהאַלטען אונטער דעם צודעק פון די „באַפרייאונגס מלחמות" געגען נאַפּאָלעאָנען; באַיראָן מיט זיין בעס אויף אַלע באַשרענקענדע געזעלשאַפטס־באַשטימונגען, מיט זיין גאַנצער עמפּפינדליכקייט, מיט זיין ליידענשאַפטליכער ליעבע צו פרייהייט אין אַלע איהרע ערשיינונגען, איז איצט, נאָך זיין טוידט, באַקרוינט געוואָרען מיט'ן לאָרבער קראַנץ פון אַ פרייהייטס העלד, די פאַרקערפּערונג פון אַלץ, וואָס מען האָט פאַרשטאַנען אונטער די ווערטער — צייטיגער גייסט, און צייטיגע פּאָעזיע.

מיט הייסען ענטוזיאַזם האָט איהם בעזינגען ווילהעלם מילער, דער מחבר פון „די גריכענליעדער".

„זיעבען־און־דרייסיג טרויעריגע קאַנאָנען־קראַכען! איך פרעג,

צוליעב וועמען שיסט מען דאס? וואָס קומט דאָ פאַר? אפשר צוליעב די זיעבען־און־דרייסיג נצחונות, וואָס ער האָט געהאַט פאַר זיין פאַלען? אָדער לכבוד די זיעבען־און־דרייסיג וואונדען וואָס דער העלד טראָגט אויף זיין ברוסט? עלאַדאָ וויינט, באַקלאַגענדיג דיינע זיעבען־און־דרייסיג יאָהר. וואָס־זשע זיינען די יאָהרען, וואָס דו האָסט איבערגעלעבט? קיינער וועט זיי ניט באַוויינען. אייביג וועלען זיי לעבען אין דעם ליכטיגען, שטראַהלענדען שימער פון רוהם. די אָדלער־פליגלען פונ'ם ליעד טראָגען זיי, אויפהויבענדיג זיי העכער און העכער, רוישענדיג טראָגען זיי זיך אינ'ם רוים פון דער צייט, וועקענדיג אין די גרויסע נשמות הויכע שטרעמונגען. ניין, איך באַוויין אַנדערע יאָהרען — די יאָהרען וואָס דו האָסט ניט געלעבט; די יאָהרען, אין וועלכע דו האָסט געקענט זיין טעטיג, ווי דער קעניג און הערשער פון עלאַדאָ. וועגען דעם פאַרלוסט פון אַט די טעג, פון אַט די יאָהרען — אַט וועגען וואָס די קאַנאָנען־שאָסען דערצעהלען. וואָסערע ליעדער, וואָסער קאַמפף, וואָסערע וואונדער, וואָס פאַר נידערלאַגען עס האָט געקאָנט פאַרקומען! דער העלדישער טוידט אין דער צייט פון דער זיעגרייכער מלחמה מיט דער געשטורעמטער וויזאַנטיע, ביי דיינע פים איז גריכענלאַנד'ס קרוין, אָרום דיינע האָר איז דער קראַנץ פון פרייהייט!..״

באַיראָנ'ס שטאָלץ און זיין האַס צו פּאָליטישער אונפרייהייט לעבען ווידער אויף ביי פּלאַטענען; זיין אַריסטאָקראַטישער טאָן, זיין אויפרעגונג קעגען די אַבערגלויבענישען, זיין ליידענשאַפט צו וואַנדערונג, זיין ליעבע צו חיות און צו דער נאַטור, זיין גראַציע און זיין איראָניע לעבט ווידער אויף ביים פרינץ פּיוקלער. דער גרויסער איינפלוס פון באַיראָן אויף די געשטאַלטונג פון היינע'ס פּאָעטיש אידעאַל דאַרף ניט קיינע באַווייזען, אַזוי שטאַרק ערשטוינט עס יעדען איינעם. וואָס איז באַקאַנט מיט דער ענטוויקלונג פון דער נייער ליטעראַטור אין אייראָפּאַ. אָבער עס איז זעהר אינטערעסאַנט און באַלערענד צו בעאָבאַכטען ווי עס האָט זיך באַצויגען צו באַיראָנען דער ערשטער שריפטשטעלער, וואָס האָט געלעבט אויך פאַר דער נייער ריכטונג אין דער דייטשער ליטעראַטור, ווי אַזוי בערנע, וואָס איז מיט זיין נאַטור אַ פאָלשטענדי־

גער קאָנטראַסט צום ענגלישען דיכטער, האָט זיך צו איהם באַצויגען. עס איז געווען צו ערוואַרטען, אַז בערנע'ן וועלען ניט געפעלען די לייכטזיניגע און קאָקעטע שטריכען פון באַיראָנ'ס געניאַליטעט, ווי עס זיינען איהם ניט געפעלען געוואָרען די זעלבע שטריכען ביי היינע'ן. נאָר לייענט, ווי אַזוי ער דריקט זיך אויס וועגען איהם, נאָכדעם ווי ער האָט איבערגעלייענט מור'ס „די ביאָגראַפיע פון באַיראָן". ער רופט אָן דאָס בוך (בריעף פון פּאַריז, נומער 44): וויין פאַר'ן אָרימען דייטשען רייזענדער, וואָס איז פאַרפרוירען געוואָרען אויף זיין לעבנס-וועג. ער האַלט דערביי ער זאָל קראַנק ווערען פון קנאה פאַר דעם לעבען, וואָס איז אויסגע-פאַלען אויף באַיראָנ'ס מזל.

„גלייך ווי אַ קאָמעט, וואָס אונטערוואַרפט זיך ניט דער בור-זשואַזער אָרדנונג פון די שטערען, אַזוי האָט באַיראָן זיך דורכ-געטראָגען דורך דער וועלט פריי און שטאָלץ. ער איז געקומען אָהן פּאַראויסזאָגונגען, אַוועק ניט געזעגענענדיג זיך, און האָט בעסער פאַרגעצויגען די איינזאַמקייט, איידער צו טראָגען די קנעכטישע קייטען פון דער פריינדשאַפט. ער האָט זיך קיינמאָל ניט צוגע-רירט צו דער האַרטער ערד; צווישען שטורעמס און שיף-אונ-טערגאַנג האָט ער זיך מוטיג געוואָרפען פאַראויס, און דער טוידט איז געווען דער ערשטער האַפען, צו וועלכען ער איז צוגעשוואו-מען. ווי אָפט האָבען די כוואַליעס איהם געוואָרפען פון איין זייט אויף דער צווייטער, אָבער וואָס פאַר וואונדערבאַרע אינזלען האָט ער ענטדעקט!... ער האָט געהאַט אַ קעניגליכע נאַטור... וואָרים אַ קעניג איז דער, וואָס לעבט ווי עס ווילט זיך איהם. איך קען ניט ניט-לאַכען, ווען מען זאָגט, אַז באַיראָן האָט געלעבט עט-ליכע און דרייסיג יאָהר: טויזענד יאָהר האָט ער געלעבט! ווי לעבערליך עס איז, ווען זיי האָבען אויף איהם רחמנות דערפאַר וואָס ער איז געווען מעלאַנכאָליש? מעלאַנכאָליע — דאָס איז אַ פריידע פון גאָט. קען מען דען זיין פרעהליך ווען מען ליעבט? באַיראָן האָט ניט ליעב געהאַט די מענשען, דערפאַר וואָס ער האָט ליעב געהאַט די מענשהייט, דאָס לעבען, די איינינקייט... איך וואָלט אַוועקגעגעבען אַלע לעבענס-פריידען פאַר באַיראָנ'ס איין יאָהר פון טרויער."

ווי מיר זעהען, האָט זיך בערנע ניט נאָר באַצויגען מיט אַ גרויסען ערנסט צו באַיראָנ'ס אייגענטימליכקייטען, נאָר ער זעהט אין באַיראָן אַפילו ניט יענעם בעל־תאוה, וואָס האָט אַזוי שטאַרק אָפּגעשטויסען געטע'ן פון איהם. נאָר וואָס עס איז נאָך מעהר ערשטוינענד: בערנע געפינט אין זיין אייגענעם כאַראַקטער אַן עהנליכקייט צו באַיראָנ'ען. ער שרייבט:

„איהר וועט אפשר פאַרוואונדערט מיך פרעגען, ווי אַזוי קען איך, אַ נישטיגער מענש, האָבען די העזה זיך שטעלען אין איין רייה מיט באַיראָנען? ווענען דעם דאַרף איך אייך עפּעס דער־צעהלען, וואָס אייך איז דאָס אומבעקאַנט. ווען באַיראָנ'ס געני־אַליטעט, אין דער צייט ווען זי האָט געוואַנדעלט אין הימעל־רוים, האָט זיך אַראָפּגעלאָזט אויף דער ערד, אום אויף איהר צו נעכטיגען, איז זי קודם כל געקומען צו מיר. נאָר מיין הויז איז איהר ניט געפעלען געוואָרען, איז זי גיך אוועק און זיך באַזעצט אין האָטעל „באַיראָן". לאַנגע יאָהרען האָט די עראינערונג ווענען דעם מיך געפּייניגט; לאַנג האָב איך געליטען דערפון, וואָס איך בין גע־בליבען אַזוי קליין, נישטיג, גאָר ניט דערגרייכענד. נאָר איצט איז אַלץ פאַראיבער; איך האָב אַן דעם פאַרגעסען און לעב, שלום־מאַכענדיג מיט מיין אָרימקייט. נאָר מיין אונגליק איז דאָס, וואָס איך בין געבאָרען געוואָרען אין מיטעל־קלאַס, צו וועלכען איך פּאַס אינגאַנצען ניט".

אַזעלכע ווערטער זיינען דער קלאָרסטער באַווייז פון דעם צויבער, וואָס באַיראָנ'ס שאָטען וואַרפט נאָך ביז איצט אויף די מוחות פון די ליטעראַטור־פיהרער.

6.

די באדייטונג פון דער נייער ליטעראטור.

אט אונטער וועלכע אומשטענדען און ווירקונגען עס איז אין דייטשלאנד באשאפען געווארען די אפאזיציאנס־ליטעראטור צווישען 1820 און 1848. באטראכטענדיג אזא אומגעהויער גרויסע גרופע פון ליטעראַרישע ווערק, ווע‏לען מיר זיך באמיהען ראשית־כל מיט דער הילף פון דער גרויסער צאהל דאקומענטען, ענטפערען אויף דער פראגע: ווי אזוי האבען די איינוואוינער פון יענע לענדער געדענקט און געפיהלט, אין וואסערע פארבען איז זייער קולטור געווען איינגעהילט, אין וואסערע פארמען האבען זיך אויסגעגאסען זייערע פארלאנגען און האפנונגען, זייער ליעבע צו דער מענשהייט און פרייהייט, זייער גערעכטיגקייטס־געפיהל, זייערע רעגירונגס־אויפפאסונגען, און צו לעצט, וואסער געשמאק האבען זיי געהאט: ווי אזוי האט געדארפט שרייבען דער, וואס האט געוואלט האבען מעהר לעזער און אויפוועקען אין זיי א לעבעדיגען אינטערעס? מיט דער לייזונג פון אט די פראגען וואלטען מיר געקענט שטילען אונזער היסטארישע וויסענס־גיעריגקייט.

דערנאך קומט ניט־ווילענדיג ארויף די פראגע וועגען דעם ווערט פון דער ליטעראטור. בנוגע צו פילאסאפישע ווערק, הייסט דאס, די פראגע: וואס שטעלט מיט זיך פאר דער פון זיי פראקלאמירטער אמת? אויב מיר זאלען אויף זיי קוקען — ווי עס טרעפט אפט — ווי אויף א פאנטאזיע־פראדוקט, פארוואנדעלט זיך די פראגע אין א פראגע וועגען דער ברייטקייט און פרוכטבארקייט פון די היפאטעזען וואס זיי זאגען ארויס. ביי פאעטישע, און טיילווייז אויך די צו זיי ערהנליכע היסטאריש־שילדערענדע שריפ־

טען, נעמט אַז די פראַגע וועגען זייער ווערט אַ כאַראַקטער פון אַ פראַגע וועגען זייער שעהנקייט, דערפאַר וואָס אונטער שעהנקייט פאַרשטעהען מיר דעם קינסטלערישען ווערט פון דעם ווערק.

פון דער גרויסער צאָהל שרייבער פון אַ באַשטימטער צייט, פאַרבלייבען אין פאַרלויף פון אַ פּאָר דורות, נאָר עטליכע, וועמעס ווערק מען לייענט נאָך. פון דער אומגעהויערער צאָהל ווערק, זיי־נען נאָר דאָ אייניציגע וואָס דאָס פובליקום אינטערעסירט זיך נאָך מיט זיי. פון דער גאַנצער צאָהל שרייבער פון דער דערמאָנטער עפּאָכע זיינען אייניגע גאַנץ גוט באַקאַנט אין אויסלאַנד. אין דייטשלאַנד ווערען זיי, פאַרשטעהט זיך, מעהר געלייענט. נאָר דאָך אין פראַפּאָרציע ווערען אויך נאָר ווינציגע פון די דאַמאָלסדיגע ווערק געלייענט פון גרויסע מאַסען.

די ערשטע, און אום׳ברחמנות׳דיגסטע קריטיק איבער די שרייבער איז די צייט; נאָך אַ געוויסער צאָהל יאָהרען ווערען די ווערק פון אייניגע שרייבער אינגאַנצען ניט פאַרקויפט, וועהרענד אַנדערע ערשיינען אַלע מאָל אין נייע אויסגאַבען. נאָר דאָס, וואָס איין שרייבער לייענט מען לאַנג און ער איז שטאַרק פאַרשפרייט, דיענט נאָך ניט אַלס אומבעדינגטער באַווייז פאַר׳ן גרויסען ווערט פון זיינע ווערק. זיין פּאָפּולאַריטעט באַשטעטיגט נאָך ניט, אַז ער געהערט צו די בעסטע שרייבער, דאָס צייגט נאָר, אַז יענע ווערק זיינען צוגענגליך און אונטערהאַלטענד. די הויכע שטופע פון קולטור און גייסטיגער אַריסטאָקראַטיע קענען אַמאָל שטערען דער פאַרשפרייטונג פון ווערק, כאָטש אַט די מעלות גאַראַנטירען די גרויסקייט פון די ווערק.

פון אַלע דייטשע דענקער פון יענער צייט ווערען אין אויס־לאַנד געלייענט: פייערבאַך — זעהר ווינציג, שאָפּענהויער — זעהר פיעל; נאָר דער לעצטער האָט אָנגעהויבען באַאיינפלוסען דעם מענשענ׳ס געדאַנק ערשט די לעצטע צייט. ביידע שריפטשטעלער ווערען געלייענט ניט אַזוי צוליעב דעם אינהאַלט, ווי צוליעב זייער אָריגינאַליטעט, אַ דאַנק דער געוואַגטקייט פון זייער סטיל. פון די דיכטער ווערט אין אויסלאַנד פיעל און שטענדיג נאָר היינע געלייענט. אין דייטשלאַנד קריטיקירט מען איהם, מען קוקט אויף איהם ווי אויף שטעכיגע פלאַנצונגען אין ווייז־גאָרטען פון דער ליי־

טעראַטור; די היסטאָריקער בריהען זיך ביי איהם אָפּ די פינגער און פערשעלטען איהם. אין דער ליטעראַטור־היסטאָריע און אין צייטונגס־אַרטיקלען רופט מען אַן זיין פּראָזע אַן אַלטע, און זיין דיכטונג — געקינצעלט. נאָר ניט קוקענדיג דערויף, ווערען זיינע שריפטען איצט אַרויסגעגעבען אין נייע אויסגאַבען. אין דייטשלאַנד, ווי אויסער איהר, ווערען זיינע לידער אַזוי געזונגען ווי געלייענט. די צאָהל פון די מוזיקאַלישע קאָמפּאָזיציעס אויף זיינע ווערק דערגרייכט ביז 3,000. און אין יאָהר 1887 האָט די צאָהל פון די קאָמפּאָזיציעס נאָר צום זינגען (פּראָזירטע דועטען, קוואַרטעטען און מענערשע כאָרען) דערגרייכט 2,500. נאָך דער רעכנונג, וואָס הופער האָט געמאַכט איז פאַר דעם ליעד „דו ביזט ווי אַ בלום“ 160 מאָל פאַרפאַסט געוואָרן מוזיק. „איך האָב אין טרוים געוויינט“, און „לייזע ציהט דורך מיין געמיהט“ — 83 מאָל. „איין פיכטענבוים שטעהט איינזאַם“ — 76 מאָל. „איך ווייס ניכט וואָס זאָל עס באַדייטען“ — 37 מאָל. צווישען די מוזיקאַלישע ווערק באַגעגענט מען די בעסטע ליעדער פון שובערטען, מענדעלסאָן, שומאַן, בראַמסאָן, ראָבערט פראַנצען און רובינשטיין; דער דיכטער אַליין האָט נאָר געהערט עטליכע פון זיי. אויף קיינעם פון די ליריקער האָט מען אַזוי אָפט ניט פאַרפאַסט קיין מעלאָדיעס ווי אויף היינע׳ן. נאָך איהם, מיט 3,000 קאָמפּאָזיציעס, קומט געטע מיט 1,700; אַנדערע דיכטער שטעהען זעהר אָפּ פון זיי.

אויסער דייטשלאַנד בלייבט היינע׳ס רוהם ניט נאָר אונגעשטערט נאָר וואַקסט נאָך און פאַרשפּרייט זיך. אין פראַנקרייך פאַרנעהמט ער ניט קיין קלענערען פּלאַץ ווי אַ מאָדערנער פראַנצויזישער דיכטער. דאָס איז דער איינציגער פון די אויסלענדישע דיכטער צו וועמען פראַנקרייך באַציהט זיך ווי צו אַן אייגענעם, ווי צו איינעם פון איהרע גרעסטע... קיין איינער פון די פרעמדשפּראַכיגע דיכטער ווערט ניט אַזוי אָפט דערמאָנט אין דאַמאָלסדיגע פראַנצויזישע ביכער ווי היינע, און וועגען קיינעם רופט מען זיך ניט אָפּ מיט קיין גרעסערער בעגייסטערונג. אפילו שעלי און פּאָ דערגרייכען אין דער הינזיכט ניט אַזאַ שטופע. רײדענדיג וועגען היינע׳ן הריקט זיך עדמאָנד דע־גאָנקור אויס אין פאָלגענדע שטאַרקע ווערטער: אַלע פראַנצויזישע דיכטער פון דער צייט דערמאָנען

איהם, אין פאַרגלייך מיט היינע׳ן, און וואַיאַזשאַרן; טעאָפיל גאָטיע פלעגט זאָגען, אז די פיליסטער האָבען געדאַרפט אָנטראָגען ציגעל אום אויפצושטעלען אַ פּיראַמיד אויף היינע׳ס קבר.

אפט שטעלען זיך גרויסע געזעלשאַפטען אַ פראַגע: ווי אַזוי קען מען צונויפשטעלען אַ ביבליאָטעק פון הונדערט ביכער פון דער אַלוועלטליכער ליטעראַטור? ענטפערים ווערען, פאַרשטעהט זיך, גע־געבען פאַרשיידענע. נאָר אין אַלע ראָמאַנישע און סלאַווישע לענ־דער שטעהט היינע׳ס נאָמען אין ערשטען צעטעל. אין ענגלאַנד ווערען איינגעפיהרט אָפט 90 ענגלישע ביכער און 10 פרעמדע: צוויי־שען די לעצטע וועט איהר זיכער געפינען היינע׳ס ווערק. די אי־בערצייגונג, אז מען קען געפינען הונדערט ביכער, וואָס וועלען מיט אינטערעס פון יעדען איינעם געלייענט ווערען, איז באַשאַפען גע־וואָרען פון דעם פּראָטעסטאַנטישען באַגריף, אַז עס איז פאַראַן נאָר 1 בוך, וואָס איז אין דערזעלבער מאָס פאַר יעדען אינטערעסאַנט. פאַרשטעהט זיך, אַז אַזאַ באַגריף איז קינדיש; די פראַגע איז אינטערעסאַנט נאָר אויף אַזוי פיעל, אויף וויפיעל עס ווייזט, וואָסער אונפערזעהנליך אידעאַל פון בילדונג און ענטוויקלונג עס טראָגט זיך אַרום אין די מוחות פון די פראַגע־שטעלערס און פון די, וועל־כע זיינען אַזוי נאַאיוו צו ענטפערען אויף דער פראַגע. נאָר דאָך איז דאָס וויכטיג צו זעהן ווי אין אַלע ענטפערס, אין איינינגע באַ־שטימטע פאַלען, האָט פיגורירט היינע׳ס נאָמען. ניט קיין קליינע פאַרוואונדערונג האָט אין דייטשלאַנד אַרויסגערופען דער פאַקט, וואָס ווען אין יאָהר 1880 זיינען די ענגלישע ביכער־ליסטען פאַר־עפענטליכט געוואָרען, האָט מען היינע׳ס נאָמען באַגעגענט אָפטער פון די איבעריגע דייטשע דיכטער; עס איז למשל געווען אַ צעטעל אָהן געטע׳ס נאָמען.

אָט דער וועלט־רוהם איז ניט נאָר אַ דאַנק היינע׳ס מעלות. נאָר אויך דאָס וואָס פיעלע טיילען פון זיינע שריפטען פאָדערען ניט קיין צו גרויסע קולטור, אום זיי צו פאַרשטעהן, און אום צו פאַר־שאַפען זיך פאַרגעניגען לייענענדיג זיי, דאַרף מען ניט פאַרמאָגען קיין גייסטיגען אַריסטאָקראַטיזם. דאָך באַזירט היינע׳ס רוהם הויפּטזעכליך דערויף, וואָס זיין דיכטערישער טאַלאַנט איז בלי ספק איינער פון די גרעסטע טאַלאַנטען פון זיין צייט.

די בעדייטונג פון א ליטעראריש ווערק ווייזט זיך ארויס דערפון, וואס עס קען קריגען א גרויסע צאהל לעזער אויסערהאלב זיין אייגען לאנד, נאר אויב אט די מעלות זיינען נאך ניט גענוג צו באשטימען דעם ווערט פונ'ם ווערק בלייבט נאך אלץ די פראגע: מיט וואס־זשע? מיט דער אויפריכטיגקייט און קראפט פון דעם גייסטיגען לעבען און גייסטיגער בעוועגונג, וואס דאס ווערק דריקט אויס אין זיך, און מיט דער פעהיגקייט פונ'ם ווערק ארויסצורופען ביי די לעזער דעמזעלבען גייסט. יעדע קונסט איז דער אויסדרוק פון גייסטיגער באוועגונג און זיין ציעל איז ארויסצורופען א גייס־טיגע באוועגונג. וואס טיעפער דאס אויסקריצען אויף א קאסט־בארען שטיין, אלץ שארפער, אלץ קלארער מאלען זיך אפ די קאנ־טורען און די פיגורען אויפ'ן וואקס. וואס טיעפער דער איינדרוק אין קינסטלער'ס נשמה, אלץ קלארער, אלץ באדייטענדער וועט זיין אויך דער קונסט־איינדרוק. דעם קינסטלער'ס אויפרעגונגען אונטערשיידען זיך פון די אויפרעגונגען פון אונזערע מענשען דער־מיט, וואס זיי לאזען איבער אינ'ם קינסטלער'ס נשמה אזעלכע בולט'ע עראינערונגען, אז, ווערענדיג פארמירט, מאכען זיי א שטאר־קען איינדרוק אויף די צוהערער און לעזער.

דער פועל־יוצא איז, אז די פראגען מיט וועלכע מיר ווענדען זיך צו א ווערק, וואס מיר אנאליזירען, זיינען פאלגענדע: ווי ווייט־זעהענד איז דער מחבר? ווי טיעף האט ער געקענט אריינ־דרינגען אין דעם לעבען פון זיין געזעלשאפט? אויף ווי ווייט אריגינעל האט ער געפיהלט די פרייד, ליידען, טרויער, ליעבע, ענ־טוזיאזם אדער האס צו מענשען? מיר זאגען: אט דער שרעק אדער אט דער האס האט פאר איהם אויפגעדעקט נארישקייט אדער אונגערעכטיגקייט. אזוי בייסענד אזוי שארפזיניג האט ער זיך נוקם געווען פאר זיך אדער פאר אונז אן דער מענשהייט, וואס איז ווערט פאראכטעט צו ווערען פאר איהר נארישקייט. ביי גרוי־סע שרייבער דערפיהלען מיר דעם איינדרוק פון ערהאבענקייט אדער פון גרויסקייט, פון ליעבע צום אמת אדער ליעבע צו שעהנקייט; ביי מיטעלמעסיגע שרייבער דערפיהלען מיר דעם מאנגעל אין גע־דאנקען, אין געפיהל־טיעפקייט, אין חוש פאר שעהנקייט אדער כא־ראקטער־קראפט.

די נייע ליטעראַרישע גרופּע האָט ניט קיין דיכטערישע ערשט־קלאַסיגע טאַלאַנטען אויסער איינעם, וואָס פאַרנעהמט אַ גרויסען פּלאַץ אין דער ליטעראַטור — היינע. פיעל פּאָזיטיוועס און גרויסעס האָט די גרופּע ניט געשאַפען. איהר ווירקונג איז מעהר געווען אַ נעגאַטיווע: זי האָט באַפרייט די מוחות, זי האָט אומעטום גערייניגט און דעזינפעצירט די לופט. זי איז שטאַרק דורך איהר צווייפעל, פאַראַכטונג צו קנעכטשאַפט, דורך איהר אינדיווידואַליזם.

נאָך קיינמאָל איז איהר באַדייטונג אין דייטשלאַנד, און צו־מיינסטען אין איהר צפון־טייל, ניט געווען אַזוי שוואַך ווי אין דער איצטיגער צייט. די שרייבער, וואָס האָבען אין יאָהר 1830 געקעמפט קעגען אַלע פאָרמען פון געוואַלט, וואָס האָט אין יענער צייט אומעטום געדריקט דעם געדאַנק, וואו נאָר די דייטשע שפּראַך האָט זיך געהערט, זיינען איצט זעהר אונפּאָפּולער, און דאָס וועט לאַנג הפּנים אַנהאַלטען. דאָס איז פאַרשטענדליך. די איצטיגע דייטשע יוגענד, האָבענדיג אונטער זיך די פאַראייניגונג פון דער מלוכה — די איינינגקייט, וואָס איז אין דער צייט, וואָס מיר שטודירען דאָ, נאָר געווען אַ האָפנונגס־טרוים — און זעהענדיג ווי די פאַראייניגטע דייטשלאַנד האָט ענטוויקעלט איהר מאַכט און האָט זי דעמאָנסט־רירט אין אַ גאַנצער רייהע פון נצחונות, — אינטערעסירט זיך ווינ־ציג מיט די אַלטע טרוימען וועגען דעם, ווי אַזוי די איינינגקייט דאַרף ווערען פאַרווירקליכט; עס זיינען איהר נמאס געוואָרען, ביי די שרייבער פון די דרייסיגער יאָהרען, זייער שטענדיגער חוזק־מאַכען איבער דער אַפּאַטיע און גלייכגילטיגקייט, איבער דער דייטשער אונטעטיגקייט, זייער פעדאַנטיזם און די ליידענשאַפט צו שאַרפזין. וואָרים דייטשלאַנד האָט באַוויזען ווי פּראַקטיש און ענערגיש זי קען זיין, ווען די אומשטענדען פאָדערען עס.

מען האָט אינגאַנצען פאַרנאַכלעסיגט אין דער צייט פון דער פראַנצויזיש־דייטשער מלחמה די שריפטשטעלער, וואָס האָבען מיט אַ האַלבען יאָהר־הונדערט צוריק געלויבט פראַנקרייך אויף דייטש־לאַנד'ס חשבון, אָדער זיי האָבען באַהויפּטעט, אַז די פרייהייט וועט ברענגען דייטשלאַנד יענע גליקען, וואָס ביסמאַרק האָט איהר גע־געבען. מען האָט אויף זיי געקוקט ווי אויף שלעכטע פּאַטריאָטען און אונפעהיגע פּאָליטיקער. נאָר אַ קליינע מינאָריטעט האָט פאַר־

שטאַנען ווי שטאַרק די ענטריסטונג און אָפּשפּעטונג פון דעם דאָ־מאַלסט־עקזיסטירענדען סיסטעם האָבען מיטגעהאָלפען דער באַנייאונג און דער דערהויבונג פונ׳ם פאָלקס־גייסט אין די זיבעציגער יאָהרען. נאָך קלענער איז די צאָהל פון די מענשען, וואָס קענען אין דער ליטעראַטור פון די דרייסיגער און פערציגער יאָהרען זעהן אַ לעבעדיגען פאָרוואורף פאַר׳ן פאַרראַט צו אידעאַלען, און וועלכע, בלעטערענדיג די אַלטע ווערק פרעגען טרויריג: וואָס איז געוואָרען ביים נייעם סיסטעם מיט די בעסטע אידעאַלען, פאַר וועלכע דער פריהעריגער דור האָט געקעמפט?

7.

בערנע.

פון אַלע שריפטשטעלער, וואָס האָבען דאַמאַלסט פאַרנומען דעם ערשטען פּלאַץ, איז קיינער ניט אַזוי שטאַרק פאַרגעסען גע־וואָרען ווי בערנע. די אַלע טעמען וואָס זיינען פון איהם באַהאַנ־דעלט געוואָרען, זיינען שוין פאַרעלטערט, און קיינער לייענט שוין נישט זיין קורצע פּראָזאַ אין דער פאָרם פון צייטונגס־אַרטיקלען אָדער בריעף, אויסער די, וואָס זיינען פאַראינטערעסירט אין דער פּערזענליכקייט פון דעם שרייבער, ווע‍ָלענדיג זיין באַקאַנט מיט דעם סטיל אָדער גייסט וואָס דער געגענשטאַנד האָט אָנגעריהרט. ערשט אין זיינע שפּעטערע יאָהרען האָט ער זיך געמאַכט אַ נאָמען מיט זיינע ב ר י ע ף   פ ו ן   פּ אַ ר י ז. אָבער מיט דער אַבסט־ראַקטער שנאה צו דעם פּרינצען־קלאַס און דעם רעפּובליקאַנישען גלויבען, וואָס האָט זיך אויסגעדריקט אין יענע בריעף, איז ער גע־ווען אינגאַנצען אויסער'ן פּלאַץ אין דער דאַמאָלס יונגער אימפּעריע. קיין פּערזענליכקייט האָט זיך ווייניגער אַריינגעפּאַסט אין יענע פאַרהעלטנישען ווי זיינע. אין דער צייט, ווען די שטאַאַטס־אידעע הויבט אָן צו ווערען אַלמעכטיג, ווען זי הויבט אָן פון אויבען דורך דעספּאָטיש־סאָציאַליסטישע מיטלען איינצושרומפּען די פּריוואַטע איניציאַטיווע, פאַרוואַנדעלט וואָס מעהר בירגער אין באַצאָהלטע באַאַמטע, און גיט די באַצאָהלטע באַאַמטע מעהר רעכט ווי די איבעריגע בירגער, און אין דערזעלבער צייט אַרבייט זי פון אונטען מיט רעוואָלוציאָנער־סאָציאַליסטישע מעטאָדען איינצוהאַלטען די אינדיווידועלע פרייהייט פון אַקציאָן, פאַרשטעהט זיך, אַז דאַמאָלס פאַרשווינדען זעלבסטשטענדיגע כאַראַקטערען, און די שאַרפע, אונ־

אָפּהענגיגע אינדיווידואַליטעט ווערט אונגעזעצליך — אַ זאַך, וואָס קיינער קען ניט אָננעהמען פאַר אַ מוסטער פון קולטור. בערנע איז געווען אַקוראַט אַזאַ שאַרף־קאַנטיגע פערזענליכקייט און אַן אמת זעלבסטשטענדיגער כאַראַקטער.

רעדענדיג בדרך כלל, איז אינ'ם דייטשען מיטעל־קלאַס פון היינט, די איינציגע אויפגאַבע — דאָס אויפבויען, דאָס ערוואַרבענע צו באַפעסטיגען אָדער צו באַאַרבייטען, צו באַטראַכטען. דאָס אַליין איז שוין גענוג אום אויפצושרעקען דעם געטער־ברעכער בערנע. דאָס פייער וואָס האָט געוואַרעמט זיין צייט איז פאַר דער איצטיגער גענעראַציע דאָסזעלבע וואָס אַ דאָן קיכאָט ווען ער שטרעקט זיין שפּיז קעגען די ווינד־מילען. און דאָך האָט ער זיינס בייגעטראָגען צו דער אייזערנער אַרכיטעקטור פון דעם נייעם צייט־אַלטער פון דייטשלאַנד. ביים איצטיגען דור האָט איהם אפשר קיין זאַך נישט מעהר געשאַדט ווי זיין אָנפאַלען אויף ג ע ט ע'ן. געטע אַלס שאַפענדער און דענקענדער גייסט איז אַזוי גרויס אין זיין נאַטור און זיין פערזענליכקייט אַזוי אייגענטימליך, אַז יעדער, וואָס אורטיילט איבער איהם, גיט דערמיט אַליין אַ ווערטפולען בייטראַג צו זיין אייגענער כאַראַקטעריסטיק. און כאָטש אין יענער צייט זיינען געווען פיעל שריפטשטעלער, נישט נאָר פון דער קלעריקאַלער פאַרטיי, נאָר אויך פון דער אָפּאָזיציע, וואָס זיינען שטאַרק אָנגעפאַלען אויף געטע'ן, האָט אָבער קיינער ניט געוואָגט מיט אַזוי פיעל שמאָלקייט אָנצופאַלען אויף דעם אַלטען מאַן פון ווייִמאַר, ווי בערנע, מיט זיין פּראָטעסטירען קעגען דעם אַלגעמיינעם גלויבען אין געטע'ס גרויסקייט אַלס מענש און אַלס דיכטער. כדי אָבער צו פאַרשטעהן ווי עס קומט און וואָס עס באַדייט, אַז אַ רעוואָלוציאָנער־פּאָליטישער מאָראַליסט ווי בערנע זאָל זיך אַרומטראָגען מיט אַזאַ שאַרפען האַס קעגען דעם גרעסטען געניוס פון דער דייטשער ליטעראַטור, איז נויטיג אַז מיר זאָלען וויסען, אַז פון געבורט אָן איז בערנע'ס שיקזאַל געווען אין אַ פּאָזיציע פון אַנטאַגאָניזם צו דעם גרויסען מענשען. דאָס האָט איהם געפיהרט צו אורטיילען געטע'ן מיט אַ פרעמדער און פאַלשער מאָס. געטע און בערנע זיינען ביידע געבוירען אין דערזעלבער שטאָדט, אין פראַנקפורט אַם מיין, געטע מיט 37 יאָהר פריהער.

פראַנקפורט איז געווען אַ אַלטע באַפעסטיגטע רייכסשטאָדט. אין אַלטע צייטען האָבען די טויערען און טורעמס באַצייכענט די גרעניצען פון דער שטאָדט, און אַז אויסוויינינגסטער צירקעל פון טויערען, טורעמס, מויערען, בריקען און גריבער האָבען אַרומגענומען די נייע שטאָדט. עס איז געווען אַ פעסטונג, אינווייניג — קליינע פעסטונגען ווי קלויסטער געביידעס און שלאָסאַרטיגע הויפען, וואָס האָבען אויסגעקוקט ווי באַפעסטיגטע פּלעצער. עס איז געווען אַ פּאַטריציער רעפּובליק, אין וועלכער אַ פרעמדער איז געווען פאַלשטענדיג רעכטלאָז. וועה איז געווען צו דעם, וואָס האָט געהאַט אַ קריעג מיט אַ פראַנקפורטער בירגער און געוואָלט קריגען גערעכטיגקייט אין אַ פראַנקפורטער געריכט — כאָטש עס איז געווען אַזוי קלאָר ווי די זון, אַז דאָס רעכט איז געווען אויף זיין זייט! די הערשענדע פאַמיליעס האָבען פאַרמירט אַן אויסשליסליכע קאַסטע, האַלטענדיג זיך נאָהענט איינער צום צווייטען. אַזוי אַרום איז געווען אוממעגליך צו ריהרען זייערע אַלטע פּאָליטישע אָדער סאָציאַלע איינריכטונגען. קיינער האָט נישט געחלום'ט צו ענדערען אַפּילו דאָס געוועהנליכסטע. די אויטאָריטעטען האָבען נישט געהאַט קיין שום אונטערנעמונגס גייסט, און די איינוואוינער האָבען נישט געהאַלטען פאַר מעגליך וועלכע עס איז ענדערונג, פון וועלכער עס איז פּאָליטישער צוגעהעריגקייט צום איבריגען דייטשלאַנד האָט קיינער נישט געטראַכט. אין אַלטען דייטשלאַנד איז יעדע שטאָדט, יעדער קוואַרטאַל געווען אַ קליינע וועלט פאַר זיך. געטע איז געווען אַ יונגער פּאַטריציער. זיין פאָטער איז געווען קייזערליכער ראָט. אַזוי שנעל ווי דער יונגער מאַן האָט זיך גרינדליך באַקאַנט מיט דער שטאָדט, האָט ער קיין אַנדער זאַך נישט ערוואַרט פון דעם שיקזאַל, ווי אַבירגערליך גליק אין פראַנקפורט. די שטאָדט האָט איהם געהאַלטען געפאַנגען: די בעסטע פאַמיליעס זיינען איהם געווען נאָהענט, די פרויען האָבען ליעב געהאַט דעם שעהנעם און טאַלאַנטפולען יונגען מאַן — די טראַדיציע האָט איהם געבונדען.

עס איז גאָר נישט געווען, וואָס זאָל איהם ציהען צו די גרויסע שטעדט. וויען אָדער בערלין זיינען געווען אַזוי ווייט פון פראַנקפורט, ווי היינט רוים אָדער סט. פּעטערסבורג. עס האָט אויסגע-

זעהן ווי ווען דער שיקזאַל וואָלט איהם באַשטימט צו זיין צוערשט אַדוואָקאַט, שפּעטער פאַמיליען־מאַן, בעאַמטער, הויזבאַזיצער און די ליטעראַרישע באַריהמטהייט פון זיין פאַפּטערשטאַדט. (הער־מאַן גרים: געטע).

אויך בערנע איז געבוירען אין פראַנקפורט, אָבער אין אידי־שען קוואַרטאַל. אין זיין צייט איז געווען אַן אומגליק געבוירען צו ווערען אַ איד אין דייטשלאַנד. ווייל די אידען דאָרט, ווי אומעטום, האָבען נישט געהאַט קיין שום בירגערליכע רעכט. אָבער אַ באַזונדער אומגליק איז געווען געבוירען צו ווערען אַ איד אין פראַנקפורט־אַם־מיין. אין די איבריגע גרויסע שטעדט איז די פּאָליטישע אויסשליסונג ביז אין אַ געוויסען גראַד נישט געווען אַזוי בולט, צוליעב דער געזעלשאַפטליכער שטעלונג, וואָס די אידען האָבען פאַרנומען. אין בערלין און אין וויען זיינען פיעל אידישע הייזער געווען דער צענטער פון ליבעראַל־קולטורעלע און גייסט־רייכע צוזאַמענקונפטען. אידישע געניעס, ווי רחל לעווין, גייסט־רייכע אידישע פרויען, ווי הענריעטע הערץ, באַראָנין גראַנטהוים, באַראָנין ארנשטיין, די פרוי פון פּרינץ פון רייס און פיעלע אַנ־דערע זיינען באַלד געוואָרען די טאָן־געבערינס פון פּרייסענס און עסטרייכס הויפּט־שטעדט. אָבער אין פראַנקפורט זיינען די גרע־ניצען צווישען די רעליגיאָנען געווען זעהר שאַרף. אַלע אידען זיינען געווען געצוואונגען צו וואוינען אין דער שמאָלער, טרויע־ריגער איבערגעפולטער אידען־גאַס, וואָס איז געווען זייער איינ־ציגער פּלאַץ זינט 1462 — גאַנצע 334 יאָהר. דער קאָנטראַסט, וועגען וועלכען מיר לייענען אין די ראָמאַנען צווישען דער אויסער־ליכער צרה'דיגקייט און אינווייניגסטער שעהנקייט פון געטאָס, האָט דאָ נישט עקזיסטירט. דאָס אינווייניגסטע פון די הייזער איז געווען אַקוראַט אַזוי טרויעריג ווי דאָס אויסווענינגסטע. אין די קליינע טונקלע צימערען האָט ניט געקענט זיין קיין רייד פון שעהנקייט אָדער געשמאַק.

מיט אַ פּאָר יאָהר צוריק האָבען מיר געהאַט די מעגליכקייט צו זעהן ווי אַזוי די איינוואוינער פון דער געטאָ האָבען געלעבט. איין זייט פון דער גאַס האָט מען אָפּגעריסען און אַן איינציגע רייהע פון אויסגעבויגענע, פוילדיגע, צוזאַמענגעדריקטע און פינ־

סמערע הייזער זיינען געבליבען שטעהן, און די קליינע גלאַנצענ־דיגע שייבלאַך האָבען זיי געגעבען אַז אויסזעהן ווי זיי זאָלען זיין איינגעשרומפּען. אַזוי שנעל ווי ס'איז טונקעל געוואָרען, זיינען אַלע איינוואוינער פון דער געטאָ געוואָרען איינגעשלאָסען. ביי־טאָג ווען זיי זיינען געגאַנגען איבער די גאַסען אָדער לעבען טורם, האָבען זיי קיינמאָל ניט געטראַכט אַרויפצוגעהן אויפ'ן טראָטואַר אָדער זייט־וועג, נאָר געמוזט געהן אין מיטען גאַס. יעדער פאַר־בייגעהער האָט באַגריסט: „מאַך מאָרעס, יוד", און דער איד האָט זיך געמוזט טיעף פאַרבויגען און אַראָבנעהמען דעם הוט. כדי זיי זאָלען זיך צופיעל נישט פאַרמעהרען, איז נאָר 14 פאַרלעך ערלויבט געווען חתונה צו האָבען יעדעס יאָהר. כאָטש די אידען זיינען שוין געווען גאַנץ רייך אין פראַנקפורט, מיט ראָטשילד אויף דער שפּיץ, איז דאָך דאָס געזעלשאַפטליכע לעבען צווישען די רעליגיאָנען געווען גאַנץ שאַרף אָפּגעטיילט, אַפילו די פריי־מויערער, וואָס האָבען פּרעטענדירט אויף „ברודערליעבע" און פאַרעהרט דאָס „העכסטע אידעאַל" האָבען אויך געהאַט באַזונדערע לאָזשען פאַר זייערע אידישע „ברידער".

אין הויז נומער 118 פון דער איצט פאַרשוואונדענער אידען־גאַס, איז דעם 6טען מאַי 1786 געבוירען געוואָרען ביי דעם אידי־שען הענדלער יעקב באַרוך דער דריטער זון, דער זעלבער, וואָס האָט זיך אין 1818, פאַר זיין שמד, געביטען דעם נאָמען יהודא ליב באַרוך אויף לודוויג בערנע. די פאַמיליע איז געווען זעהר פּראָ־מינענט. בערנע'ס זיידע איז געווען זעהר רייך און אַ גרויסער בעל צדקה. ער האָט געלאָזט אויפבויען אַ שול מיט אַלע אינוויי־ניגסטע זאַכען און זי אָוועקגעשענקט דער קהילה. ער איז געווען דער געשעפטס אַגענט פונ'ם דייטשען אָרדען אין נענקאַרסאולם, און דורך זיינע פעהיגקייטען און עהרליכקייט איז ער טראַנספּע־רירט געוואָרען קיין מאַרגענטהיים, וואו עס איז געווען די הויפּט אָפּטיילונג פונ'ם אָרדען. דאָרט האָט ער זיך באַזעצט. פאַר דער עסטרייכישער רעגירונג האָט ער געטאָן אַזעלכע גוטע דיענסט, אַז מאַריאַ טהערעזאַ האָט מיט איהר אייגענער האַנד אונטער־געשריבען אַ דאָקומענט צוזאַגענדיג איהם און אַלע זיינע יורשים

אלערליי פריווילעגיעס, אויב זיי וועלען ווען עס איז זיך באזעצען אין דער עסטרייכישער אימפעריע.

זיין זוהן יעקב בארוך, זעהט אויס, האט גע׳ירש׳נט אלע זיינע פעהיגקייטען און קלוגשאפט, אבער ניט זיין ארטאדאקסישע פרומקייט. ער איז געווען א קלוגער געשעפטסמאן מיט דיפלא־מאטישע פעהיגקייטען. דורך זיין מענשענקענטניס, זיין קלארען פארשטאנד, זיין קיהלקייט אין אפשאצען זאכען, איז ער געווען זעהר באליעבט אין די הויפען און ביי הויכע באאמטע. אלס א ניכטערער קלוגער מענש, וועמען דאס לעבען האט פון איין זייט בעלערענט, אז אום נישט ארויסצורופען קיין האס דארף מען זיין שטיל און צוריקגעהאלטען. און פון דער אנדער זייט, אלס אן אויפגעקלערטער האט ער זיך געפיהלט צו שווער אונטער דער משא פון די אידישע צערעמאניעס, וועלכע ער פלעגט אפהיטען צוזאמען מיט זיין גאנצען הויזגעזינד צוליעב דעם אלטען פאטער. ערשט שפעטער האט ער זיך געפרופט דערפון צו באפרייען. זייענ־דיג דער זון פון א רייכען מאן, האט ער באקומען א געוויסע ביל־דונג; עס איז א סברא, אז ער האט געשטודירט אין באן צוזאמען מיט דעם פירשט מעטערניך. דער פאטער האט צוליעב פארזיכ־טיגקייט געבעטען זיין זון׳ס איינציגען לעהרער, ער זאל איהם גאר נישט מעהר לערנען ווי דעם תנ״ך און דעם תלמוד.

דער אינגעל איז געווען שטיל און צוריקגעהאלטען. זייענדיג שטענדיג צוקריגט מיט דער אלטער טיראנישער דיענסט, און אויך פון זיין פאטער, מסתם מיט די בעסטע אבזיכטען, זעהר שטרענג באהאנדעלט, האט אומעטום געמוזט ליידען וואו ער האט גע־וואלט ארויסווייזען זיין אייגענעם ווילען. דער רעזולטאט איז געווען, אז אזוי שנעל, ווי ער איז געקומען אין באריהרונג מיט דער אויסערליכער וועלט, איז זיין געפיהל געווען אינגאנצען שטומ־פיג, אבער זיין פארשטאנד שטארק ענטוויקעלט. אלסדינג האט ער געאורטיילט נאך דעם פארשטאנד; יעדע זאך איז געווען נא־ריש אדער נישט נאריש, ניט מעהר. 1)

---

1) מ. גוטצקאוו: בערנע׳ס לעבען. — מ. האלצמאן: לודוויג בערנע.

די רעליגיעזע צערעמאָניעס פונ׳ם הויז אדער פון דער שול, אַלס טויטער ריטואַל האָבען ביי איהם ארויסגערופען אַ עקעל. די רעליגיעזע אינסטרוקציעס, וואָס ער האָט באַקומען אין דער היים האָבען נישט געמאַכט קיין גרעסערען איינדרוק אויף איהם ווי דאָס באַזוכען די שול. געוויסע תפלות, ווי דאָס געבעט ווידער איינצופיהרען די קרבנות, זיינען איהם נישט געפעלען, כאָטש ער איז געווען אַ פרום איינגעל. צום שרעק פון אַלע ארום איהם, האָט ער געזאָגט: דאָס איז אַ נאַריש געבעט. דאָס וואָס ער האָט געלערענט, און אין וועלכען זיינע לעהרערס האָבען אַליין נישט געגלויבט, האָט ער אַזוי שנעל פארגעסען ווי ער האָט עס אויסגעלערענט. זייענדיג גרויס, האָט ער נישט געוואוסט קיין איינציג העברעאיש ווארט און פון קיין שום אידישען מנהג. ער האָט אפילו נישט געהאַט קיין שום ווארעם געפיהל פאַר דעם אַלטען טעסטאַמענט, וואָס האָט היינע׳ן אַזוי שטאַרק באַגייסטערט. ער, וואָס דערמאָנט אונז אַזוי שטאַרק אין די נביאים, האָט אין קיינע פון זיינע שריפטען ניש קיין אָנווייז וועגען זיי.

דאַ און דאָרטען ווייזט ער אַן אויף ביבלישע ערצעהלונגען, אָבער אינגאַנצען קאַלט, אַזוי ווי אויף באַקאַנטע אילוסטראַציעס. אָבער, ווי שטיינטהאַל באַמערקט, עס וואָלט איהם באַדאַרפט שטאַרק געפעלען אַזאַ שטעל: ווי שמואל׳ס רעפּובליקאַנישע ווארנונג קעגען די מלכים, ער אָבער ציטירט עס אַזוי ווי עזאָפּ׳ס אַ פאַבעל 1). שילער׳ס עסיי, די „שליחות פון משה“, איז געווען דער ערשטער הויך פון אַ ראַציאָנעלער רעליגיאָנס-אויפפאַסונג וואָס האָט דעם איינגעל דערגרייכט. דאָס האָט געמאַכט אַ שטאַר־קען איינדרוק אויף איהם און צוטרייסעלט זיין גלויבען. ווי נאַאיוו די אַפּהאַנדלונג זאָל זיך נישט פאַרהאַלטען צו דער ביבלישער פאַרשטעלונג, האָט עס אָבער ארויסגערופען אַ גאַנצע רע־וואָלוציע אין דעם יונגען לעזער, ווען ער האָט געזעהן די גרעסטע געשעהעניסען פון זיין פאָלק און זיין געזעצגעבער אָהן וועלכע עס איז נסים פאַרגעשטעלט און דעם פּלאַץ פון זיי האָט פאַרנומען דאָס „שיקזאַל“. עטליכע אַנעקדאָטען וועלען אילוסטרירען דאָס

1) שטיינטהאַל: לודוויג בערנע.

ערוואַכטען פונ׳ם קריטישען גייסט אין דעם אינגעל און וועלען ווייזען דעם שפּיעל פון די פאַרשיעדענע קרעפטען, וואָס האָבען געבילדעט זיין כאַראַקטער. איין מאָל, ווען ער איז געגאַנגען מיט זיין לעהרער אויסער דער געטאָ, און עס האָט זעהר שטאַרק גערעגענט און די בלאָטע איז געווען זעהר טיעף, האָט ער געזאָגט: „לאָמיר געהן אויפ׳ן זייט־וועג". „ווייסט דו נישט", האָט דער לעהרער געענטפערט, „אַז ס׳איז אונז נישט ערלויבט?" דעם אינגעלס ענטפער איז געווען: „קיינער זעהט אונז נישט". דער לעהרער האָט איהם דערמאַנט וועגען דער הייליגקייט פון געזעץ. בערנע האָט געענטפערט, „דאָס איז אַ נאַריש געזעץ". דער לעהרער האָט זיך שוין פון דאַמאָלס געהיט אַרויסצורופען אַזאַ ערביטערונג אינ׳ם קינד, אָבער עס זיינען דאָך געווען פיעל געלעגענהייטען.

קיין אידען איז נישט געווען ערלויבט בייצואוואוינען וועלכע עס איז עפענטליכע אונטערהאַלטונגען, אַפילו נישט דאָס אַרויפלאָזען פון אַ לופט־באַלאָן. ביי יעדען יום־טוב, ווען עס פלעגען קומען קעניגליכע פערזענליכקייטען, פלעגט מען די אידען איינשליסען אין געטאָ. ביי דער קרוינונג פון קייזער לודוויג דעם צווייטען האָבען אַ פּאָר חשוב׳ע אידען געוואָגט אַרויסצוקומען אין שטאָדט, האָט מען זיי באַלד אַרעסטירט און געבראַכט אויף דער וואַך. די מייסטע האָטעלען און יעדען עפענטליכען פּלאַץ איז אידען געווען פאַרבאָטען צו באַטרעטען. דאָס אַלגעמיינע געזעץ איז געווען: ווי עס איז גרינע גראָז איז קיין אידען ניט ערלויבט צו קומען. זונטאָג זיינען די טויערען פון דער אידען־גאַס פאַרשלאָסען געוואָרען זייגער 4 נאָכמיטאָג, און די וואַך האָט קיינעם נישט ערלויבט אַרויסצוקומען, אויסער די וואָס האָבען געהאַט אַ בריעף צו דער פּאָסט אָדער קויפען מעדיצין אין אַפּטייק. דער קליינער בערנע פלעגט זאָגען: „איך געה נאָר דערפאַר נישט אַרוים ווייל דער וואַכמאַן איז שטאַרקער פאַר מיר". צו אַט דעם אינגעל, וואָס האָט פריה אַרויסגעוויזען סמנים פון אַ בעל־צדקה, זיינען צוגעקומען צוויי בעטלער, איינער אַ אידישער און איינער אַ קריסטליכער. דאָס גאַנצע געלד האָט ער אָוועקגעגעבען דעם קריסטליכען בעטלער. „פאַרוואָס גיסט דו נישט בעסער איינעם

פון דיין פאָלק?" האָט איהם געפרעגט זיין לעהרער — „ווייל אין משלי שלמה שטעהט געשריבען, אז מיר זאָלען אַנזאַמלען פייערדיגע קויהלען אויף די קעפּ פון אונזערע שונאים", איז געווען דעם אינגעל'ס ענטפער. דער געוויסענהאַפטער לעהרער האָט ניט געוואָלט אָננעהמען אַזאַ תירוץ, און האָט איהם געזאָגט, אַז עס איז אַ ליגען דער כלל, אַז די קריסטען זיינען די שונאים פון די אידען. עס איז לייכט צו פאַרשטעהן, אַז אַזעלכע איינדריקען פון זיינע קינדערשע יאָהרען, האָבען איהם געמאַכט פיהלען זיין אָפּ־שטאַמונג פיעל שטאַרקער ווי אונטער געוועהנליכע אומשטענדנען. ווען ער זאָל געווען וועלען פאַרגעסען די פאַרפאָלגונגען, וואָס ער איז אויסגעשטאַנען אין דער יוגענד, האָבען אָבער שפּעטער גע־זאָרגט דערפאַר זיינע פאַרפאָלגער און אויך זיינע פאַרטיידיגער, דערמאָנענדיג איהם שטענדיג זיין אָפּשטאַמונג. איבער דעם שרייבט ער אין איינעם פון זיינע „בריעף פון פאַריז" (7 פעברואַר, 1832) : „עס איז ווי אַ וואונדער! טויזענד מאָל איז עס געשעהן. און דאָך בלייבט עס פאַר מיר אייביג ניי. איין קלאַס מענשען וואַרפען מיר פאַר, אַז איך בין אַ איד, אַן אַנדער קלאַס פאַרגיט עס מיר, אַ דריטער לויבט מיך אפילו דערפאַר אָבער אַלע דענקען דערפון. עס איז ווי זיי זאָלען אַלע זיין אַרומגענומען מיט דעם פאַר'כשופ'טען אידען־קרייז, און קיינער קען פון דאָרט נישט אַרויס. און איך ווייס אויך גאַנץ גוט פון וואַנען דער בייזער כשוף קומט. די אָרימע דייטשען! וואוינענדיג אין אונטערשטען שטאָק, צו־געדריקט מיט זיבען שטאָק פון העכערע שטאַנדען, דערלייכטערט עס זייער מורא'דיג געפיהל צו רעדען פון מענשען, וואָס וואוינען נאָך נידעריגער פון זיי, וואָס וואוינען אין קעלער. דער פאַקט, וואָס זיי זיינען ניט קיין אידען, טרייסט זיי אפילו פון דעם, וואָס זיי זיינען ניט קיין הויפראַטען".

מען קען אָבער נישט זאָגען, אַז בערנע איז געווען שטאַרק עמפּפינדליך וועגען זיין אידישער אָפּשטאַמונג. כאָטש ער האָט גאַנץ אָפט געשריבען מיט ביטערקייט קעגען דער אונטערדריקונג פון די אומגליקליכע באַוואוינער פון דער געטאָ, האָט ער אָבער נישט געקאָנט, ווי פיעלע האָבען פון איהם ערוואַרט, אַרבייטען פאַר דער באַפרייאונג פון די אידען מיט מעהר וואַרימקייט ווי

פאַר אַנדערע עהנליכע פראַגען. ער האָט עס געהאַלטען פאַר איינזייטיג און עגאָאיסטיש.

נאָך מעהר ווי אין זיין יוגענד, האָט ער שפּעטער געפיהלט אַ ווידערווילען און אַן אַנטיפּאַטיע קעגען די אידען פאַר זייער מסחור און באַנק־געשעפטען אין פראַנקפורט. פאַר איהם, דעם פּאָעט און אידעאַליסט, איז געווען שרעקליך צו הערען ווי אַ פראַנקפורטער סוחר רעדט מיט אַזאַ ליידענשאַפט און באַגייסטערונג וועגען ראָטשילד אָדער דער עסטרייכישער הלואה „ווי אַ קונסט פריינד וועגען ראַפאַעל'ס מאַלעריי". אין 1822 האָט ער געשריבען: מיין אַנטיפּאַטיע קעגען סוחרים און אידען איז געשטיגען ביז דער העכסטער מדריגה, זינט איך בין אַוועק פון פראַנקפורט און געזעהן וואָס הייסט דאָס לעבען געניסען. בערנע'ן האָט זיכער נישט געפעהלט דאָס פאַרשטענדינס אָבצושאַצען דעם נוצען און די פיינקייט פון גרויסע האַנדעלס־אונטערנעהמונגען. עטליכע יאָהר שפּעטער האָט דער האַמבורגער האַפען און בערזע אין איהם אַרויסגערופען די טיעפסטע באַוואונדערונג. אָבער די פראַנקפורטער סוחרים, און ראָטשילד צווישען זיי, מיט זייערע ספּעקולאַציעס פון רעגירונגס־פּאַפּיערען, האָבען זיך איהם אויסגעוויזען אַלס די איינציגע אורזאַך פון דייטשלאַנד'ס צעריסענקייט אַלס אַ טייל פון מעטערניכ'ס סיסטעם. זיינע שריפטען זיינען פול מיט אויסברוכען קעגען „די געהאַנדעלטע דייטשע אידען, וואָס זיינען גאַנץ אינטים מיט אַלע מיניסטאָרען און קעניגליכע מעטרעסען" און נעהמען זיך דערפאַר גאַנץ וויניג צום האַרצען פון פאָלק'ס פרייהייט. ספּעציעל ראָטשילד איז פאַר איהם דער סימבאָל פון אַלדאָס בייז: „ווען דער איד ראָטשילד זאָל זיין דער קעניג און דאָס גאַנצע מיניסטעריום זאָל באַשטעהן פון מעקלערס, וואָלט קיין נידערטרעכטיגערע רעגירונג ניט געקענט זיין... ראָטשילד וועט אָבער זיין ביז צום לעצטען טאָג פון די מלכים. וואָס פאַר אַ טאָג פון אַפּצאָהלען! וואָס פאַר אַ בראָך!" זיין ביטערקייט געהט אַזוי ווייט, אַז ווען מען האָט דעם פּאַריזער ראָטשילד פאַראורטיילט צו צוויי טעג טורמע, וויל ער האָט נישט געלאָזט נומערירען זיין קאַרעטע, רופט ער עס אָן אַ שאַנדע פאַר דער אידישע נאַציע. בערנע האָט, נאַטירליך, גאָרנישט קעגען

איהם פערזענליך אָבער ער האָט איהם פיינט געהאַט דערפאַר, וואָס ער איז געווען „דער גרויסער מעקלער ביי יעדער רעגירונגס־הלואה, געבענדיג דאָמיט די גאַנצע מאַכט צו די מלכים, זיי זאָלען קענען באַקעמפען די פרייהייט“.

זייענדיג זיכער, נאָך דער יולי־רעוואָלוציע, אַז אַ גרויסע אי־בערקעהרעניש איז גאַנץ נאָהענט, מיינט ער — דורך אגב מיט אומ־רעכט — אַז עס איז זעהר נאַריש פון די אידען צו האַלטען מיט די וואָס האָבען די מאַכט. אָבער ער איז גערעכט, ווען ער זאָגט, אַז די אידען זיינען „נאַרישער פון בהמות“ ווען זיי מיינען, אַז די רעגירונגען וועלען זיי באַשיצען ווען עס זאָל אויסברעכען אַ רעוואָלוציע. מיט אַ געזונד־פּאָליטישען בליק זעהט ער, ווי די ערפאַהרונג אין רוסלאַנד האָט עס באַשטעטיגט, אַז די רעגירונג וועט זיי איבערגעבען צו דעם צאָרן פון די פאָלקס־מאַסען כדי זיך אַליין צו באַשיצען 1).

כאָטש ער איז געבוירען אויסער דער קריסטליכער געזעל־שאַפט, קען מען אָבער זעהן, אַז קיין באַזונדער סימפּאַטיע צו די אידען האָט ער נישט געהאַט. די שטרענגע באַהאַנדלונג פון זיין יוגענד, די קאַלטע באַציהונג פון זיינע עלטערען, דאָס צוזעהן פון דעם יאָגען זיך נאָך געלד, דאָס אַלץ האָט געבראַכט דערצו, עס זאָל זיך ביי איהם ענטוויקלען אַן אונבויגזאַמער כאַראַקטער. חניפה און פרעמדער ווילען זיינען איהם געווען פרעמד. אין דער־זעלבער צייט איז זיין כאַראַקטער געווען ריין ווי שנעע, זיין שטרענגקייט האָט געברענט נאָך ליעבע צו גערעכטיגקייט און האָט זיך אויסגעדריקט באַלד אין הומאָריסטישער סאַטירע, באַלד אין אַ ברענענדיגער איראָניע. בערנע דער שריפטשטעלער איז געווען פאַר דייטשלאַנד דאָס, וואָס פּויל לאַוים קאַריער איז געווען פאַר פראַנקרייך — אַ פּאָליטישער טריביון. סאַטיריש, פרייהייטס־ליעבענדיג ווי דער פראַנצויז, מיט ווייניגער שאַרפזין אויף דעם

1) ל. בערנע׳ס געזאַמעלטע ווערקע. רעקלאַם. באַנד 3. 5. 112. 129. 167. 173. 209. 244. 259. 313.

פּאָליטישען געביט, דערפאר אבער מיט מעהר פאנטאזיע, גרע־סערען פאטאס און מיט א פיעל רייכערער נאַטור 1).

אין בערנע'ן, דעם שטאַרקען כאראקטער, איז אויך געווען א גוטע נאַטור. דער שוואַכער, שטענדיג קרענקליכער אינגעל, וואס איז אויפגעוואקסען אין א גאס אהן זון, אהן פרישע לופט, איז אין גרונד געווען א ווייכע נשמה. די גוטסקייט פון זיין נאַטור איז אפשר געוואַרען ביי איהם אנטוויקעלט אזוי פריה דורך דעם לייענען פון זשאן פויל, וועלכער האַט געהאַט דעם גרעסטען איינפלוס אויף זיין אנשויאונג און זיין סטיל. אלס שריפטשטעלער שטאַמט ער אפּ פון זשאן פויל, וועלכער איז געווען זיין גרעסטער טרייסט אין זיין יוגענד. פאַר איהם איז זשאן פויל געווען דער דיכטער פון די, וואס זיינען געבוירען אין דער נידריגקייט. ער האַט איהם ליעב געהאַט דערפאַר וואס ער האַט זיך אנגענומען פאַר די ליי־דענדע. ער האַט אין איהם געזעהן א כהן פון גערעכטיגקייט און אן אפּאָסטאָל פון רחמנות. בערנע'ס באקאַנטע רעדע אויף זשאן פויל'ס טויט, גיט אונז א באגריף ווי באגייסטערט ער איז געווען פון איהם אין זיין יוגענד. אין דערזעלבער צייט ווייזט עס ווי ער האַט געזוכט אננצונעהמען זיין סטיל. זיין טיעף געפיהל קען מען זעהן אין דער קינסטלערישער אנטיטעזים פון אָט די ווערטער: „מיר וועלען טרויערן נאָך איהם, ווען מיר האָבען פארלוירען, און נאָך די וואָס האָבען איהם ניט פארלוירען. ווייל ער האַט ניט געלעבט פאַר אלע. אבער די צייט וועט קומען ווען ער וועט געבוירען ווערען פאַר אלע און דאמאָלס וועלען אלע טרויערן נאָך איהם. ער אבער שטעהט מיט א געדולדיגען שמייכעל ביים טויער פון צוואַנציגסטען יאהרהונדערט, וואַרטענדיג ביז זיין קרי־כענדיג פאלק וועט איהם נאָכקומען. דאמאָלס וועט ער אריינ־פיהרען די מידע און די הונגעריגע אין זיין שטאָט פון ליעבע". אין פאָלגענדע שורות ליגט א זעהר קלוגע כאראקטעריסטיק: „אין לענדער צעהלט מען נאָר די שטעדט, אין שטעדט — נאָר די טורעמס, די טעמפּלען און פאלאצען; אין די הייזער — זייערע הערען; אין די פעלקער — די פּאַרטייען; אין די פאַרטייען —

---

1) בראַנדעס: די רעאקציע אין פראנקרייך. זייט 292.

זייערע פיהרערס... ער אָבער האָט דורך ענגע פּאַרוואַקסענע סטעזשקעס געזוכט דאָס פּאַרוואָרפענע דערפעל. און דאָרט פּלעגט ער אין פאָלק צעהלען די מענשען, אין שטאָדט — די דעבער, און אונטער יעדען דאַך — יעדעס הארץ". זשאַן פּויל'ס פּאָליטישע שטעלונג, קען זיין, האָט איהם אין אָנהויב אַזוי באַצויבערט. זשאַן פּויל איז גאַנץ פריה אַריינגעטראָטען אין דער דייטשער ליטעראַטור אַלס אַ יורש פון הערדער'ס קאָסמאָפּאָליטישע געפיהלען און לעהרען. הערדער האָט ליעב געהאַט די מענשען, פערדיגענדיג געגען פּאַטריאָטיזם און נאַציאָנאַלען האַס. זשאַן פּויל האָט פּראָקלאַמירט די פאַרברידערונג פון אַלע מענשען. אַלע זיינע שריפטען זיינען אָנגעהויכט מיט אַ פּאָליטישען ליבעראַליזם, זעהר עהנליך צום ליבעראַליזם פון דער דעקלאַראַציע פון מענשליכע רעכט, וועלכע האָט איהם ווי עלעקטריזירט. דורך די איראָנישע באַהאַנדלונג פון די פירשטען אין די קעניגליכע הויפען. זשאַן פּויל באַטראַכט אָפט מאָל אַלס גאַנץ נאָהענט די גאָלדענע צייט ווען עס וועט זיין אוממעגליך פאַר גאַנצע נאַציאָנען צו זינדיגען, און די מלחמה־משוגעת וועט אינגאַנצען פאַרשוואונדען. אַמאָל דענקט ער אויך, אַז עס וועט נעהמען פיעל לענגער, אָבער דער לעהרער ווי דער שילער זיינען געווען גאַנץ זיכער, אַז די שנעלקייט פון דעם, וואָס מען רופט היסטאָרישער פּראָגרעס, וועט מיט זיך מיטברענגען די פאַרברידערונג פון אַלע מענשען. אָבער נישט נאָר דאָס גרויסאַרטיגע צוקונפטס־בילד איז איהם געפעלען אין זשאַן פּויל, נאָר אין אַ גרויסער מאָס אויך זיין אידילישער און סאַטירישער טאַלאַנט. בערנע האָט פון איהם אַדאָפּטירט געוויסע נעמען פון שטעדט (קוהשנאַפּעל, פלאַקסענפינגען.) און יונגערהייט האָט ער אימיטירט זיין הומאָריסטישען סטיל. פיעלע פון זיינע פּעריאָדישע שריפטען, ווי די קאָמישע „עסקינסטלער ביים האָטעלטיש", „אַלערהעכסטע דיזעלבע, הויף־ און קאָמערציען־ראַטען", „די טורן־ און טאַקסישע פּאָסט", זיינען אין זשאַן פּויל'ס סטיל, נאָר בערנע איז מעהר רעאַל אין פאַקטען און אויך אין סביבה.

בערנע אַטאַקירט אויך, אָבלאַכענדיג דעם שטאַאַט, די קירך, די מאַנירען און אָרדנונג. ער קומט אָבער נישט צו זשאַן פּויל'ס פעהיגקייט צו זעהן זאַכען און צו זיין טיעפער קענטעניש. דער־

פֿאַר אָבער אין סטיל איז ער אָפֿט מאָל העכער פֿון זשאַן פּויל. בערנע'ן האָט געפֿעהלט דער געשמאַק פֿאַר טיעפֿערע קונסט און פֿאָרם, און דערפֿאַר איז איהם געפֿעהלען דאָס נישט־קינסטלערישע ביי זשאַן פּויל'ען. ער האָט נישט געפֿיהלט, אַז אָט דער איבערפֿלוס פֿון בילדער איז געווען צוזאַמענגעשלעפּט, און גאַנץ זעלטען איז עס אַרויסגעוואַקסען פֿון דער זאַך, וואָס ער האָט באַהאַנדעלט. די אָריענטאַלישע רייכקייט פֿון די פֿאַרגלייכונגען און די בלומענשפּראַך האָט ער אָנגענומען פֿאַר פּאָעזיע, און די שווערע משא פֿון אַריינגעשטאָפּטע זאַצען זיינען ביי איהם געווען אַ סימן פֿון נאַטירליכקייט. פֿאַר איהם איז געטע'ס פּלאַסטישע קונסט געווען קעלט, און זיין אָביעקטיווער סטיל פֿון די שפּעטערדיגע יאָהרען — אַן עקעל. ער האָט געפֿיהלט זיין אייגענעם ליידענשאַפֿטליכען א י ד אין דעם לעבעדיגען אומרוהיגען א י ד פֿון זשאַן פּויל'ס שריפֿטען.

נישט ווילענדיג האָט ער צוגעפּאַסט זשאַן פּויל'ס סטיל נאָך זיין אייגענער אינדיווידואַליטעט, אַרויסווייזענדיג זיך אין זיינע ערשטע בריעף פֿון פּאַריז, וואָס ער האָט שפּעטער געוואָלט מאָדיפֿיצירען אָדער אַנטוויקלען, אָבער קיינמאָל נישט ענדערען. אין זיין געדאַנק איז נישט געווען די ווילדקייט און צוואָרפֿענקייט ווי ביי זשאַן פּויל. ער האָט נישט געטראַכט פֿון צעהן זאַכען מיט אַמאָל, פֿאַרפּלאָנטענדיג אַלץ אינאיינעם. ניין, ביי איהם זיינען די פֿאַנטאַזיע, דער פֿאַרשטאַנד געווען קלאָר און דער אויסדרוק — קורץ. זיין באַקאַנטשאַפֿט מיט יאָהאַנעס פֿון מילער'ס ווערק האָבען ביי איהם אַנטוויקעלט אַ קורצע קאָנדענזירטע פֿאָרם. פֿון זיין האַלב פֿראַנצויזישער, האַלב אידישער טענדענץ איז אויסגעוואַקסען אַ פֿאָרשטעלונג פֿון אַנטיטעזע און קאָנטראַסט. ער האָט ליעב געהאַט די סימעטריע פֿון געדאַנקען און ווערטער, זיין אינערליך טעמפּאָ איז געווען שנעל, אַלס שריפֿטשטעלער איז ער געווען קורץ. דערפֿאַר זיינע קורצע שאַרפֿע, פֿאַרביסענע זאַצען, אַ פּאָר בילדער, נישט אַזוי פֿיעל אַז זיי זאָלען זיך איינס אין אַנדערען פֿאַרלירען אָבער קורץ און טרעפֿענד. ער האָט זיי נישט אַרויסגענומען, ווי זשאַן פּויל, פֿון נאָטיצען, נאָר זיי זיינען ביי איהם אַליין אַרויסגעוואַקסען. ער באַנוצט גאַנץ אָפֿט פֿאַר־

גלייכונגען, אָבער קורץ כמעט אַלגעבריש, און זיי מאַכען דאָך דעם איינדרוק פון פאַרגלייכונגען נישט פון לויזע בלומען. זיין גאַנצער אינדיווידועלער כאַראַקטער האָט זיך אַנטוויקעלט אין אייגענטימ־ליך הומאָריסטישען סטיל. בערנע׳ס הומאָר איז נישט געווען אַזוי צוצויגען דורך לאַנגע און ברייטע אונטערזוכונגען, ערצעהלונגען און ראָמאַנען ווי זשאַן פּויל׳ס. קיינע פן זיינע פּאָליטישע, פּאָעטישע, קריטישע אָדער היסטאָרישע ווערק זיינען נישט לאַנג. ער האָט נישט געקענט שרייבען קיין ביכער, נאָר איינציגע זייטען. ער איז געווען דורך און דורך אַ זשורנאַליסטישער טאַלאַנט 1). און דאָס ווייזט דעם גאַנצען כאַראַקטער פון זיין הומאָר. ער האָט געהאַט דעם שפּילענדיגען וויץ, אָבער אויך דעם סאַרקאַסטישען, וועלכער פלעגט טרעפען ווי אַ שפּיז און אין דערזעלבער צייט אינדירעקט אָנריהרען דאָס געפיהל.

זיין ביטערקייט, קלאַגען און באַשולדיגען פלעגט זיך ענדיגען אין אַ פאַרגעביגען טאָן פון טרייסט. אין זיין מעלאַנכאָליע מיט אַ שמייכעל און אַ קלוגען איינפאַל, האָט ער זיך דערהויבען איבער צייט און סביבה. עפּעס ענליכעס קאָן מען זאָגען וועגען אַלע גרויסע הומאָריסטען. דאָס אייגענטימליכע אין בערנען (פון שטער־נע, פּויל און אנד.) איז, ערשטענס, זיין שטאַרקייט זיך אַנטקעגען צו שטעלען יעדער רעאַקציע. די קלענסטע זאַך פונ׳ם ווירקליכען, ספּעציעל פונ׳ם עפענטליכען לעבען איז געווען גענוג, אַז עס זאָל מאַכען וויברירען זיין יעדען נערוו; צווייטענס האָט זיך אַלעס אָפּגערופען אין זיין גייסטיגען לעבען דורך איין און דיזעלביגע סבה: זיין ליידענשאַפט פאַר פרייהייט, וואָס איז אַרויסגעוואַקסען פון אַ טיעפען געפיהל פון גערעכטיגקייט. איינער פון זיינע קריי־טיקער, שטיינטאַל, האָט דאָס זעהר פיין געבראַכט אין צוזאַמענהאַנג מיט זיין מאַנגעל אין קראַפט אַ גרויסע ווערק צו באַשאַפען. ער האָט קיינמאָל ניט געדענקט סיסטעמאַטיש, קיינמאָל ניט פאַרבונדען צוזאַמען די פּיעלע איינצעלהייטען, וואָס האָבען איהם באַשעפטיגט.

1) „וואָס יעדער פריהמאָרגען האָט געבראַכט, וואָס יעדער טאָג האָט באַלויכטען, וואָס יעדע נאַכט האָט באַדעקט, דאָס האָב איך געהאַט דעם מוט אָן דעם פאַרלאַנג צו דיסקוטירען“.

און זיך באַנוגענט מיט דער אָפּשאַצונג פון יעדער באַזונדער פּונ׳ם מיטעלפּונקט פון זיין ווערק. זיין הומאָר האָט שטאַרק דערנעהנ־טערט די מיזעראַבלע ווירקליכקייט צו די אידעאַלע פאַרלאַנגען פון זיין אינטעלעקט. ער האָט קיינמאָל בילדליך ניט פאַרגעשטעלט די פאַרשיידענע עלעמענטען פון דער ווירקליכקייט, ער האָט זיי ניט מעהר ווי באַלויכטען.

פון דעם אַלעם וואָס איז דאָ געזאָגט געוואָרען איז שוין לייכט צו באַגרייפען, ווי אומפאַרמיידליך עס איז געווען, אַז בערנע זאָל ניט נאָר האַלטען שילער׳ן העכער פון געטהע׳ן, נאָר זאָל אויך האַל־טען, אַז זשאַן פּאול איז פיעל אַריבערגעשטיגען שילער׳ן. און עס איז זעהר כאַראַקטעריסטיש, אַז ער גרייפט אָן שילער׳ן ניט פאַר זיין פּאָעטישער אומפאַלקאָמענהייט, נאָר פאַר זיין מאַנגעל אין עטישען אידעאַליזם. מיר זיינען געוועהנט צו טראַכטען, אַז שי־לער׳ן קאָן מען ניט אָנגרייפען אויף אָט דעם פּונקט. אָבער צו בערנע׳ס שטרענגע עטישע פאָדערונגען קומט ער ניט. בערנע׳ס אורטייל אויף דעם כאַראַקטער פון ווילהעלם טעל איז באַזונדערס אינטערעסאַנט. פאַר איהם איז ווילהעלם טעל ניט מעהר ווי אַ פיליסטער, — אַ גוטער בירגער, פאָטער, מאַן און מענש, וואָס איז אין נאַטור אַ נאָכגעביגער. ער איז ניט געקומען צו דער „רוטלי“, דעם פּלאַץ וואו די אויסערוועהלטע פלעגען זיך צוזאַמענ־קומען און נעהמען אויף זיך די שבועה; ער האָט ניט געהאַט דעם מוט פון אַ קאָנספּיראַטאָר. זיינע ווערטער: „דער שטאַרקסטער אַם שטאַרקסטען אַליין“, איז פאַר בערנע׳ן די פילאָזאָפיע פון שוואַכ־קייט: אַ מענש וואָס האָט נאָר קרעפטען זיך אַליין צו באַהערשען, איז אַם שטאַרקסטען אַליין. אָבער דער וואָס האָט נאָר כח, וועט אויך קענען, נאָכדעם ווי ער האָט זיך שוין אַליין באַהערשט, אויך אַנדערע באַהערשען. דער קריטיקער רעווידירט טעל׳ס האַנד־לונג פּונקט ביי פּונקט. טעל נעהמט ניט אַראָפּ דעם הוט פאַר דעם שטאַנג, אָבער דאָס איז ניט די ווידערשפּעניגקייט פון דעם פרייהייטס־ליבענדען; עס איז ניט מעהר ווי דער שטאָלץ פון דעם פיליסטער, אַ געמיש פון עהרע און שרעק; ער געהט פאַרביי דעם שטאַנג מיט אַראָפּגעלאָזענע אויגען, אום ער זאָל קאָנען זאָגען, אַז ער האָט איהם ניט געזעהן. און ווען געסלער פאָדערט ביי איהם

דין וחשבון, איז ער אונטערטעניג — אַזוי אונטערטעניג, אַז מיר שעמען זיך מיט איהם; ער זאָגט, אַז ער האָט עס צופעליג אויסגע־מידען, אָבער עס וועט שוין מעהר ניט פּאַסירען.

דעם באַריהמטען אינצידענט מיט׳ן עפּעל, קאָן בערנע אפילו ניט פאַרליידען. אַ פאָטער מעג טאָן יעדע זאַך צו ראַטעווען זיין קינד׳ס לעבען. פאַרוואָס האָט טעל ניט געשאָסען דעם טיראַן, אַנ־שטאָט בעטען זיך ווי אַ פרוי: „ליעבער הערר! ליעבער הערר!“? מען דאַרף איהם דערפאַר אויספּאַטשען. און ווען דער גובערנאַ־טאָר — ווען זיי זיינען געוועזען אין שטורם אויפ׳ן טייך — האָט זיך איהם פאַרטרויט ווי אַ פיינט פאַרטרויט זיך צו אַ פיינט, איז עס ניט געוועזען קיין פאַרראַט און אַ שקלאַפישער שפּיצעל פון טעל׳ס זייט, אַליין אַרויפצושפּרינגען אויפ׳ן ברעג, אָפּשטופּען די שיף און איבערלאָזען איהם אין שטורם אויף גאָט׳ס באַראָט? בערנע פיהלט זיך שטאַרק אַנגעגריפען פון דער רעדע: „איך אָבער האָב געזאָגט, איך וועל מיט גאָט׳ס הילף וואַגען און אונז אַרויסהעלפען פון דאַנען. אַזוי אַרום בין איך פריי געוואָרען פון מיין באַנדע, געשטאַנען ביים רודער און זיכער ווייטער געפאָהרען“. (פּראָזאַ — דער איב.)

„ווי“, שרייט אויס דער קריטיקער, „קאָנען מיר ערקלערען אַזאַ יעזואיטסטוואָ ביי אַזאַ פּשוט׳ן מענשען? עס איז אומפאַר־שטענדליך פאַר מיר, ווי אימיצער קאָן האַלטען טעל׳ס שפּעטערדיגע האַנדלונג פאַר מאָראַליש — און נאָך ווינציגער איז זי שעהן. ער ליגט זיך זיכער באַהאַלטען און טויטעט זיין פיינט, ווען יענער האָט אפילו ניט קיין אַהנונג וועגען זיין געפאַהר“.

קיינער קאָן זיך ניט פאַרוואונדערען, וואָס ביי אַ מענשען, אין וועמעס גייסטיגען אָרגאַניזם דער זין פון יושר איז אַזוי שטאַרק, אַזוי טיעף אַנטוויקעלט, אַז ער האָט כמעט פאַרנומען דעם פּלאַץ פון זיין עסטעטישען חוש, זאָל קאָנען בעסער אָפּשעצען געטע׳ן, וועמעס טריב צו גערעכטיגקייט איז אָהן צווייפעל געוועזען נאָך וויג־ציגער אַנטוויקעלט.

אין 1802, נאָכדעם ווי ער איז אַ יאָהר אָדער צוויי געוועזען ביי אַ פּראָפעסאָר אין גייסען, איז דער יונגער בערנע אַוועקגעשיקט געוואָרען אין בערלין. זיין פאָטער איז געוועזען געצוואונגען נאָכ־

צוגעבען זיין פארלאנג צו שטודירען, טראץ דעם וואס צוליעב זיין רעליגיע וואלט ער נאר געקאנט ווערען א דאקטאר, א פראפעסיע, צו וועלכער דער יונגער בערנע האט נאך ביז איצט ניט ארויסגע־וויזען דעם קלענסטען פארלאנג. ער האט געוואוינט ביי דעם באַ־ריהמטען דאקטאר און קאנטיאנער, מארקוס הערץ, וועמעס עפענט־ליכע פארטראגען וועגען פילאזאפיע פלעגען פיעל באזוכט ווערען פון איינפלוסרייכע צוהערער, און דורכדעם איז ער געווארען א פראפעסאר פון פילאזאפיע נאך איידער בערלין האט געהאט אן אוניווערזיטעט.

הערץ איז געווען א באריהמטער דאקטאר, א קלארער דענקער און א גוטער אראטאר, לעסינג׳ס א פריינד, און האט זיינע פאעזיע געשעצט אזוי גוט ווי זיינע קריטישע ארבייטען. דערפאר איז דער מיסטיציזם פון דער ראמאנטישער שולע, ספעציעל הארדענבערג׳ס געווען פאר איהם באדייטונגסלאז און דערווידער. אזוי ווי ער איז געשטארבען אין 1803, איז זיין איינפלוס אויף דעם יונגען בערנע׳ס ענטוויקלונג ניט געווען קיין באדייטענדע. שטארקער אבער איז געווען דער איינדרוק וואס הערץ׳ס באריהמטע פרוי, הענריעטא, האט געמאכט אויף איהם. זי איז געווען זיעבצעהן יאהר אינגער פון איהר מאן. מען האט זי פאר׳שדכנ׳ט, ניט אנפרעגענדיג זיך ביי איהר, ווען זי איז אלט געווען צוועלף יאהר. זי איז געווען וואונ־דערליך שעהן, האט געקאנט פיעלע שפראכען. פארעהרט פון א גרויסע צאהל וויסענשאפטס־מענער און שרייבער פון איהר צייט, האט זי איהר הויז געמאכט פאר דעם באריהמטסטען צענטער אין בערלין. זי איז אלט געווען אכט און דרייסיג יאהר און בערנע זעכצעהן, אבער דאס האט, נאטירליך, איהם ניט אפגעהאלטען פון שטארק אבער האפנונגסלאז זיך צו פארליבען אין דער שעהנסטער און באריהמטסטער פרוי וואס ער האט ווען געטראפען.

די צויבערליכע הענריעטא איז, אין איהר אויסערליכען אויס־זעהן, ווי אויך אין כאראקטער, געווען א שארפער קאנטראסט צו איהר קליינעם, קלוגען און מיאוס׳ן מאן. זי איז געווען אן אויסער־געוועהנליכע שעהנהייט, הויך און שלאנק, ווי די קעניגין לואיזע, מיט א קליינעם קאפ, ווי מיר זעהען אויף די גריכישע סטאטוען. מען האט זי גערופען „די טראגישע מוזע“, אדער די „שעהנע טשער־

קעסין". עס האָבן זי פאַרעהרט אַזעלכע מענער ווי ווילהעלם פאָן הומבאָלדט, מיראַבאָ, שליירמאַכער, און נאָך איהר מאַנ'ס טויט איז זי געווען אַרומגערינגעלט פון אַ גאַנצער גרופּע הויך־געשטעלטע מענער. אַלע האָבן זיך אומזיסט געשׂרכנ'ענט צו דער שעהנער אַלמנה. זי האָט אַלעמען אָנטזאָגט, טראָץ איהר אַרעמקייט. אָפּ־געזאָגט אַפילו דעם רייכסטען אַדעליגען אין אייראָפּאַ, און איז געוואָרען די גובערנאַנטקע פון דער צוקונפטיגער קעניגין פון רוס־לאַנד. זי איז געווען פּונקט אַזוי שטרענג טוגענדהאַפט, ווי פאַר־שכור'ענד שעהן. זי איז געווען אינטים מיט מעהר ווי איין מאָן, אָבער ניט מעהר ווי אין די ראַמען פון פריינדשאַפט.

אין איהר קרייז פלעגט מען אונטערשיידען צווישען ערלויבטע קאַקעטעריי, וואָס איז באַצוועקט דעם גאַנצען מאָן צו געווינען און אונערלויבטע, וואָס באַצוועקט בלויז צו געווינען איהם זינליך. זי אַליין האָט געהערט צו יענעם געפעהרליכען סאָרט פון טוגענד־האַפטע קאָקעטקעס. אַליין אַ טעמפּעראַמענטלאָזע, אָבער שטאַרק געגייגט צו סענטימענטאַליטעט, גרינדעט זי אין איהר אינ־גערע יאַהרען אַ „טוגענדבונד" אין וועלכען ווילהעלם פאָן הומ־באָלדט שפּיעלט די הויפּט־ראָליע, און צו וועלכען יונג און אַלט, באַוואוסטע און אומבאַקאַנטע מענער געהערען. זיי האָבן זיך אַלע גערוצט, פלעגען שרייבען איינע צו די אַנדערע לאַנגע בריעף אין פרעמדע שפּראַכען, זיך גאַנץ אָפט באַנוצען מיט'ן גריכישען אָדער העברעאישען אַלפאַבעט. פלעגען זיך איינע די אַנדערע שענקען רינגען און סילועטען און האָבן באַצוועקט איינע די אַנדערע „עטיש צו אַנטוויקלען", געוואָלט „זיין גליקליך אין דער זעלבסט־אויפאָפּ־פערונג". (זייענדיג פריי פון פליכטען, ווייל „זעלבסט־אויפאָפּ־פערונג ווייס ניט פון קיין פליכטען".) האָבן איגנאָרירט די אָנ־גענומענע יסודות פון דער קאָנווענציאָנעלער אָנשטענדיגקייט — אָבער אייביג אומבאָפלעקט און עהרענהאַפט. רחל פלעגט לאַכען פון זיי און האָט זיך ניט געוואָלט אָנשליסען אָן דעם בונד.

די בריעף, וואָס די מיטגליעדער פונ'ם בונד פלעגען זיך איינע די אַנדערע שיקען, זיינען געווען שטאַרק ענליך צו די בריעף וואָס זיינען אַביסעל שפּעטער געשיקט געוואָרען אין דענע־מאַרק צווישען קאַממאַ ראַהבעק און מילבאָך. זיי פלעגען זיך

פּאַרטיפּען אין די אייגענע געפּיהלען, אָבער אויך אין אַ שטאַר־
קען זעלבסט־אַנאַליז. און אויף אַזאַ אופן פּלעגען זיי, נאַטירליך,
אוועקרויבען פון זייערע געפיהלען די גאַנצע פרישקייט. פריינט
פוןביידע געשלעכטער פּלעגען זיך איינע די אנדערע ערקלערען
אין אומענדליכע בריעף מיט געשריבענע טרערען, ווי שטאַרק נויי־
טיג זיי זיינען און ווי זיי אנטוויקלען זיך איינע די אַנדערע. זיי
פּלעגען זיך אויסטאָן נאַקעט און באַטראַכטען איינע די אַנדערע
אין אַט דעם נאַקעטען צושטאַנד. זיי פּלעגען זיך ניט צוזאַמענקומען
צוליעב געגענזייטיגע נוצען, נאָר זיי פּלעגען זיך אויסשפּינען, זיי
פּלעגען דאָס טיעף־מענשליכע אין זיך צודריקען און דער רעזולטאַט
איז געווען אַ וואַסערדיגקייט, — טרעהרען, האַרצענס־בלוט, און
דאָס גלייכען, — דאָס פּלעגען זיי אַריינגיסען אין אַן עהנליכען
מענשען צו זיך און אליין פּלעגען זיי ניט ווערען אינטערעסאַנטער
אָדער אָריגינעלער פון אַט אַזאַ האַנדלונג.

די שעהנע און נאָבעלע הענריעטאַ אליין איז געווען ניט אַזוי
אַן אָריגינעלע פּערזענליכקייט, ווי דאָס וואָס די דייטשען רופען
אַן „אַמפּידערין". פון די אַלע אינטערעסאַנטע מענשען, מיט וועלכע
זי פּלעגט זיך צוזאַמענקומען, האָט זי זעלטען מעהר אסימילירט
ווי דאָס אויבערפלעכליכע וואָס זי פּלעגט זעהן אין אַן אויבערפלעכ־
ליכער באַקאַנטשאַפט מיט זייערע געוואוינהייטען. וועגען וואָס מען
פּלעגט אַ סך רעדען אין בערלין, איז געווען די צערטליכע פריינד־
שאַפט צווישען איהר און שלייערמאַכער, אָבער קיינמאָל מיט קיין
בייזע אַנצוהערענישען. דער קאָנטראַסט איז געווען אַ צו שאַרפער
צווישען דער „טראַגישער מוזע" און דעם קליינעם שלייערמאַכער,
וועמעס אויסערגעוועהנליכער קאָפּ איז געזעסען אויף אַ שוואַכען
און דעפאָרמירטען קערפּער. מענשען האָבען גוטמוטיג געשמייכעלט
ווען זיי פּלעגען זעהן דעם קליינעם גלח אַרויסקומענדיג אין אָבענד,
מיט אַ לאַמטערן צוגעבונדען צו אַ קנעפּעל פון זיין ראָק, פון דער
שעהנער הענריעטאַ'ס הויז. אָבער בייטאָג, ווען זיי פּלעגען איהם
זעהן הענגענדיג אויף'ן אָרעם פון דער מאַיעסטעטישער מעלפּאָמין.
אין איינער פון די צייטשריפטען איז ערשינען אַ קאַריקאַטור, וואו
זי איז פאַרגעשטעלט געוואָרען טראָגענדיג איהם — דעם בריליאַנט,
ווי מען האָט איהם גערופען — ווי אַ זאַנטיק אין איהר האַנט.

ווען אפילו דער יונגער בערנע וואלט געוועזן דער שעהנער יונג מיט די ראָזע באַקען, וואָס ער איז ניט געוועזן, וואלט ער אויך ווארשיינליך קיין איינדרוק ניט געמאַכט אויף דער שטאַלצער גע־צערטעלטער אדאַפּטירטער מוטער. פון אַנפאַנג האָט זי אפילו ניט פארשטאַנען וואָס איז מיט אָט דעם יונגען מאַן, וועמעס ליידענשאַפט — ווי ער האָט דאָס אַליין באַשריבען — איז געוועזן די פאַרעהרונג פון אַ שול־אינגעל, אַ פאַרעהרונג וואָס אינגלעך אין די יאָהרען פיהלען געוועהנליך, פון איבערטריבענע אידעען פון דער פרוי'ס פאָלקאָמענהייט. איין אָדער צוויי מאָל האָט ער געמאַכט אַ פאַרזוך — דורך די דינערשאַפט — צו באַקומען ארסעניק אין אַפּטייק. ווען הענריעטא האָט זיך דערפון דערוואוסט, האָט זי גלייך פאַרשטאַנען די לאַגע, און זי האָט געטאָן וואָס עס איז נאָר געוועזן אין איהר מעגליכקייט, דורך אַ געמיש פון מיטגעפיהל און שטרענגקייט, איהם צו ברענגען צום קלאָהרען פאַרשטאַנד.

אַז זי איז ניט געוועזן אינגאַנצען אונעמפּינדליך צו זיין פאַר־עהרונג, אָדער אַז זי איז ניט געוועזן אינגאַנצען פריי פון קאָקעטעריי, וואָס אין דעם פאַל איז עס געוועזן אונטער דער מאַסקע פון מוטער־ליכקייט, קאָן מען זעהן פון פאָלגענדען אינצידענט: בערנע האָט זי געהאַלטען פאַר אַ יאָהר אַכט־און־צוואַנציג—דרייסיג, אָבער אייני־מאָל, דעצעמבער דעם דריטען, 1802, האָט זי איהם געזאָגט, אַז זי איז פיער און דרייסיג, און דעם זעלבען אָבענט האָט זי צוגערעכענט נאָך צוויי יאָהר, אָבער זי האָט קיינמאָל ניט צוגעגעבען, אַז זי איז נאָך עלטער; אין מאַרטש דעם 5טען, 1803, האָט בערנע נאָך אַלץ געמיינט, אַז דאָס זיינען איהרע ריכטיגע יאָהרען. אַזוי האָט די צויבערליכע „פרוי מוטער", ווי זי האָט איהם ערלויבט זי צו רופען, זיך נאָך אַלץ געמאַכט צוויי יאָהר יונגער. ער איז נאָך, נאַטירליך, אַלץ געוועזן פאַרליעבט אין איהר, ער האָט זי נאָך פאַר־עהרט, געליטען, פאַרצווייפעלט געוואָרען צוליעב איהר גלייכגילטיגקייט צו איהם. און ווען זי האָט געשמייכעלט אָדער געזאָגט אַ פריינדליכען וואָרט צו איהם, איז ער געוועזן דער גליקליכסטער מענש. ער האָט אַרויסגעוויזען מיסטרויען צו איהר, איז געוועזן ביטער, קאַפּריזנע, ביז מען האָט איינגעזעהן, אַז מען מוז איהם אָוועקשיקען.

ער איז געפּאָהרען אין האַללע, פּאָרטצוזעצען זיין שטודיום. איידער ער איז אוועקגעפאָהרען, האָט ער איהר געגעבען דעם טאָג־בוך, וואו ער האָט פאַרשריבען זיינע איבערלעבונגען — ווי עס זעהט אויס, האָט זי איהם געראָטען, ער זאָל פאַרשרייבען זיינע ליידען אויפ'ן פּאַפּיער — אין אַ צאָהל ליידענשאַפטליכע בריעף געשריבען צו איהר. פון האַללע פלעגט ער איהר נאָך אַלץ שרייבען מיט אַן אומפאַרשטענדליכער איבערגעבענקייט און ליידענשאַפט־ליכער בענקשאַפט, אָבער אין איהר אָפּוועזענהייט איז ער אויף אַזוי פיעל צו זיך געקומען, אַז ער זאָל שוין ניט דאַרפען איבּיג זיין פּאַרטיעפט אין זיינע אייגענע איבערלעבונגען. אין גיכען האָ־בען מיר פון איהם בריעף איבערלעגטע און אונטערהאַלטענדע מיט קריטיק אויף זיין אומגעבונג, פול מיט זעלבסטווירדע און זעלבסט־קריטיק. אין די בריעף באַמערקען מיר שוין די כאַראַקטעריסטישע קאָמבינאַציע פון זיין ענטוזיאַזם פאַר אידעען, זיין אַראָפּרייסען דאָס שקלאַפּישע און זיין שאַרפע סאַטירע. די בריעף מאַכען פאַר אונז קלאָר בערנע'ס אמת'ע נאַטור — אַ נאַטור וואָר פאַרהאַסט אויטאָריטעטען, אַ נשמה וואָס ליידט אונטער אַ שוואַכען קער־פּער, ליידט פון דעם אינערליכען קאָנפליקט, וואָס ווערט באַשאַ־פען ביי איינעם וואָס האָט קוראַזש און עס פעהלט איהם כח, ליעבע, וואָס טרעפט ניט אַן קיין געגענ־געפיהל, און אומערקלער־ליכע בענקעניש צו גרויסע טאַטען אָהן אַ באַשטימטען ציעל. דאַ און דאָרט טרעפען מיר ביי איהם אַ דראַנג, ווי ער וואָלט שטאַרקע כחות אין זיך דערשפּירט, די פאָרשטעלונג פון צוקינפטי־גער ערנידערונג רויפט ביי איהם אַרויס אַ פּייערליכען פלאַן פאַר נקמה פון די — ווי ער ווייס שוין — וועלען איהם שפּעטער אויפ־וואַרפען זיין אָפּשטאַמונג, און וועלען איהם מאַטערען, רופענדיג איהם פייגלינג, ווייל ער קאָן זיך ניט פאַרטיידיגען 1). עס איז קלאָר,

---

1) בריעף פון דעם יונגען בערנע צו הענריעטאַ הערץ: זעה 164־167. אַ, ווען איך טראַכט דערפון, אַ שטורם קאָכט אין מיר, די נשמה רייסט זיך פון מיר, וויל אַרויסגעהן אין דעם קערפּער פון אַ ליוב און זיך אַ וואַרף טאָן אויף אַט די פּרעכע, מיט די לאַפּעס און ציינער.

אַז דורך דער צייט וואָס דער יונגער בערנע איז געווען אין בערלין, איז ביי איהם ניט נאָר רייף געוואָרען זיין געפיהלס־לעבען, נאָר אויך זיין אינטעלעקטועלער לעבען איז סטימולירט געוואָרען פון זיין זיין אין שטענדיגער באַריהרונג אין דעם הויז פון מאַרקוס אַון הענריעטא הערץ מיט די באַדייטענדסטע מענשען פון זיין צייט.

בערנע האָט געשטודירט אין האַללע, ווען די שלאַכט ביי יענא איז געקעמפט געוואָרען. גלייך נאָכדעם האָט נאַפּאָלעאָן פאַרמאַכט די אוניווערזיטעט און בערנע איז אַוועקגעפאָהרען שטודירען אין היידעלבערג, פול מיט פאַטריאָטישער ביטערקייט קעגען פראַנקרייך. ער האָט דאָ אויפגעשריבען אַ פּאַמפלעט, וועלכען די צענזור האָט ניט דורכגעלאָזען.

ווען, צוליעב נאַפּאָלעאָנ׳ס טריאומפירענדען מאַרש, זיינען די סטודענטען אויסגעשלאָסען געוואָרען פון אוניווערזיטעט אין האַללע, איז איבער אַז אַנדער סבה געווען אַ פאָלשטענדיגע איבערקערעניש אינ׳ם פּאָליטישען צושטאַנד פון בערנע׳ס געבורטשטאָדט. אין 1806 האָט דאַלבורג, אַלס דער „פּרינץ־פּרימאַס" פון דער ניי־געפאַרמטער רהיינישער קאָנפעדעראַציע, איינגענומען פראַנקפורט. איינע פון זיינע ערשטע ארבייטען איז געווען, צו פאַרבעסערען די לאַגע פון די אידען. אין 1810 האָט נאַפּאָלעאָן ארויסגעלאָזען אַ פאַראָרדנונג, אַז מען זאָל אַראָפּנעהמען אַלע שוועריגקייטען, וואָס זיינען ביז דאַן געלעגען אויף די אידען און די שקלאַפען. אין 1811 האָט די אידישע קהלה אין פראַנקפורט באַקומען פאָלשטענדיגע בירגערליכע רעכט, באַצאָהלענדיג די סומע פון 440,000 גולדען. די ערשטע זאַך, וואָס בערנע האָט געטאָן איז געווען, אַוועקצו־וואַרפען זיין שטודיום פון מעדיצין, וועלכע ער האָט ניט שטאַרק ליעב געהאַט און זיך נעמען צו פּאָליטישער עקאָנאָמיע און יוריספּרודענץ, וואָס עפענט דעם וועג צו אַ רעגירונגס־שטעלע. אין 1818 איז ער געוואָרען דאָקטאָר פילאָזאָפיע.

זיין פאָטער, זייענדיג שטאַרק אומצופרידען מיט אָט דעם ניט־דרענגלמעסיגען שטודירען און אויך דערמיט, וואָס ער פלעגט פון צייט צו צייט דאַרפען באַצאָהלען קליינע חובות, איז איצט נאָך מעהר אין כעס געווען, פאַר וואָס ער האָט אויפגעגעבען זיין שטודיום אין מעדיצין. ער האָט געפאָדערט פון זיין זוהן, ער זאָל

זיך אַליין ערנעהרען און ער האָט געקראָגען פאַר איהם אַ שטעלע ביי דער פראַנקפורטער פאָליציי, אַ שטעלע, וואָס איז אין קאָמישען געגענזאַץ צו דער שטעלונג, וואָס ער האָט שפּעטער געגומען אַלס שרייבער.

ער איז געוואָרען אַז „אַקטואַר", געזעסען אין דער אַלטער, פינסטערער, גראָמער געביידע, פלעגט איבערקוקען פּאַספּאָרטען, ימים־טובים פלעגט ער אָנטאָן אַ מונדיר און אַ שווערד — די קליידער פון שטאַטליכער אויטאָריטעט.

אין דער צייט האָט ער אָבער שוין אויך דעבוטירט אַלס אַ שרייבער. ער האָט מיטגעאַרבייט אין אַ פראַנקפורטער טעגליכער צייטונג, געשריבען אַרטיקלען, פול מיט אַלט־דייטשער מליצה, באַקעמפענדיג דעם מעכטיגען קאָרסיקאַנער מיט ענטוזיאַסטישען פּאַטריאָטיזם. ער פלעגט שרייבען אויפרופען צו דער דייטשער יוגענד. די אַרטיקלען זיינען געווען בלינד־ליידענשאַפטליכע, באַהעשרט פון אַ לאָיאַלער איבערגעבענהייט צו די הערשער פון דייטשלאַנד, און ער איז פול מיט האָפנונג, אַז זיי וועלען געווינען „דעם באַפרייאונגס־קריעג".

ער האָט געוויס ניט געוואוסט, אַז ער אַליין וועט זיין דער ערשטער קרבן פון דעם זיעג. קוים זיינען נאָר די אַליאַנץ־מאָנאַרכען אין יאָהר 1813 אַריינגעדרונגען אין פראַנקפורט, האָט זיך געענדיגט פירסט דאַלבערג׳ס זיבען־יאָהריגע הערשאַפט. דאָס גרויס־הערצאָגטום פראַנקפורט איז אָפּגעווישט געוואָרען אַלס אַ באַזונדערע שטאָדט און די אַלטע קאָנסטיטוציע איז ווידער אַריין אין מאַכט. די בירגערשאַפט, וואָס די אידען האָבען באַקומען פאַר אַזאַ טייערען פּרייז, האָט מען איצט צוגענומען פון זיי. פאַרשטעהט זיך, אַז דאָס געלט האָט מען זיי צוריק ניט געגעבען. „עס האָט אויסגעזעהן", שרייבט קאַרל גוטסקאָוו, „ווי די קוריערס, וואָס זיינען געפלויגען צווישען ווינען, וואו דער פרידענס־קאָנגרעס איז אָפּגעהאַלטען געוואָרען, און די אַנדערע דייטשע שטאַאַטען, וואו רעאַקציאָנערע קאָנגרעסען זיינען אָפּגעהאַלטען געוואָרען, וואָלטען אויפגעריסען די מיט בלוט דורכגעזאַפּטע ערד און אַלטע פּריווילעגיעס".

„אָבער זאָלען מיר ניט פאַרשווענדען אונזערע כחות, אַ. מעני־ליבע יוגענד, זאָלען מיר אומאַרמען די פרייד פון דער הייליגער

הייראַט, זי וועט אפשר פּרובבערן און ווערען אונשטערבליך... עס פּאַסט אונז ניט אַריינצודרינגען אין דעם ראַט פון די פירסטען, זיי זיינען בעסער פאַר אונז".

מיט דעם פאַלען פון דער פראַנצויזישער מאַכט האָט בערנע פאַרלאָרען זיין שטעלע, און זיינע ברידער, די אידען — דאָס ביסעל מענשליכע רעכט, וואָס זיי האָבען געהאַט. ער איז געווען יונג גענוג צו זיין ענטשידען קעגען יעדער פרעמד־הערשאַפט.

עס איז קיין וואונדער ניט, וואָס געטע'ס גלייכגילטיגקייט צו דעם און אַלע אַנדערע רעאַקציאָנערע טאַטען, האָבען פאַרשטאַרקט אין איהם דעם האַס קעגען אַ מענשען, וועמעס גרויסקייט ער קאָן ניט באַגרייפען. אין זיין נאָטיץ וועגען בעטינאַ'ס בוך: „געטע'ס קאָרעספּאָנדענץ מיט אַ קינד", — פיליירט די פאַלשסטע קריטיק, וואָס ער האָט ווען־עס־איז אָנגעשריבען — זאָגט ער: „פאַרוואָס איז געטע, דער גרעסטער צווישען דיכטער, דער קלענסטער צווישען מענשען? ווער האָט אַריינגעפלאָכטען האָפּען און פּעטרושקע אין זיין לאָרבער־קראַנץ? ווער האָט אָנגעטאָן אַ נאַכט־מיצעל אויף זיין גייסטרייכען שטערן? וואָס מאַכט איהם פאַר אַ שקלאַף צו אומשטענדען, פאַר אַ שקלאַפישען פיליסטער, אַ ביליגען פּראָווינציאַל? ער איז געווען אַ פּראָטעסטאַנט און זיין פאַמיליע איז איינע פון די אָנגעזעהענסטע אין פראַנקפורט; פון איהר קלייבט מען סענאַטאָרען. צו זעכציג יאָהר, ווען ער איז געווען אויף דעם שפּיץ פון באַריהמטקייט, האָבען איהם וואָלקענס אָפּגעטיילט פון דער פּראָסטער ליידענשאַפט פון די טאָל־איינוואוינער. ער פלעגט אויפגערעגט ווערען, ווען ער פלעגט הערען ווי די פראַנקפורטער אידען פאָדערען זייערע רעכט ווי בירגער, און מיט שוים אויף די ליפען פלעגט ער רעדען וועגען אָט די „הומאַנע פלאַפּלער", וואָס האָבען זיי געהאָלפען דאָס צו פאָדערען".

אַמווינציגסטענס האָט בערנע געקאָנט פאַרגעבען געטע'ן זיין באַציהונג צו די גרויסע מענשען פון דער וועלט.

ער האָט ניט געוואוסט פון דעם פאַקט, אַז אין דער צייט וואָס געטע האָט געשריבען, ד. ה., מיט אַ דור פריהער, האָבען די דיכטער ניט געלעבט פון זייער שרייבען, נאָר פון דער ווידמונג. פּאָעטען פלעגען מוזען זוכען די טובות פון דער אַריסטאָקראַטיע,

זיי פלעגען זיין לעהרער פון יונגע אַדעליגע, אָדער זיי פלעגען באַגלייטען די יונגע פרינצען אויף זייערע בילדונגס־טורען. ווילאַנד פלעגט קריגען געלט פאַר זייןווידמונג. שילער האָט מיט פאַרגעניגען אָנגענומען די הילף, וואָס דער הערצאָג פון אָגאַסטענבערג האָט פאַר איהם באַקומען פון דענעמאַרק. צום סוף פון אַכצעהנטען יאָהרהונדערט האָבען מלכים, פרינצען און אַנדערע אַדעליגע גענומען אַן אמת שטאַרקען אינטערעס אין דער פילאָזאָפיע און פּאָעזיע, אין אַלע נייע אמת׳ען און אין דער שעהנקייט: זיי פלעגען זוכען די באַקאַנטשאַפט פון שרייבער און זיך חברין מיט זיי ווי מיט זייער גלייכען. מיט דער פראַנצויזישער רעוואָלוציע האָט די ליבענסווערטע באַציהונג אויפגעהערט. אָבער געטע׳ס לאַגע איז נאָך באַשטימט געוואָרען פון פאַר דער פראַנצויזישער רעוואָלוציע.

בערנע פלעגט זיך פאַלשמעסדיג פאַרבלענדען, קוקענדיג אויף די אויסדרוקען פון געטע׳ס פאַרעהרונג פאַר די אַדעליגע. ערגעץ וואו ביי איהם איז דאָ דער אויסצוג פון געטע׳ס טאָג־בוך: „און נאָך דעם האָב איך געהאַט דאָס גרויס גליק באַעהרט צו ווערען פון זיין קייזערליכער הויכקייט, דעם גרויספירסט ניקאָלאַי און זיין פרוי אין מיין אייגענעם הויז און גאָרטען. די גרויספירסטין האָט מיר געפעליגסט ערלויבט אַריינצושרייבען אַ פאַר שורות פּאָעזיע אין איהר וואונדערבאַרען עלעגאַנטען אַלבום“. בערנע זאָגט: „דאָס האָט ער געשריבען אין זיין איין־און־זיבעציגסטען יאָהר, וואָס פאַר אַ יוגענטליכע קראַפט!“ וואָס עלטער בערנע ווערט, וואָס מעהר ער אַנטוויקעלט זיך מיט זיין אייגענעם באַוואוסטזיניגען ווילען אין דער פאַרקערפערונג פון פּאָליטישע איבערצייגונגען, ווי אַ מענש, וועמעס געפיהלען, טאַלאַנט און שאַרפזין איז באַהערשט פון זיין פּאָליטישער איבערצייגונג, פאַר וועמען עס איז געוואָרען אַ רעליגיע, מיט אַלע אויסערליכע אויסדרוקען פון רעליגיע, גלויבען, פאַרגעטערונג, פאַנאַטיזם — אַלץ מעהר אומווירדיג און פאַראַכטענד איז געטע׳ס ראָלע אַלס אַ בלויזער צושויער פאַר איהם געווען. אין אַן אַנדער פּלאַץ שרייבט ער: „איך האָב געענדיגט געטע׳ס טאָג־בוך, עס איז ניטאָ קיין טרוקענערע, לעבענסלאָזערע נשמה ווי ער אין דער גאַנצער ברייטער וועלט. און קיין זאַך קאָן ניט זיין אַזוי קאָמיש, ווי די פשוט׳קייט, מיט וועלכער ער ווייזט אונז זיין אייגענע

טרוקענקייט... און דאָס זיינען די קאָנסולטאַנטען וואָס דאָס דייטשע פאָלק וועהלט אויס! — געטע, וואָס איז נאָך שטילער פון אַ מויז, וואָס וואָלט מיט פאַרגעניגען זיך אַנטזאָגט פון ליכט, לופט, פריי־הייט, אַלצדינג, אַבי מען זאָל איהם נאָר לאָזען ליגען אין לאַך קייענדיג זיין שטיקעל געגנב׳עטע חזיר; און שילער, וואָס איז נאַבעלער, אָבער פונקט אַזוי שוואַך־הערציג, וואָס זוכט באַהאַל־טעניש פון טיראַניי אונטער די וואָלקענס, וואו ער שרייט אומזיסט צו די געטער נאָך הילף! פאַרבלענדעט פון דער זון זעהט שילער ניט מעהר די ערד און פאַרגעסט זיך אַן די מענשען־קינדער, פאַר וועמען ער האָט הילף געזוכט. און דערווייל פאַלט דאָס אומגליקליכע לאַנד, אַהן פיהרער, אַהן היטער, אַהן ראַטגעבער, אונטער דער מאַכט פון די מלכים, און די נאַציע ווערט אַ ביי־וואָרט צווישען נאַציעס".

פון דעם זומער 1818 און ווייטער ערשיינט שוין בערנע, וואָס פלעגט ביז דאַן אויפשרייבען פאַמפלעטען פון צייט צו צייט, ווי אַן אומאָפּהענגיגער זשורנאַליסט, אַרויסגעבער פון „די וואָג", וואו די מעהרסטע אַרטיקלען ווערען געשריבען פון איהם אַליין. ער איז געוועזען דער ערשטער דייטשער זשורנאַליסט, פון אַ העכערער מדרגה, און דער ערשטער וואָס האָט געמאַכט די פעריאָדישע פּרעסע אין דייטשלאַנד פאַר אַ מאַכט. די אייגענטימער פון די איבער־געבלי־בענע נומערען פון אַט דעם זעלטענעם זשורנאַל, פאַר פּאָליטיק, ווי־סענשאַפט און קונסט, האַלטען דאָס ווי אַ טייערען אוצר. דער ערפאָלג פון דעם זשורנאַל דאַרף צוגעשריבען ווערען דעם אַרויס־געבער, דעם לעבענדיגען סטיל און שאַרפקייט פון די הויפּט־מיט־אַרבייטער, דער באַהאַנדלונג פון פאַרשיידענע פראַגען, פּאָליטיק, לי־טעראַטור און דראַמאַ, און דאָס וואָס ער האָט געהאַט אַזעלכע מיט־אַרבייטער ווי גערעס (איידער ער האָט זיך גע׳שמד׳ט) און ווילעמער, געטע׳ס ראַציאָנאַלען ליבעראַלען פריינד („צולייקאַס" מאַן). וואָס פאַר אַ פראַגע עס איז ניט באַהאַנדעלט געוואָרען, איז דאָס געוועזען פון אַ פּאָליטישען שטאַנדפּונקט. דריי מאָנאַטען פון די פיער יאָהר וואָס בערנע האָט אַרויסגעגעבען „די וואָג" איז ער אויך געוועזען רע־דאַקטאָר פון דער טעגליכער „צייטונג פון דער פרייער שטאָדט פראַנקפורט". אַט די שטעלע האָט ער געמוזט אויפגעבען צוליעב

אומבאַקוועמליכקייטען, וואָס ער האָט געמוזט אויסשטעהן פון צענזור. שפּעטער איז ער געווען רעדאַקטאָר פון נאָך אַ טעגליכער צייטונג, „די צייט שווינגען", אָבער זי איז אונטערדריקט און דער רעדאַקטאָר איז פאַר אַ קורצער צייט אַרעסטירט געוואָרען. בערנע איז געווען צום ערשטען מאָל אין פּאַריז, אין דער צייט ווען ער האָט געשריבען בריעף פאַר קאָטאַס פאַרשיידענע זשורנאַלען. אין 1822 איז ער ווידער געקומען קיין דייטשלאַנד, וואו אַ לאַנגע און געפעהרליכע קראַנקהייט האָט ביי איהם צוגענומען דאָס לעצטע ביסעל אָפּגעשפּאָרטע געלט וואָס ער האָט געהאַט, און איהם געצוואונגען זיך צו ווענדען צו זיין פאָטער וועגען הילף.

זיין פאָטער איז געווען זעהר אומצופרידען מיט איהם. אַלע אַנדערע קינדער האָבען איהם כבוד פאַרשאַפט, נאָר זיין זוהן, פלעגט ער זאָגען, וועמעס בילדונג עס האָט איהם געקאָסט אַזוי טייער, קאָן זיך אַליין ניט ערנעהרען. צו וואָס טויג די גאַנצע בילדונג? ער קאָן גאָרנישט טאָן, אויסער שרייבען אַרטיקלען מיט אַ טענדענץ וואָס איז גאָרניט צופרידענשטעלענד פאַר די מענשען, מיט וועמען ער (זיין פאָטער) האַנדעלט, ווי, למשל, פּרינץ מעטערניך פון ווין. צו וואָס טויג איהם זיך מאַכען אַזעלכע פיינט? צו אַטאַקירען אַזוי די שטאַרקע? פּאַסט עס פאַר אַ מענשען פון זיין פּאָזיציע אין לעבען? וואָס פאַר אַ שטעלונג אין לעבען וויל ער דאָס האָבען, וואָס ער ערלויבט זיך אַזעלכע פרייהייטען אין שרייבען? איצט וואָלט ער שוין געקאָנט זיין אַ דאָקטאָר מיט אַ גוטער פּראַקטיק, אָדער אַ יוריסט און ראָטשילד׳ס ראַטגעבער, אָנשטאָט זיין אַ שרייבערל פאַר זשורנאַלען, אויסגעבענדיג יעדען פעניג, וואָס ער פאַרדיענט פון זיינע שרייבערייען, אויף רייזען, פאַרמאַכענדיג דערביי פאַר זיך יעדען טויער פון ערפאָלג, דורך זיינע אַטאַקען אויף די, וואָס האָבען די מאַכט.

בערנע׳ס פאָטער האָט גוט געקאָנט דאָס געזעלשאַפטליכע לעבען צו וויסען, אַז זיין זוהן האָט ניט געדאַרפט זיין קיין דאָקטאָר אָדער אַדוואָקאַט אום צו זיין ערפאָלגרייך. ער האָט גוט געוואוסט, פון וואַנען הערר פאָן גענץ און הערר פרידריך פאָן שלעגעל האָבען

געהאַט זייער געלט אין באַנק. זיין זוהן האָט אָבער ניט געהאַט דעם צוזאָג פון מאַריע טערעזע.1)

אין סאַמע אָנפאַנג פון בערנע׳ס קאַריערע אַלס זשורנאַליסט, האָט ער שוין געצווינגען אויף זיך די אויפמערקזאַמקייט פון אַלע גרויסע רעאַקציאָנערען. דעם 18טען מאי 1819 שרייבט רחל, אַז גענץ האָט איהר רעקאָמענדירט צו לייענען „די וואָג". אין דעם זשורנאַל וועט זי געפינען די אינטערעסאַנטסטע און שאַרפסטע שריפטשטעלעריי פון דער צייט. דער בעסטער זשורנאַל זייט דער צייט פון לעסינג. בערנע׳ס פאָטער האָט גאַנץ גוט געוואוסט וועגען גענצ׳ס ליבע וועגען זיין זוהנ׳ס סטיל און פרינץ מעטערניך׳ס ליבע פאַר זיין פאַרשטענדניס אין פּאָליטיק 2).

שטילערהייט וויל דער פאָטער איינאָרדנען זיין זוהן אויף דער זוניגער זייט פון געזעלשאַפטליכען לעבען. איידער ער האָט נאָך עטוואָס געזאָגט וועגען דעם, האָט שוין מעטערניך געמאַכט גאָר גוטע פאָרשלאָגען פאַר איהם. ער האָט פאָרגעשלאָגען, אַז דער יונגער מאַן זאָל לעבען אין ווין, מיט׳ן טיטול, ראַנג און איינקונפט פון קייזערליכען ראַטה, ער זאָל קיין שום זאַך דערפאַר ניט דאַרפען טאָן, אַלעס וואָס ער וועט שרייבען זאָל ניט דאַרפען דורכגעהן קיין צענזור: ער זאָל זיין זיין אייגענער צענזאָר, און אויב אין אַ פּאָר מאָנאַטען אַרום וועט ער וועלען אויפגעבען די שטעלע, זאָל ער זיין פריי. פאַרנעהמענדיג אַזאַ שטעלע, וועט ער האָבען אַלע מעגליכקייטען צו אַרבייטען פאַר דער מענשהייט און פּראָגרעס.

---

1) קאַרל גוצקאָוו׳ס „בערנע׳ס לעבען", געזאַמעלטע ווערק באַנד 12, 328-329.

2) מעטערניך איז אפילו געווען באַקאַנט מיט זיינע רעוואָלוציאָנערע בריעף פון פּאַריז. דעם 26טען יאַנואַר, 1843, שרייבט די פּרינצעסין מאַליני מעטערניך אין איהר טאָג־בוך: „איך האָב היינט פאַרבראַכט אין אָנפאַנג אָבענד מיט קלעמענס׳ן, פאַר וועמען איך האָב פאָרגעלייענט בערנע׳ס בריעף פון פּאַריז. זיי זיינען, פאַרשטעהט זיך, מיט אַ שלעכטער אַבזיכט, אָבער דער סטיל מיט זיין טיפלישער קראַפט איז דורכאויס גלענצענד". מעטערניך׳ס איבערגעלאָזטע פּאַפּירען, באַנד 5, 545, ציטירט פון האָלצמאַן.

בערנע'ס פאַטער האָט איהם דאַן געשריבען: „טייערער לואיס! איך בעט דיך, דו זאָלסט לייענען דעם בריעף אַזוי אויפמערקזאַם, ווי איך האָב איהם געלייענט. גלויב מיר, אַז די זעלבסטשטענדיג־קייט, וואָס איז ביי דיר אַזוי טייער, איז אומזיכער. קענסטו דאָס באַווארענען? פאַרוואָס זאָלסטו ניט האָבען קיין זיכערע שטעלע? וואָס איז דיין איצטיגע גליקזעליגקייט? זיכער ניט די 500 פראַנק (קאַטאָ'ס מאַנאַטליכע געצאָהלט)? באַשלים איצט, צוליעב דיין צוקונפט צו קומען אין וויען אויף מיין רעכענונג. איך בעט דיך, פאַרוואַרף ניט די געלעגענהייט וואָס קאָן דיך גליקליך מאַכען...“

בערנע האָט ענטזאָגט: ער וויל מיט די מאַכטהאָבער קיין פאַרבינדונג ניט האָבען 1). געטע קאָן זיך ערלויבען צו האַלטען אַ שטעלע פון אַ געהיימראַט אין הויף, אָבער ער, בערנע, וויל דאָס ניט. און דאָך האָט דער רייז געדאַרפט זיין שטאַרקער ביי דעם געבאָ־רענעם פלעבעיער, וואָס האָט געדאַרפט אַראָפּנעהמען דעם הוט פאַר יעדען פאַרבייגעהער, ווי עס איז געווען פאַר אַ פּאַטריציירער. לייענענדיג די שאַרפע, האַס־פולע און אומגערעכטע ווערטער, וועל־כע בערנע האָט געשריבען אויף געטע'ן, דאַרפען מיר ניט פאַרגעסען, אַז אונטער די ווערטער איז געשטאַנען אַ מאַן, וואָס וואָלט ניט געטאָן וואָס געטע האָט געטאָן.

בערנע'ן האָט געפעלט דער קונסט־זין אין שטרענגסטען זין פון וואָרט. ער האָט זיך אַליין אָפענהערציג מודה געווען אין דעם. ער האָט עס אויך אַרויסגעוויזען מיט זיינע אַטאַקען אויף די, וועמען עס איז גאַנץ גלייך געווען וואָס דער קינסטלער וויל און זיך נאָר אינטערעסירט מיט זיין סטיל. קינסטלער און קונסטליבהאָבער פון דעם סאָרט זיינען פאַר איהם אָפשטויסענד געווען. עס רעגט איהם אויף, ווען אימיצער קאָן ליעב האָבען אַ בילד פון „שטילען לעבען“

1) ער שרייבט זיין פאַטער: „גאַנז האָט אויך, אָהן צווייפעל, אַנגעפאַנגען ווי אַ ליבעראַל, ער האָט אָבער געקאָנט זיין בירגערשאַפט פאַרזעצען פאַר זיין ערנסטקייט און בייטען זיינע מיינונגען. איך קאָן דאָס ניט. ער איז פריהער פאַרקויפט געווען צו ענגלאַנד פאַר יאָהרען איידער ער איז אַריין אין דיענסט פון עסטרייך. ער איז זינליך, פאַר־שווענדעריש, דער אומפאַראַנטוואָרטליכסטער מענש אין לאַנד...“

מעהר ווי א בילד פון דער מאַדאָנאַ. זיין נאַטירליכע נייגונג צום גרויסען, ערהאַבענעם און געטליכען אין דער קונסט, רופט ביי איהם אַרויס די אָפענע ערקלערונג, אַז אַלע קונסטווערק וואָס האָבען ניט די מעלות, זיינען פאַר איהם ניט־נאַטירליך און שטומפּזיניג 1).

מיר קאָנען ניט איינשטימען מיט שטיינטאַל, ווען ער זאָגט, אַז בערנע האָט זיך געפיהלט אין דער היים אויף יעדען געביט פון קולטור, יעדער ספערע פון קינסטלערישען שאַפען. מיר וויסען אומגעקעהרט, אַז יעדער צווייג פון קונסט אַלס אַזעלכער, איז פאַר בערנע'ן געווען אַ פאַרזיגעלט בוך. דאָס האָט איהם, פאַרשטעהט זיך, ניט אָפּגעהאַלטען צו שרייבען קלוג און באַלערענד וועגען קונסט, אָבער וואָס ער האָט געשריבען קאָן מען ניט אָנרופען קונסט־קריטיק.

בערנע איז אַ סך געלויבט געוואָרען פאַר זיין ענערגישער פאַרדאַמונג פון דער דייטשער „שיקזאַל־טראַגעדיע“, וואָס איז אין זיין צייט אַרויף אויף דער ביהנע און מענשען פאַרדרעהט די קעפּ. אָבער עס דאַרף באַמערקט ווערען, אַז ניט פון אַן עסטעטישען שטאַנדפּונקט איז ער געווען געגען זיי. ער באַטראַכט די זאַך פון מאָראַלישען אָדער רעליגיעזען שטאַנדפּונקט: דער גלויבען, אַז אַ געוויסער טאָג, מיר ווּלען זאָגען — דער 24טער פעברואַר — איז פאַר אַ פאַמיליע באַזונדערס אומגליקליך, איז נאַריש און שעדליך, עס האָט ניט קיין פאַרבינדונג מיט דעם אַלטען גלויבען פון אַ פאַראויסבאַשטימטען שיקזאַל, אָדער קריסטליכער אַלמעכטיגער גאָטהייט, אָדער מיט דער מאָדערנער דעטערמיניסטישער טע־

1) אַ זשאַבע, אַן אוגערקע, אַ שטיק פלייש, אַ ווילהעלם מייסטער, אַ קריסטוס, אַלעס איז פאַר זיי גלייך. יאָ, זיי פאַרציהען אַ מאַדאָנאַ איהר הייליגקייט, אויב זי איז נאָר גוט געמאָלען. אַזוי בין איך ניט און קיין מאָל ניט געווען. אין נאַטור האָב איך אַלע מאָל געזוכט גאָט, גאָט אַליין, און אין קונסט — דאָס געטליכע! און וואו איך האָב ניט געקאָנט געפינען גאָט, האָב איך בלויז געזעהן מיזעראַבלע האַנט־אַרבייט. געשיכטע, מענש און ביכער זיינען פאַר מיר אַלץ איינס געווען — צום אומגליק!“

אריע פון אורזאך און ווירקונג, וואס האט אונטערגעגראבען דעם גלויבען אין די אזוי־גערופענע „פרייען־ווילען“־טעאריע. פאר בערנע'ן איז אבער דער גלויבען ניט־שכל'דיג נאר דערפאר, ווייל ער איז א פארבינדונג פון צוויי טעאלאגישע סיסטעמען. זיין געדאנקען־גאנג איז אזא; טויט איז אדער א ליעבענדער פאטער, וואס נעהמט זיין קינד אהיים, און וועלכען פאל דער שיקזאל איז ניט קיין טראגישער, אדער עס איז דער מענשענפרעסענדער קאראנאס, וואס דערשטיקט זיינע אייגענע קינדער, און וועלכען פאל עס איז ניט קריסטליך 1), ווי דאס וואלט געוועזן זעהר וויכטיג. עס קאן דאך נאך אלץ זיין א גרויס פאעטיש ווערק.

בערנע איז אזוי קלוג און קלאר־קעפיג, אז זיינע מיינונגען וועגען דעם ווערט אדער ווערטלאזיגקייט פון די פיעלע דראמעס וואס ער האט קריטיקירט זיינען כמעט שטענדיג גערעכט, ער פארשטעהט זעהר גוט דעם גייסט פון אלענשלאגער'ס „קארעגיא“ און באשעפטיגט זיך א סך מיט דער שוואכקייט פונ'ם שטיק, אבער ער באמערקט גארניט די סצענישע עפעקטען. ער גיט א גוטע אפשעצונג פון דראמאטורגען ווי קלייסט, אימערמאן און דעם יונגען גרילפארצער, אבער ווען ער פאנגט אן צו געבען אורזאכען פאר זיין לויב אדער אראפרייסונג, באמערקט מען גלייך דעם אומקינסטלערישען טעמפעראמענט זיינעם, און גאנץ אפט ווייזט ער ארויס די פאראורטיילען פונ'ם אידעאליסט. ער איז אהן צווייפעל גערעכט אראפרייסענדיג, צום ביישפיעל, אויפלאנד'ס „די שפילער“, אבער זיין רעכטפערטיגונג איז א מאדנע: „צו וואס דארף מען ארויפברענגען די שפיל־לוסט אויף דער ביהנע?“ שרייט ער אויס. „מען וואלט דאך שוין פונקט אזוי געקאנט דראמאטיזירען די פארצעהרונג אין אלע איהרע פאזען!“ עס איז נאר פארהאן איין אונ־

---

1) איך האב קיינמאל ניט געקאנט פארשטעהן זייער אויפפאסונג פון שיקזאל, זייער פארביטונג פון דער היינטיגער מיט דער אמאליגער אידעע, זייער קריסטליכען פאגאניזם. טויט איז אדער א ליעבענדער פאטער, וואס נעהמט זיין קינד אהיים, און וועלכען פאל עס איז ניט טראגיש; אדער עס איז דער קאניבאלישער קראנאס, וואס פארצערט זיינע אייגענע קינדער, און וועלכען פאל עס איז ניט קריסטליך.

טערשייד: פאַרצעהרונג איז אַ פיזישע קראַנקהייט און שפּיעל־לוסט — אַ פאַרברעכען. זיין שטעלונג איז אַ כאַראַקטעריסטיש־אי־דעאַליסטישע: עס איז ניט נויטיג אַרויפצובריינגען אויף דער ביהנע דאָס, וואָס מיר קאָנען זעהן אין דער היים. די אורזאַכען זיינען אָרעמקייט, חובות, אַ געטרייע פרוי, וואָס ליידט געדולדיג. אַנשטאַט אָנוויזען אויף דעם טיפען און קינסטלערישען גייסט, אין וועלכע אַזעלכע זאַכען ווערען געוועהנליך פאַרגעשטעלט, שרייט ער גאָר אויס: „זיינען דאָס אַזעלכע זעלטענע ערשיינונגען, אַז מיר זאָלען צאָהלען געלט צו קענען זיי זעהן? אויף דער ביהנע דאַרף דאָס לעבען דערהויבען ווערען אַ שטאַפּעל העכער ווי געוועהנ־ליך". און ער געהט ווייטער און זאָגט, אַז דערפאַר האָט די גריכישע און רוימישע טראַגעדיע געבראַכט די געטער פּאַבלען אויף דער ביהנע. ער האַלט, אַז דער מאָדערנער דראַמאַטורג האָט געדאַרפט אונז וויזען די אמת׳ע כאַראַקטערע פון אַלטערטום; אָדער, אויב ער וויל זיך ראַנגלען מיט דער געגענוואַרט, מוז ער נאָר איהרע ליי־דענשאַפטען פּראָדוצירען. מיר זעהען, אַז בערנע איז געווען באַ־הערשט פונ׳ם נאַאיווען גלויבען, אַז די „קלאַסישע" כאַראַקטערען פון די אַלטע צייטען זיינען געשטאַנען העכער ווי די היינטיגע מענ־שען; ער פאַרשטעהט ניט, ווי אַ טעגליכע ווירקליכקייט גוט באַ־האַנדעלט, קאָן זיין אַ גרויס קונסטווערק.

נאָך אַ שטאַרקערער באַווייז, אַז בערנע האָט ניט געקאָנט אָפּ־שעצען קיין פּראָסטע, פּרימיטיווע פּאָעזיע, איז זיין גלייכגילטיגקייט צו דעם אַלטען טעסטאַמענט. אין אַ בריעף צו העגריעטא הערץ, געשריבען אין זיין 19טען יאָהר, טרעפען מיר אַ שטעלע, אַזוי טרוי־קען און אַלט, ווי וואָלטערס אַ וויץ אויפ׳ן חומש, און דאָס איז שוין נ אָ ך געטעי׳ן: „עס האָט זיך מיר אַלע מאָל אויסגעוויזען, אַז די פאַרצייטיגע אידען פון אברהם ביז שלמה דעם חכם, האָבען געוואָלט מאַכען פּאַראַדיעס אויף דער געשיכטע פון דער וועלט. לייענט יהושע אָדער מלכים און איהר וועט גלייך זעהן די עהנליכ־קייט צו בלומאַ" 1).

אַ פאַרגלייך צווישען די איביגע לעגענדען און געשיכטליכע פּאַ־

1) בערנע׳ס זוגענד בריעף ז. 143.

סירוננגען מיט אַן אומגעלומפּערטען דייטשען נאָכמאַכער פון ווירגיל׳ס „ענייד“, קאָן נאָר באַשאַפען ווערען ביי אַ קריטיקער, וואָס האָט ניט קיין ביסעל פאַרשטענדניס פאַר דער אַלטער ליטעראַרישער פאָרם, האָט געמאַכט זיין אויפגאַבע צו געפינען אין יעדען ווערק מאָדערנע סענטימענטאַלע, רעליגיעזע אָדער פּאָליטישע מאָראַל. עס איז כאַראַקטעריסטיש פאַר בערנע צו ענדיגען מיט אַ בלינדער פאַרעהרונג פון דער ניט פיעל זאַגענדער אין אַ טאָן פון אַ האַלב ביבלישען האַלב ניי־טעסטאַמענטליכען פּאַטאָס פון לאַמענייס „ווערטער פון אַ גלויביגען“.

* * *

בערנע און מענצעל.

ווען ניט דער מאַנגעל אין פּאָעטיש־אַרטיסטישער פאַרשטענדניס, וואָלט געווען שווער צו ערקלערען בערנע׳ס באַטייליגונג אין דער רעאַקציע געגען געטע׳ן, אין וועלכער עס האָבען אַנטייל גענומען מאַנכע פון די גרעסטע מענשען פון זיין צייט; ניט אַכטענדיג אויף זיין פּערזענליכער געגנערשאַפט צו געטע׳ן איז ער דאָך ניט געווען דער פאַראורזאַכער פון דער רעאַקציע. זי איז שוין געווען אין איהר פולען גאַנג איידער ער האָט נאָך אין איהר אַנטייל גענומען. אומגעפעהר אין דערזעלבער צייט, ווען די גאָט׳ס־פאַרכטיגע מענשען האָבען זיך געפרעהט מיט פּאַסטאָרגוטקובענ׳ס פּאַראָדיע אויף די „וואַנדעריאַהרען“ און זיין אַטאַקע אויף געטע׳ס גאָטלאָזיגקייט, האָבען די פּראָגרעסיווע יונגע פּאָליטיקער צוגעשטימט צו אונטערזוכען געטע׳ס פּאָליטישע איבערצייגונגען. דער מאַסשטאַב איז געווען דער סאַמע לעצטער, און דער אורטייל איז געווען, אַז ער איז אַן „אַריסטאָקראַט“, פיהלט ניט מיט די ליידען פונ׳ם פּאָלק און איז באמת גאַרניט קיין געניע.

דער ערשטער פון די באַדייטענדע שרייבער, וואָס האָט אומערמידליך סיסטעמאַטיש דערנידעריגט געטע׳ן איז געווען וואָלפגאַנג מענצעל (געב. 1798). נאָך איידער ער איז דרייסיג יאָהר אַלט געווען, איז שוין מענצעל געווען באַריהמט, און מען האָט זיך שוין פאַר איהם געשראָקען. ער איז געווען אַ שאַרפער און

פּעהיגער שרייבער, איז געווען זיכער אין זיך און שטרענג אין זיי־נע איבערצייגונגען אלס ליבעראל, נאַציאָנאַליסטס און מאָראַליסט. ווי בערנע, איז ער פון אָנפאַנג געווען אַ שילער פון זשאַן פּאול, אָבער אין זיין „שרעקווערזע" (1823) וואָס איז שטאַרק באַליעבט געווען אין יענער צייט, און וואָס איז אָהן צווייפעל אַ נאָכאַהמונג נאָך זיין לעהרער, דערפיהרט ער זשאַן פּאולס אייגענאַרטיגען הו־מאָר ביז קאַריקאַטור. זאַכען וואָס האָבען ניט קיין נאַטירליכע פאַרבינדונג איינע מיט די אַנדערע, ברענגט ער צוזאַמען און מאַכט דערפון אַן אַפאָריזם, אויף דעם זעלבען אופן, ווי מען מאַכט פון אומפאַרבונדענע אידעען אַ וואָרט־שפּיעל. ער שרייבט: דער יום־טוב פון די קדושים איז פאַר'ן יום־טוב פון די געוועהנליכע נשמות; די נביאים קומען פריהער אין הימעל ווי דאָס פאָלק; די רעליגיע פונ'ם אַלטערטום איז געווען דאָס קרישטאַל פאַר פיעל גלאַנצענדיגע געטער; די קריסטליכע רעליגיע איז דער פערעלמוטער פאַר אַן איינציגען אָבער, ניט צום אָפּשעצען, טייערען גאָט; דאָס ערדישע לעבען איז אַ בייסטאַנאַדאַ — יעדער קלויסטער־גלאָק איז אַ טויכער־גלאָק, אונטער וועלכען עס געפינען זיך די פּערל פון דער רעליגיע.

אין זיין זשורנאַל „דייטשע ליטעראַטור" האָט ער אין 1819 אָנגעפאַנגען אַן אַטאַקע אויף געטע'ן, און ער פיהרט זי מיט אַ משונה־דיגער איינבילדונג און פעסטען גלויבען אין דער גערעכטיגקייט פון זיין זאַך. פון אָנפאַנג האָט ער געפּרובירט אונ־טערגראָבען די באַוואונדערונג פון דעם לעזענדען פּובליקום פאַר געטע'ס אָריגינאַליטעט. ער האָט עקזאַמינירט זיינע ווערק, מיט דעם צוועק צו געפינען נאָכאַהמונגען און פּלאַגיאַריזם, און דעמאָנסטרירט דעם אויסלענדישען איינפלוס אויף אַלע זיינע שריפטען.

אין זיין ערשטער גאַנצער אַרבייט וועגען דער געשיכטע פון ליטעראַטור: „די דייטשע ליטעראַטור" וואָס איז פאַרעפענטליכט געוואָרען אין 1828 אין צוויי טייל, האָט ער, אין אַ זעהר רוהיגען טאָן, באַשולדיגט געטע'ן, אַז ער שמייכעלט זיך אונטער צו די פאָראורטיילען פון זיין צייט. ער ערקלערט, אַז געטע האָט ניט מעהר ווי אַ באַשרייבענדען טאַלאַנט. אַז „טאַלאַנט" איז עטוואָס, צו וואָס מען דאַרף ניט קיין אינערליכען גלויבען, „אַ העטעראַ,

וואס יעדער קאן האבען". נעמט איז אלע מאל געשוואומען מיט'ן שטראם און אויף דער אויבערפלאך, ווי א קארקע, זאגט ער. ער פלעגט זיך בוקען פאר יעדע שוואכקייט און נארישקייט, וואס איז צופעליג געווען אין דער מאדע. אונטער דער גלאטער מאסקע פון זיינע ווערק ליעגט באהאלטען א ראפינירטקייט פון סענסואליטעט! די ווערק זיינען די געבליטען פון דעם מאטעריאליזם וואס הערשט אין דער מאדערנער וועלט. געטע איז ניט קיין געניע, נאר ער האט ביז א הויכען גראד דעם טאלאנט צו מאכען זיינע לעזער פאר זיינע מיטהעלפער", און אז. וו. און אז. וו. 1).

היינע, ניט קריטיש גענוג צו לויבען את דאס בוך און זיין שרייבער, — א זאך וואס האט איהם שפעטער פארדראסען, — האט גארניט צו זאגען וועגען מענצעל'ס מיינונג, אז געטע איז ניט געווען קיין געניע, נאר א טאלאנט. ער דריקט אויס די מיינונג, אז פון דער לעהרע וועלען בלויז געצעהלטע מענשען האלטען, און אפילו די געצעהלטע וועלען צוגעבען, אז געטע האט צייטענווייז געהאט דעם טאלאנט צו ווערען א געניע 2).

מענצעל זעצט פארט זיין אטאקע אין צאהלרייכע ארטיקלען און אין א נייער פארגרעסערטער אויסגאבע פון זיין ווערק איבער דער דייטשער ליטעראטור. ער באשולדיגט געטע'ן אין דרייערליי סארטען גאוה און זעקסערליי תאוות. ער אנאלאזארט אלע זיינע ווערק, די גרויסע ווי די קליינע איינס ביי איינס, מעסט זיי מיט זיין איינענער פאטריאטישער מאס און ערקלערט זיי פאר אונערטרעגליך. „קלאוויגא" פארדאמט ער, ווייל געטע מאכט, אז קלאוויגא זאל אוועקוואַרפען מאריע'ן. דאס וואס ער טויטעט איהם שפעטער דורך איהר ברודער'ס האנט, געהט איהם ניט אן. נאך מעהר, עס איז נאך אן אורזאכע, אז מענצעל זאל ווערען אין כעס, וויסענדיג, אז אין לעבען האט קלאוויגא געלעבט גליקליך, און דערפאר איז זיין טויט אויף דער ביהנע ניט מעהר ווי טעאטראליש

---

1) מענצעל, די דייטשע ליטעראטור, צווייטער באנד, זייט 205—222.

2) היינע, אלע ווערק, זיבעטער באנד, זייט 265.

אום צו געפינען אונמאָראַליטעט אין דער פּיעסע, מוז דער קריי־טיקער, ווי מיר זעהען, אָנקומען צו זיין וויסען פון געשיכטע, אַ זאַך וואָס האָט מיט דער פּיעסע גאָרניט צו טאָן. „טאַסאָ" איז פאַר איהם געטעים וידוי פון אַ הויף מענשען וואו מען זעהט די תאוה פון אַ „פאַרוועניו", וועלכער ווערט צוגעצויגען פון דעם הויכען ראַנג פון אַ פרוי. 1). דעם לעזער וועט ניט זיין שווער זיך פאָרצושטעלען די מאָראַלישע באַשולדיגונגען, וועלכע מענצעל וואַרפט איהם אויף, פאַר זיין „מיטשולדיגען" אין „די שוועסטער" וואו „ער קוקט מיט תאוה אויף דער שעהנער שוועסטער", אין „סטעלאַ", וואו ער זוכט דעם רייץ פון ביגאַמיע, און אין „פּופּציגיעהריגען בחור", וואָס רופט באַזונדערס אַרויס זיין כעס. אפילו „ווילהעלם מייסטער" איז פאַר מענצעל'ן ניט מעהר ווי אַ באַוויין, ווי לייכט געטע פלעגט שעצען טוגענד. און די צוציהונג וואָס אויסערליכער גלאַנץ און ראַנג האָט געהאַט פאַר איהם. אַפילו „די וואהלפערוואַנדשאַפטען" באַטראַכט ער פאַר איי־נעם פון די חתונה־ברוך ראָמאַנען, וועלכענ'ס טעמע איז די תאוה צו פרעמדע פרויען.

דער דיכטער פיהלט באמת, אַז דער שיקזאַל האָט זיך געדאַרפט אַריינמישען און דערפאַר פאַלט דער באַטריגער דורך דער האַנט פון איהר ברודער, אָבער דאָס טעאַטער־שפּיעל רעגט אונז נאָך מעהר אויף, ווייל מיר ווייסען, אַז אין דער ווירקליכקייט האָט ער געלעבט גליקליך און פאַר אונז נאָך באַשריבען דעם אומגליק וואָס ער האָט פאַראורזאַכט.

„די כלה פון קאָרינט" איז דער אויסדרוק פון זינליכקייט וואָס האָט ליעב קברים 2).

וואו עס איז אוממעגליך צו באַשולדיגען אין אוממאָראַליטעט, קעהרט זיך מענצעל אום צו דער באַשולדיגונג אין אומאָריגינאַלי־

---

1) די תאוה פון דעם „פאַרוועניו" ווערט ניט צוגעצויגען בלויז פון פרויען נאָר אויך פון זייער עדעלען און קעניגליכען שטאַם.

2) אפילו אין דעם שוידער פון קבר געפינען זיי דעם זינליכען געניוס אין דעם פאַרקעהר מיט שעהנע גייסטער.

טעט. „הערמאַן און דאראטעא“ איז אַ ווערק פון קליינער באַדייטונג ניט נאָר צוליעב זיין גלאָריפיצירען דעם קליין־בירגער און פיליס־טער, נאָר אויך ווייל עס איז אַ דירעקטע נאָכאַהמונג נאָך פאָסעס „לואיזע“. לויט מענצעל, האָט געטע געוויזען אָריגינאַליטעט בלויז אין זיין „פאוסט“ און אין זיין „ווילהעלם מייסטער“, ווייל אין די צוויי ווערק האָט ער זיך אַליין קאָפּירט. אין זיין יוגענד פלעגט ער נעהמען פון מאַליער'ן און פון בימארשיים'ען, פון שעקספּיער און לעסינג. און זיינע יאַמבישע טראַגעדיען זיינען „די פרוכט פון זיין קאָנקורענץ מיט שילער'ן“. צו דעם אַלעמען איז ער, ווייס איין גאָט, ניט געווען קיין פּאַטריאָט.

מיר וועלען איצטער פאַרגלייכען בערנע'ס אַטאַקע אויף געטע'ן מיט מענצעל'ס און מיר וועלען זעהן, טראָץ דער עהנליכקייט און אי־בערטריבענע אוסדריקען, דעם גרויסען אונטערשייד: בערנע האָט ניט געאורטיילט און נאָך ווינציגער פאַראורטיילט געטע'ס גרויסע ווערק. ער דערנידעריגט זיך אויך ניט צו באַשולדיגען איהם אין סעקסועלער אוממאָראַליטעט: ער באַנוגענט זיך מיט די אַטאַ־קען אויף זיינע פּאָליטישע פאַרבינדונגען. סאַנט־רענע טרילאַנדיר באַמערקט גאַנץ ריכטיג ווען ער זאָגט, אַז בערנע האָט נאָר אַרויס־געגעבען דאָס, וואָס איז געווען ביי איהם אויפ'ן הארצען געגען געטע'ן, ווען ער האָט גענומען פאַר אַ מאָטאָ אין זיין קריטיק אויף בעטינאָ'ס „געטהע'ס בריעפוועקסעל מיט איין קינד“, די ווערטער פון פּראָמעטעאוס:

„איך דיך עהרען? פאַר וואָס? האָסטו פאַרלייכטערט די משא פון די שווער־באַלאַדענע? האָסטו ווען די טרערען פון די פאַרצווייפעלטע אויסגעטריקענט?“

פון געטע'ס ווערק שעצט ער בלויז די, אין וועלכע ער געפינט דעם יוגענד־פייער. זיין אָנגריף איז ניט געבויט אויף פאַראַכטונג צו זיינע אַנדערע שריפטען, נאָר אויף דעם פאַקט וואָס געטע, זייענ־דיג אַזאַ אַנגעזעהענער און אַזאַ פעהיגער מענש, נוצט ניט אויס זיין פעהיגקייט און זיין לאַגע צו פאַרבעסערען די עקזיסטירענדע באַדינגונגען אין דייטשלאַנד. עס איז לייכט צו געפינען אויסצוגען, וואָס זיינען עהנליך צו מענצעל'ס אין בערנע'ס שריפטען. צום ביישפּיעל: אין 1830 שרייבט ער אין זיין טאָג־בוך וועגען געטע'ס

מזל, וואָס איהם איז געלונגען מיט זיין טאַלאַנט צו אימיטירען די „האַנטשריפט פון געניען פאַר מעהר ווי זעכציג יאָהר און קיינער זאָל דאָס ניט קענען דערקענען. אין אַן אַנדער פּלאַץ זאָגט ער: „געטע איז קנעכט אין פּערזען און העגעל אין פּראָזאַ“. אָבער אום צו פאַרשטעהן די ווילדע און פאַרדראָסיגע אויסברוכען, מוזען מיר פאַרשטעהן בערנע'ס צעטעל פון באַשול־דיגונגען געגען געטע'ן און שילער'ן.

ער איז אַרויס פון דער הנחה (לויט אַלע וואַרשיינליכקייטען, אַ פאַלשע), אַז ווען געטע וואָלט ענערגיש און אין צייט פּראָטעס־טירט, וואָלט ער פאַרהינדערט די באַשלוסען פון קאַרלסבאַד און אויף דעם אופן וואָלט דייטשלאַנד געהאַט פּרעסע־פרייהייט און אַנדערע גייסטיגע רעכט, וואָס די רעאַקציע האָט אָוועקגערויבט. יעדענפאַלס, וואָס די רעזולטאַטען וואָלטען געווען, איז ער אָבער געווען איבערציינגט, אַז עס איז געווען געטע'ס פליכט צו פּראָטעס־טירען. וואָס האָט ער אָבער, אַנשטאָט דעם, געטאָן? „געהיימראַט פאָן געטע, דער קאַרלסבאַדער פּאָעט“, ווי בערנע האָט איהם אי־ראָניש אָנגערופען, וויסענדיג אַז ער פאָהרט דאָרטען יעדעם יאָהר צו טרינקען הייל־וואַסער, איז געוואָרען אַ דיענער צווישען אַנ־דערע דיענער פון דעם פירסט, און איז זיך מודה, אַז ער האָט געשריבען די קליינע, נאַרישע פּיעסע „דער בירגער־גענעראַל“ (די גאַנצע קאָמעדיע באַשטעהט אין דעם, וואָס מען האָט גע'גנב'עט אַ קרוג מילך פון דעם פּויער מאַרטין) מיט דעם צוועק אָפּצולאַכען פון דער פראַנצויזישער רעוואָלוציע. ער איז זיך אויך מודה, אַז ניט אַננעהמענדיג זיך פאַר פיכטע'ן, ווען ער איז באַשולדיגט געוואָרען, אַז אַלס פּראָפעסאָר פון גענוער אוניווערזיטעט האָט ער געלערענט אַטעאיזם, איז ער אָבער געווען אומצופרידען פון דער אומאַנגענעמליכקייט וואָס דאָס האָט פאַר־שאַפט דעם הויף 1). ווידער האָט בערנע'ן פאַרדראָסען, ווען געטע האָט באַדויערט, וואָס דורך דער פרייהייט פון פּרעסע אין ווייטאַר, איז אַן ענדע געקומען צו דער פרידליכער צייט. דאָס האָט ער

1) עס איז בעסער אינגאַנצען צו שווייגען וועגען פיכטע'ס אַרט רעדען וועגען גאָט און דאָס געטליכע.

געזאָגט, ווען אַקענ׳ס „איסים“ איז אַרויסגעגעבען געוואָרען: „די ווייטערע קאָנזעקווענצען וועט יעדער רעכטדענקענדער מענש באַדויערען“. דעם זעלבען געפיהל פון אַנטוישונג און דערשלאַגונג האָט בערנע געהאַט ווען שילער, פון וועמען ער האָט פיעל געהאַלטען, האָט אין דעם קריטישען מאָמענט פון דער פראַנצויזישער רעוואָלוציע דערקלערט אין דער אַנאָנסע פאַר זיין נייער צייטשריפט „די האָרען“, אַז ער וועט צוריקווייזען אַלעס וואָס וועט באַצוועקען צו קריטיקירען די רעגירונג, רעליגיע, אָדער פּאָליטישע צייט־פראַגען.

ווען מיר לייענען בערנע׳ס פייערדיגע באַשולדיגונגען, אויפגעפלאַמט פון אַ ליידענשאַפט פאַר פרייהייט, וואָס פאַרגעסט צו זיין גערעכט, אויף שילער׳ן און געטע׳ן און די קלאַגען, וואָס אין דער קאָרעספּאָנדענץ צווישען די צוויי גרעסטע גייסטער פון דייטשלאַנד, ווייזען זיי זיך אַרום אַזוי קליין,נאָך ווייניגער אַלס קליין, — מוז מען איין זינען האָבען, אַז זיי זיינען ווירקליך דאָס וואָס ער, אַ דעמאָקראַט, האַלט פאַר דאָס ערגסטע, אַ פאַר אַריסטאָקראַטען. ער זעהט אין שילער׳ן אַן ערגערען אַריסטאָקראַט ווי אין געטע׳ן. געטע׳ס איינזייטיגקייט איז בלויז פאַר די העכערע קלאַסען פון דער געזעלשאַפט, און שילער וועט ניט נאָהענט זיין מיט קיינעם, אויסער מיט די געקליבענע פון דער מענשהייט. בערנע גלויבט, אַז געטע .וואָלט געקאָנט זיין דער הערקולעס, וואָס זאָל אויסרייניגען די אוגענישע שטאַלען פון זיין לאַנד. אָבער ער האָט בעסער געוואָלט בלייבען די גאָלדענע עפּעל פון העספּערידעס און זיי האַלטען פאַר זיך. ער פאַרגלייכט איהם אין זיין געדאַנק, מיט די גרויסע פּראָדוקטיווע גייסטער פון אַנדערע לענדער: מיט דאַנטע׳ן, וואָס האָט אָנגעפיהרט דעם קאַמף פאַר גערעכטיגקייט; מיט אַלפיערי, וואָס האָט געפּרעדיגט פרייהייט, מיט מאָנטעסקיע׳ן, וואָס האָט געשריבען די „פּערסישע בריעף“; מיט וואָלטער׳ן, וואָס האָט אַלעס געוואָגט און האָט אויפגעגעבען אַלעס ,צו פאַרטיידיגען אַ פאַרפאָלגטען מענשען, אָדער צו רעטען איינעם, וואָס איז אומשולדיג פאַראורטיילט געוואָרען צום טויט; מיט דעם רעפּובליקאַנער מילטאָן; מיט בייראָנ׳ן, וועמעס גאַנצער לעבען איז געווען אַ קאַמף מיט טיראַניי, קלוג אָדער

נאַריש, — און ער פאַררופט געטע'ן פאַר דעם ריכטער־שטול פון דער אייביגקייט: „דער אומ'ברחמנות'דיגער אָבער גערעכטער ריכ־טער וועט זאָגען צו געטע'ן: אַ גרויסער גייסט איז דיר געגעבען געוואָרען, האָסטו דאָס ווען באַנוצט זיך קעגענצושטעלען קעגען שלעכטעס? פון הימעל האָסטו געקראָגען אַ צונג פון פייער, האָסטו ווען גערעכטיגקייט פאַרטיידיגט? דו האָסט אַ גוטען שווערד, אָבער דו האָסט איהם געצוואונגען נאַר זיך אַליין צו פאַרטיידיגען“

מיר קאָנען ניט אַפּלייקענען, אַז בערנע האָט אָנגעוויזען אויף אמת'ע פלעקען אין געטע'ס גרויסקייט און אמת'ער באַגרענעצטקייט אין זיין נאַטור, אפילוווען מיר ווייסען, אַז טיילען פון זיין גרויס־קייט האָט ער, אַ דאַנק די פלעקען און אַז געוויסע באַגרענעצטקייט איז נויטיג, אום זיין גענים זאָל ניט פאַרגיפטעט ווערען פון פיעל־זייטיגקייט. ער האָט ניט געדאַרפט טאָן וואָס בערנע האָט פון איהם פאַרלאַנגט. אָבער מיר מוזען פאַרשטעהן די פּראָפּאָרציע פון גערעכטיגקייט, וועלכע געפינט זיך אין בערנע'ס אַטאַקעס, אום מיר זאָלען קאָנען פאַרגעבען די שטאַרקע און נארישע אויסדרוקען פון פאַרדרוס געגען געטע'ן, אין דער צייט ווען די האָפענונגען פון די ליבעראַלע האָבען דורך דעם פאַלען פון דער יולי־רעוואָלוציע, געקראָגען אַ צווייאיגען טויט־קלאַפּ: פון דעם ארונטערבויגען זיך פון דער פראַנצויזישער רעגירונג אונטער דער מאַכט פון די גרויסע פינאַנסירען, און דורך דער אונטערדריקונג פון דעם פּויילישען אויפ־שטאַנד. איצט ווערט ער נאָך שטאַרקער און ביטערער ווי פריי־הער. ער רופט אָן געטע'ן די אומגעהויערע אָפּהאַלטענדיגע קראַפט, פאַרגלייכט איהם צו אַ בעלמע אויף דעם אויג פון דייטשלאַנד, און דריקט אוים די מיינונג אַז ביז דער אַלטער מאַן פון ווייסאַר וועט ניט שטאַרבען, וועט די דייטשע פרייהייט ניט געבאָרען ווערען. (נאָ־וועמבער דעם 30טען, 1830).

דעם ערשטען אָקטאָבער, 1831, נאָכדעם ווי ער האָט פאַר־בראַכט טעג פון פאַרצווייפלונג איבער די לעצטע פּאַסירונגען, ספּעציעל שמערצליך פאַר דעם איינגעשפּאַרט־האָפנונגספולען מענ־שען, וואָס פראַנקרייך איז פאַרלאָרען און די רעאַקציע האָט גע־זיעגט, האָט זיין כעס דערגרייכט זיין העכסטע שטופע. ווען ער

האָט גענומען געטע׳ס „טאָג און יאָהרהעפטען״ און ער איז פאַר־ציטערט געוואָרען פון דעם שרייבער׳ס „אַפּאַטיע״. געטע דער־צעהלט, ווי זייענדיג מיט דער אַרמעע אין שלעזיען אין 1790, האָט ער געשריבען איינעם אָדער צוויי עפּיגראַמען, און ווי שפּעטער, אין דער קייזערליכער הויפּט־קוואַרטיר אין ברעסלאַו, האָט ער געלעבט ווי אַ פּרוש, זייענדיג איינגאַנצען פאַרנומען מיט דעם שטודיום פון פאַרגלייכענדע אַנאַטאָמיע. ער גיט צו, אַז דאָס וואָס האָט איהם געטריבען אויפצונעהמען דעם שטודיום, איז געווען, וואָס איינמאָל געהענדיג אין ווענעציע אויף די זאַמדבערג פון לידאָ, האָט ער געפונען אַ האַלב־צושפּאַלטענע קאָפּ פון אַ שעפּס.

„וואָס!“, שרייבט בערנע. „געטע, אַ באַגאַבטער מענש, אַ דיכטער אין די בעסטע יאָהרען זיינע... זייענדיג אין דעם קריעגס־ראַט, אין דעם לאַגער פון די טיטאַנען, אויף דעמזעלבען פּלאַץ, וואו מיט פערציג יאָהר צוריק האָט זיך אָנגעפאַנגען די שוידערליכע און דאָך עהרליכע מלחמה פון די מלכים געגען זייערע פעלקער, און ניט קריגען קיין באַגייסטערונג אין דער אומגעבונג, ניט געריהרט ווערען פון ליעבע אָדער האַס, ניט בענשען און ניט שילטען, גאָר ניט — בלויז אַ פּאָר עפּיגראַמען, וועלכע ער אַליין באַטראַכט פאַר ניט וויכטיג גענוג זיי צו פאַרעפּענטליכען. און ווען די פיינסטע רעגימענטען און די שעהנסטע אָפיצערען געהען פאַר איהם פאַרביי, געפינט ער קיין בעסערע זאַך ניט, ווי צו שטודירען קאָמפּעראַטיווע אַנאַטאָמיע! און שפּאַצירענדיג ביים ברעג ים פון ווענעציאַ — ווענעציאַ, די „אַראַבישע נעכט״ אין שטיין און מאַרמאָר, וואו אַלעס איז מעלאָדיע און קאָליר, ביידע, נאַטור און קונסט, מענש און שטאַאַט, פאַרגאַנגענהייט און געגענוואַרט, פרייהייט און דעס־פּאָטיזם: ווען אפילו טיראַניי און מאָרד קלינגען ווי די קייטען פון אַ שוידערליכער באַלאַדע (דער בריק פון זיפצען און דער ראַט פון צעהן זיינען סצענעס פון דעם פּאָבעלהאַפטען טאַרטאַרוס.) — ווענעציע, אויף וועלכער מיינע בענקענדיגע אויגען קוקען שטענדיג נאָר מיינע פיס קאָנען אַהין ניט געהן, ווייל די עסטרייכישע פּאָ־ליציי ליעגט און לויערט ווי אַ שלאַנג ביי די טויערען פון שטאָדט און שרעקט אָפּ מיט איהר פאַרגיפטענדען בליק — דאָרט פאַר זונען־אונטערגאַנג, ווען דער רויטער שימער פון אָבענט צעשפּריט

זיך איבער ים און לאַנד, און פורפורוועלען פון ליכט שלאָגען זיך אָפּ אויף דעם פעלזיגען מאַן און גיבען צו זייער קאָליר צו זיין אייביגער גרויקייט; ווען פיליכט ווערטערים גייסט איז איבער איהם געווען, און ער האָט דערפיהלט, אַז ער האָט נאָך אַ האַרץ און אַז אַרום איהם זיינען נאָך דאַ מענשען און אַ גאָט איבער איהם. און דאָס קלאַפּען פון זיין האַרץ און די ערשיינונג פון זיין טויטער יוגענד האָט איהם דערשראָקען, אַזוי, אַז ער האָט דערפיהלט ווי זיינע האָר שטעלען זיך אויף זיין קאָפּ, — האָט ער געהאַנדעלט ווי געוועהנליך, איז אַנטלאָפען פון זיין שרעק, אויס־געמידען אַלע אומאַנגענעמע רעפלעקסיעס, אַריינקריכענדיג אין אַ האַלב־צושפּאַלטענעם שעפּסען־קאָפּ און זיך דאָרט באַהאַלטען ביז נאַכט, און קאַלטקייט האָט ווידער אַרומגענומען זיין האַרץ! און איך דאַרף פאַרעהרען דעם מאַן! ליבען דעם מאַן! איך וואָלט זיך בעסער געוואָרפען אין שטויב ביי די פיס פון „וויצלי־פוצלי“, בעסער אָפּלעקען די שפּייעכץ פון „דאַלאַי לאַמאַ!“

געוויס וואָלט בערנע געדאַרפט פאַרעהרען דעם מאַן, און פאַר דיזעלבע אורזאַכען, פאַרוואָס ער האָט איהם פאַראַכטעט. ווייל, פיליכט איז ער קיינמאָל ניט ווערט געווען מעהר עהרע, ווי אין דעם פאַל. בערנע, ווי ער זאָגט אַליין, וואָלט ווי דער געוועהנליכער טוריסט אין ווענעציע, פאַרבראַכט אין בלאָסער לבנה־ליכט און זונען־אונטערגאַנג, ראָמאַנטירענדיג וועגען דעם בריק פון זיפצען און דעם שוידער פון טיראַניי, די ברכה פון פרייהייט און די מעלאַדיע און קאָליר,—געטע האָט אָבער געקוקט אויף דעם שעפּסען־קאָפּ. וואָס פאַר אַ וואונדער האָט ער געזעהן? אַז עס איז געווען האַלב צור־שפּאַלטען. מיט זיין נאַקעטער אויג, די זעהענדע אויג, וואָס האָט אַריינגעקוקט אין די טיפסטע אָפּגרונטען פון דער נאַטור, אין דער אינערליכער פאַבריק פון לעבען, פון וואַנען עס קומען אַרויס אַלע פאַרשיידענאַרטיגע פאָרמען, האָט געטע ג ע ז ע ה ן דעם גרויסען אמת, וואָס ער האָט שוין פון פריהער פאַרדעכטיגט: אַז אַלע ביינער פון דעם קאָפּ זיינען אין דער ווירקליכקייט געווען פאַרוואַנדלטער רוקען־ביין. מאַכענדיג אַז אַנטדעקונג אויף דעם אופן אין דער וויסענשאַפט פון אָסטעאָלאָגיע (ביינער לעהרע), וועלכע איז געווען עהנליך צו דער, וואָס ער האָט שוין פריהער

גענעבען דער וועלט אין זיין ווערק וועגען די „פאַרוואַנדלונג פון דער פלאַנץ". און באַגרינדענדיג פילאָזאָפישע „אַנאַטאָמיע, ווי ער האָט שוין פריהער באַגרינדעט פילאָזאָפישע באָטאַניק. בערנע האָט ניט באַגריפען אַז דער מאַן, וועמעס לעבענס־ווערק איז איינער פון די פונדאַמענט־שטיינער פון דער געביידע פון דער מאָדערנער וועלט, איז אין דעם באַזונדערן פאַל מיט זיין אינטואיציע וועגען דער איינהייט וואָס ליעגט אין אַלע פאַרשיידענע פאָרמען ,אין זיין געטליכער איינפאַכקייט, עהנליך געוועזן צו די פאַטערס פון דער וויסענשאַפט אין אַלטערטום, א טאַלעס און העראַקליט.

בערנע׳ס אַטאַקעס אויף געטע׳ן זיינען ניט פון דערזעלבער קאַטעגאָריע ווי מענצעל׳ס. זיי זיינען קיינמאָל ניט בייז, און נאָך ווינציגער געמיין. זיי כאַראַקטעריזירען מעהר בערנע׳ן ווי געטע׳ן, טראָץ דעם וואָס זיי טרעפען גאַנץ אָפט א שוואַכען פלאַץ אין דעם גרויסען מענש. און אפילו וואו זיי ווייזען קלאָר בערנע׳ס באַגרענעצטע אינטעליגענץ, ווייזען זיי אויך די ריינקייט פון דעם כאַראַקטער. זיי זיינען געוועזן צו שוואַך צו ווירקען אויף דער באַוואונדערונג פאַר געטע׳ן. עס וואָלט געוועזן פונקט אַזוי נאַריש צו אורטיילען געטע׳ן מיט דעם דייטשען מאַסשטאַב פון 1870, ווי זאָגען וועגען בערנע׳ן, וואָס ער האָט געזאָגט וועגען געטע׳ן, אַז ער איז ניט געוועזן קיין אמת׳ער פאַטריאָט. עס איז געוועזן נאַטירליך, ניין, אומפאַרמיידליך, אַז בערנע זאָל אונטערשעצען געטע׳ן. עס איז פאַר אונז מעגליך צו פאַרשטעהן זיין מאַנגעל אין פאַרשטענדניס און ניט איינשטימען מיט איהם. מיר קאָנען גערעכט זיין צו זיין ברויזענדען פאַטאָס, צו דער עלאַסטישקייט און שאַרפקייט פון זיין וויץ, ניט פאַרגעסען, קוקענדיג אויף דער אויסשטאַטונג, פון זיין פּראָזאַ וואָס איז ווי א בליצענדער וואַסערפאַל און ניט פאַרגעסען, אַז עס איז דאָ א טיפער, רוהיגער, ברייטער ים וואָס הייסט געטע.

* * *

בערנע און זשאָנעט וואָהל.

שוין מיט די ערשטע בענד פון זיינע „בריעף פון פאַריז" איז בערנע באַריהמט געוואָרען ווי א שרייבער. ער האָט קיין ביבער ניט

געקאַנט שרייבען, אפילו ניט קיין עסייען און דיסערטאַציעס. פאַר דעם אויסברוך פון זיינע געפיהלען אָדער געדאַנקען איז קיין איין פאָרמע ניט אַזוי פּאַסיג געווען ווי די פאָרמע פון בריעף. און דאָס זיינען אמת'ע בריעף, ניט קיין ציימונגס-אַרטיקלען אָדער ציי־טונגס-קאָרעספּאָנדענציעס, נאָר בריעף געשריבען צו אַ פריינד, אָהן אַבזיכט זיי צו דרוקען, ביז זיין פריינדין האָט גענומען די איניציאַטיווע און געקראָגען בערנע'ס ערלויבניש אויסצואוועהלען שטעלען וואָס האָבען אַן אַלגעמיינעם ווערט.

דער נאָמען פון דער פריינדין איז געווען פרוי זשאַנעטע וואָהל, אַ דאַמע, וואָס שפּיעלט אַ וויכטיגע ראָלע אין בערנע'ס לעבען, (אפשר ניט אַזאַ וויכטיגע, ווי ער שפּיעלט אין איהר לעבען). מעהר ווי צוואַנציג יאָהר, פון 1816, ווען ער האָט זיך מ'ט איהר באַקאַנט, ביז זיין טויט אין 1837, האָט ער צו איהר געהאַט דעם פולסטען צוטרויען, און זעלטען האָט ער עטוואָס געטאָן אָהן איהר עצה. און פאַר איהר איז, אין דערזעלבער צייט, זיין קאַריערע אַלס שרייבער, זיין געזונד און זיינע אומשטענדען בכלל, געווען וויכטיגער ווי יעדע אַנדער זאַך.

ווען זיי האָבען זיך צום ערשטען מאָל געזעהן, איז ער געווען דרייסיג יאָהר אַלט און זי דריי־און־דרייסיג. זי איז געווען פאַר־הייראַט צו אַ רייכען מאַן, מיט וועמען זי איז געווען אומגליקליך, און פון וועמען זי האָט געקראָגען אַ גט, ווען ער איז געזונט גע־וואָרען פון אַ לאַנג־יאָהריגער קראַנקהייט, דורך וועלכער זי איז זיין וועכטערין געווען. זי האָט זיך אַנטזאָגט צו נעמען אַ טייל פון זיין פאַרמעגען אָדער טראָגען זיין נאָמען. ווען זי און בערנע האָבען געלעבט אין איין שטאָדט, פלעגט ער פאַר איהר פאַרלעזען אַלעס וואָס ער האָט געשריבען. ווען זיי זיינען געווען צושיידט, פלעגט זי איהם צייטענווייז טרייבען צו אַרבייטען, וועלענדיג ער זאָל ווערען באַריהמט און אומאָפּהענגיג, און אַן אַנדערש מאָל, מורא האָבענדיג אַז ער איז צו פלייסיג און עס וועט נאָך שאַדען צו זיין געזונד, פלעגט זי איהם בעטען, אַז ער זאָל ניט זיין צו פּינקטליך מיט זיינע פאַרלעגער, און זאָל זיך ערלויבען אַביסעל פרייע צייט פאַר רוה, וואָס איז אַזוי נויטיג פאַר זיין געזונד.

זייענדיג באַזאָרגט וועגען זיין כבוד, פאַרברענגט זי לאַנגע ציי־

טען פול מיט אומרוה און אנגסטען, ער זאָל ניט פאַרנאַכלעסיגען זיינע פאַרפליכטונגען צום פובליקום. בערנע האָט גענומען אין פאַראויס באַצאָהלט פון די אַבאָנענטען פאַר דעם צווייטען יאָהר־גאַנג פון זיין צייטונג „די וואָג“, און נאָכדעם ווי עס זיינען אַרויס פינף נומערען, האָט ער זי געמוזט אָפּשטעלען פאַר אַ לענגערע צייט, טיילווייז צוליעב דעם וואָס ער איז מיעד געווען פון דער אַרבייט, און טיילווייז, האָט ער, צוליעב פינאַנציעלע שוועריגקייטען, געוואָלט געפינען אַ בעסער באַצאָהלטע באַשעפטיגונג. אין איהרע בריעף, וועלכע ער האָט אַלע מאָל ערוואַרטעט מיט כמעט אַ פיבערישער נייגעריגקייט, האָט זי איצט מיט דער גאַנצער גע־שיקטקייט און אויסדויער, וואָס אַ באַזאָרגטע פרוי קאָן נאָר האָבען, געשריבען וועגען „די וואָג“. זי בעט און סטראַשעט, זי שילט און רייצט זיך, זי שיקט איהם פיער לאַנגע זייטען באַשריבען מיט קיין אנדער זאַך, ווי „די וואָג“, „די וואָג“.

אָבער אָפט איז זי פונקט אַזוי באַזאָרגט וועגען צושטרייען און אַמוזירען איהם, אָפּצוהאַלטען איהם פון איבעראַרבייטען זיך און אויפצוהאַלטען זיין גייסט. אַז ער ווערט קראַנק, ווען זיי זיינען פון דער ווייטען, זאָרגט זי זיך וואָס זי קאָן ניט אויפפּאַסען אויף איהם, און איינמאָל האָט זי שוין געהאַט באַשלאָסען צו געהן צו איהם, ניט אַכטענדיג אויף איהר רעפּוטאַציע: זי ווייס זעהר גוט, אַז אויב זי געהט צו איהם, וועלען מענשען שוין ניט גלויבען, אַז זיי פאַראייניגט בלויז פריינדשאַפט.

און אין דער אמת׳ען איז דאָס געווען אַ געפיהל צווישען פריינד־שאַפט און ליעבע, אַ געפיהל וואָס האָט קיין נאָמען ניט. נאָך איהר טויט האָט מען צווישען איהרע פּאַפּיערען געפונען אַ געוועהנליכען אַרבייטס־בוך. אויף דעם שער־בלאַט האָט בערנע אויפגעשריבען זיין נאָמען און די געוועהנליכע איינצעלהייטען. אויף דעם ערשטען בלאַט שטעהט:

זיך געשטעלט דינען ווען?	וואו?	אויף ווי לאַנג?	וואָס פאַר אַ שטעלע?	טרעט אַרויס פון דינסט ווען?
יאַנואַר 1818	ביי פרוי וואָהל	אויף איביג	אַ פריינד	דעם טאָג ווען ער שטאַרבט

עס קאַן ניט זיין קיין מעהר לאַקאָנישער אויסדרוק פון אַ פריי־ווילינער לעבענסלאַנגער איבערגעבענהייט. און עס איז דורכגע־פיהרט געוואָרען ביז׳ן לעצטען וואָרט. אויף זשאַנעטע׳ס פּנים האָט גערוהט דער לעצטער בליק פון דעם שטאַרבענדען מאַן, און צו איהר האָט ער זיינע לעצטע ווערטער געזאָגט: „דו האָסט מיר פיעל גליק פאַרשאַפט".

אויף זשאַנעטע׳ס פּאָרטרעט, וואָס בערנע האָט געהאַלטען פאַר אַ זעהר געראָטענעם, האָט מען געזעהן אַ פרוי מיט אַ לאַנגליך פּנים, רעגעלמעסיגע און אונאַנציהענדע שטריכען, אַ הוכען שטערן, אַן איינדרוקספולע, שעהן געפאָרמירטע מויל און קלאָהרע, גוט־הערציגע אויגען. איהר פעסטער קין ווייזט ענערגיע. זי האָט געהאַט, זאָגט מען, אַן אויסערגעוועהנליך זיסע שטימע, אין איהר נאַטור איז ניט געווען קיין אָריגינעלעס, און נאָך ווייניגער שאַ־פענדעס. זי איז געווען איינע פון יענע פרויען, וועמעס אינדיווי־דואַליטעט לעזט זיך אויף אין דעם מאַן, וועלכען זיי זיינען איי־בערגעבען. פאַר בערנע׳ן איז איהר וויבליכער טאַלאַנט איינצו־פלאַנצען גלויבען אין זיך זעלבסט, געווען אַ גליק. זי פלעגט זיך אַזוי פיעל באַליידיגען פון זיין אייגענער אונטערשעצונג, און זיינע באַמערקונגען וועגען זיין אומפעהיגקייט, ווי אַן אַנדערער וואָלט דאָס געטאָן. זי איז געווען זיין טרייסט אין מענשענגעשטאַלט. אין איהר האָט ער געהאַט אַ מענשען, צו וועמען ער האָט געהאַט דעם גרעסטען צוטרויען, פאַר וועמען ער קאָן זיך פאַרטרויען ניט מוראַהאָבענדיג מיספאַרשטאַנען צו ווערען און נאָך ווייניגער פאַר־ראַטען ווערען: און מיט וועמען ער קאָן טיילען אַלע זיינע ליטעראַרישע שאַפונגען. זי איז געווען פאַר איהם, אין אַ פאַרקלע־נערטען מאָס, דער אידעאַלער לעזער, פאַר וועמען ער האָט גע־שריבען.

אין איינעם פון זיינע קאָנפידענציעלע בריעף שרייבט ער, אַז זיינע געפילען פאַר זשאַנעטע זיינען כאַראַקטעריזירט אין דעם פאַל־גענדען אויסצוג פון דעם „נייער עלאָיזע": „עס איז יענע ריהרענדע פאַראייניגונג פון ליעבענדער נאָהענטקייט און אומפאַרענדערליכער מילדקייט, דאָס מיטפיהלען מיט יענעמס ליידען, דער זיכערער פאַרשטאַנד און טיפער געשמאַק וואָס איז אַ רעזולטאַט פון אַ

ריינער נשמה. מיט איין ווארט, עס איז דער חן פון עמפפינדונג וואס איך פארעהר אין אייך.“

און מיר דערוויסען זיך פון א בריעף וואס זי האט איהם געשריבען אין 1833, נאכדעם ווי די פריינדשאפט האט שוין אנגעהאלטען זיבעצעהן יאהר, אז דאס וואס האט איהם צו איהר צוגעצויגען איז געווען עהנליך צו דעם, וואס ער האט געפיהלט. זי ערקלערט דאס ווי א סארט „אידעע פיקסע“ אדער כראנישע קראנקהייט, די אומרוהיגקייט וואס זי פיהלט, ווען זי ערווארטעט א בריעף פון איהם. דעם טאג, שרייבט זי, האט זי געמוזט אויפגעבען איהר געוועהנליכע באשעפטיגונג און זיך לעגען אויף דער סאפע, און ווען דער בריעף איז שוין אנגעקומען האט זי געוויינט פאר פרייד.

זי באזארגט זיינע געלט־אנגעלעגענהייטען, רעכענט אויס וויפיעל מען דארף איהם אויסצאהלען, נעהמט פאר איהם אפ זיין פאליציי־פענסיע. איינמאל האט ער שטארק געוואלט פאהרען קיין איטאליען און האט צוליעב פינאנציעלע שוועריגקייטען ניט געקאנט אויספיהרען. נעהמט זי א לאטעריי־בילעט מיט דער האפענונג צו געווינען די נויטיגע סומע. און אז זי פארלירט, וויל זי פארקויפען איהר פיאנא, נאר זי געפינט אויס, אז זי קאן די נויטיגע סומע ניט קריגען 1), און דאס אלץ אהן דעם רייץ פון ליעבע, אין דעם ענגערען זין פון׳ם ווארט. איהרע פריינט האבען געהאלטען, אז זי וואלט נאך טאן מעהר פאר איהם. אין דער צייט ווען זי האט געטראכט, אז מען וואלט געדארפט פארעפענטליכען בערנע׳ס בריעף צו איהר, האט זי פאר איהרען א פלימעניק אויסגעדריקט דעם נאאיווען צווייפעל, צי עס איז מעגליך צו פארעפענטליכען בריעף איידער דער מענש, צו וועמען זיי זיינען געשיקט, שטארבט. דער פלימעניק האט איהר באמערקט, אז ער צווייפעלט ניט

---

1) ביי דער געלעגענהייט שרייבט בערנע: „ליעבע האט א סך מענשען געריהרט פון זינען, אבער איך האב קיינמאל ניט געהערט, אז פון גוטסקייט זאל מען אזוי ווערען, קיינער וואלט דאס ניט געקאנט, באר איהר... עס איז גוט, וואס איהר האט קיינמאל ניט געפונען דעם פאסענדען מאן פאר אייער הארצען — איהר קאנט ניט פארטראגען קיין וויין אפילו געמישט מיט וואסער“.

פאַר אַ סעקונדע, אַז זשאַנעט וואָלט זיך געלאָזען באַגראָבען לעבע־דיגערהייט, אויב עס וואָלט נאָר גוט געווען פאַר דעם דאָקטאָר בערנע.

זיי זיינען אָפט אַרומגעפאָהרען צוזאַמען און, ווי עס ווייזט אויס, אויך צייטענווייז געלעבט צוזאַמען, אָבער זייערע באַציהונ־גען איינער צו דעם אַנדערען האָבען זיך ניט געענדערט. עס איז וואַרשיינליך, אַז בערנע, אין דער ערשטער צייט פון זייער פריינד־שאַפט, האָט איהר צוגערעדט, אַז זיי זאָלען חתונה האָבען, אָבער איהר שרעק, אַז זייערע באַציהונגען וועלען פאַרלירען זייער צויבער, אויב זיי זאָלען אויף דעם אַלטעגליכען אופן חתונה האָבען, — אַ שרעק וואָס בערנע אַליין האָט שפּעטער אויך געפיהלט — דאָס איז געווען דער אָפּהאַלט. אַזוי ווי זיי זיינען געווען פריי אָוועקצו־געהן איינער פון דעם אַנדערען ווען זיי האָבען געוואָלט, זעהט עס אויס אומגלויבליך, אַז זיי זאָלען קענען זיין צוזאַמען די אַלע יאָהרען אין אַזעלכע באַציהונגען. דאָ האָט געמוזט ווירקען אַ ביסעל, אפשר אומבאַוואוסטע, פיזישע אַפּאַטיע אויף איהר זייט אָדער אויף ביי־דענס. אַן אויסערליכע שטערונג צו זייער פאַראייניגונג איז זי־כער געווען דער אונטערשייד אין זייער רעליגיע. בערנע האָט באַלאַנגט צו דער קריסטליכער רעליגיע און זשאַנעטע צו דער אידישער; איהר אָרטאָדאָקסישע מוטער איז געווען שטרענג געגען איהר איבערגעהן צום קריסטליכען גלויבען. גרויסע שוועריגקייטען זיינען דאַן געווען פאַרבונדען מיט דער געמישטער הייראַט. אָבער דאָס איז ניט געווען די הויפּט־סבה. זשאַ־נעטע אַליין שרייבט, אַז אום צו הייראַטען בערנע'ן דאַרף מען האָבען „מעהר קוראַזש און מעהר זעלבסטזיכערהייט", ווי זי האָט. און דאָ זעהען מיר דעם מאַן וואָס איז אין דער יוגענד געווען אַזוי ליידענשאַפטליך פאַרליעבט, און וואָס האָט זיין גאַנצען לעבען גע־ליטען פון איפערזוכט, זיך שנעל אויפגעהויבען צו דער העכסטער איבערגעבענהייט! נאָכאַנאַנד רעדט ער צו זשאַנעטע'ן, זי זאָל חתונה האָבען מיט אַ מאַן וואָס איז איהר ווערט און זי זאָל האָבען אַ גליקליכע היים.

אין 1821, ענטפערענדיג אויף די אויבען ציטירטע ווערטער, שרייבט בערנע: „איך שווער אייך ביי דעם אַלמעכטיגען גאָט,

אַז ווי שטאַרק און אָפּט איך זאָל ניט האָבען געוועזען אַרויסגערעדט מיין פערלאַנג, אַז איהר זאָלט זיין אינגאַנצען מיינע, האָב איך אָבער אַלע מאָל מעהר געטראַכט פון אייער גליק ווי פון מיינעם. מיין ליעבע פאַר אייך מאַכט מיך גליקליך, — וואָס נאָך קען מיר די הייראַט געבען, ווען מיין ליעבע קען זי שוין ניט פאַרגרעסערן? טראָץ דעם, וואָס איך האָב אייך דאָס קיינמאָל ניט געזאָגט, האָב איך, אָבער, שטענדיג מורא געהאַט אַז די הייראַט זאָל ניט אַראָפּשלעפּען אונזער שעהנע פריינדשאַפט צו דער אַלטעגליכער, קליינליכער ווירקליכקייט. אָבער איך האָב גערעכענט און איך רעכען נאָך איצטער אַזוי, אַז א י ה ר וואָלט עפּעס געוואונען דערביי און דאָס וואָלט אינדירעקט פאַרגרעסערט מיין גליק. עס איז גאָרניט דאָ וואָס זאָל אייך אָפּהאַלטען פון הייראַטען אַן אַנדער מאַן, איהר און איך וועלען גאָרניט פערלירען דערפון".

מאָדנע, דער אמת פון דער לעצטער וואַגענדער באַהויפּטונג איז געשטעלט געוואָרן אויף פּראָבע. אין אַ ציטליך ווייטען עלטער האָט זיך זשאַנעטע ווירקליך פאַרליעבט און געהייראַט אַ מאַן וואָס איז געוועזען פיעל אינגער פון איהר. עס איז געוועזען די גע‑גענזייטיגע בעגייסטערונג פאַר בערנען וואָס האָט זיי צוזאַמענגעבראַכט און אין זשאַנעטעס ענטפער אויף דעם בריעף אין וועלכען שטרוים בעט איהר זי זאָל מיט איהם הייראַטען איז דאָ אַ לאַנגע שטעלע וועגען בערנען, וואָס איז אַזוי כאַראַקטעריסטיש און פּראַסט אין איהר שעהנקייט, אַז מיר קענען דאָס, אין דער אָבשאַצונג פון בערנען ווי אַ מענש און שרייבער, ניט דורכלאַזען. זי שרייבט:

„דער דאָקטאָר האָט ניט קיינעם אין דער וועלט אויסער מיך. איך בין פאַר איהם אַ פריינד, אַ שוועסטער, אַלץ וואָס די ווערטער באַדייטען אין גוטסקייט, פריינדשאַפט און סימפּאַטיע. פאַרגינט איהר דאָס איהם ניט, איהם וואָס האָט קיין אַנדער זאַך אין לעבען און וואָס האָט שוין פריערען געשלאָסען מיט זיין שיקזאַל... באַנוגענט זיך אַפילו דערמיט... איך קען ניט טראַכטען וועגען קיין אַנדער מעגליכקייט ווי אַז דער דאָקטאָר זאָל האָבען דאָס רעכט צו קומען צו אונז ווען, ווי און אויף ווי לאַנג ער וועט נאָר וועלען, אינגאַנצען, אויב ער וויל נאָר. איך קען ניט זאָגען, א י ה ר, — מיין האַרץ איז צו פול—קענסטו רעכענען, אַז עטוואָס אַנדערש איז

מעגליך? אויב יע איז אַלץ אַנדערש ווי איך האָב געטראַכט. איך! — מיר! — חלומ'ען פון פערלאָזען אַ מענש ווי דער דאָק־טאָר — ער וואָלט רואינירט געוואָרען, אַ פערלאָרענער מענש! איך וואָלט בעסער אַלעם אוועקגעגעבען, בעסער געשטאָרבען, ווי האָבען דאָס אויף מיין געוויסען; איך וואָלט דאָס ניט געקענט טאָן ווען אַפילו איך וואָלט געוואָלט... איך ציטער איבער'ן גאַנצען קערפּער, און בין ווי טויט, שרייבענדיג נאָך די פּאָר ווער־טער וועגען דעם. קיין זאַך רעגט מיר אַזוי שטאַרק ניט אויף ווי דער בלויזער געדאַנק פון אַזאַ פאַרראַט. פון אַזאַ אונטריי־הייט פאַר אַזאַ איבערגעבענהייט. אַזוי לאַנג ווי איך לעב ביז מיין לעצטען אָטעם צוג וועל איך ליעב האָבען בערנען ווי אַ טאָכטער אַ פאָטער, ווי אַ שוועסטער איהר ברודער, ווי אַ פריינד אַ פריינד. אויב דו פאַרשטעהסט ניט, באַגרייפסט ניט די לאַגע, קענסטו מיך ניט גוט געווינען — דאַן איז אַלץ פאַריבער, אַלץ איז פינסטער. איך קען שוין מעהר ניט שרייבען, אָבער מעהר איז שוין ניט נויטיג. איך בין צופרידען, וואָס איך בין שוין פאַרטיג".1)

די פּאַסירונגען האָבען באַוויזען, אַז שטרוים האָט פאַלשטענ־דיג פאַרשטאַנען זשאַנעטעס געפיהלען, און זיך פּאַקטיש געטיילט מיט זיי. ער איז אויך געוואָרן בערנע'ס איבערגעבענער פריינד. פינף מאָנאַטען אין 1833, האָט בערנע געוואוינט מיט זיי אין דער שווייץ. דאַן האָבען זיי צוליעב איהם זיך איבערגעצויגען אין פּאַ־ריז, וואו זיי האָבען געוואוינט צוזאַמען ביז זיין טויט, פערברינ־גענדיג די זומערען אין האָטעל. דער איינציגער מענש, וואָס האָט זיך ערלויבט צו מאַכען פאַראַכטענדע באַמערקונגען אויף אָט די באַציהונגען איז געווען היינע, אין דער אונגליקליכער שטעלע אין זיין בוך „לודוויג בערנע", וואָס האָט געפיהרט צום דועל, אין וועל־כען היינע איז פאַרוואונדעט געוואָרען פון שטרויסען. היינע האָט נאָך דעם, מיט זיין אייגענעם פרייען ווילען, אויסגעשטראָכען יענע שטעלע. אָבער פון ערגערניש און פערדרוס, וואָס זיין רעפּוטאַציע

1) די אינפאָרמאַציע וועגען זשאַנעטען קען מען געפינען אין גאָטליעב שפּאַנער־אַרנדט'ס אַרטיקעל: זשאַנעטע שטרויס — וואָהל און איהרע באַציהונגען צו בערנען.

האָט געליטען צוליעב זיין ווערק ווענען בערנע, רופט ער אן זשאַ־נעטען, אין געשפּרעכען, די העסליכע פּרוי, וואָס איז אין זיין טריי־אומפירענדען מארשרוט, ווי דער אויסערוועהלטסטער דייטשער דיכטער, איהם פארביי געגאַנגען ווי אַ שלעכטער גייסט און פון דאַן אַן האָט ער גענומען פאַלען און זיין לאַרבער קראַנץ האָט זיך אין שטויב געוואַלגערט 1).

עס איז זיכער, אַז זשאַנעטע האָט היינען קיינמאָל ניט ענט־שולדיגט זיינע אונפערצייליכע פערלוימדונגען. דאָך איז קיינער ניט געווען ווינציגער „מאלגערא" ווי זי. וואָס בערנע האָט איהר איינמאָל געשריבען, זיך וויצלענדיג מיט איהר, ווי זיין טבע איז געווען, ווענען איהר שלעכטע אָרטאָגראַפיע, איז געווען כמעט ווי אמת. ער האָט איהר געשריבען, אַז אין דעם בריעף וואָס ער האָט יענעם טאָג פון איהר ערהאַלטען איז געווען ניט מעהר פעהלערען ווי זי אַליין פערמאָגט; אין בריעף איז געווען איין פעהלער.

אין איהרע אַנשויאונגען קענען מיר נאָכפאָלגען די פאַרשיי־דענע טריט פון בערנע'ס פּאָליטישער ענטוויקלונג. נאָך דער רעוואָ־לוציע אין יולי, איז זי אויך געוואָרן ראַדיקאַל דעמאָקראַטיש. ווי אמת און שעהן זיינען די אויסדרוקספולע ווערטער פון איהר ביאָגראַפער שנאפּער־אַרנד: „זי דענקט אַם מעהרסטען מיט בערנע, צייטענווייז געגען איהם אָבער קיינמאָל ניט אָהן איהם. אָבער ווי עס ווייזט אויס איז זי פּאָלשטענדיג זעלבסטשטענדיג אין איהר ליידענשאַפטליכער סימפּאַטיע מיט דעם פּוילישען אויפשטאַנד. אַ געפיהל וואָס איז אַזוי שטאַרק אַז זי וואַרפט פאַר בערנען, וואָס ער קען אין אַזאַ צייט שרייבען ווענען דער איטאַליענישער אָפּערא אין פּאַריז. די פּוי־לישע ערד אַרבייטער — די פּוילישע פרייהייט — קיין אַנדער זאַך האָט איצט גאָר קיין ווערטה ניט. זי האָט גערעכענט, אַז יעדער איינער מוז מיט־העלפען: זי האָט איהרע טייערסטע זאַכען אוועק־געגעבען פאַר דער באַפרייאונג פון פּוילען; דייטשלאַנד'ס גלייכ־גילטיגקייט איז פאַר איהר די גרעסטע שאַנדע, און די גרעסטע פרייד איז ווען זי קען שיקען בערנען באַווייזע פון דעם שטורעם

1) אַלפרעד מייסנער: עראינערונגען, ז. 79.

פון סימפּאַטיע און ענטוזיאַזם, פאַר פּוילען, וואָס האָט דייטשלאַנד אַרומגענומען".

* * *

בערנע. — „די בריעף פון פּאַריז".

דער אויפשטאַנד אין פּוילען, וואָס האָט אָנגעהאַלטען פון ווינטער 1830 ביז זומער 1831 איז מיט דעם טיעפסטען אינטערעס נאָכגעפאָלגט געוואָרען פון אַלע אייראָפּייאִישע פעלקער. אַלע האָבען פאַרשטאַנען אַז דער קאַמף דאַרף ענטשיידען, צי אין דער צוקונפטיגער אייראָפּאַ וועט הערשען דער אבסאָלוטיזם אָדער נאַציאָנאַלע פרייהייט. מיט אויסערגעווהנליכען אינטערעס האָט מען נאָכגעפאָלגט די באַוועגונגען פון די שטרייטענדע צדדים. יעדער זיעג פון די פּאָליאַקען איז באַגריסט געוואָרען מיט ענטוזיאַזם. יעדער דורכפאַל איז באַדויערט געוואָרען. צום סוף פון קאַמף, ווען יעדער איינער האָט שוין געקענט זעהן אַז די פּאָליאַקען, אויב מען וועט זיי ניט קומען צו הילף, וועלען מוזען פאַלען, האָבען אַ גרויסע צאָהל דייטשע אונטערטאַנען אַפּעלירט צו זייערע רעגירונגען אַז מען זאָל שיקען פּוילען הילף. די דייטשען האָבען דאַן פאַרמאָגט יענע מעלה וואָס ביסמאַרק האָט שפּעטער געהאַלטען פאַר אַ חסרון — אַ חסרון, פון וועלכען ער האָט זיי אויסגעקורירט — פון זיין צופיעל פאַראינטערעסירט מעהר אין אַנדערע פעלקער ווי אין זייער אייגען פאָלק. זיי זיינען געווען פאַראינטערעסירט אַרויסצוהעלפען אַ פרעמד פאָלק, ווען אַפילו די הילף זאָל זיין אויפ'ן חשבון פון דייטשלאַנד'ס מאַכט.

נאָכדעם, ווען די פּאָליאַקען האָבען פערלאָרען דעם קאַמף, האָבען די דייטשען זיי געגעבען באַווייזען פון זייער סימפּאַטיע, אַרויסהעלפענדיג די אַנטלאָפענע פון פּוילען, אויף ווי ווייט זיי האָבען נאָר געקענט, אין זייערע וואַנדערונגען איבער מיטעל אייראָפּאַ אויפ'ן וועג צו פראַנקרייך. אומעדום האָט מען זיי וואַרעם אויפגענומען; אַ קאָמיטעט האָט זיך געגרינדעט אין כמעט יעדער שטאָדט צו זאַמלען געלד פאַר זיי און זיי אַרויסהעלפען אין זייער רייזע. זשאַנעטעס בריעף צו בערנען, אין יענער צייט, ענטהאַלטען אַ סך באַדייטענדע איינצעלהייטען. זי דערצעהלט ווי פּויליר־

שע אַפּיצערען וואָס זיינען געקומען מיט'ן וואַסער פון האַנאַו קיין פראַנקפאָרט זיינען באַגלייט געוואָרען פון ענטוזיאַסטען, אַן אָר־קעסטער האָט געשפּיעלט און מען האָט זיי סאַלוטירט דורך האַר־מאַטען־שאָסען, ווען זיי זיינען אַריינגעקומען אין דער שטאָדט, און די מאַסען האָט זיי געטראָגען אויף די שולטערען; ווען פּוילישע סאָלדאַטען האָבען דורך דער שטאָדט געמאַרשירט זיינען אַלע קעפּ געווען ענטבלויזט. די שטאָדט האָט באַצאָהלט אַלע זייערע אויסגאַבען אין די האָטעלען. אַ פאַרוואונדעטער פּוילישער סאָלדאַט, וואָס איז געשטאָרבען אין איינעם פון די האָטעלען, איז באַגלייט געוואָרען צום קבר פון טויזענדער, אַריינרעכענענדיג די שטאָדט־מיליץ. פון אַ שטיקעל אייזען, וואָס מען האָט אַרויסגע־נומען פון אַ פאַרוואונדעטען אָפיצער, האָט אַ גאָלדשמיד אויס־געשמידט אַ שווערד און איהם דאָס פּרעזענטירט.

מיט דעם פאַלען פון פּוילען, איז אויך געפאַלען די פעסטונג וואָס האָט באַשיצט דייטשלאַנד פון דעם איינפלוס פון דער רוסי־שער אויטאָקראַטיע. די נידערלאַגע פון פּוילען איז געווען די ני־דערלאַגע פון אַלע קעמפּערס פאַר פרייהייט אין יעדען לאַנד. דער קלאַפּ איז געווען אַן ערשיטערענדער.

אַ מאַן וואָס האָט געוואוינט אין ברעמערהאַפען אין דער צייט ווען די טייפּעלשע מאַשין, וואָס איז ענטדעקט געוואָרען פון דעם מאַסען מערדער טאָמאַס, האָט עקספּלאָדירט, דערצעהלט ווי גלייך נאָכדעם ווי ער האָט דעם שוידערהאַפטען קראַך געהערט, איז דורך זיין פענסטער אַריינגעפלויגען אַן אָפּגעריסענע בלוטענדע האַנט און איז געפאַלען אויף זיין שרייב טיש, וואו ער איז געזעסען. אומגעפעהר עטוואָס עהנליכעס האָט פּאַסירט מיט די דייטשע שרייבער ווען וואַרשע האָט זיך אונטערגעגעבען. די אָפּגעזונדערטע האַנט פון דער צוטרייסעלטער פּוילען איז אַרויפגעפאַלען אויף זייערע שרייב־טישען. היינע שרייבט אין 1831, אין זיין איינ־לייטונג צו קאַלדאָרפס בוך וועגען אַריסטאָקראַטיע: „איך פיהל שרייבענדיג, ווי דאָס בלוט וואָס איז פאַרגאָסען געוואָרן אין וואַרשע רינט פון מיין פּאַפּיר און ווי דער נצחון געשריי פון די דייטשע אָפּיצערען און דיפּלאָמאַטען וואָלט געקלונגען אין מיינע אויערען".

די דריי מלוכות וואָס האָבען צוטיילט פוילען צווישען זיך האָבען בעשלאָסען אויסצונוצען די געלעגענהייט וואָס דער זיעג האָט זיי געגעבען צו אַנטמוטיגען דעם אייראָפּייאישען ליבעראַליזם. דאָס איז פאָרגעקומען אין פיער לענדער אין דערזעלבער צייט — אין דייטשלאַנד, וואו דער „בונדעסטאַג" איז איינגעפיהרט געוואָרען, און פּרייסען און עסטרייך האָבען דורכגעפיהרט אַן ענערגישע רעאַקציע; אין איטאַליען, וואָס האָט ווידער געדאַרפט אָקופּירט ווערען פון עסטרייך; אין פּאָרטוגאַל, וואו מען האָט געדאַרפט שטיצען דאָן מיגועל געגען זיין ברודער; און אין די נידערלענדער, וואו מען האָט געדאַרפט שטיצען דעם האָלענדישען קעניג געגען די רעבעלירענדע בעלגיער.

גלייך נאָכדעם ווי דער פּוילישער אויפשטאַנד איז אונטערדריקט געוואָרען, האָט דער פּעטערבורגער קאַבינעט אַדרעסירט אַ נאָטע צו די דייטשע רעגירונגען, אין וועלכער רוסלאַנד האָט זיי געראַטען צו האַלטען אין צוים די רעוואָלוציאָנערע באַוועגונגען אין זייערע לענדער, און זיי פּאָרגעשלאָגען איהר הילף; די צענזור איז גלייך געוואָרען שטרענגער און אַ סך פּעריאָדישע צייטשריפטען און צייטונגען זיינען אונטערדריקט געוואָרען. די פּאַרלאַמענטען פון די זיד דייטשע שטאַאַטען האָבען פּראָטעסטירט, און די ליבעראַלע צייטונגען, זיינען, ניט אַכטענדיג אויף אַלע סטראַשונקעס און וואָרנונגען, מיט יעדען טאָג געוואָרען ליידענשאַפטליכער און שטאַרקער אין זייער שפּראַך. דער אַלגעמיינער גלויבען ביז איצט, איז געווען אַז די פירסטען ווילען טאָן וואָס ס'איז גוט פאַר'ן פאָלק. דער גלויבען איז מיט אַמאָל צעשמעטערט געוואָרען. מען האָט גענומען גלויבען, אַז די פאַראייניגונג פון אַלע דייטשע שטאַאַטען אין איין קאָנסטיטוציאָנעלע, דעמאָקראַטישע קערפּערשאַפט, איז נאָהענט. פּאָליטיש קורצזיכטיג, און אונטער'ן איינדרוק פון פאַרשיידענע סאָרטען אָפּטימיסטישע אידעען, איז דאָס אַלגעמיינע פאָלק ניט געווען ביכולת צו גלויבען אַז אַזאַ באַוועגונג, וואָס האָט זיך אָנגעפאַנגען מיט דער רעוואָלוציע אין יולי, קען זיך ענדיגען אָהן וועלכען עס איז פּאָליטישען רעזולטאַט. די קעמפּפער פאַר ליבעראַליזם האָבען געפּריידיגט דעם „פּראָגרעס" ווי אַ רעליגיע און די מענשען האָבען גענומען גלויבען אַז דער

פּראָגרעס מוז נויטווענדיגערווייזע זיעגען, און אז יעדער פּאַרזוך אויף רעאַקציע וועט זיך שליסליך מוזען אויסלאָזען צום גוטען.

דאָס איז געווען די שטימונג ווען בערנעס ערשטער באַנד פון „די בריעף פון פּאַריז“ איז אַרויס און דורך וועלכען ער איז געוואָרען שטאַרק פּאָפּולער. דער באַנד איז גלייך פערבאָטען געוואָרען. (אין נאָוועמבער 1831.) די אונטערדריקונג און די מאַסע זידלערייען פון זיינע געגנער האָבען נאָך צוגעגעבען צו דער סענסאַציע וואָס די שאַרפע שפּראַך פון דעם בוך האָט געמאַכט.

דער סטיל פון „די בריעף פון פּאַריז“ איז נאָך צייטענווייז הומאָריסטיש, ניט ווי אין זיינע פריהערדיגע שריפטען ווען ער איז דאָס כמעט ווי אומעטום געווען. מיר געפינען איצט זעלטען יענעם שטילען, נאָכגעביגען הומאָר, ווי צום ביישפּיעל אין זיין כאַראַקטעריסטישער שילדערונג ווי ער איז געכאַפּט געוואָרען ביי־נאַכט און אַרעסטירט געוואָרען אין פראַנקפורט, אין 1820: מען האָט מיר ענטזאָגט אַ „שטיוועל קנעכט“ (אַ ביינקעלע אויף אויסטאָן די שטיוועל), כדי דאָס טרויעריגע בילד פון קנעכטשאַפט זאָל ניט שטענדיג שטעהן פאַר מיינע אויגען; אַ גאָפּעל און מעסער איז מיר ערלויבט געווען צו נוצען בלויז אין דער אַנוועזענהייט פון וועכטער, כדי איך זאָל זיך קיין שלעכטעס ניט טאָן. פּאַפּיר, פען און טינט האָט מען מיר געגע־בען נאָכדעם ווי איך האָב אַ לאַנגע צייט געבעטען, און פּאַפּיר אַ בעשרענקטע מאָס: זיי האָבען מורא געהאַט איך זאָל ניט קראַנק ווערען זיצענדיג צו לאַנג שטיל; יעדען אָווענד איז אַ וועכ־טער געקומען מיט אַ לאַמטערנע צו זעהן אויב דער אויוון רוי־כערט ניט, ווייל רויך קען נאָך פאַרשאַדען מיינע פיינע אויגען. ער האָט אויך איבערגעקוקט די גראַטעס פאַר'ן פענסטער צו פאַר־זיכערען, אז אַ גנב זאָל זיך ניט אַריינברעכען, א. ז. וו., א. ז. וו.“

בלויז די ערשטע צייט פון זיין זיין אין פּאַריז, ווען ער האָט נאָך שטאַרק געגלויבט אין די מעגליכע גרויסע פּאָליטישע געשעהע־ניסען האָט ער נאָך געקענט פריי און לייכט שפּאַסען (ווי צום ביישפּיעל, איבער דער גרויסער צאָהל פּרינצען היינריך רייס, גרייץ און שלייטץ וואָס ווערען איצט באַשטראָפט פון דער רעוואָ־לוציע אין גערא). פאַר אַלע צרות, וואָס ער האָט געהאַט אין דער

שול איינ'חזר'נדיג זייערע נעמען.) ; דער שפּאַסענדער טאָן פאַר־שווינדט באַלד פון זיינע בריעף. עס בלייבט בלויז איבער פון זיין אַלטען סטיל דער שאַרפער איבערצייגענדער פאַרגלייך.

טראַכטענדיג וועגען זיין פאָטערלאַנד, איז זיין הויפּט געפיהל— שאַנדע. אין די יולי טעג האָבען ענגלענדער און האָלענדער, שפּאַ־ניער און איטאַליענער, פּאָליאַקען און גריכען געהאָלפען קעמפען פאַר דער באַפרייאונג פון פראַנקרייך, וואָס האָט אויך געמיינט די באַפרייאונג פון אַלע פעלקער ; אָבער קיין דייטשען זיינען דאָר־ניט געווען. מיט איהר אַדמיניסטראַציע פון גערעכטיגקייט, איהר צענזור און איהרע צינזען וועט דייטשלאַנד באַלד זיין דער אַל־טערטום־מוזעאום פון אייראָפּאַ. אָם ערגסטען אָבער איז פאַר איהם די דייטשע לאָיאַליטעט און אונטערטעניגקייט: „די שפּאַניער, איטאַליענער, רוסען און אַלע אַנדערע זיינען שקלאַפען ; די פעל־קער אָבער וואָס ליידען די דייטשע שפּראַך זיינען לאַקייען. שקלאַ־פעריי מאַכט דעם מענשען בלויז אונגליקליך, עס דערנידעריגט ניט, דינערשאַפט דערנידעריגט" (יאַנואַר דעם 25טען, 1831). אויף אַן אינטערנאַציאָנאַלען מאָהלצייט וואָס איז געגעבען געוואָרען אין פּאַ־ריז, זיינען געהאַלטען געוואָרן רעדעס פון ליבעראַלע פאַרשטעהער פון אַלע לענדער, און בערנע האָט פאַר שאַנדע ניט געוואַגט זיך אויפהויבען און ריידען אין דעם נאָמען פון דייטשלאַנד. ער האָט געטראַכט: די פּאָליאַקען, די שפּאַניער, וואָס האָבען גערעדט, רע־פּרעזענטירען זייערע לענדער, „אָבער וואָס רעפּרעזענטיר איך? אויף וועלכע טהאַטען זאָל איך ווייזען? איך שטעה אַליין, איך בין אַ לאַקיי און טראַג, ווי אַלע דייטשען, די ליווריי פון גראַף מינך־בעלינגהאַוזען" (דעם 14טען דעצעמבער 1831).

נאָהענט פאַרבונדען מיט דעם געפיהל פון שאַנדע איז געווען אַ רעגונג פון כעס אויף אַלץ און אַלעמען. דאָס האָט געמאַכט דעם איינדרוק פון שוואַכקייט און קראַנקהאַפטיגקייט. יעדע זאַך, גרויס ווי קליין, וואַרפט איהם אַריין אין אַ צאָרן. אַלץ — פון די שווערע ליידען פון די פעלקער און זייער לאַנגזאַם דערהויבען זיך צו רעוואָלטירונג, ביז אַ גראָבען בריעף פון ספּאָנטיני צו דעם בערלינער אָרקעסטער ; פון דעם פאָרשלאַג פאַר אַ פרייגעבינגען ציווילען געהאַלט פאַר לואיס פילעפּ, ביז אונפּאָלקאָמענהייט פון אַ

ענציקלאָפּעדיע. מיט דער צייט פאַנגט ער אָן זוכען אַזעלכע אויפ־רעגונגען. מיר טרעפען ביי איהם אַזעלכע אויסדרוקען ווי: „איך פיהל גוט ווייל איך בין געווען אין כעס". אָדער „קיין גרעסערען פערגניגען קענט איהר מיר ניט פאַרשאַפען, ווי מעלדען מיר פאַלען פון דייטשער נאַרישקייט".

אָבער אין די יאָהרען גלייך נאָך דער רעוואָלוציע אין יולי, ווערט שאַנדע און האַס פאַרטרונקען אין אַ שטורעמדיגען ים פון האָפענונג. בערנע פיהלט אַזוי זיכער, אַז דער אַלוועלטליכער קאַמף פאַנגט זיך באַלד אָן און אַז אין דעם קאַמף וועט פרייהייט זיעגען, ווי די ערשטע קריסטען האָבען געפיהלט, אַז דער סוף פון דער וועלט איז נאָהענט און אַז עס קומט דער טאָג ווען די צדיקים וועלען באַלוינט ווערען און די רשעים וועלען באַשטראָפט ווערען. ער איז אין אַ צושטאַנד פון ערביטערונג אין וועלכען עס איז פאַר איהם אוממעגליך צו ווערען דער געשיכטס שרייבער פון זיין צייט; ער פיהלט, אַז זיין מיסיע איז צו זיין דער נביא, „אין צוועלף לאַנגע בענד אויב נויטיג". 1)

אָה, בלויז די פעסימיסטישע פּראָפעטען בלייבען, פריהער אָדער שפּעטער, גערעכט. און בערנע איז אַן אָפּטימיסטישער פּראָפעט. אַן ענטוזיאַסט, מיט אַ נאַאיווען גלויבען אין זיין אייגע־נעם וואונש. די פּאַסירונגען אין פראַנקרייך האָבען ביי איהם פערשטאַרקט דעם גלויבען, אַז די לעצטע שטונדע פון דער רעאַקציע האָט געשלאָגען. ער מאַכט זיך פאַרוואורפען פאַר וואָס ער האָט זיך געשעמט צו קושען די האַנט פון דעם און דעם פראַנצויז. „די האַנט, וואָס האָט צוריסען די קייטען און האָט אונז שקלאַפען פאַר ריטער געמאַכט" (דעם 11טען סעפּטעמבער 1830). ער ווייס אַז די ענדע איז נאָהענט. קאַרל דער צעהנטער האָט ערגעץ וואו געלייגט אַ גרונדשטיין פאַר אַ געביידע, באַמערקט בערנע אַז עס איז שוין די העכסטע צייט אַז די קעניגע זאָלען זיך אויפהערען לעבער־

---

1) „וואָס, וואו, צו וואָס, מיט וואָס זאָל איך שרייבען? דער באָדען ציטערט, עס ציטערט דער טיש, דער שרייב טיש, האַנט און האַרץ ציטערען, און פון שטורעם באַוועגט ציטערט די געשיכטע אַליין... פּראָפעט וויל איך זיין דורך גאַנצע צוועלף בענד".

ליך צו מאַכען לייגענדיג גרונדשטיינער פון געביידעס. עס וואָלט פאַר זיי בעסער געפּאַסט צו צוקלאַפּען דעם לעצטען שינדעל אויף דעם דאַך. ווייל די צייט איז נאָהענט ווען די קייזערליכע קוכערס וועלען זיך פרעגען איינע די אַנדערע: „פאַר וועמען וועלען מיר מאָרגען צוגרייטען מיטאָג?“ (דעם 19טען סעפּטעמבער 1830). אַ מאָנאַט שפּעטער ענטפערענדיג אויף דער פראַגע: וואָס, נאָך זיין מיינונג, וועט פּאַסירען אין דער נאָהענטער צוקונפט? האָט ער אויסגעדריקט זיין פעסטע איבערצייגונג אַז דעם קומענדען פריה־לינג וועט גאַנץ אייראָפּאַ זיין אין פלאַמען פון אַ רעוואָלוציע. ער האָט רחמנות אויף די דיפּלאָמאַטען, ער פיהלט זיי מיט, מיט זיין גאַנצען הארצען. ווען דער פּוילישער אויפשטאַנד ברעכט אויס, גלויבט ער ניט אַז מען דאַרף זיך רעכענען מיט דער מעכטיגער רוסלאַנד, די פּאָליאַקען וועלען ניט אַזוי לייכט זיעגען ווי די בעלגיער אָבער אַז זיי וועלען זיעגען צווייפעלט ער ניט. און פּונקט ווי אַ רעפּריין ווידערהאָלט ער די באַהויפּטונג, אַז איינע נאָך די אַנדערע וועלען אַלע פעלקער פון אייראָפּאַ זיך באַפרייען, בלויז דייטשלאַנד אַליין וועט בלייבען אין איהר מיזעראַבעלען צושטאַנד. און דאָך זעהט ער פאָראויס, צייטענווייז, דייטשלאַנד'ס רעטונג. ווען אין מאָסקווע האָט געבושעוועט די כאָליערע פערשטעהט ער די בעדיי־טונג דערפון, ער זעהט אין דעם, דעם פינגער פון גאָט: „דאָ איז נאָך אַ מאָל די נאַקעטע האַנט פון גאָט, די גרויס־מעכטע ווערען געשטערט צו מאָביליזירען גרויסע אַרמייען, און אויב זיי וועלען עס דאָך טאָן, האָב איך אַ פאַרגעפיהל — ניין, מעהר ווי דאָס, איך ו ו י י ס אַז די כאָליערע וועט טאָן דאָס וואָס קיין אַנדער מאַכט האָט ביז איצט ניט געקענט טאָן. עס וועט אויפוועקען דאָס לאַנגזאַמסטע און דערשראַקענסטע פאָלק אויף דער ערד צו ווייזען קוראַזש“ (דעם 3טען נאָוועמבער 1830). זיין זיכערקייט אין דעם ענדליכען ערפאָלג פון די פּאָליאַקען ווערט שטאַרקער אויף דעם גרונד, אַז די וואָס האָבען נאָר איין אויסוועג: זיעגען אָדער טויט, מוזען זיגען. ביי דער ענדע פון דעם יאָהר 1830 איז ער זיכער אַז דער סוף פון די רעגירענדע הערשער איז נאָהענט. זיין „בעשיי־דענער“ וואונש פאַר זיינע פריינד און פאַר זיך איז אַז 1831 זאָל פאַר זיי זיין אַ בעסערער יאָהר ווי פאַר די קעניגע און קיסרים.

ער וועט דארפען אנזאגען זיינע דינער: „אויב א קיסר וועט דא קומען, האלט דיינע אויגען אפען און לאז איהם ניט אליין אין מיין צימער". און ער ענדיגט מיט דער ערקלערונג, אז א טוץ אייער וועט אין 1831 זיין טייערער ווי א טוץ פרינצען. (דעם 26טען דעצעמבער 1830).

דעם 8טען יאנואר 1831, ערקלערט ער, אז אויב די פאליאקען וועלען קענען אויסמיידען אן אפענעם קאמף, וועלען די רוסען „מעכטיג ווי זיי זיינען, מוזען פאלען". אויסער דעם גלויבט ער נאך איצט אויך אז די פראנצויזען, וועלען מיט בא וואפענטע כחות קומען פוילען צו הילף. פראנקרייך וואלט משוגע געווען ווען זי זאל ניט אויסנוצען די אויסערגעוועהנליכע געלעגענהייט אבצושוואכען רוסלאנד'ס מאכט. דעם 11טען פעברואר איז ער פאלשטענדיג זיכער אז עס וועט זיין מלחמה. ער אליין האט קיינמאל אין דעם ניט געצווייפעלט, נאר א סך אנדערע וואס האבען פריהער ניט געגלויבט אין דעם, האבען איצט אנגענומען זיין מיינונג. ער רופט אויס פול מיט פרייד: „פוילען האט נאך א מאל געקראגען הילף פון אויבען. עס זיינען דא „במעט ווי זיכערע" נייעס פון אויפשטאנדען וואס האבען אויסגעבראכען אין עטליכע רוסישע פראווינצען". דעם 6טען מערץ, ווען די לאגע פון פוילען זעהט שוין אויס זעהר שלעכט, האט ער נאך א פאלשע שטיקעל נייעס מיט וואס זיך צו פרעהען: א פאריזער קאמערציעלע הויז האט געקראגען די נייעס אז די רוסישע טרופען זיינען צעווארפען און אויך אז די ליטווינער האבען רעוואלטירט. „דאס וועט שוין אלץ ענטשיידען". און ער איז פול מיט פרייד. פון איצט אן און ווייטער וועלען די טיראנען מורא האבען פאר פוילען ווי קינדער האבען מורא פאר'ן קוימענקערער. ניקאלאי האט זיך באריהמט אז ער וועט די פאליאקען צונויפדרעהען ווי א קנויל באוועל, פון דער קנויל איז געווארען א באמבע וואס האט איהם צושמעטערט אויף שטיקלאך! בערנע פאנטאזירט באמת, ווענען אן עלומינירטער פאריז צו דער געלעגענהייט. דעם 18טען מערץ ווען עס איז שוין אוממעגליך געווען צו גלויבען אין די פרעהליכע נייעס, האט ער שוין א נייע אורזאכע בעגייסטערט צו ווערן. אלץ איז גוט, ווייל אין פראנקרייך אליין איז אן איבערבייטונג

אונפערמיידליך: „די לאַגע איז דאָ אַזאַ אַז איך ערוואַרט יעדען טאָג, ניין, יעדע שטונדע אַ רעוואָלוציע. עס קען ניט בלייבען ווי עס איז לייננער ווי פיער וואָכען...“

דאָס ערלויבען זשאַנעטען צו פערעפענטליכען זיינע בריעף, ווי זיי זיינען אַרויס פון זיין פען, ניט רעדאַקטירט, און ניט גע־ענדערט איז אָהן צווייפעל אַ בעוויז ווי עהרליך בערנע איז געווען. ער האָט אַפילו ניט געענדערט די פּראָפעטישע שטעלען וואָס האָבען זיך שוין אַרויסגעוויזען צו זיין פאַלש. אָבער לייענענדיג זיי ווערט אונזער גלויבען אין זיין פּאָליטישער קענטשאַפט ניט פאַרשטאַרקט. די ווידערשפּרוכען פון זיין נביאות און די פּאַסירונגען אין לעבען זיינען צייטענווייז אַזוי שאַרף אַז זיי ווערען קאָמיש. דעם 25טען דעצעמבער איז ער אין פערצווייפלונג צוליעב לאַפאַיעט'ס אומענט־שלאָסענהייט: לאַפאַיעט איז אַלמעכטיג. ער קען טאָן וואָס ער וויל נאָר. ער דאַרף בלויז סטראַשען, אַז ער הערט אויף צו זיין דער קאָמאַנדיר פון דער נאַציאָנאַלער גוואַרדיע, און דער קעניג, די מיניסטאָרען און דער פּאַרלאַמענט וועלען איהם גלייך נאָכגעבען. דעם צווייטען טאָג, דעם 26טען דעצעמבער, מעלדעט ער, אַז לאַ־פאַיעט איז פון זיין שטעלע אַראָפּגעזעצט געוואָרען, און אַפילו אַ הונט האָט ניט קיין ביל געטאָן. מאָדנע, זאָגט דער לעזער צו זיך אַליין, אַזאַ מין ליעבהאָבער פון פּאָליטיק זאָל זיך ניט נעהמען די מיה צו שטודירען די וויסענשאַפט פון פּאָליטיק, אום ער זאָל קענען ציהען שליסען מיט אַ ביסעל מעהר פאַרשטענדניס וועגען דער טע־מאַ; און ניט שרייבען טעגליכע זשורנאַליסטישע שרייבערייען, וואָס היינט טויגען זיי און מאָרגען וואַרף זיי אין אויוועז אַריין.

וואָס עס נאַרט בערנען שטענדיג אָפּ איז זיין אָפּטימיזם, אויף וועלכען מיר האָבען שוין פריהער אָנגעדייטעט, אַן אָפּטימיזם, וואָס איז אין דערזעלבער צייט נאַאיוו און פאַנאַטיש, וואָס האַלט אין איין ענטדעקען אורזאַכען, פאַרוואָס די שלעכטע פּאַסירונגען זיי־נען אין דער אמת'ען די בעסטע. דעם 31טען מערץ ציטערט ער פאַר דעם שיקזאַל פון פּוילען, און ער ערקלעהרט, אַז ער איז צוגע־גרייט פאַר דאָס ערגסטע, „אָבער“ זעצט ער פאַר, „אַזאַ זיעג איז ערגער פאַר די רוסען ווי אַלע זייערע נידערלאַגעס. דער שטאָלצער ניקאָלאַי וועט ווערען חוצפּה'דיג, ער וועט אָנפאַנגען גלויבען, אַז

ער קען טאָן מיט פראַנקרייך וואָס ער האָט געטאָן מיט פוילען". וואָס פאַר אַן אורזאַכע פון בערוהיגונג! בערנע פאַנגט איצט אָן האָפען אויף אַ רעוואָלוציע אין פראַנקרייך, וואָס זאָל צעטרייסלען אַלע טראָהנען. אָבער זי קומט ניט, דאַן ענטדעקט ער אַז די רוהיג־קייט אין פראַנקרייך איז ערגער פאַר די געקרוינטע קעפּ ווי יע־דער אַנדער זאַך. דעם 30טען נאָוועמבער 1831 שרייבט ער: „פראַנקרייך איז פאַר פערציג יאָהר די מויל פון דעם פייער־שפּיי־ענדען באַרג — אייראָפּאַ. ווען די מויל הערט אויף אַרויסצושיסען פלאַמען, איז קיין איין טראָהן אין אייראָפּאַ ניט זיכער אַפילו פאַר איין נאַכט... קיין זאַך קען ניט זיין ערגער פאַר די קעניגע ווי דאָס פאַלען פון וואַרשע, זיי האָבען צושטערט אַ וואונדער און איצט מיינען זיי אַז זיי קענען אַליין וואונדער טאָן". אין אַנדערע ווערטער, אַ רעוואָלוציע אין פּאַריז איז גוט, ניט קיין רעוואָלוציע איז נאָך בעסער; דער זיעג פון פוילען וואָלט געוועזן די רואינע פון די קעניגע, דער פאַלען פון פוילען איז נאָך ערגער פאַר זיי.

די כיבה פון דעם אַלעמען איז בערנעס זאָנדערבאַרער בלינדער גלויבען אין גאָט, וואָס ווערט זעלטען אונטערבראָכען פון צוויי־פעל. די פאָרמולע, צו וועלכע בערנע קעהרט זיך אַלע מאָל אום ווען איהם איז שלעכט, איז דאָס פערלאָזען זיך אויף גאָט. ניקאָ־לאַי געהט מיט אַ געוואַלדיגער מאַכט אויף פוילען, בערנע „פער־לאָזט זיך אויף גאָט". פאַקטיש האָבען נאָר די פּוילישע אַדעליגע רעוואָלטירט, אָבער בערנע „פערלאָזט זיך אויף דער חכמה פון גאָט און די נאַרישקייט פון זיינע זאָגענאַנטע רעפּרעזענטאַנטען". ער אַליין, זאָגט ער, איז קליגער ווי גאַנץ פראַנקרייך, ווי ער איז געוועזן קליגער פון גאַנץ דייטשלאַנד. וואָרום? ווייל ער „גלויבט אין גאָט און דער נאַטור", ווען די אַנדערע גלויבען אין מענשען און פּאָליטיק.

דאָך וואַקעלט זיך צייטענווייז זיין גלויבען. מיר האָבען גע־זעהען ווי ער האָט זיך געפרעהט מיט דער כאָליערע, ער האָט אין דעם געזעהן אַ פינגער פון גאָט, ער האָט געפיהלט, אַז עס וועט טרייבען אַפילו די דייטשען צו רעוואָלטירען. און ניט מעהר ווי צוויי מאָנאַטען שפּעטער (דעם 19טען יאַנואַר 1831), שילדערט ער די פאָלגען פון דער כאָליערע, ווי עס פּאַראַליזירט אַלע פעלקער

און העלפט אפּצושאַפען דאָס ביסעל פרייהייט וואָס ס'איז דאָ. פריהער האָט ער געשריבען: „וואָס קיין אַנדער מאַכט קען ניט טאָן וועט די כאָלערע טאָן", איצט איז עס פונקט דער געגענזאַץ: „וואָס די רוסישע צאַרען, וואָס דער טייפעל אַליין קען ניט אָפּהאַל־טען, האָט די כאָלערע אָפּ". און ער, וואָס האָט געזעהן אין דער מגפה „גאָטס נאַקעטע האַנט" שרייט איצטער אויס: „און די גייסטליכע ווילען נאָך אַז מיר זאָלען גלויבען אין אַ הימלישער גערעכטיגקייט!" ניין מאָנאַטען שפּעטער (דעם 25טען נאָוועמבער 1831), דרעהט ער זיך אַרויס מיט אַ חכמה'דיגען זינלאָזען וויץ: „ניט אָפּט שיקט גאָט אַראָפּ אַ קאָמיסיע פאַר גערעכטיגקייט פון הימעל, אונטערצוזוכען די פערוואַלטונג פון זיינע פאַרשטעהער, און ביז איצט, ווען אַזאַ זאַך האָט פּאַסירט האָט עס גאָרנישט גע־האָלפען. די הימלישע פאַרשטעהער פיהלען זיך ניט היימיש אויף דער ערד, זיי מאַכען טעות'ן, און נעהמען אַפילו כאַבאַר. לעצ־טענס האָבען מיר געזעהן אַזאַ פאַל אין דער אַזיאַטישער כאָלערע, וואָס האָט באַשטראָפט די אונטערדריקטע אַנשטאָט די אונטער־דריקער. גאָט העלפט בלויז די וואָס העלפען זיך אַליין". 1)

בלויז איין מאָל ווען דאָס פאַלען פון פּוילען איז שוין געווען אומפאַרמיידליך (דעם 5טען מערץ 1831), פיהלען מיר אַז בערנע ווערט ערנסט אומזיכער אין זיין סיסטעם. ווען די רוסען זיעגען באַנוצט ער, ווי געוועהנליך, זיינע באַליבטע ווערטער — גאָט, טייפעל א. ז. וו., ער קומט צום שלוס אַז „אַפילו ניט די חכמה פון גאָט, קיין זאַך ניט, אויסער די נאַרישקייט פון טייפעל קען איצ־טער פּוילען העלפען". און דאַן אונטערברעכט ער זיך אַליין מיט דער פראַגע: „אָבער איז גאָר אין גאַנצען דאָ אַ גאָט? מיין האַרץ צווייפעלט ניט אין דעם אָבער דער קאָפּ ווערט צייטענווייז צומישט: און ווען עס איז אַפילו יע דאָ אַ גאָט, וואָס פאַר אַ נוצען האָט דער שטערבליכער מענש פון אַזאַ'ן גאָט? וואָלט ער גע־ווען אַ שטערבליכער ווי מיר... וואָלט ער גענומען חשבון פון צייט און לעבען און וואָלט די גערעכטיגקייט אויף אַזוי ווייט ניט אָפּ־געלעגט; ער וואָלט ניט געוואַרט צו באַצאָהלען דעם צוקונפטיגען

1) בערנע, 3טער באַנד — 75, 86, 43, 99 און 267.

דור דעם חוב פון זייערע זיידעס. פרייהייט קען און וועט טרי־אומפירען פריהער אָדער שפּעטער; אָבער פאַרוואָס ניט איצט? עס קען נאָך טריאומפירען אויף מאָרגען נאָך פוילענ׳ס פאַלען, און דאָס וואָלט געגוג געווען צו צוברעכען איינעמס האַרץ... איז דען דאָ אַ גאָט? איז דאָס גערעכטיגקייט? מיר האַסען קאַניבאַלען, ווילדע, וואָס עסען דאָס פלייש פון זייערע שונאים. אָבער מיר ליידען פון אַן ערגערען סאָרט קאַניבאַליזם פון אונזער צייט, און שטעלען זיך צופרידען מיט דעם מאַטערענדען, אויסשלאַכטענדען און צופרעסענדען קאַניבאַליזם פון קערפּער און גייסט, מיט זיינע פריידען און גליק, מיט זיינע פאַרלאַנגען און האָפענונגען, אום אַזוי אַרום צו באַשאַפען אַ מעגליכקייט צו בליהען פאַר דער צוקונפט". 1)

אַ פּאָר טעג שפּעטער אָבער קעהרט ער זיך אום צו זיין גע־וועהנליכען גלויבען אין גאָט און צו זיין אָפּטימיזם, פון וועלכען קיין ענטוישונג קען איהם ניט צוריקהאַלטען.

דאָ און דאָרט אין די בריעף שטויסען מיר זיך אָן, אַן ריינער פּאָליטישער פּלוידעריי, ווי די פאַנטאַזיעס וועגען די קאָנזעקווענצען פון דעם אויפשטאַנד אין האַנאָווער. און דאָ און דאָרט געפינען מיר בעווייזען פון נאַרישער לייכטגלויביגקייט, ווי צום ביישפּיעל, ווען בערנע לאָזט זיך איבעררייד־ען, אַז דאָס איז מעטערניך וואָס פאַראור־זאַכט די אַלע אומרוהען אין זיד דייטשלאַנד, כדי ער זאָל קענען פאַר־כאַפּען בייערן ווען די אַרמיי וועט זיין פאַרנומען אין אַן אַנדער פּלאַץ. און אַז עס איז דער געהיימער אַבזיכט פון לואיס פיליפּ צוריק אויפצובויען די דינאַסטיע פון קאַרל דעם צעהנטען.

אָבער גאַנץ אָפט זעהען מיר שטעלען ביי איהם פון אמת׳ער פּאָליטישער שאַרפזיניגקייט, אַ נאַטירליכע פעהיגקייט אויפצוכאַ־פּען אַ סיטואַציע און אַן אונגעוועהנליכע פעהיגקייט פאַראויס צו זעהן זאַכען.

דעם 9טען נאָוועמבער 1830, בלויז פיער מאָנאַטען נאָך דער רעוואָלוציע, האָט שוין בערנע פאַרשטאַנען אַז אַלעס וואָס ס׳האָט פּאַסירט האָט בלויז אַ ווערטה פאַר די אינדוסטריעלע מאַגנאַטען. די וואָס פאַרשטעהען גאָרניט אויסער „מורא און געלד", האָבען

---

1) בערנע, 3טער באַנד — 159, 160.

געקראגען די מאכט. און ער איז גאנץ זיכער, אז אזוי ווי די רעוואלוציע האט איהר ציעל ניט דערגרייכט, וועלען די וואס האבען די מאכט זיך ענטזאגען צו זעהן אין דעם עטוואס אנדערש ווי אן איבערבייטונג פון א דינאסטיע, בכן איז א נייע רעוואלוציע אונפערמיידליך. און „מען מעג איהר אויף זיכער ערווארטען“. און א וואך שפעטער, דורך א קלארער באטראכטונג פון די פאקטען, ציט ער א לאגישען שלום, און ערקלערט ווי די פאסירונגען וועלען נאכפאלגען איינע די אנדערע; ווי די סוחרים און פאבריקאנטען וואס האבען פופצעהן יאהר צייט געקעמפט געגען אריסטאקראטיע, ווילען שוין, גלייך ווי זיי האבען געקראגען די מאכט פארמירען א נייע אריסטאקראטיע, א געלט אריסטאקראטיע, ניט ווי די אלטע וואס איז געוועזן באזירט אויף פרינציפען, נאר איינע וואס איז באזירט אויף דער פריווילעגיע פאר דעם וואס האט אייגענטום; דאס פראנצויזישע פאלק מיט זיין ליעבע צו גלייכהייט וועט אין דער קומענדער רעוואלוציע אטאקירען דאס וואס איז איצט דער פונדאמענט פון די פריווילעגיעס אייגענטום, און דער פראצעס וועט זיין אזא שוידערהאפטער ווי קיין איין פריהערדיגע רעוואלוציע האט נאך ניט געזעהן. בערנע, ווי מיר זעהען, זעהט פאראויס דעם סאציאליזם אלס א מאכט; ער זאגט נביאות אויף דער קאמונע. א יאהר שפעטער (דעם 1טען דעצעמבער 1831) פיהלט ער אזוי זיכער אז דאס וועט פאסירען, אז ער שרייבט: „איך זעה אזוי קלאר די גרויסע מלחמה צווישען די ארימע און די רייכע, אז איך פיהל ווי איך וואלט דארט איצט אין מיטען געוועזן“. און אין דער פעריאדע, טראץ זיינע מאראלישע פאראורטיילען, איז ער געקומען צום שלום אז די הויפט זאך איז צו קעמפען פאר רעכט געשטיצט פון מאכט. אויב דאס איז ניט מעגליך, דאן איז די איינציגע זאך וואס בלייבט צו טאן, צו ריהרען די מענשליכע הערצער און געווינען זיי פאר דעם גוטען צוועק, אפעלירענדיג צו זייערע געפיהלען און צו פערפאלגען די טיראניי מיט שפאט, האס און פעראכטונג. עס איז דורכאוים נוצלאז צו זיין עהרליך און האבען דאס רעכט אויף מיין זייט. ניין: „זייער עהרליכקייט איז זייער גיפט. זיי שטעלען זיך פאר אז די הויפט זאך איז צו זיין, און צו באווייזען אז זיי האבען רעכט. זיי רעדען וועגען פרייהייט

ווי אַ יוריסט וואָלט גערעדט וועגן עפּעס אַ שטיק אייגענטום, ווי מען וואָלט ביי זיי אַרגומענטען פאַרלאַנגט". (דעם 1טען פעברואַר 1831.)

דער מענש, ווען מיר זעהען אין די בריעף איז, נאָך אַלעמען, ניט מעהר ווי אַ פּאָליטישער ענטוזיאַסט, אַ ליעבהאָבער פון פריי־היט, אָבער ניט קיין שטאַאטסמאַן. ער האָט ניט נאָר ליעב דאָס פּראָסטע פאָלק, נאָר, ווי רוססאָ, באַוואונדערט ער באמת די מענשען וואָס זיינען ניט „פאַרדאָרבען" געוואָרען פון רייכטום און בילדונג; און האַנט אין האַנט מיט דער באַוואונדערונג געהט שטענדיג דער וואַקסענדער האַס געגען אַלע געזעצליכע הערשער און פּרינצען פון אייראָפּאַ. ווען בערנע פאַרוואָרפט זיין געזעצליכקייט צוזאַמען מיט זיינע אילוזיעס, קומט ער צום ניהיליזם. „צו וויסען, אַז צעהן איילען האַנפּען־שטריק איז גענוג צו געבען דער וועלט פרידען, גליק און רוה". „דאָס פאָלק — די קעניגע, — דאָס פאָלק — די קעניגע, — צווישען די צוויי פּאָליוסען וויעגט זיך דער פּער־פּענדיקעל פון בערנע׳ס פּאָליטישען געדאַנק: דאָס זיינען געווען די פּאָליוסען פון דעם פּאָליטישען געדאַנק פון יענער צייט. און עס איז נאַטירליך געווען, ער זאָל זיך אָפּשטעלען ביי דעם אַנטיטעזיס, ווייל ער איז, אין גרונד גענומען, געווען אַ דעמאָקראַט. אַזאַ מין איבערגעבענער דעמאָקראַט, אַז, ווי ער אַליין האָט אונז אָפען גע־זאָגט, ער אינטערעסירט זיך גאָרניט מיט דעם שטודיום פון דעם איינצעלנעם מענשען. עס איז פאַר איהם געווען אַזאַ איבעריגע זאַך צו אונטערזוכען די אייגענטימליכקייטען וואָס אונטערשיידען איין מענשען פון דעם צווייטען, ווי צו לעזען אַ שווערע האַנט־שריפט. ער האָט מעהר ליעב זיך צו באַשעפטיגען מיט דער מענש־הייט אַלס גאַנצעס און מיט ביכער. (דעם 3טען נאָוועמבער, 1830).

עס איז קיין וואונדער ניט, וואָס איהם פעהלט די פּסיכאָלאָגישע קענטניס, וואָס מיר זוכען אין גרויסע שרייבער. דערפאַר אָבער האָט ער דעם מיטגעפיהל מיט גאַנצע פעלקער, מיט קלאַסען, מיט אַ גרויסען קרייז לעזער, וואָס גיט אַ שרייבער די מעגליכקייט צו עלעקטריזירען אַפּובליקום און פאַרזיכערן פּאָפּולאַריטעט פאַר זיין

לעבענס־צייט, אפילו צו אַן אייגענטימליך פּרעכטן שרייבער, וואָס פאַרנעמט אַן אייגענטימליך אומזיכערע פּאָזיציע.

בערנע׳ס אורטייל אויף איינצעלנע פּערזאָנען, איז ניט קיין פאָר־אורטייל, און ער איז אויך ניט אומגערעכט צו זיי. אין געגענטייל: מען זעהט ביי איהם רוהיגקייט און גוטווילינקייט פון אַ גרויסען גייסט; צייטענווייז ווייזט ער אָבער ארויס אַ קליין־בירגערליכע אַנטיפּאַטיע צו אַלץ וואָס איז איבער־אריסטאָקראַטיש און אַן איבער־טריבענע איבערגעבענקייט צו אַלץ וואָס איז געוועהנליך. ווען דע מוסע ערשיינט, דערזעהט ער ביי איהם גלייך אַן עהנליכקייט צו היינע׳ן, און עס וואונדערט איהם ווי די שטריכען קומען צו אַ פראַנצויז. ער דערזעהט גלייך, און איבערשעצט אפילו בערליוז׳ס גרויסקייט, און אַלע ווייסען, ווי פאַרנאַכלעסיגט און מיספאַרשטאַ־נען בערליוז איז געווען. ער גיט אַ ווירדיגע אָפּשעצונג פון פּרינץ פּיוקלער׳ן, אָהן היץ, נאָר מיט דער נויטיגער פאַרשטענדניס; נאָר ער קאָן ניט פאַרשטעהן ווי עס איז מעגליך געווען צו מיינען, אַז פּיקלער׳ס קלוגע, נאָר אין גרונדגענומען, ניט קיין פּאָעטישע בריעף, זיינען געשריבען געוואָרען פון היינע׳ן, און אין היינע׳ן אליין איז איהם בלויז אומסימפּאַטיש דאָס, וואָס ער פאַרגעטערט אַזוי שטאַרק נאַפּאָלעאָנ׳ן, אין אַלע אַנדערע פעלע רעספּעקטירט ער, ניין, באַ־וואונדערט איהם.

באַלעהרענד אינטערעסאַנט איז בערנע׳ס ליעבע צו פּאָל דע קאָק, זיין וואַרימע אָפּשאַצונג און די ליעבע, מיט וועלכע ער לעזט דורך אַכט בענד פון זיינע נאָוועלען איינע נאָך די אַנדערע. בערנע באַוואונדערט אין איהם זיין נאַאיווע אָבער פּינקטליכע פאַרשטע־לונג פון דער פאַריזער קליין־בורזשואַזיע. ער געהט אַזוי וויים, ווי צו לויבען, אמת האלב אין שפּאַס, דע קאָק׳ס פילאָזאָפיע פון לעבען, און ביי אַ כמעט ניט־פּאַסיגער געלעגענהייט קעהרט ער זיך אום צו זיין אַלטער ליעבלינגס־טעמאַ. ער שרייבט: „ער גיט אונז ניט, ווי געטע אין זיין ווילהעלם מייסטער, דידאַקטישע בריעף מיט שוואַמען, נאָר אַ גוטע קרעפטיגע פילאָזאָפיע, געקליידעט אין דעם פּאַסאַן פון דער בורזשואַזיע‟. (דעם 3טען מערץ, 1831). פּויל דע קאָק געריהמט אויפ׳ן חשבון פון געטע!

אויב אַט דער סאָרט קריטיק רעדט זעהר ווייניג פאַר זיין

עסטעטישען געשמאק, האבען מיר אבער וועגען זיין פאליטישער שארפזיניגקייט איבערצייגענדע באווייזע אין זיין אורטייל וועגען טאלייראן. אין 1830 פיהלט ער גאנץ זיכער, אז טאלייראנ'ס טעטיגקייט אין לאנדאן וועט א סך נוצען ברענגען צו פראנקרייך. און זיין צוטרויען ווערט ניט געמינדערט דערפאר וואס די פאריזער האבען אזוי פיינט דעם דיפלאמאט. ער זעהט קלאר די לעכערליכקייט פון די ליבעראלע צייטונגען וואס באקלאגען זיך אויף איהם, אז ער, זייענדיג איינער פון די וואס האבען פארפאסט דעם פרידען אין וויען, וועט זיכער אונטערשטיצען דעם היילינען אליאנס. ער פארשטעהט, אז ניט דער הייליגער אליאנס און ניט קיין אנדער זאך איז פאר טאלייראנ'ן הייליג. א לאנגע צייט שפעטער דערמאנט ער די אומזיניגקייט פון דער באשולדיגונג געגען דעם שארפזיניגען דיפלאמאט וואס האט גערינט און פארראטען אלע רעגירונגען איינע נאך דער אנדערער. פיין און ריכטיג ווייזט ער אן, אז ער האט קיין איין רעגירונג ניט פארראטען, ער האט זיי בלויז פארלאזען, און דאס שוין נאך זייער טויט. אין טאלייראנ'ס הארטען פנים לייענט בערנע נויטווענדיגקייט, ווי פון בראנז אויסגעגאסען.

אבער די הויפט־אורזאכע פון בערנע'ס ווילדע אורטיילען דארף מען זוכען ניט אין זיין אינטעלעקט, נאר אין זיין הארץ, אין דער צערטליכקייט פון זיין נאטור, אין זיין נייגונג צו גוטמוטיגע אפשאצונגען, וואס ווערט ניט ווידערשפראכען פון זיינע שארפע און ניט איבערלעגטע באמערקונגען; און זיי אליין, ווען מען באטראכט זיי נאר גוט זעהט מען, אז זיי זיינען נאר אויסדריקע פון זיין ליעבע צו מענשען. ער איז געווען א ליעבענדער מענש, און אויף אזוי וויים א קריסט אין נאטור און אינסטינקט. דאס איז אויך די ערקלערונג פון זיין שמד'ן זיך. פארווארפען איהם היפאקריטסטווא איז נאריש. זיין אויפפאסונג פון קריסטענטום איז פיליכט ניט קיין טיעפע ,אבער עהרליך און פון פערזענליכער איבערצייגונג. ער ווערט א קריסט, ווייל ער איז א דעמאקראט און הומאניסט. פאר איהם איז קריסטענטום ניט בלויז א פארטזעצונג און אורשפרונג פון אידענטום, נאר א רעליגיע פון דער מענשהייט און ספעציעל „א רעליגיע פון אלע ארעמע טייוואלים“. יעדער איינער וואס האט ליעב געהאט זיינע מיטמענשען איז, אין בערנע'ס אויגען,

געוועזן אַ קריסט. נאָך מעהר, קריסטענטום איז פאַר איהם געוועזן די רעליגיע פון פרייהייט, ספּעציעל אין איהר קאַטוילישער גע־שטאַלט: ווייל עס איז געוועזן די קאַטוילישע מאַכט, וואָס האָט די רוימישע וועלט־מאַכט צושטערט. אין דער שטאַרקער ליעבע צו פרייהייט פון די פּאָליאַקען זעהט ער די באַפרייענדע קראַפט פון קאַטאָליציזם 1).

בערנע אַליין גלויבט ניט אין די דאָגמען פון קריסטענטום, און גלויבט אויך ניט, אַז עס איז נויטווענדיג צו גלויבען אין זיי: דאָך איז יעדע אַטאַקע אויף די דאָגמאַס פאַר איהם אָפּשטויסענד. ער לאַכט פון דעם סען־סימאָניזם, ווייל ער איז געגען דער קריסט־ליכער רעליגיע און ער האַלט, אַז שטרוים׳ס „לעבען פון יעזוס" איז ניט נאָר אַ נוצלאָז בוך, נאָר אַ שעדליכעס. דורך דעם קאָנען מיר פאַרשטעהן, ווי עס איז געוועזן מעגליך פאַר איהם, אין די לעצטע יאָהרען פון זיין לעבען, באַאיינפלוסט צו ווערען פון אַזאַ דעמאָ־קראַטישען קאַטאָליק ווי לאַמעניוס, וועמעס בוך „ווערטער פון אַ גלויביגען", ער איבערזעצט און איבערשאַצט. רעליגיעזער ראַדיקאַ־ליזם, ווי ער געפינט דאָס אין דעם בוך, איז געוועזן דער כשוף, אויף וועלכען די פרייע און פאַרשלאָסענע כחות פון זיין נשמה האָבען אָפּגעענטפערט.

אין דעם ערשטען באַנד פון „די בריעף פון פּאַריז" פאָלגט בערנע נאָך די אַלגעמיינע שטימונג פון דער אָפּאָזיציע אין דייטש־לאַנד. ער וואַנדערט פון פאָרליעבע צו קאָנסטיטוציאָנאַליזם צו דער האָפנונג פאַר אַ רעוואָלוציע. אין אַפּריל 1832, נאָך ניט קיין זעקס מאָנאַטען נאָך זייער ערשיינונג, האָט איינער פון די פיהרער פון דער אָפּאָזיציע, דר. סיבענפּפייפער, אַרויסגעלאָזען אַן אַלגעמיינע איינלאַדונג צו אַלע דייטשע נאַציאָנאַליטעטען, צו קומען צו אַ נאַציאָנאַלען יום־טוב, וואָס וועט אָפּגעהאַלטען ווערען אין דעם שלאָס פון האַמבאַך, ניט ווייט פון ניישטאַט דעם 21טען מאַי, צו דעם יאָהרעספעסט פון דער באַירישער קאָנסטיטוציע. עס האָט

---

1) דאָס איינציגע פאָלק פון צפון, וואָס האָט פאַר דריי הונדערט יאָהר ניט אויפגעהערט צו קעמפפען פאַר איהר באַפרייאונג איז פּוילען, און זי בלייבט קאַטאָליש.

געזאָלט זיין אַ יום־טוב פון ברודערשאַפט פאַר די אַלע, וואָס שטרע־בען פאַר אַ דייטשער ווידערגעבורט. דער יום־טוב איז אָבער גע־ווען אַזוי פאַרדעכטיג, אַז די רעגירונג פון דער רהיינישער באַיערן האָט איהם פאַרבאָטען. אין דערזעלבער צייט ווערט פאַר פרעמדע פאַרבאָטען אריינצוקומען אין ניישטאָט און אומגעבונג פון דעם 26טען ביז דעם 28טען מאַי און אַלע פאַרזאַמלונג פון מעהר ווי פינף מענשען אין די גאַסען אדער אַנדערע עפענטליכע פּלעצער ווערען פאַרווערט. דער פאַרבאָט האָט אַרויסגערופען אַזאַ אַלגעמיינע אומ־צופרידענהייט, אַז מען האָט איהם געמוזט צוריקרופען.

מענשען זיינען פון אַלע זייטען צו דעם יום־טוב געקומען. כמעט אַלע דייטשע פּראָווינצען זיינען פאַרטראָטען געווען — די מאַיאָריטעט איז, פאַרשטעהט זיך, געווען פון דער פירסטענטום, וואו דער יום־טוב איז געווען. אפילו פראַנצויזען זיינען געקומען אין אַ גרויסער צאָהל און פּאָליאַקען האָבען, נאַטירליך, אויך ניט געפעהלט. די פאַרזאַמלונג האָט געצעהלט אומגעפעהר דרייסיג טויזענד מענשען.

בערנע, וועלכער איז געקומען פון פּאַריז, איז געווען דעם אַם מעהרסטען געעהרטער גאַסט. זיין רייזע צו ניישטאָט איז געווען ווי אַ טריאומף־פּראָצעסיע. אומעטום האָט מען איהם אַפּלאָדירט, מען האָט אין זיין עהרע מיט פאַקלען געמאַרשירט און סערענאַדעס געזונגען.

פון פריבורג שרייבט ער: „איהר קאָנט זיך גאַרניט פאָרשטע־לען, וואָס פאַר אַן איינדרוק מיינע בריעף פון פּאַריז האָבען געמאַכט אין דייטשלאַנד. איך האָב דאָס אַליין ניט ערוואַרטעט. מייער, וואָלרם און אַנדערע האָבען געזאָגט און געשריבען, אַז איך קאָן זיך שוין מעהר אַליין אין דייטשלאַנד ניט ווייזען, ווייל מען וואָלט מיך אַרויסגעטריבען פון יעדער אַנשטענדיגער געזעלשאַפט. שעהנע נביאים זיינען זיי! זינט איך בין אין דייטשלאַנד קומט מען מיר כסדר אָפּגעבען כבוד. מיין צימער איז קיינמאָל ניט לעדיג. אָפט האָב איך ניט געניג שטולען פאַר מיינע געסט. ביים יום־טוב אין האַמבאַך האָבען אַלע געזוכט מיין באַקאַנטשאַפט. עס האָט מיך אַזוי מיעד געמאַכט, אַז איך בין קראַנק געוואָרן. ווען איך בין אויפ'ן נאָס אַרויס אין ניישטאָט האָט מען אויסגעשריען

פון רעסטאָראַנען און פאַרבייפאַהרענדע קארעטען: „הורא פאַר בערנע! הורא פאַר דעם שרייבער פון די בריעף פון פאַריז!“ היי־דעלבעגער סטודענטען האבען מיך מיט מוזיק באַגריסט, אַלע פאַ־טריאָטען ווירט און אַנדערע האָבען געזאַגט, אַז מיר קומט דער קרעדיט פאַר דער פאַטריאָטישער באַוועגונג אין דייטשלאַנד: איך בין געווען דער ערשטער און דאַן זיינען אַנדערע געקומען. אַ סך זיינען געריהרט געווען ביז טרערען און ניט קאָנענדיג ריידען, פון אַן איבערפלוס פון געפיהלען, האָבען זיי מיך וואַרים ארומגענומען. און דיזעלבע זאַך איז אויך דאָ, אין פרייבורג, געווען: סטודענטען זיינען אין אָבענד געקומען צו מיין הויז און האָבען געשפּיעלט און געשריען: „הורא פאַר דעם קעמפער פון דער דייטשער פריי־הייט!...“ וואָס וועלען מיינע קריטיקער זאָגען ווענען דעם? די קריטיקער וואָס האָבען מיך אָנגערופען אַ שלעכטער פאַטריאָט. די עפענטליכע מיינונג לאָזט זיך ניט פאַרפיהרען“. אבסורד גענוג — מיט דעם גאַנצען ענטוזיאַזם, האָט מען ביי איהם דעם זייגער צו־גע׳גנב׳עט אויף דעם האַמבאַכער יום־טוב.

אין דעם פריהמאָרגען פון דעם 27טען מאַי געהט די גרויסע פּראָצעסיע פון ניישטאַט צו דעם שלאָס פון האַמבאַך, אָנצוקוקען די חורבות. יעדער איינער האָט געטראָגען לענטעס פון שוואַרץ, רויט און גאָלד קאָליר, און שוואַרצע, רויטע און גאָלדענע פאָהנען זיינען געטראָגען געוואָרען אין פראָנט פון דער פּראָצעסיע. צווי־שען די מאַרשירענדע איז געווען אַ גרויסע צאָהל פרויען, וואָס האָבען געטראָגען גאַרטלען פון שוואַרץ, רויט און גאָלד. סיבען־פייפער און דער באַירישער ליבעראַלער זשורנאַליסט, ווירט, זיינען געווען די הויפּט־רעדנער. זיי האָבען ערקלערט, אַז דאָס פאָלקסטענ־דיגע רעכט פון פאָלק דאַרף זיין דער פונדאַמענט פון אַלע רעגי־רונגען און האָבען פאָרגעזאָגט, אַז עס וועט ניט נעהמען לאַנג, ביז דייטשלאַנד וועט ווערען אַ רעפּובליק. אַלע רעדען זיינען געווען שטאַרקע, און אַלע האָבען ערקלעהרט, אַז דאָס זינקען פון דייטש־לאַנד איז די אַרבייט פון די הערשער און דער אַריסטאָקראַטיע. ווירט האָט פאָרגעשלאָגען, צו טרינקען צו „די פאַראייניגטע פרייע דייטשע שטאַאַטען, און די פעדעראַטיווע רעפּובליקען פון אייראָפּאַ (פאַר דעם האָט ער שפּעטער געדאַרפט זיצען אַ לאַנגען טערמין

אין טורמע). פּאַכענדיג מיט׳ן עהרען־שווערד וואָס מען האָט איהם פּרעזענטירט, האָט ער געשריען: „פאַרשאָלטענע, דריי מאָל פאַר־שאָלטענע זאָלען זיין די רעגירער פון דייטשלאַנד!" און אַ טייל פון דער פאַרזאַמלונג האָבען די ווערטער אויפגעכאַפּט. מען האָט גע־הערט געשרייען, אַזעלכע ווי: „אַרונטער מיט די מלכים און פירסטען! צו וואָפען! צו וואָפען!"

די אַנטיילנעהמער אין דעם האַמבאַכער יום־טוב האָבען אָבער ניט געהאַט קיין באַלדיגע פּראַקטישען ציעל פאַר די אויגען. זיך פאָרשטעלענדיג, אַז דער מאָמענט איז ווירקליך אַ גינסטיגער גע־ווען — וואָס איז זעהר צווייפעלהאַפט — האָבען זיי איהם געלאָזען פאַרביי־געהן און ניט אויסגענוצט.

היינע שרייבט מיט לוסטיג ביטערען שפּאַס וועגען דעם: „איך וואַג ניט צו דערצעהלען די געשיכטע, עס זעהט אויס אוממעגליך, דאָך האָב איך דאָס פון אַ זיכערער קוועלע, פון אַ מאַן וואָס איז עהרליך און אַן אמת׳ער רעפּובליקאַנער, און ער איז אַליין געווען אַ מיטגליעד פון דער קאָמיטע, וואָס האָט דעבאַטירט די אַנקומענדע רעוואָלוציע. דער מאַן האָט מיר על־פּי סוד דערצעהלט, אַז ווען עס איז געקומען צו דער פראַגע פון קאָמפּעטענץ, צי די פּאַטריאָטען וואָס זיינען פאַרזאַמעלט אין האַמבאַך זיינען קאָמפּעטענט גענוג אָנצופאַנגען אַ רעוואָלוציע אין דעם נאָמען פון גאַנץ דייטשלאַנד, האָט מען די מענשען, וואָס פאַרלאַנגען באַלדיגע אַרבייט נידערגע־שטימט, ווייל זיי זיינען געקומען צום שלוס, אַז זיי זיינען ניט קאָמפּעטענט". היינע רופט דאָס אָן די בעסטע געשיכטע וואָס ער האָט ווען־עס־איז געהערט, גוט אויף אַזוי פיעל, איהם צו מאַכען פאַרגעסען אַן אַלע זיינע צרות אין דעם טאָל פון טרערען און איהם אפילו אופמונטערן נאָכ׳ן טויט אין דער טונקעלער לאַנגוויי־ליגקייט אין דעם לאַנד פון שאָטענס. דאַן רעדט ער באַרוהיגענדע ווערטער צו די קעניגע און פירסטען. ער זאָגט זיי, אַז עס איז גאָר־ניט נויטיג צו אַרעסטירען די ווירדיגע בירגער: זיי מעגען שלאָפען רוהיג, זיי זיינען ניט אין קיין געפאַהר, די דייטשע רעוואָלוציע איז נאָך ווייט, די פראַגע פון קאָמפּעטענץ איז נאָך ניט ענטשידען 1).

1) היינע׳ס געזאַמעלטע ווערק, באַנד 12, 153 (דייטשע אויסגאַבע).

מיט אַ סך יאָהרען שפּעטער האָט בערנע געשלאָסען די ליטעּראַרישע און פּערזענליכע באַקאַנטשאַפט מיט היינע'ן. זיינע געפיהלען צו איהם זיינען פריינדליכע. ער רעדט וועגען איהם מיט ליעבע, ער שאַצט איהם אָפּ אַלס דיכטער נאָך זיין ווערט נאָך און באַזונדערס אַלס גרויסע מאַכט אין דעם פרייהייטס־קאַמף. אָבער זייערע נאַטורען זיינען צופיעל פאַרשידען געווען, ער זאָל איהם קאָנען אָפּשאַצען גאָר אָהן פאַראורטיילען. פון דעם יאָהר 1831 און ווייטער באַגעגענען מיר גאַנץ אָפט פיינדליכע באַמערקונגען געגען היינע'ן אין זיינע בריעף. טראָץ דעם וואָס בערנע'ן האָט געפעהלט דער קליינליכער שטאָלץ, פאַרביטערען איהם אָבער די אָפטע פאַרגלייכונגען צווישען היינע'ן און איהם, ספּעציעל אין באַצוג צו פעהיגקייט און טאַלאַנט, וואו ער ליידט שטאַרק פון דעם פאַרגלייך. היינע'ס „פראַנצויזישע צושטענדע" קרענקט און באַליידיגט איהם. לייענענדיג דאָס בוך ווערט אין איהם ערוועקט אַ בייז געפיהל, און ער שרייבט וועגען דעם (אין דעם לעצטען באַנד פון די „בריעף פון פּאַריז") מיט שניידענדער סאַטירע, וואָס האָט היינע'ן געטראָפען ווי פון דער הויך און אין די אויגען פון אַ סך פון זיינע לעזער איהם געבראַנדמאַרקט פאַר אַ פּאָליטיש כאַראַקטערלאָזען מענשען.

אין דער ווירקליכקייט איז דאָס געווען דער טיעף־איינגעוואָרצעלטער אַנטאַגאָניזם צווישען די נאַטורען פון די צוויי מיט־קעמפער, וואָס האָט דאָ זיין אויסדרוק געפונען. בערנע באַגרייפט ניט דעם כאַראַקטער פון דעם אונטערשייד צווישען איהם און היינע'ן: פאַר איהם איז דער אונטערשייד געווען, ווי צווישען די ערנסטקייט פון אַ מאַן און די לייכטזיניגקייט פון אַ אינגעל, און אין בעסטען פאַל: צווישען דער איבערגעבענהייט צום אמת און די איבערגעבענהייט צו פאָרמע, צו קונסט. מיט אַ פּינקטליך אויג האָט ער דערזעהן און אָנגעוויזען אויף מאַנכע פון היינע'ס לייכטזיניגקייטען און קליינע נאַכמאַכונגען, אין וועלכע היינע האָט, פאַרבלענדעט פון דעם גלאַנץ פון לעבען, געקאָנט שולדיג זיין און אויך אויף אַ סך פון זיינע אומגערעכטע שפּאָטערייען, געקליידעט אין אַ רויער, נאַאיווער, פּאָפּולערער פאָרמע. בערנע האָט פיינט געהאַט די ראָטשילדס, פון וועמען היינע איז באַצויבערט געווען,

בערנע, וואָס האָט זיך קיין אָרט ניט געקאָנט געפינען אין אַ סאַלאָן, האָט זיך געפיהלט גאַנץ היימיש צווישען דעמאָקראַטישע בעלי־מלאכות און אויף די אַבענדען פון די דייטשע אימיגראַנטען, קיין אונטערשייד ווי ווילד זייערע פּלענער זיינען ניט געווען, אָדער ווי אומפּראַקטיש די אונטערנעמונגען, פאַר וועלכע זיי האָבען געלט געזאַמעלט. היינע׳ן, אין געגענטייל, האָט שוין דערעסען דאָס אייביגע בעטלען פאַר דער אָדער יענער דעמאָקראַטישער אונטער־נעמונג, ער האָט זיך דורכאויס ניט געפּאַסט צו זיין אַ מיטגליעד פון דער דעמאָקראַטישער ברודערשאַפט ; ער האָט בעסער געוואָלט, טראָץ זיינע רעוואָלוציאָנערע נייגונגען, צו זיין אַליין מיט זיך און האָט גאָר קיין לוסט ניט געהאַט צו זיין גוט־ברודעריש מיט דעם ערשטען בעסטען אויסגעוואַנדערטען לאַנדסמאַן.

אין אַ בריעף פון דעם 25טען פעברואַר, 1833, לאַכט בערנע אויס, צווישען אַנדערע זאַכען, אויך דאָס, וואָס היינע, שרייבענדיג וועגען דער אוממענשליכער טאַקטיק וואָס עסטרייך פאָלגט נאָך פאַר די לעצטע דריי הונדערט יאָהר, רופט ער זי אָן „די ערהאַבענע געדולדיגקייט", און אויך דערפאַר וואָס ער רופט אָן דעם קעניג לואיס פון באַירען ,פון וועמען ער האָט שפּעטער אַזוי אומ׳ברחמנות־דיג אָפּגעלאַכט, „איינער פון די נאָבעלסטע און גייסטרייכסטע מאָ־נאַרכען וואָס איז ווען געזעסען אויף אַ טראָהן". און אויך דערפאַר וואָס ער האָט געזאָגט, אַז עס איז „גרויסאַרטיג און פול מיט קוו־ראַזש" דאָס פאַרבלייבען פון די ראָטשילדס אין פּאַריז אין דער צייט פון דער כאָליערע, און אין דערזעלבער צייט לאַכט ער אויס די אומבאַצאָהלטע אָנשטרענגונגען פון די דייטשע פּאַטריאָטען. וועגען דעם און נאָך אַנדערע זאַכען איז בערנע פאַלשטענדיג גע־רעכט, אָבער, נאָך אַלעמען, האָט ער דאָך ניט קיין פיינע און טיפע פאַרשטענדניס פאַר היינע׳ס אמת׳ען כאַראַקטער.

אין דעם פאַל פון היינע׳ן, ווי ביי געטע׳ן, שטעהט ער פנים־אל־פנים מיט אמת׳ער געניאַליטעט, און דערפאַר האָט ער אומ־פּאַרטייאיש ניט געקאָנט אורטיילען. ער איז אָבער ניט געווען אַזוי אומגערעכט צו זיין צייט־גענאָסע, ווי ער איז געווען צו זיין גרויסען פאָרגענגער.

8.

היינע.

אויך פאַר היינריך היינע'ן איז אַט דער געדאַנקען צושטאַנד, ווי מיר האָבען שוין פריהער געזאָגט, געווען זעהר אומגינסטיג. מען קאָן געגען איהם אַרויסשטעלען אַזויפיעל באַשולדיגונגען, אַז ס'איז שווער אין קורצען זיי איבערצוגעבען. ראשית־כל זיין פאַר־ליעבע צו פראַנקרייך, און זיין שיינבאַרע אָדער אמת'ע לייכטזי־ניגקייט; דערנאָך זיין ניט־דייטשע אָפּשטאַמונג און שאַרפזין, זיין סענטימענטאַליטעט, זיין פּאַטאָליזם, זיין געוואַגטקייט און פּרעכ־הייט; דערנאָך זיין אַרויסרוף־מאַנער, מיט וועלכען ער דעמאָנ־סטריט זיין אומגלויביגקייט. דאָס נייע דייטשלאַנד איז אין רע־ליגיעזען זין גלייכגילטיג, שוויינענדיג גלייכגילטיג, און אין דעם מאָ־ראַלישען זין זעהר דיסציפּלינירט. ווערענד אין אונזערע טעג זייי־נען אין דייטשלאַנד די העכסטע מדות — ליעבע צו אמת, זעלבסט־שטענדיגקייט, שטאַלצקייט און נשמה־צאַרטקייט אַנערקענט אַלס ווייניגער באַדייטענד, ווי אָפּהיטען אַ חוב, קאָרעקט זיין, געזעל־שאַפטליכע דיסציפּלין, מיליטערישע מוסטירונג, אָדער ווי מען רופט עס „שניידיגקייט“, האָט מען אין היינע'ס ציטען געדענקט פּונקט פאַרקעהרט. די דיסציפּלין האָט דעמאָלט קיין באַדייטונג ניט גע־האַט, און פּונקט ווי דאָס רעליגיעזע געפיהל אַזוי איז אויך די מענשענליעבע באַדייטענדער געווען ווי די רעליגיע, ווי דאָס נאַ־ציאָנאַל געפיהל; אָבער וואָס אַנבאַלאַנגט פּאַטריאָטיזם, איז דאָס געווען אין היינע'ס צייט אַזאַ מעלה, וואָס מען האָט זי ניט אַנער־קענט אומבאַדינגט אַלס גוט: דיעזע מענשען האָבען געגלויבט, אַז אויפריכטיגקייט בלייבט אַ גוטע מעלה נאָר דערפאַר, וואָס זי ווערט אַנגעווענדט צו פרעמדע פעלקער.

צו היינע׳ס אַלגעמיינעם ראַדיקאַליזם איז צוגעקומען זיין פיינדשאַפט צו פּרייסען, וועמעס צוקונפט ער האָט ניט פאָראויסגעזעהן, און וועמעס קרעפטען ער האָט ניט אָפּגעשאַצט — אַט די פּרייסישע קראַפט, אַם בעסטען געשילדערט אין קאַרלייל׳ס באַשרייבונג פון פרידריך דעם צווייטענס פאַטער: די פעהיגקייט מיט דער הילף פון שטרענגקייט בייצוקומען דעם כאַאָס, אונטערדריקען יעדע געגנערשאַפט און רעגירען. היינע׳ס פיינדשאַפט איז געווען אַן אומבאַשטימטע, דאָס איז גיכער געווען, פונ׳ם ריינלענדער צום פּרייסישען, אַ פּריוואַטע שנאה אויף טויט. לייענט דיזע שורות צום פּרייסישען אַדלער:

„דו, העסליכער פויגעל! אויב איך וועל דיך אַמאָל פאַנגען, וועל איך אויסרייסען אַלע פעדערען פון דיינע פליעגלען און איך וועל אָפּהאַקען אַלע דיינע נעגעל, — דאַמאַלס וועל איך דיך אויפהענגען אויף אַ שטאַנג, צונויפרופען די בויגען־שיסערס פון ריינלאַנד, אַז זיי זאָלען זיך אַביסעל לוסטיג מאַכען מיט׳ן שיסען אין דיר“.

אויפ׳ן וויענער קאָנגרעס האָט פּרייסען, נאָך פיעל מאָל אָפּזאָגען, איבערגענומען די רעגירונג פון דער ריין־געגענד. נאָר אַ דאַנק דעם איז דער מזרח ניט געוואָרען אָפּגערונדעט, ווי מען האָט געהאָפט, נאָר עס איז אַרויסגעקומען אַ פאַלשטענדיגע צוברעקלונג אין געאָגראַפישען זין. דערצו איז אונטער׳ן פּרייסישען סצעפּטער אַרונטערגעפאַלען אַ פאָלק, וואָס איז אין גאַנצען פאַרשיידען פונ׳ם פּרייסישען. דאָס איז געווען יענע געגענד, וואָס האָט געדיענט אַלס גרעניץ־ליניע צווישען די קעלטען און די דייטשען. איבער דיזער געגנט האָט שפּעטער געהערשט די גייסטליכקייט, אַזוי אַז אפילו אין זיבעצעהנטען יאָהרהונדערט האָט פרידריך דעם גרויסענ׳ס גייסט ניט געהאַט אויף איהר קיין ווירקונג. די אור־אַלטע בייזע קירך־מאַכט האָט זיך דאַ אָנגעשטויסען מיט דער פראַנצויזישער רעוואָלוציע, און דאָס האָבען מיט באַגייסטערונג באַגריסט די מענשען, וואָס האָבען פאַרשפּרייט רעוואָלוציאָנערע אידעען.

די אוראַלטע פּרייסען האָבען זיך אויפפאַלענד מיסטרויאיש פאַרהאַלטען צו די ריינלאַנדער, און די לעצטע האָבען זיי דריי מאָל אַזוי פיעל אָפּגעצאַהלט. דער פּרייס איז געווען און געבליבען

אויפ'ן ריין אַ פּרעמדער, אַן אומאַננעהמענער. וועגען אַ זון, וואָס האָט געדיענט אין מיליטער פּלעגט מען זאָגען: „ער איז ביי די פּרייסען". די בערלינער, וואָס זיינען געוועזען אַנגעשטעלט אַלס רעגירונגס־באַאַמטע אין קעלן און אין דיסלדאָרף, האָבען אַלעמען זעהר נידעריג באַהאַנדעלט, און אַ ריינלאַנדער, וואָס ער האָט גע־קראָגען אַן אַמט אין אַן אַלט פּריים־שער געגענד, האָט עס באַ־טראַכט, ווי מען וואָלט איהם פאַרשיקען קיין סיביר. פון אַלע זייטען האָבען זיך געהערט קלאַגעס, אַז די דייטשען קאָנען ניט צוציהען די סימפּאַטיע פון די אונטערוואָרפענע פעלקער 1).

היינריך היינע איז געבאָרען אַם ענדע פונ'ם יאָהרהונדערט אין דיסעלדאָרף, די דאַמאָלסדיגע הויפּט־שטאָדט פונ'ם הערצאָגטום יוליך קלעווע־בערג. די שטאָדט איז אין פאַרלויף פון זעקס יאָהר געוועזען פאַרנומען פון דעם פראַנצויזישען רעוואָלוציאָנערען חיל. זיי זיינען פון דאָרט אַוועק אין 1801 און אַלס רעגענט פון שטאָדט איז באַשטימט געוואָרען מאַקס יאָסיף; נאָר אין 1806 איז ער געוואָרען קעניג פון באַיערן, און אויף זיין אָרט איז אַלס גרויס־הערצאָג באַשטימט געוואָרען יאָאַכים מיוראַט. שוין אין 1808 האָט ער באַדאַרפט אָפּטרעטען דאָס לאַנד דעם האָלענדישען קעניג'ס מינדעריעהריגען עלטסטען זון, ד. ה. נאַפּאָלעאָנ'ען, ווייל נאַפּאָלעאָן איז געוועזען זיין אָפּעקון. זינט דאַמאָלס איז דאָס לאַנד רעגירט געוואָרען אויפ'ן פראַנצויזישען אָרט. די לייב־אייגענשאַפט, דאָס פעאָדאַל־רעכט און פּאַנשטשינא זיינען אָפּגעשאַפט, דאָס פּראָצעס־רעכט געענדערט און איינגעפיהרט אומבאַשרענקטע רעליגיאָנס־פרייהייט. די אידישע באַפעלקערונג פון דעם ריין־געגענד האָט אַ דאַנק דעם באַגריסט נאַפּאָלעאָנ'ען אַלס דעם ערלייזער, וועלכער האָט זיי באַפרייט פון אַ טויזענד־יעהריגען יאָך.

בלי־ספק האָבען די באַציהונגען מיט די דאַמאָלסדיגע דרייסטע פראַנצויזען ניט ווינציג מיטגעהאָלפען צו דער ענטוויקלונג פון היינריך היינע'ס אייגענשאַפטען, וואָס האָבען זיך נאָר וואָס געהאָט ארויסגעצייגט. די בכבוד'ע באַציהונג צו די טראַדיציאָנס־אויטאָ־

---

1) מענדעלסאָן־בערטאָלדי: „פּרייסען און פראַנקרייך צו דער צייט פון דער יולי רעוואָלוציע, ז. 25.

ריטעטען האט באקומען א טויט־קלאפ. זיין איינגעבארענער שכל איז ענטוויקעלט געווארען אין דער ריכטונג, וואס די פראנצויזען רופען עספרי. דא איז געלעגט געווארען דער ערשטער גרונד פאר זיין באגייסטערונג פאר נאפאלעאנ׳ען. אין דער איצטיגער צייט ווערען היינריך היינע׳ס באגייסטערונג פאר נאפאלעאנ׳ען גע־רעכענט אלס איינציגע ערשיינונג אין דער דייטשער ליטעראטור פון זיין צייט. אבער אין אמת׳ען איז ניט אזוי געווען.

אויב מיר וועלען זוכען ביי ווילאנדא׳ן, וועלען מיר געפינען דיזעלבע באגייסטערונג פאר נאפאלעאנ׳ען, נאך אין דער צייט איידער די געשיכטע האט איהם אנערקענט. שוין אין 1898 האט ער געזאגט, אז פראנקרייך נויטיגט זיך נאר אין א דיקטאטאר, און אז קיינער פאסט ניט אזוי פאר דעם אמט, ווי דער גענעראל באנאפארט, וואס איז דעמאלט געווען אין מצרים. ער האט אין יאהר 1800 פאראויסגעזאגט, אז באנאפארט דארף געקרוינט ווערען אלס קעניג, ער מוז דאס זיין, און ווילאנד פארטיידיגט איהם קעגען די אנפאלען פון די ענגלישע צייטונגען. נאפאלעאן, דערווי־סענדיג זיך וועגען דיזע פאראויסזאגונגען, האט געהאט א לאנגען געשפרעך וועגען דעם מיט ווילאנד׳ן אין ערפורט, אין יאהר 1800.

קיינער פון די גרויסע דייטשען פון אנהויב נייעצעהנטען יאהר־הונדערט האט ניט געפיהלט קיין נאציאנאלען האס. ניט ארויס־ווייזענדיג אפילו קיין פונק פון דעם געפיהל, האט געטע אין יאהר 1793 זיך אוועקגעלאזט קיין פראנקרייך אלס באאבאכטער. שילער האט זיך דערפרעהט מיט זיין דיפלאם אלס פראנצויזישער בירגער און געדענקט, אז ער קאן נאך אמאל צוגיץ קומען זיינע קינדער. קנעבעל, געטע׳ס פריינד, האט געוואלט באזינגען נאפאלעאנ׳ס נצחונות. געטע האט צוגעקוקט מיט דער גרעסטער גלייכגילטיג־קייט ווי נאפאלעאן האט אויף שטיקלעך צובראכען די מלוכה פון פרידריך דעם צווייטען. די דאזיגע פרייסישע מלוכה האט זיך איהם פארגעשטעלט אלס א מאמענטאנע ערשיינונג אין דער דייט־שער געשיכטע. ער האט בייגעוואוינט נאפאלעאנ׳ס דערהויבענ־קייט און זיעגרייכע קאריערע, ער האט צוגעזעהן ווי אזוי נאפא־לעאן — דער אריסטאקראט און עוואלוציאניסט, האט זיך אפגע־רעכענט מיט דער איהם פארהאסטער אנארכיע. און אט האט

ער איהם געזעהן ארומגערינגעלט מיט זיינע מאַרשאַלען, אין אַן אַטמאָספערע פון פרישקייט, ליעבע, געניאַליטעט. דער איינדרוק, וואָס נאַפּאָלעאָן האָט אויף איהם געמאַכט, ווערענדיג פּערזענליך מיט איהם באַקאַנט, איז געווען אַזוי שטאַרק, אַז דאָס האָט נאָך פאַר־גרעסערט זיין באַגייסטערונג. דערפאַר האָט ער אפילו נאָך נאַפּאָלעָ־אָנ'ס מאַרשירן אויף רוסלאַנד, אפילו אין דער צייט פון דעם דייטשען אויפשטאַנד, געהאַלטען אין איין איבער'חזר'ן: „עס וועט גאָרניט העלפען. דער מענש איז צו גרויס”. נאָר דעמאָלט, ווען אַלץ איז שוין געווען געענדיגט, האָט ער מיט זיין ווערק לכבוד דעם שלום ווי זיך ענטשולדיגט פאַר זיין פריהעריגער אויפפיהרונג.

נאָר ווינציגער באַקאַנט, ווי געטע'ס באַציהונג צו נאַפּאָלעאָנ'ן, ווענען וואָס מען האָט אַזוי פיעל גערעדט, איז געווען די באַציהונג צו איהם פון העגעל'ן, דער דענקער און היינע'ס לעהרער, וועמען היינע האָט באַזונדערס הויך געאַכטעט און וואָס האָט אָהן צווייפעל אויף היינע'ן געהאַט אַ גרויסע ווירקונג. העגעל, געבאָרען אין דעם קליינעם, דעספּאָטיש־רעגירענדען ווירטעמבערג, ניט וויסענדיג קיינמאָל וואָס עס הייסט האָבען אַ לאַנד, נאָר שטאַרק ווילענדיג עס האָבען, האָט אין אָנהויב פון דעם יאָהרהונדערט אַזוי שטאַרק געהאַסט די דייטשע איינריכטונגען, איז געווען אַזוי ענטוזיאַסטיש פאַר דער פּאָליטישער אַפּאַטיע פון זיינע לאַנדסלייט, אַז ער האָט מיט דערזעלבער באַגייסטערונג, ווי געטע, זיך באַצויגען צו נאַפּאָ־לעאָנ'ען. שטענדיג ארומטראַגענדיג זיך מיט דער פאַנטאַסטישער אידעע פון שלום מאַכען צווישען דער אידעאַלער און דער אמת'ער וועלט, האָט ער אין פאַרלויף פון זיין גאַנצער יוגענד קיינמאָל ניט געזעהן קיין אמת'ע שטאַרקייט ביז, פּלוצלונג, נאַפּאָלעאָנ'ס גע־שטאַלט האָט פאַר איהם אַ בלענדע געטאָן און איהם באַגייסטערט. מען האָט געזאָגט ווענען געטע'ן, אַז ער האָט זיך באַנוצט מיט'ן האַרמאָטען־רויש נעבען יענאַ, אום חתונה צו האָבען מיט כריסטיאַ־נע וואולפּוס; דאָסזעלבע דערצעהלט מען ווענען העגעל'ן, אַז ער האָט אין יענאַ פאַרענדיגט זיין „פענאָמענאָלאָגיע פונ'ם גייסט” אונ־טער'ן רעש פון די האַרמאַטען. עס איז אמת טאַקע, אַז ער האָט אין די טעג אַפּגעשיקט צו זיין פאַרלעגער די לעצטע זייטלעך פון זיין ווערק, און עס איז צו שטוינען פונ'ם קאָנטראַסט צווישען זיין

קאַלטבלוטיגקייט צו דייטשלאַנד'ס אומגליק און זיין שרעקליכע אומרוהיגקייט, טאָמער וועט זיין קאָסטבאַרער מאַנוסקריפּט אין אַזאַ אומרוהיגער צייט נאָך פאַרלוירען געהן.

אין דעם ווערק, וואָס ער האָט פאַרענדיגט ביי אָט די אומשטענדען, ווערט דערצעהלט וועגען דעם ענטוויקלונגס־גאַנג פון דעם מענשליכען שכל און שטעלט מיט זיך פאַר אַן אומגעוועהנליכען צוזאַמענגוס פון פּסיכאָלאָגישע און היסטאָרישע אויפפאַסונגען. נאָך העגעל'ס פילאָזאָפיע איז די מענשהייט יעצט געשטאַנען ביים ציעל; איינציגע שטערבליכע דערגרייכענדיג די העכסטע שטופע פון דערקענטניש, זיינען דורך זייערע קענטענישען פאַרוואַנדעלט געוואָרען אין געטער. זייער ראָל לעבען שטעלט מיט זיך פאַר פון דער צייט אַן אַ פראַכטפולע ענטוויקלונג פון עקזיסטענץ, עהנליך צו דער, ווי די גריכען האָבען זיך פאַרשטעלט די עקזיסטענץ פון גאָט, — אַן עקזיסטענץ, וואָס איז פול מיט באַפרידיגונג און צופאַסונג. ווען העגעל האָט געשריבען די לעצטע ווערטער, דערווייזענדיג, אַז די וועלט־געשיכטע איז נאָר אַ פרעהליכער שפּיעל פון גייסט, וואָס אַנערקענט זיך אַלס אַ גייסטיגע קראַפט, איז נאַפּאָלעאָן, רייטענדיג אויפ'ן פערד, געשטאַנען ביי די טויערען פון יענא.

און העגעל האָט איהם דערזעהן און דערפרעהט געוואָרען:

„איך האָב געזעהן דעם אימפּעראַטאָר — שרייבט ער פון יענאַ — איך האָב געזעהן דעם וועלט־גייסט. אמת, פּיהלסט אַ באַזונדער געפיל, דערזעהענדיג אַזאַ אויסערגעוועהנליך וועזען, אַ מענשען, קאָנצענטרירט אויף איין איינציגען פּונקט, נעהמט ער ארום די גאַנצע וועלט און באַהערשט זי זיצענדיג אויפ'ן פערד. די פּרייסען איז, פאַרשטעהט זיך, זעהר שווער געווען צו געבען אַ בעסערע וואָרנונג — נאָר אַזעלכע גראַנדיעזע ערפאָלגען פון דאָנערשטאָג ביז מאָנטאָג זיינען נאָר מעגליך געווען פאַר אָט דעם וואונדערבאַרען מענשען, פאַר וועלכען מען קאָן ניט ניט באַגייסטערט ווערען“.

און העגעל ווערט באַגייסטערט ניט נאָר פון איהם אַליין, נאָר פונ'ם גאַנצען פראַנצויזישען פאָלק. מיט אַ פערטעל יאָהרהונדערט שפּעטער שרייבט ער, אַז אין דער געשיכטע פון יענער צייט זעהט

ער א ניט אפלייקענדען באווייז, אז בילדונג וועט זיגען איבער בארבאריזם, און דער שכל — איבער דער אידעענלאזער אויפפאַסונג. און ער גיט צו:

„גלייך ווי איך האב עס פריהער געוואלט, אזוי וויל עס יעצט יעדערער, אז די פראנצויזישע ארמעע זאל זיגען, ווארום זי קאן זי ניט פארראטען צוליעב דעם גרויסען אונטערשייד, וואס עס הערשט צווישען איהרע סאלדאטען און קאמאנדירען פון איין זייט און צווישען איהר און איהרע שונאים פון דער צווייטער (האים: „העגעל און זיין צייט").

היינע האט, פארשטעהט זיך, זיך קיינמאל ניט פארגעשטעלט, אז זיין באגייסטערונג פאר נאפאלעאנ'ען וועט זיך אמאל נויטיגען אין א פארטיידיגונג, אז ניט וואלט ער זיך פארענטפערט דערמיט, וואס זיין פארגענגער אין דער הינזיכט איז געווען א מאן, וועגען וועלכען ער רעדט ניט אנדערש ווי נאר פון „דעם גרויסען העגעל", „דייטשלאנד'ס גרעסטער פילאזאף נאך לייבניצ'ען", — א מאן, וועגען וועלכען ער זאגט ארויס אין דעם פארם פון א פעסטשטעהענדען פאקט די גאנץ צווייפעלהאפטע מיינונג, אז „ער שטעהט אומפארגלייכליך העכער פון קאנט" און וועמען ער מאדעלט אין זעהר אן איידעלער פארם, ווי א שטייגער: „העגעל האט זיך געלאזט קרוינען אין בערלין, צום אומגליק, האט ער אויך ערלויבט זיך צו לאזען אביסעל זאלבען".

ניט נאר זיינע גרויסע לעהרער און פארגענגער, נאר אויך זיינע צייט־גענאסען, ווי א שטייגער, ווארנהאגען פאן ענזע, וואס האט פארגאסען זיין בלוט אין שלאכט קעגען נאפאלעאנ'ען, האבען זיך צום לעצטען באצויגען מיט דעם זעלבען יראת־הכבוד און אויך זיי זיינען גאנץ ווייט געווען פון דייטשען נאציאנאלען האס. וועגען באגעזען, דעם דעניער, וואס האט, אלס האלבער דייטש נאך זיין אפשטאמונג געוואלט ווייזען, אז ער איז מעהר דורכגענומען מיט'ן דייטשען גייסט ווי די ריין־בלוטיגע דייטשען, שרייבט ווארנהאגען:

„נאפאלעאנ'ען און די פראנצויזען האסט ער פשוט אומברחמנות'דיג, ביז עקעל, און אהן שום סיבה, ווארים אלץ וואס איז גוט ביי אונז, דייטשען, און פאר וואס מיר שעצען זיך אזוי גרויס, דערוועקט אין איהם אז עקעל; ער באמיהט זיך אונטער־

דריקען אין זיך דאס דאזיגע געפיהל מיט דער הילף פון קאנט'ז, יאקאביי'ן, פאססען און קלאפשטאקען".

קאנט איז דא, ווייזט אוים, דערפאר אריינגערעכענט, צוליעב זיין אזוי ווינציג־דייטשען, קאטעגארישען אימפעריאטיוו, און די איבעריגע צוליעב דעם ווינציג ענטוויקעלטען נאציאנאלען געפיהל אין זיי.

דערפון קאן מען זעהן, אז מען טרעפט דיזעלביגע באגייסטערונג פאר נאפאלעאנ'ען ביי מענשען, וואס האבען געהאט דעם גרעסטען איינפלוס אויף היינע'ן, ווי אויך אויף גאנץ „יונג־דייטשלאנד'ס" ענטוויקלונג.

דיזע באגייסטערונג האט זיך אפגעשפיגעלט אין היינע'ס פאעטישע ווערק נאך מיט עטליכע יאהרען פאר דעם, ווי עס האט אנגענומען אין פראנקרייך בעמט אן עפידעמישען כאראקטער. ביי איהם זעלבסט האט עס דערגרייכט צו אזא הויכקייט, וואס העכער האבען זיך אפילו בעיל און הוגא ניט אויפגעהויבען. יא, מען קאן זאגען, אז די פאעטישע אויסדריקונג פון אט דער באגייסטערונג אין היינע'ס יוגענד־ליעד „צוויי גרענאדיערען", וואס ער האט, ווי ער זאגט, נאך אנגעשריבען ווען ער איז אלט געוועזן 16 יאהר, נאר גיכער פון אלץ, ניינצעהן יאהר, געהט אריבער אלץ, וואס איז ווען אנגעשריבען געווארען אין פראנקרייך אליין אינ'ם זעלבען גייסט. אפילו בעראנזשעם מייסטערהאפט ליד „די ערינערונגען פונ'ם פאלק" פארמאגט ניט אזא פשוט'קייט, אזא הויכקייט, עס האט אבער דאך בעסער פון יעדען אנדער פאעטישען ווערק אפגעשוואכט די נאפאלעאן־לעגענדע, וואס לעבט אין גייסט פונ'ם פאלק, אין א בולט'ער און ריהרענדער פארם. אין היינע'ס „גרענאדיערען" איז יעדע שורה זעהר ריכטיג צוגעפאסט צום אינהאלט און צו דער שטימונג פונ'ם ליעד; דער אומעטפולער יאמב: „דער צווייטער האט געזאגט: דאס ליעד איז אלעס", די פייערפולע אנאפעסטען: „רייט מיין קיסר איבער מיין קבר". דו לייענסט, ניט פיהלענדיג קיין איבעריגע אויפרעגונג, דעם גרענאדיער'ס ניט פארווירקליכט געבעט, אז זיין טויטען קערפער זאל מען איבערפיהרען קיין פראנקרייך. די הויפט־סטראפע:

„וואָס אַרט מיך אַ ווייב, וואָס אַרט מיך אַ קינד“, דעם גרענאַדיער׳ס פּראָטעסט קעגען דעם, וואָס ער איז צוגעבונדען צו זיין ווייב און קינד, וואָס ער האָט איבערגעלאָזט אין דער היים, באַצאָהלט אונז מייסטערהאַפט מיט איהר אומגעצוימטקייט, מיט איהר סענטימענטאַלער פייערדיגקייט פונ׳ם ראָמאַנטישען סטיל. אין אָט דעם ליעד ווערט נאָר צוליעב אויסערליכקייט דערצעהלט וועגען דער איבערגעבענהייט צו נאַפּאָלעאָנ׳ס פּערזענליכקייט; אין דער אמת׳ען באַזינגט זיך דאָ די הייסע איבערגעגעבענהייט צו אַ פיהרער, דער אומענדליכער ענטוזיאַזם בכלל צו גרויסע פּערזענליכקייטען.

די פעהיגקייט צו באַשרייבען מיט דער הילף פון אַריינפיהרען בילדער אין דער ליריק איז אַ געמיינשאַפטליכע ביי היינע׳ן און ביי בראַנזשע׳ן. נאָר בראַנזשע איז נאָר געווען אַ ליעדער־שרייבער, און היינע — אַ געניע. „די גרענאַדיערען“ הויבט זיך אָן, ווי בכלל היינע׳ס ליעדער, אין אַ גלייכען, רוהיגען טאָן. איהם איז אינגאַנצען פרעמד הוגאָ׳ס אויסרופען; ער ווירקט ניט דורך זיינע דירעקטע שילדערונגען, נאָר מיט זיין באַשרייבונג פון יענע קליינינקע איינצעלהייטען, אין וועלכע עס שפּיגעלט זיך אָפּ די גרויסע געשיכטע און וועלכע דיענען אַלס מאַסשטאַב פאַר איהר, ביז וואַנען דעם טרוימער׳ס פאַנטאַזיען ווערען, ענדליך, ניט דורכגעבראָכען דורך דעם פּשוט׳ן געשפּרעך.

אויב אַזאַ באַגייסטערונג איז ניט זעהר פּאַסיג פאַר איהם, פאַרלירט אָבער דאָס געפיהל, וואָס ער ברענגט דאָרט אַרויס, גאָרניט פון זיין שעהנקייט; עס איז גאַנץ עהנליך צו דעם, וואָס היינע באַשרייבט אין זיינע „רייזע־בילדער“, ווען ער דערצעהלט, אַז ער האָט אין זיין קינדהייט געזעהן נאַפּאָלעאָנ׳ען דורכפאָהרענדיג רייטענדיג אויף אַ פערד אין דעם הערצאָג׳ס גאָרטען אין דיסעלדאָרף. דאָס קאַפּיטעל פאַנגט זיך אָן מיט פאָלגענדע ווערטער: אָ, וואָס מיט מיר איז געוואָרען, ווען איך האָב איהם דערזעהן, דערזעהן מיט מיינע אייגענע אויגען, איהם זעלבסט, — אָסאַנאַ! דער אימפּעראַטאָר“. באַמערקט: „אָסאַנאַ“. אין דער מינוט פון באַגייסטערונג ערוואַכען די קינדהייט׳ס עראינערונגען, דער אַלט־ביבלישער אויסגעשריי פון פרייד און באַגריסונג רייסט זיך אַרויס פון די ליי־

פען. און וואָס האָט דאָס קינד דעמאָלט געפיהלט? ער האָט גע־טראַכט וועגען דעם, אַז דורך דער אַלעע איז פאַרבאָטען צו פאָהרען אונטער דער שטראָף צו באַצאָהלען פינף טאַלער. און פּלוצלונג! דער אימפּעראַטאָר מיט זיין סוויטע פאָהרען דורך אין סאַמע מיטען פון דער אַלעע — און די ציטערדיגע בוימער בויגען זיך איין ווען ער דערנעהנטערט זיך צו זיי.

היינע, אַלס פּאָליטישער פּאָעט, האָט זיך געהאַלטען פאַר אַ רעוואָלוציאָנער, און ער איז טאַקע אין אמת׳ען אַזעלכער געווען. נאָר זיין פּאָליטישע ליידענשאַפט איז געווען געווענדט הויפּטזעכ־ליך קעגען די מנהגים און אבערגלויבען פונ׳ם מיטעלאַלטער. ער איז ערנסט פיינדליך צו דער קלעריקאַלער וועלט, נאָר אין דערזעל־בער צייט איז ער ניט ערנסט דורכגעדרונגען מיט.די דעמאָקראַטישע אידעען. זיין גרעסטע פּאָליטישע ליעד „דייטשלאַנד, דאָס וואונ־דער מעשה׳לע“, באַשטעטיגט דאָס אויסגעצייכענט. די ווירקליכע ליידענשאַפט באַווייזט זיך נאָר אין דעם פאַל, ווען דער אומזעהבאַ־רער מיטרייזענדער, דער לעקטאָר מיט דער שרעקליכער האַק, צע־האַקט אויף שטיקלעך אין קעלנער קאַטעדראַל די סקעלעטען פון די דריי מלכים — „די באַדויערענסווערטע סקעלעטען פון אבערגלוי־בען“. אָבער אין אַט דעם גרויסען געדיכט — היינע׳ס באַדייטענד־סטע ווערק — באַקאָנען מיר זיך מיט די פּאָליטישע ריכטונגען, אויסגעדריקט אין דער ריינסטער פאָרם און מיט דעם געדאַנקען־גאַנג, וואָס האָט דעמאָלט געהערשט. אַ נייער קריגערישער און ריננ־קאַמף־עלעמענט אין דער דייטשער פּאָעזיע. ביי געטע׳ן געפינען מיר ניט אַזעלכעס. ער האָט צולעצט איינגעזעהן „די פולע נישטיג־קייט פון דער איצטיגער צייט“. נאָר ער האָט זיך געשראָקען, אַז דאָס אָראָפּוואַרפען פון די אויטאָריטעטען וועט נאָך ערגער מאַכען. אפילו ביי שילער׳ן באַגעגענען מיר ניט קיין דירעקטע באַציהונג צו דער איצטיגער פּאָליטיק. זיין פּאַטאָס האָט זיך אויסגעגאָסען אין דראַמען, אין וועלכע עס האָט זיך געהאַנדעלט וועגען פרייהייט. ביי היינע׳ן געפינען מיר אַט די באַציהונג שוין פונ׳ם 1830טען יאָהר אָן. ער לעגט אין איהם אַריין זיין נשמה. און ער האָט זיך שטענ־דיג עהרליך אַרויסגעצייגט, כאָטש זיין עהרליכקייט איז אָפט אונ־טערוואַרפען געוואָרען אונטער צווייפעל.

לייענט איבער אין די „רייזע־בילדער“ יענע שטעלן, אויף וועל־כע מען האָט שטענדיג אַנגעוויזען ווי אויף אַן אויסדרוק פון זיין באַריהמעריי און אַפּעקטאַציע. נאָך דער באַשרייבונג פון דער שלאַכט ביי מאַרינגאָ:

„עס וועט זיין אַ פּראַכטפולער טאָג — האָט מיין מיטרייזענ־דער אויסגעשריען — יאָ, עס וועט זיין אַ פּראַכטפולער טאָג — האָט מיין הארץ איבערגע׳חזר׳ט מיט אַ שטילען געבעט, און אַ צאַ־פּעל געטאָן פון טרויער און פרייד. יאָ, עס וועט זיין אַ פּראַכט־פולער טאָג, און די פרייהייטס־זון וועט באַגליקען די ערד. עס וועט אויסוואַקסען אַ נייער דור, געבוירען פון די אומאַרמונגען פון דער פרייער ליעבע, און ניט פון דער געצוואונגענער הייראַט אונטער דער אויפזיכט פון גייסטליכע אויפזעהער; צוזאַמען מיט דער פרייען געבורט וועלען די מענשען אין זיך דערפיהלען אויך דעם פרייען געדאַנק און פרייען געפיהל, וועגען וואָס מיר, גע־בליבענע קנעכט, האָבען אפילו קיין פאַרשטעדניש ניט“.

צום סוף זאָגט היינע פאָלגענדעס:

„איך ווייס ניט, צי איך פאַרדיען, אַז מען זאָל אויף מיין קבר אַרויפלעגען אַ לאָרבער־קראַנץ. ווי שטאַרק איך האָב ניט ליעב געהאַט די פּאָעזיע, איז זי שטענדיג געווען פאַר מיר אַ הייליגע שפּיעלצייג, אַ הייליג מיטעל אום צו דערגרייכען דעם הימלישען צוועק... נאָר אַ שווערד דאַרפט איהר אַרויפלעגען אויף מיין קבר, דערפאַר וואָס איך בין געווען אַ דרייסטער סאָלדאַט אין שלאַכט פאַר דער באַפרייאונג פון דער מענשהייט“.

אומעטום אין דער דייטשער ליטעראַטור, אין דער געשיכטע, אין דער עסטעטיק און קריטיק, ניט נאָר ביי מענצעל׳ן, נאָר אויך ביי גערעקע׳ן, טריטשקע׳ן, ביי היינע׳ס נאָכאַהמער און ריכטער גריזעבאַך, אפילו ביי גענע׳ן, וואָס האָט זיך אין אַלע הינזיכטען אויסגעצייכענט מיט זיין פיינעם פאַרשטאַנד, געפינען מיר די פאַראַכטענדסטע באַציהונג צו היינע׳ס פּאָליטישען קאַמף. אפילו שערר דריקט זיך וועגען איהם אויס קאַלט און נעגאַטיוו. ס׳איז דערגאַנגען אַזוי ווייט, אַז ווען אַן איטאַליענישער דיכטער, דזשאָזוע קאַרדוטשי, האָט אַנגעשריבען אַן אָדע, אין וועלכער ער האָט באַ־

זונגען אין ליבגעזאַנגען היינע׳ן, אַלס אַ פּרייהייטס־העלד, איז קאַרל
הילצעבראַנדט אַרויסגעטראָטען מיט אַרגומענטען קעגען אַזאַ מיי־
נונג. דער בעסטער דייטשער קריטיקער, היינע׳ס געוועזענער סעק־
רעטער, וואָס האָט שטענדיג גערעדט מיט אַ יראת־הכבוד און
ענטוזיאַזם וועגען דעם גרויסען פאַרשטאָרבענעם, האָט פּראָטעס־
טירט: היינע האָט זיך קיינמאָל ניט אַזוי פייערליך באַצויגען צו
זיין פּאָליטישער טעטיגקייט. אָט די אומצופרידענהייט, אָט דאָס
מיסטרויען זיינען גאַנץ פאַרשטענדליך דערפאַר, וואָס פון היינע׳ס
לייבטזין אין זיין יוגענד האָט מען פון איהם געקאָנט ערוואַרטען
אַן אומבאַשטענדיגקייט אין פּאָליטיק. אום צו קריגען אַ פּראָפּע־
סאָר־שטעלע אין מינכען, איז ער אין יאָהר 1872 גרייט געווען זיך
אָפּצוזאָגען פון זיין גאַנצער פאַרגאַנגענהייט, נאָר עס האָט ניט
געהאָלפען. צו יענער צייט האָט ער אויך געמאַכט אַ פאָרשלאַג
דעם אומווירדיגען פּרינץ פון ברוינשווייג, אַז ער וועט איהם פאַר־
טיידיגען, אויב דער פּרינץ וועט איהם שענקען דעם ברוינשווייגער
אָרדען — נאָר אויך פון דעם איז גאָרנישט געוואָרען. ערשט פון
1830 אָן ווייזט ער זיך אַרויס אַלס פעסטער כאַראַקטער אין דער
פּאָליטיק.

אויסער דעם האָט היינע׳ס שרייבען ניט געהאַט קיין „פּאָעטי־
שע פּאָזעס“: ער איז געווען צו שטאָלץ אום אָנצונעהמען אַזעלכע
מיטלען. דאָס איז געווען אומפאַרשטענדליך פאַר די דייטשען.
אין אַלגעמיין האָט מען זיך צו איהם זעהר ניט אויפריכטיג באַצוי־
גען. דאָס האָט איהם שטאַרק וועה געטאָן, און ער האָט עס צומאָל
אַרויסגעזאָגט אין פּאָעטישע אויסדרוקען. ער האָט טיעף דורכגע־
פיהלט דאָס ליעד, דעם סוף פונ׳ם קאַפּיטעל פון „ראָמאַנצעראָ“:
(„דאָס פאַרלוירענע קינד„) וואָס ער האָט אָנגעשריבען שוין
אויף די עלטערע יאָהרען. ער איז ווירקליך געווען דאָס,
וואָס ער האָט זיך אַליין אָנגערופען: אַ צו־ווייט פאַרגאַנגע־
נער אַרמעע־מרגל, אַ פאַרגעסענער וואַנפּאָסט, וואָס איז פאַראור־
טיילט דערשאָסען צו ווערען. און ווען ער שרייט אויס אין זיינע
צוריקגעלאָזטע פּראָזע ריטמען: „איך בין אַ שווערד! איך בין אַ
פלאָם“ — איז ער גאַנץ גערעכט. און אין דער איצטיגער צייט
פליהען פונקען פון אונטער די״קלעפ״פון זיין שווערד, און דאָס פייער

וואָס ער לאָזט ארויס פון זיך האָט אַ קלאָרען שיין. פיעלע וואָרימען זיך נאָך איצט ביי זיין פייער.

ווי מיר האָבען שוין פריהער באַמערקט, דריקט זיך בערנע אויס אין זיינע „פּאַריזער בריעף“, אַז היינע האָט זיך אַליין ווידערשפּראָכען, אַז ער איז סענטימענטאַל און כאַראַקטערלאָז ווי אַ פּאָליטיקער. ער טאַדעלט איהם ניט אַזוי פאַר זיין אינדיווידועלער מיינונג, ווי פאַר דעם, וואָס ער גיט צו אַ גרויסע באַדייטונג דער טעטיגקייט פון איינצעלנע מענשען, ווערהענד, נאָך בערנע'ס מיינונג, האָבען די אינדיווידועןן איצט ניט אַזאַ גרויסע באַדייטונג, ווי פריהער. איצט וואָלטען וואָלטער און רוסאָ ניט געהאַט אַזאַ גרויסע באַדייטונג. אינדיווידען זיינען נאָר די העראָלדען פון די פעלקער. היינע פאַרגעסט ווענען דעם. אין זיין שטרעבונג צו געפעלען די דעמאָקראַטען זאָגט היינע, אַז די דייטשע יעזואיטיש־אַריסטאָקראַטישע פּאַרטיי טראַכט אויס אויף איהם בלבולים, דער־פאַר וואָס ער קעמפט דרייסט קעגען דעם אבסאָלוטיזם; נאָר אום צוגעפינען חן אין די אויגען פון די אַריסטאָקראַטען, זאָגט ער אין דער זעלביגער צייט, אַז ער טרעט אריין אין קאַמף מיט'ן יאַקאָביניזם, אַז ער איז שטאַרק איבערגעגעבען דעם קייזער און וועט זיך שטענדיג האַלטען ביי די מאָנאַרכישע מיינונגען.

בערנע האָט גאָרניט געקאָנט פאַרשטעהן קיין שפּאַס. היינע דערצעהלט אין אַ שפּאַס וועגען אַ פּאַריזער מאַגאַזין, וואוהין ער פלעגט אָפט פאַרינען זומער אריינגעהן, און וואו די אַכט יונגע מיידלעך־פאַרקויפערינס און זייערע אַכט געליעבטע — זיינען אַלע געווען די הייסעסטע רעפּובליקאַנער. ער איינער איז געווען אַ מאָנאַרכיסט: „איך שווער ביי גאָט אַז איך בין ניט קיין רעפּובליקאַנער. איך ווייס, אַז ווען די רעפּובליקאַנער וועלען זיעגען, וועלען זיי מיך קוילען. אייגענטליך בין איך זיי, פאַרשטעהט זיך, מוחל זייער נאַרישקייט“... בערנע גיט צו:

„און איך ניט. רעפּובליקאַנער, וואָס זיינען אַזעלכע טפּשים, אַז זיי געפינען פאַר נויטיג אַפּצוראַמען היינע'ן פּונ'ם וועג, אום צו דערגרייכען זייער צוועק — וואָלט פאַר זיי דאָס בעסטע פּלאַץ געווען — אַ משוגעים־הויז“.

אין אַט די אויסדריקע פון היינע איז עפּעס פאַרהאַן, וואָס ער־

שטוינט די לעזער, ניט קוקענדיג אויפ'ן שפּאַס. דאָס איז דאָס צייטענווייזע אויסברעכען פון אבסאָלוטען ראַדיקאַליזם, מעהרסטענטייל די שאַרף־רעוואָלוציאָנערע שטימונג, און דאָס אָפטע באַטאַנען, פאַרזיכערען, אַז ער איז ניט קיין יאַקאָבינער, אפילו ניט קיין רעפּובליקאַנער.

דאָ פאָדערט זיך אַן ערקלערונג, וואָס קיינער האָט נאָך ביז איצט ניט פאַרזוכט צו געבען.

די ערקלערונג, אַז היינע איז כלומר'שט געווען כאַראַקטערלאָז, אַזוי כאַראַקטערלאָז, אַז שוין זייענדיג אַ דערוואַקסענער מענש, און אין דער צייט, ווען די בליקען פון צוויי נאַציאָנען זיינען צו איהם געווען געווענדט, האָט ער זיך שטענדיג ווידערגעשפּראָכען אין די סאַמע ערנסטע געגענשטאַנדען — איז אין ווירקליכקייט קיין ערקלערונג ניט. די ווידערשפּרעכונגען, די אומקלאָרקייט, דאַרפען דאָ ליעגען אין די פּרינציפּען.

לאָמיר זיך דערמאָנען זיין אמת'ע, גרענעצלאָזע באַגייסטערונג פאַר נאַפּאָלעאָנ'ען. ער דריקט זיך צום לעצטען מאָל אויס אין די „ווינטער מעשה'לע“, אין דעם באַערדיגונגס הימן אויפ'ן פאַרשטאָרבענעם אימפּעראַטאָר, ווען מען פיהרט איבער זיין טויטען אָרון פון דעם אינזעל „הייליגע העלענאַ“ קיין פּאַריז: „אונטער די מעבטיגע טריאומף־בויגען פון די יעליסעאישע פעלדער, דורך אַ נעבעל און שנעע געהט די פּראַצעסיע שטיל אַריין אין שטאָדט.“

און דערמאָנט זיך די סצענע אין די „רייזע בילדער“, ווען דער רוסישער פרעגט היינע'ן: „איהר האָט ליעב די רוסישע?“ — און היינע ענטפערט: „יאַ, איך האָב זיי ליעב, דערפאַר וואָס, — ערקלעהרט ער ווייטער — דער שטענדיגער אויסטויש פון קריעגספיהרער און פאַרשטעהער אין דער גרויסער וועלט־מלחמה האָט געבראַכט דערצו, אַז די הייסעסטע אַנהענגער פון דער רעוואָלוציע זעהען אין רוסלאַנד'ס זיעג די רעטונג פון דער וועלט און זיינען געצוואונגען צו באַטראַכטען דעם אימפּעראַטאָר ניקאָליי אַלס דעם באַנען־טרעגער פון דער פרייהייט אין אייראָפּאַ. די רוסישע רעגירונג איז דורכגעדרונגען מיט ליבעראַלע אידעען. איהר אבסאָלוטיזם איז נאָר אַ דיקטאַטור, מיט וועלכער הילף זיי ווילען אַריינברענגען די אידעען אין דער מאַסע. א. אז. וו.

א קאָלאָסאַלער קינדערשער טעות. נאָר ניט דאָס איז וויכ־טיג. וויכטיג איז, אַז אויב די זעלבסטהערשאַפט אין רוסלאַנד האָט אַזעלכע פּאָרלאַנגען, איז היינע אינגאַנצען אויף איהר זייט, אַזוי ווי ער איז געווען אויף דער זייט פון נאַפּאָלעאָנ'ס הערשאַפט.

דאָ מוז מען זיך פאָרטראַכטען: היינע, דער עקסצענטרישער פּאַרטיידיגער פונ'ם ראַדיקאַליזם צווישען די דיכטער פון זיין צייט, ערקלערט אַלס דעם באַנער־טרעגער פון פרייהייט ניקאָליי'ן, דעם ביזעסטען טיראַן פון יענער צייט!... איז דאָס דערזעלביגער מענש, וואָס באַמיהט זיך מיט אינגעלשער פרייד ענג צונויפצובינדען אין זיין פאָרשטעלונג דעם געדאַנק וועגען קעניגליכער אַדער אימפּע־ראַטאָרישער ווירדע מיט דער גילאָטינע? לאָמיר זיך דערמאָנען אין היינע'ס ווערטער, וועלכע זיינען געוועזען געווען צו באַר־באַראָסאַ'ן:

„דו וועסט ווערען צוגעבונדען צו א ברעט, וואָס לאָזט זיך אַראָפּ" א. אז. וו.

א שלום־אויסרוף אויף דער רעכענונג פונ'ם אַלטען אימפּעראַ־טאָר: „די רעפּובליקאַנער וועלען אונז אויסלאַכען, ווען זיי וועלען דערזעהן אין דער שפּיץ פון אונז אַזאַ באַשעפעניש מיט א קרוין און שפּיז".

ווי עס קוקט אויס, גיט ער צו א באַדייטונג צו דער רעפּובלי־קאַנער מיינונג און טהיילט אונטער געוויסע אומשטענדען זייער שטאַנדפּונקט.

אַדער דערמאָנט זיך דאָס אויסערגעוועהנליך שאַרפזיניג ליעד פון די יאָהרען 1649-1793, וואו עס דערצעהלט זיך פריהער וועגען דער גיבער אָפּרעכענונג מיט די מלכים אין דער צייט פון דער פראַנצויזישער און ענגלישער רעוואָלוציאָנען. און דערנאָך זאָגט ער פאָראויס די נאָהענטקייט פון א דייטשער רעוואָלוציע.

„דאָס דייטשע פאָלק וועט שטענדיג באַהאַנדלען די מלכים מיט א פּיעטעט. אין דער הויף־קאַרעטע, אין וועלכער עס וועלען זיין געשפּאַנט זעקס אין טרויער און מיט א שוואַרצער דעק באַ־קליידעטע פערד, מיט'ן קוטשער, וואָס וועט זיצען אויף דער קעלניע, א גלייבער און א שלאַנקער, ווי אַן אָבעליסק, וואָס איז שטענדיג בייז און איצט פאַרווינט — אָט ווי אַזוי מען וועט דעם דייטשען

קייזער פיהרען צו דעם היגריכטונג־פּלאַץ, וואו מען וועט איהם אונטערטעניג גילאָטירען. אויב דאָס איז ניט אַ שפּיעל מיט ווער־טער און געפּיהלען, מוזען מיר זוכען אַן ערקלערונג, אַן ערקלערונג, וואָס איז היינע'ן אַליין אומבאַקאַנט, ווייל איינס איז זיכער: דאָ איז פאַרהאַן אַ ווידערשפּרוך.

די ערקלערונג באַשטעהט אין דעם, וואָס היינע איז אין איין און דערזעלבער צייט געווען אַ הייסער אַנהענגער פון דער פרייהייט און אַן אַריסטאָקראַט אין זיין נאַטור. ער האָט זיך אויסגעציי־כענט מיט זיין ליעבע צו פרייהייט, וואָס עס איז אייגענטימליך פאַר אַלע צו־אומאַפּהענגיגע שטרעבענדע נאַטורען; ער האָט גע־בענקט נאָך פרייהייט, ער האָט זי ליעב געהאַט מיט זיין גאַנצען הארצען, נאָר אין דערזעלבער צייט האָט זיין גרויסע נאַטור געהאַט אַ שטאַרקע ליעבע צו דער מענשהייטס גרויסקייט, אַ ריין נערווע־זער עקעל פון אַן איידעלער נאַטור צו דער הערשאַפט פון מיטעל־מעסיגקייט.

מיט אַנדערע ווערטער: אין היינריך היינע'ס נשמה איז ניט געווען קיין טראָפּען פון קאָנסערוואַטיווען בלוט. זיין בלוט איז געווען רעוואָלוציאָנער. נאָר אין דערזעלבער צייט איז אין זיין נשמה אויך ניט געווען קיין טראָפּען פון דעמאָקראַטישען בלוט. זיין בלוט איז געווען אַריסטאָקראַטיש, ער האָט געוואָלט, אַז מען זאָל דעם געניע אַנערקענען אַלס דעם פיהרער און הערשער.

ער דערמאָנט זיך מיט באַגייסטערונג אין דער היסטאָרישער פאַרגאַנגענהייט, אָדער ער שטעלט זיך פאָר אין דער פאַנטאַזיע דאָס פאַלען פון אַן אומווירדיגען הערשער. אָבער ער וויל אָפּגעבען דעם קיסר דאָס, וואָס דעם קיסר קומט.

אַהנצווייפעל זיינען אַט די ווערטער פון קריסטאָ אין דער עוואַנ־געליע, טיעף איינגעדרונגען אין היינע'ס נשמה. ער האָט ניט מורא פאַר אַזאַ פרייען צושטאַנד, אין וועלכען אַלץ וואָס מיר האָבען ביז איצט אויף דער ערד אַנגערופען פרייהייט, זאָל זיך אַרויסווייזען אַלס אַ קינדער־שפּיעל, אָבער ער האַלט פאַר אַן אונמעגליכקייט, אַז די אידעאַלען פון די מיטעלע מענשען, די פיליסטערישע אידע־אַלען, זאָלען אין זייער טיעפקייט ענטהאַלטען די פרייהייט. ער באַטראַכט יעדע מיטעלמעסיגקייט, ווי די ליבעראַלע אַזוי אויך די

רעפּובליקאַנישע, אַלס שונא פון פּערזענליכקייט און ברייטער פרייהייט.

דערפון נעהמט זיך זיין מיסטרויען צו די צפון־אַמעריקאַנישע פריע רעגירונגען, ווייל ער סימפּאַטיזירט ניט מיט זייער פרייהייט: „אפטמאַל באַפאַלט מיך אַ פאַרלאַנג צו פאָהרען קיין אַמעריקא. איך וועל דאָרט קאָנען זעהן די גרויסע שטאַל פון פרייהייט מיט איהרע אומצאָהליגע בהמות". אויב היינע איז באַגייסטערט פון דער מאַרסעליעזע איז דאָס דערפאַר, וואָס ער האַלט דאָס ליעד פאַר'ן סינאָנים פון דער גרויסער רעוואָלוציאָנערער באַוועגונג. אויב ער איז אַזוי ענטוזיאַסטיש פאַר נאַפּאָלעאָנ'ען איז דאָס דער־פאַר, וואָס ער האַלט נאַפּאָלעאָנ'ען אַלס דעם פאַרטיידיגער פון דעם פאָלק, וואָס איז פריי פון יעדער דעמאָקראַטישער מיטעלמע־סיגקייט.

נאָר אַמאָל, אין אַנפאַל פון אומצופרידענהייט מיט זיך זעלבסט, באַנוצענדיג זיך מיט אַ געבאָרגטער פאָרמעל, פאַלט היינע אריין אין אַ פּלעבעאישער באַהויפּטונג און זאָגט אַרויס אַ מיינונג, אַז כלומר'שט די באַדייטונג פון גרויסע אינדיווידוען איז פאַרשוואונ־דען — אַט די טעאָריע איז באמת נאָר אַן אויסדרוק פון בירגער־ליכער קנאה. אין דער טיעפעניש פון זיין נשמה איז היינע אַזוי איבערציינגט אַז דעם היפוך דערפון, אַז ער דערגרייכט דעם אומ־זיניגען עקסצענטער, באַהויפּטענדיג, אַז ניקאָליי, די פאַרקערפּע־רונג פון געוואַלט אין יענער צייט, איז דער פיהרער פון די פריי־הייטס קעמפּפער אין אייראָפּא. ניקאָליי איז, יעדענפאַלס, געווען אַ פּערזענליכקייט, אַ מאַכט. און היינע איז געווען גענוג געניאַל צו פיהלען, סוף כל סוף, אַז דאָס וויכטיגסטע איז פּערזענליכקייט און מאַכט. די קוואַנטיטעט שפּיעלט ניט קיין ראָל, אפילו ניט די קוואַנטיטעט פון מלכים. דערפון נעהמט זיך זיין שטענדיג אָפּ־לאַכען פון די דריי טוצען דייטשע מאָנאַרכיעס.

פאַר וואָס היינע האָט זיך אַממייסטען געשראָקען איז, מעגליך גיכער פון אַלץ, פאַר אַ לעבען אָהן דעם שעהנהייטס־עלע־מענט. פוריע'ס פאַלאַנסטער, דאָס אומגעהייער גרויסע אַרבייטער־הויז, וואו אַלץ איז אויסגעגליכען ביז אַ האָר און וואו עס בלייבט ניט איבער קיין אָרט אפילו פאַר דעם לוקסוס, וועלכע די קונסט

שטעלט מיט זיך פאַר, האָט זיך איהם געדוכט אַלס דער רעזולטאַט אין דער צוקונפט, נאָר עס האָט איהם ניט צופרידענגעשטעלט.

וואָס עס האָט מעהר פון אַלץ אין איהם דערוועקט עקעל, איז דאָס לעבען אָהן גרויסקייט, מיט דער מיטעלמעסיגער גלייכהייט, וואָס איז אַריינגעבראַכט געוואָרען אין דער רעליגיע, מיט דער פאַראַכטונג צו דעם געניע, צו די הילכיגע מחות, וואָס לייקענען עפּענטליך אַפּ דעם נאַזאַריאַנישען אַסקעטיזם. אין דערזעלבער מאָס האָט ער פאַרהאַסט די געזעלשאַפט, ווי ער האָט זי געקאַנט, וואָס ווערט פון איין זייט געפיהרט פון טאַלאַנטלאָזע אומפעהיגע גייסט־ליכע און פון דער צווייטער — פון פעהיגע מענשען, אָבער אָהן שום איידעלקייט. אַזאַ געזעלשאַפט האָט זיך, נאָך זיין מיינונג, געהאַלטען אין פאַרמירען — אַ געזעלשאַפט פון באַפרייטע שקלאַפען, וואָס האָבען זיך אָפּגעזאָגט פונ'ם בוקען זיך, וואָס איז ביי זיי געוואָרען אינסטינקטיוו, נאָר צוליעב דעם אַליין צו ענטוויקלען אויף דער פרייהייט די קנאה, וואָס איז דער יסוד פון זייער מאָראַל.

ער, פאַרשטעהט זיך, וואָלט נאָך ביז דער רעוואָלוציע געוועזען דער געגנער פון לודוויג דעם זעכצעהנטען, „אָט דעם אַנשטענדיגען שמיעד, וואָס איז געוואָרען אַ קעניג". אַזוי אויך וואָלט ער נאָך פאַר צעזאַר'ן געוואָרען דער געגנער פון ברוט'ען, דעם שווערגעוויכטיגען פראַצענטניק, וואָס האָט ניט געקאַנט ניט אַריינשטעבען קיין מעסער אין דעם גרויסען מענשען.

ער האָט זיך באַטראַכט אַלס אַ מאָנאַרכיסט, האָט זיך אָנגערופען ראַיאַליסט דערפאַר, וואָס ער האָט נאָכגעפאָלגט די צעזאַרישע ריכטונג. ער האָט אָבער ניט געקאָנט צוקלייבען קיין ווערטער אום אויסצודריקען זיין שטעלונג. ער האָט זיך באַטראַכט אַלס דעמאָקראַט; האָט זיך אַזוי גערופען דערפאַר, וואָס ער איז געבוירען אַ פּלעבעער, ער האָט פאַראַכטעט יעדע אומגערעכטע געבורטס־פּריווילעגיע און איז שטענדיג געווען אין אָפּאָזיציע מיט'ן יונקעריזם און קלעריקאַליזם. נאָר טיעף אין זיין נשמה איז ער געווען קאָנזעקווענט. די שיינבאַרע ווידערשפּרעכונג אין זיינע פּאָליטישע סימפּאַטיעס האָבען זיך גענומען דערפון, וואָס ער האָט ליעב געהאַט די גרויסקייט און שעהנקייט אַזוי שטאַרק ווי די פרייהייט, און ניט געוואָלט ברענגען אַלס קרבן די העכסטע ענט־

וויקלונג פון דעם מענשליכען מין אויפ'ן מזבח פון פאַלשער גלייכ־הייט און מיטעלמעסיגקייט.

* * *

עס קוקט אוים מעהר וואַרשיינליך, אז היינריך היינע איז געבוי־רען געוואָרען דעם 13טען דעצעמבער 1797. מען האָט איהם ער־קלערט אין 1816 יונגער אויף צוויי יאָהר אום ער זאָל האָבען אַ מעגליכקייט אַרויסצופאָהרען פון פרייסען אַלס יונגער, נאָך ניט מיליטער־פליכטיג. דערפאַר האָט מען גערעכענט, אז ער איז געבוירען אין יאָהר 1799. זיין פאָטער, סאַמסאָן היינע, אַ גע־בוירענער אין האַנאָווער, האָט זיך אין דער יוגענד, אַלס אַפיצער, אונטער דער פיהרערשאַפט פונ'ם פרינץ ערנסט קומבערלאַנד, באַ־טייליגט אַלס פּראָוויאַנט־מייסטער אינ'ם מיליטער־צוג קיין פלאַנ־דריע און בראַבאַנט, נאָך נאָכדעם ווי ער האָט געהייראַט פעירע־פאָן־הילדערען האָט ער זיך באַזעצט אין דיסעלדאָרף אַלס סוחר. ער איז געווען אַ שעהנער מאַן און זיך שטענדיג געהאַלטען אין די מעלות; אַ ווינציג באַגאַבטער פון דער נאַטור, אַ מיטעלמעסיגער סוחר, וואָס האָט ניט פאַרשטאַנען קיין קונסט און פּאָעזיע, האָט ער געהאַט אַ קינדערשע פאַרליעבע צו מונדירען און אַן אַריסטאָ־קראַטישע ליידענשאַפט צום קאָרטען־שפּיעל, אַקטריסעס, פערד און הינט. מען דערצעהלט, אַז אַריבערפאָהרענדיג קיין דיסעלדאָרף, האָט ער געבראַכט מיט זיך 12 פערד. היינע'ס מוטער, וואָס האָט געקראָגען אַ גוטע ערציהונג, גערעדט ענגליש און פראַנצויזיש אַזוי פריי ווי דייטש, איז געווען זעהר קלוג, זיך אויסגעצייכענט מיט טיעפען פאַרשטאַנד, מיט מוזיקאַלישע פעהיגקייטען. זייענדיג רוססאָ'ס אַ שילערין, וועמעס „עמיליע" זי האָט געשטודירט, און געטע'ס אַ פאַרעהרערין, האָט זי פריה פּראָטעסטירט קעגען די פאַר־אורטיילען און לעבענס־באַשרענקונגען און, אין געגענזאַץ צו איהר מאַן, וואָס איז געווען נאַפּאָלעאָנ'ס אַ פאַרעהרער, איז זי געווען אַ הייסע פּאַטריאָטקע. זי האָט זיך זעהר אינטערעסירט מיט איהרע קינדער'ס ערציהונג און זעהר זאָרגפעלטיג און געדולדיג זיך אָפּגעגעבען מיט זייער לעהרע. ביידע עלטערען זיינען געווען פרייזיניג אין רעליגיעזען זין: דער פאָטער — אינגאַנצען גלייכ־

גילטיג צו רעליגיע, די מוטער — אַ דעאיסטקע, נאָר די קינדער האָבען זיי געצוואונגען אָפּצוהיטען די אַלט־אידישע צערעמאָניעס. נאָכדעם ווי היינע האָט אַ קורצע צייט באַזוכט אַ אידישע אָנפאַנגס־שול, וואָס האָט, מעגליך, איהם געגעבען די ערשטע באַקאַנטשאַפט מיט דער ביבעל, וואָס ווערט אָפט דערמאָנט אין זיינע שריפטען, האָט מען איהם אָוועקגעשיקט אין קאַטוילישער שול, וואו די אויפזעהער זיינען געווען קאַטוילישע גייסטליכע, און הויפּטזעכליך יעזואיטען. די שול האָט זיך געפונען אין אַ געוועזענעם פראַנצויזישען מאָנאַסטיר, נאָר די לעהרער זיינען דאָרטען געווען וועלטליך־געבילדעטע. אין דער היים האָט היינע פאַרבראַכט אַ זעהר גליקליכע קינדהייט און אין שולע האָט ער אויך געפונען פריינד און פּאַרטיידיגער, וואָס האָבען איהם שטענדיג אַרויסגעהאָלפען, ווען ער פלעגט צוליעב זיין רעליגיע אָדער צוליעב זיין אָפּשטאַמען, אַמאָל האָבען אומאַנגענעמליכקייטען.

דער מערקווירדיגסטער שטריך, וואָס האָט אַזוי פריה זיך אַרויסגעצייגט אין דעם דיכטער, איז געווען די אַלץ שטייגענדע נערוואַזיטעט, וואָס האָט זיך, צווישען אַנדערע, אויסגעדריקט אין דעם, וואָס יעדער רעש האָט אויף איהם זעהר אומאַנגענעם און דריקענד געווירקט. שוין ניט רעדענדיג וועגען שפּיעלען אויף דער פּיאַנאָ אָדער רעדען אין דער הויך, נאָר אַפילו דער שעהן־קלינגענדער קול פון זיין שוועסטער האָט אויף איהם געווירקט ווי אַ געשריי און רעש. אַזוי שאַרף ווי זיין חוש השמיעה איז אויך געווען זיין חוש הריח. פון זיינע אינגסטע יאָהרען אָן איז טאַבאַק געווען פאַר איהם, ווי פאַר געטע׳ן, אומערטרעגליך. קיין מוזיק האָט ער ניט פאַרשטאַנען און טאַנצען האָט ער זיך קיינמאָל ניט געלערענט. מיט פופצעהן יאָהר האָט ער אָנגעהויבען שרייבען גוטע ליעדער.

די ריין־געגענד מיט איהר גאַנצער פרעהליכקייט, נאָר מיט איהרע פאָראורטיילען, מיט איהרע מעשיות און לעגענדעס, מיט׳ן קאַטוילישען קולט, וואָס איז פאַראייניגט אין אָט דעם פּלאַץ, מיט די מיטעלאַלטערליכע געביידעס, מיט די רעליגיעזע צערעמאָניעס און פיהרערשאַפט, אויף וועלכע די הערשענדע, ראָמאַנישע פּאָעזיע האָט געוואָרפען איהר לייכטענדע שיין; די איינדרוקען וואָס ער האָט באַקומען פון זיין אידישער אָפּשטאַמונג, פון דער ביבלישער

פּאָעזיע, און פון דער ליידענשאַפט נאָך פרייהייט, זעלבסט־איראָניע, ענטוויקעלט ביי אַלע אידען דורך די אונטערדריקונגען, די באַגייסטערונג פאַר די פראַנצויזען און פאַר נאַפּאָלעאָנ׳ען פון איין זייט, און די באַלד נאָכדעם נאָכפאָלגענדע פּאַטריאָטישע ווינטען — דערוועקט ביי אַלע שילער פון דעם ערשטען קלאַס — און צווישען זיי אויך היינע׳ן — אריינצוטרעטען אַלס וואָלונטירען אין דער אַרמעע אין דער צייט פון דער פרייהייטס־מלחמה, אין 1813טען יאָהר. די אַלע דרויסענדיגע פאַרהעלטנישען און די פּסיכאָלאָגישע צושטאַנדען האָבען געשטעמפּעלט דעם אינגעלשען גייסט. ער האָט געהאַט אַ גרויס פאַרגניגען צו לייענען די גרויסע הומאָריסטען, סערוואַנטעס׳ען און סוויפט׳ן. „דאָן קיכאָט“ און „הוליווער“ זיינען געווען זיינע באַליעבטע ביכער.

מיט זעכצעהן יאָהר האָט ער געהאַט אַ ליעבע־פאַרהעלטעניש מיט יאָזעפּא, די זעכצעהן־יעהריגע טאָכטער פון אַ הענקער. זי האָט געוואוינט אין זיין טאַנטעס הויז. אַלע האָבען פאַר איהר מורא געהאַט און זיך מיט איהר ניט אַנגעקעהרט; איהר מאַן איז אויך געווען אַ הענקער. אורטיילענדיג נאָך היינע׳ס באַשרייבונג, האָט יאָזעפּא געהאַט זעהר אַ שעהן און אָריגינאַל אויסזעהן: אַ בלאַסע, מיט איידעלע, ריטמישע מאַניערען, מיט דינע געזיכטס־ציגען און בלוטיג־רויטע האָר. זי האָט געקאָנט פיעל פאָלקס־ליעדער און זיי אויסגעלערענט היינע׳ן. זי איז געווען, ווי ער זאָגט, דער ערשטער מענש וואָס האָט אין איהם דערוועקט אַ פאַר־שטענדעניש פאַר פאָלקס־פּאָעזיע, און איהר שעהנקייט און די שרעק־קעדיגע אַטמאָספערע אַרום איהר האָט געהאַט ניט קיין קליינע ווירקונג אויפ׳ן צוקינפטיגען דיכטער. אין היינע׳ס ערשטע ליעדער באַגעגענט זיך אַ פאַרליעבע צו געדאַנקען וועגען יענער וועלט און טוידט, וואָס זיינען, וואַרשיינליך, אַרויסגערופען געוואָרען פון די נאָהענטע באַציהונגען צווישעןביידע קינדער. אין היינע׳ס „טרוים־ליעדער“ סימבאָליזירט דאָס אומגליק וואָס דאַרף געשעהן אַלס שטראָף פאַר דער ליעבע צו דער יונגער פרוי, וואָס ערשיינט אין חלום, די שאַנדע, וואָס זעגנט ווי אַ קללה איבער׳ן הענקער׳ס גאַנצע משפחה, און פאַלט אויף יעדען, וואָס קומט אין באַריהרונג מיט איהר.

פון יאָהר 1816 האָט ביי היינע'ן אין האַרצען פאַרנומען יאָזעפע'ס פלאַץ אַן אנדער מיידעל. די עלטערען האָבען אויסגעקליבען פאַר זייער האַריין (אַזוי האָט מען איהם צוערשט גערופען) אַ סוחר־קאַריערע. ראָטשילד'ס גלענצענדער ערפאָלג האָט אויף זיי געמאַכט אַ שטאַרקען איינדרוק. זיי האָבען צוערשט געשיקט זייער זון אין אַ קאָמערץ־שולע אין דיסעלדאָרף, דערנאָך אויף צוויי מאָנאַטען צו אַ באַנקיר קיין פראַנקפורט, און צולעצט קיין האַמבורג, וואו זיין אָנקעל, דער באַריהמטער סאָלאָמאָן היינע, איז געוועזן אַ מאַטאַדאָר אין דער סוחר'ישער וועלט. מיט דער הילף פון זיין רייכען אָנקעל, פון וועמען היינע איז זיין גאַנצען לעבען געבליבען אָפּהענגיג, האָט היינריך היינע אויפגעעפענט אין 1818 אין האַמבורג, אונטער דער פירמע „האַרי היינע און קאָ.“, אַ קאָמיסיאָנס־קאַנטאָר פון ענגלישען טוך. נאָר, ווי מען האָט געקאָנט ערוואַרטען, האָט זיך דאָס געשעפט אויפ'ן צווייטען יאָהר געשטעלט. אין זיין אָנקעל'ס הויז האָט היינע ניט נאָר געפונען אַ ברוגז'ן אָנקעל, וואָס האָט, ניט קוקענדיג אויף זיין גוטסקייט, קיינמאָל זיין פּלימעניק ניט פאַרשטאַנען און שטענדיג אויף איהם בייז געווען, נאָר היינע האָט אויך דאָרט געפונען זיין יוגענד־מוזע אין דער געשטאַלט פון זיין אָנקעל'ס דריטער טאָכטער, אַמאַליע, וועלכע ער האָט, אונטער פאַרשיידענע נעמען (מאַריע, סולעימע, אין בריעף מאָלי) באַזונגען אָדער געשאָ'טען. ער איז קיינמאָל ניט מיעד געוואָרען באַשרייבען איהר פּראַכטפולע שעהנקייט; זי שיינט אין דעם גאַנצען גלאַנץ פון איהר שעהנקייט ווי אַ געטין, וואָס הויבט זיך אויפ'ן שוים פון די כוואַליעס; מיט איהרע אויגען, ליפּען, באַקען, איז זי עהנליך צו די מאַדאָנעס אין קעלנישער קירך, איהרע אויגען דערמאָנען אין פיאָלקעס, איהרע הענט אין ליליעס. און זי, ווייזט אויס, האָט איהם קיינמאָל ניט געליעבט. יעדענפאַלס, האָט ער זיך, ווי עס זעהט אויס, אַרומגעטראָגען מיט דער האָפנונג, אַז זי וועט איהם נאָך ליעב באַקומען; מעגליך, אַז זי האָט איהם אַרויסגעוויזען געוויסע סמנים פון אויפמערקזאַמקייט — יעדענפאַלס קאָן מען קלאָהר זעהן פון זיין ליעדער, אַז איהר הייראַט אין 1821 מיט אַ צווייטען, מיט אַ גוט־באַזיצער פון קעניגסבערג, האָט איהם געטראָפען ווי אַ דונער. און ער האָט עס שטענדיג

געהאַלטען פאַר אַן אומפּאַרטייאישע פאָרבילדער פון איהר צייט.

די נייע הילף וואָס ער האָט געקראָגען פון׳ם אָנקעל, האָט היינע׳ן געגעבען אַ מעגליכקייט צו באַזוכען די אוניווערזיטעט; מען האָט איהם ערלויבט צו לערנען ווען מען האָט געזעהן, אַז ער איז ניט פעהיג צו מסחר, וואָס האָט אין איהם שטענדיג געוועקט אַן עקעל. אין 1819, גלייך נאָכדעם ווי ער האָט דורכגעלעבט אַ קאַמף פון אידישקייט, איז היינע אָפּגעפאָהרען דורך דיסעלדאָרף קיין באָן, אום צו ערלערנען דאָרט די יורידישע וויסענשאַפט און זיך דער־שלאָגען צום ראַנג פון דאָקטאָר פון רעכט. דאָס איז געווען דער פאַרלאַנג פון זיין אָנקעל.

די באָנ׳ער אוניווערזיטעט, וואָס איז געווען פאַרמאַכט אין פאַרלויף פון עטליכע יאָהר, אין דער צייט פון פראַנצויזישער הערשאַפט, האָט זיך איצט נאָר וואָס געעפענט און געהאַט אַ גאַנצע רייהע פון אויסגעצייכענטע פּראָפעסאָרען. נאָר אַזוי ווי צו יענער צייט, צוליב די קאַרלסבאַדער געזעצען, האָט זיך אָנגעהויבען די פאַר־פאָלגונג פון די בורשענשאַפטען און פון אַלע נאַציאָנאַלע באַוועגונ־גען ,איז היינע, באַלד ווי ער איז אָנגעקומען אין אוניווערזיטעט, גערופען געוואָרען צו אַ פאַרהער וועגען דעם יום־טוב, וואָס האָט געדאַרפט אין גיכען פאַרקומען צום יאָהרצייט פון לייפּציגער שלאַכט. ער איז אַריינגעשלעפּט געוואָרען אין אַ פּאָליטישען פּראָ־צעס, וואָס האָט מיט זיין קליינליכקייט און נאַרישקייט ניט גע־קאָנט ניט דערוועקען אין איהם אַ פאַראַכטונג צו דער וואַקסענדער רעאַקציע. אינ׳ם צייגנים וואָס ער האָט באַקומען ווען ער איז אַריינגעטראָטען אין אוניווערזיטעט איז געשטאַנען, אַז ער האָט ניט געלערענט די גריכישע שפּראַך, האָט זעהר אויבערפלעכליכע ידיעות אין לאַטיין, האָט ניט געקאָנט אויסהאַלטען דעם עקזאַמען אין מאַטעמאַטיק, נאָר אַז ער איז „ניט אומוויסענד אין היסטאָ־ריע", און אַז זיין „דייטשע קאָמפּאָזיציע, כאָטש מיט אַ מאָדנעם סטיל, דאָך צייגט עס לויבענסווערטע שטרעבונגען".

דער יונגער סטודענט אינ׳ם סאַמעטענעם רעקעל און געשטריק־טע מאַנזשעטען, האָט אַרויסגעצייגט אַ נאָכלעסיגע עלעגאַנץ אין זיין קאָסטיום און מאַנערען. ער איז געווען פון מיטעלען וואוקס, האָט געטראָגען גאַנץ לאַנגע, העל־בלוינע האָר, וואָס האָבען אַרומ־

גערינגעלט זיין ניט באַבערדעלטען פּנים. ער האָט געהאַט סימעט־רישע געזיכטס־שטריכען, כמעט אַ גריכישע נאָז, בלויע אויגען, אַ גרויס, אויסדרוקספול מויל, אויף וועמעס ליפּען עס האָט זיך אָפט באַוויזען אַ קאַלטער אָפּלאַכענדער שמייכעל, וועלכען ער דערמאָנט אָפט אין זיינע ליעדער, און אויסערגעוועהנליך ווייסע הענט.

ער האָט געהערט לעקציעס וועגען דער געשיכטע פון דער דייטשער שפּראַך, וועגען טאַציא׳ס גערמאַניא, וועגען די ניבעלונגען און אַנדערע היסטאָרישע און ליטעראַרישע געגענשטאַנדען. בכלל האָבען איהם אינטערעסירט פון איין זייט די לעקציעס וועגען ליטעראַטור און קולטור־געשיכטע, פון דער צווייטער זייט — יורידישע לעקציעס איבער׳ן רוימישען און דייטשען שטאַאַטס־רעכט. פון די פּראָפעסאָרען האָט דער פיהרער פון דער ראָמאַנטישער שולע, א. וו. שלעגעל, געהאַט דעם גרעסטען איינפלוס אויפ׳ן צוקינפטיגען דיכטער, וועלכער פלעגט איהם פאָרלייענען זיינע ליעדער און אין יענער צייט אויך אָנגעשריבען זיין ערשטע טראַגעדיע „אַלמאַנזאָר“.

צום ענדע פון יאָהר 1820 איז היינע פון באָן אַריבערגעגאַנגען אין געטטינגער אוניווערזיטעט, מיט׳ן באַשלוס, זיך שטאַרק נעהמען צו ערלערנען יוריספּרודענץ. נאָר די שטאָדט איז איהם ניט געפעלען געוואָרען, ווי ער דערצעהלט קלאָר אין זיין „האַרצרייזע“. ער האָט, נאָך עטליכע מאָנאַטען, איבער אַ קליינעם פּבסוך מיט אַן אַנדער סטודענט, באַקומען זיין „קאָנסיליום אבעאונדי“, און איז אין 1821 אַריבערגעפאָהרען קיין בערלין. דאָ האָט ער זיך באַקאָנט מיט וואַרענהאַגען׳ס הויז, בערלינ׳ס גייסטיגער צענטער, וואו רחל האָט אַרום זיך פאַרזאַמעלט די גאַנצע אַריסטאָקראַטיע פון וויסענשאַפט, פון טאַלאַנט און אָפּשטאַמונג. אין דעם, ביז איצט נאָך עקזיסטירענדען, וויין־געשעפט פון לוטטער און וועגענער, אויף בערונער־שטראַסע, פלעגט ער אין די אָבענדען זיך טרעפען מיט די אויס־געצייכענטע מענשען פון יענער צייט און מיט די געניאַלע „באָ־העמער“ — צווישען וועלכע עס זיינען געווען אַזעלכע מענשען, ווי ע. ט. א. האָפמאַן און גראַבבע. נאָך פיעלע פּרובטלאָזע פאַרזוכען האָט ער דאָ געפונען אַן אַרויסגעבער. וואָס האָט אַרויסגעגעבען

זיין ערשטען בוך ליעדער און אַלס האָנאָראַר האָט ער באַקומען פערציג עקזעמפּלאַרען. דאָס בוך איז ערשינען אין דעצעמבער 1821. זיין נאָמען איז באַלד באַקאַנט, אפילו באַריהמט געוואָרען, און דעמאָלט שוין האָט ער אַרויסגערופען נאָכהאָמונג און פּאַראָדיעס.

היינע האָט געהערט אין אוניווערזיטעט די גרעסטע פּראָפעסאָרען פון יענער צייט, העגעל'ן, פאַר וועמען ער איז געווען שטאַרק באַגייסטערט, באָפּפּען, לעהרער פון דער אינדישער שפּראַך, וואָלפען, וועגען דער קלאַסישער פילאָלאָגיע און אויך דעם יוריסט עדוואַרד האַנס. מיט דעם יוגענדליכען פייער האָט ער זיך באַפריינדעט מיט אַ גרופּע, וואָס האָבען געוואָלט רעפאָרמירען די אידישע וועלט און זיך באַמיהט צו ברענגען זייערע גלויבענס־גענאָסען צו דער אייראָפּעאישער קולטור. מיט יוגענדליכער איינגעשפּאַרטקייט איז ער אָנגעפאַלען אין זיין „אַלמאַנזאָר“ אויף די אידען, וואָס זאָגען זיך אָפּ פון זייער רעליגיע, און דרך אגב אויך אויפ'ן קריסטענטום, וואָס האָט זיך איהם פאָרגעשטעלט אַלס אַ פיינדלכע מאַכט. די טראַגעדיע איז ערשינען אין יאָהר 1823 צוזאַמען מיט זיינס אַ צווייטען יוגענד־ווערק „וויליאַם ראַטקליף“; זי איז אויפגעפיהרט געוואָרען אויף דער ביהנע, נאָר דורכגעפאַלען איבער'ן ראַסען־האַס צום מחבר (ג. קאַרפּעלעס: „היינריך היינע'ס ביאָגראַפיע“, 1885).

בערלין האָט ניט געהאַט קיין גוטע ווירקונג אויף היינע'ס ערפאָלג אין יורידישע וויסענשאַפטען. ער האָט זיך נאָך אין האַמבורג צוגעוועהנט צום לייכטזיניגען אַרט לעבען, און דאָ האָט ער עס פאָרטגעזעצט. אום זיך אַביסעל צו קאָנצענטרירען, איז ער אַוועקגעפאָהרען קיין האַמבורג, דערנאָך ווידער קיין געטינגען, וואו ער האָט אין יאָהר 1825 געשריבען זיין דיסערטאַציע אויפ'ן ראַנג פון דאָקטאָר־יוריסט. באַלד נאָכדעם האָט ער זיך גע'שמד'ט. ער האָט זיך גע'שמד'ט ניט צוליעב איבערצייגונגען, אז קריסטענטום ענטהאַלט אין זיך דעם אמת — פאַרקעהרט ,ער איז שטענדיג בייז געווען אויף זיך פאַר דעם שריט וואָס ער האָט געמאַכט — נאָר דערפאַר וואָס ער האָט געוואָלט פּטור ווערען פון דער פאַר איהם שווערער און באַליידיגענדער אָפּהענגיגקייט פון זיין אָנקעל, און דערפאַר וואָס ער האָט ניט געקאָנט באַקומען קיין שטעלע,

קיין ראַנג אין געזעלשאַפט און קיין אַנשטענדיגען געהאַלט און דאָך בלייבען אַ איד. זיין שטימונג אין יענער צייט איז גלענצענד איבערגעגעבען אין זיין פראַגמענט „דער רב פון באַכראַך“, וואָס האָט אומזיסט אַרויסגערופען אַזוי פיעל ליבגעזאַנגען; נאָר אין איינציגע ערטער באַמערקט זיך דאָרט אַ לעבעדיגקייט און קינסט־לערישע קאָנצעפּציע. איז אַלגעמיין אָבער דיענט עס אַלס באַווייז, אַז היינע האָט ניט געקאָנט שרייבען קיין היסטאָרישע ראָמאַנען; צום סוף, וואו דער מחבר באַשרייבט זיך אַליין, איז דער דיכטער זיך מודה, אונטער אַ פרעמדער מאַסקע, אויף דעם געפיהל פון בזיון, וואָס ער פיהלט ביים געדאַנק, אַז ער איז נאָמינאַל אַריינגעטראָטען אין דער רעליגיעזער געזעלשאַפט, וואָס שטעלט מיט זיך פאָר, נאָך זיין שטאַנדפּונקט, דעם שונא׳ס לאַגער.

אין דער קאָרעספּאָנדענץ צווישען רחל׳ן און וואַרנהאַגען גע־פינען זיך אינטערעסאַנטע באַשרייבונגען פון היינע׳ס פּערזענליכ־קייט און זיין כאַראַקטער צו יענער צייט. אינטערעסאַנט איז, וואָס וואַרנהאַגען, אָנפאַנגענדיג צו ריידען וועגען „אונזער קליינעם היי־נע׳ן“, ברענגט ער רחל׳ס אַ טרעפענדע באַמערקונג, וואָס צייגט אָן אויף איהר אויסערגעוועהנליך דורכדרינגענדען גייסט, וואָס האָט באַמערקט, צו וועלכען פון די דאָמאָלסדיגע דיכטער היינע איז מעהר עהנליך. כאָטש אין דערזעלבער צייט דאַרף היינע, נאָך איהר מיינונג, זיך באַמיהען מיט אַלע מעגליכקייטען, ניט זיין עהנליך אויף יענעם, אום ניט פאַרלוירען צו געהן אַלס מענש און דיכטער. אָט מיט וואָסער אויפרוף זי וואַנדעט זיך צום יונגען דיכטער: „זעהט נאָר, איהר זאָלט ניט ווערען עהנליך צו ברענטאַנאָ׳ן — איך וועל דאָס ניט פאַרליידען“. רחל הומאָריזירט: היינע דאַרף זיין אויפ־ריכטיג און וועט אַזוי פאַרבלייבען, כאָטש אפילו אונטערן שטע־קען „מענש, זיי אויפריכטיג!“

ווי גוט וואַרנהאַגען אַליין האָט איהם געקאָנט, מיט וואָסער אַ פיינקייט עס צייכענט זיך אוים די פאָלגענדע פראַזע זיינע צו רחל׳ן!

„און איצט געפינט זיך נאָך נעבען דיר, אויסער אַלע אַנדערע קלוגע און באַגאַבטע מענשען וואָס אונטערהאַלטען דיך, אויך היינע, דער אָריגינעלער פיעל־געררייזטער, פרישער היינע. פריש מיין איך

דאָ ניט, וואָס ער האָט זיך ניט לאַנג צוריקגעקעהרט פונ'ם ים, וואָרים אויך געזאַלצענע הערינג רופט מען אין דעם פאַל אַן פּריש".

כמעט מיט די זעלבע אויסדריקען רופט ער זיך אָפּ וועגען היינע'ן, ווען דער לעצטער איז שוין געווען אַריבער דרייסיג יאָהר:

„איך האָף, אַז ער וועט זיך אָפּט מיט דיר זעהן און וועט קאָנען אויסנוצען די צייט צום גוטען פאָר' זיך אין דיין געזעלשאַפט. ער מוז זיך געפינען אין אַ גוטער גייסטיגער אַטמאָספערע, וואָרים אין איהם איז פאַראַן עפּעס אַזוינס, וואָס קאָן איהם לייכט קאַליע מאַכען" 1).

רחל און וואַרנהאַגען זיינען געוואָרען די ערשטע פאַרטיידיגער פון היינע'ס טאַלאַנט. די ערשטע גוטע רעצענזיע וועגען היינע'ס

---

1) די קאָרעספּאָנדענץ צווישען רחל'ן און וואַרנהאַגען'ען, זעקסטער בוך, 48, 56, 316, 344. אָט זיינען נאָך עטליכע אינטערעסאַנטע באַמערקונגען וועגען היינע'ן, וואָס רחל האָט געמאַכט: „היינע'ן זעה איך כמעט ניט; ער איז, אַזוי צו זאָגען, איינגעגראָבען אין זיך. ער זאָגט, אַז ער דאַרף פיעל אַרבייטען, ער איז ערשטוינט, וואָס אַזאַ גאַנץ געוועהנליכע זאַך, ווי זיין פאָטערס טויט און זיין מוטערס טרויערען נאָך איהם, ווירקט אַזוי שווער אויף איהם... ער קוקט אויס געזינטער; ער באַקלאָגט זיך שוין כמעט מעהר ניט; נאָר אויף זיין געזיכט ווייזט זיך אַמאָל אַרוים אַן אויסדרוק, וואָס פאַסט איהם גאָרניט; אַזוי, למשל, ווען ער רעדט, ציטערט ביי איהם אָפט דאָס מויל, וואָס מיר איז דאָס פריהער אפילו שטאַרק געווען געפעלען, כאָטש דאָס איז קיינמאָל ניט געווען קיין באַווייז, אַז ער איז אין אַ גוטער שטימונג". „איך וויל דיר שרייבען עטליכע ווערטער וועגען היינע'ן. איך בין געקומען צום באַשלוס, אַז זיין טאַלאַנט איז זעהר גרויס, נאָר ער דאַרף רייף ווערען, אַז ניט וועט ער ווערען איינהאַלטסלאָז און פּוסט ביז מאַנערניטשייען". וואַרנהאַגען האָט געענטפערט: פאַר היינע'ן עקזיסטירט נאָר איין רעטונגס־מיטעל: ער דאַרף זיך שטעלען פעסט אויפ'ן באָדען פון אמת, און זיך אין דער נשמה איינלעבען מיט איהם, נאָר דעמאָלט קאָן ער זיין טאַלאַנט שיקען שפּאַצירען איבער דער וועלט, אום צו קריגען פאַר זיך רויב און מאַכען פרעהליכע שפּאַסען". באַנד 5, 347, 356, 365.

ליעדער איז געשריבען געוואָרען פון זיין פיין־שמעקענדען דיפּלאָ־מאַטישען פּאַטראָן. עס איז לייכט איינצוזעהן, אז דאס פּאַר פּאָלק וואָרנהאַגען האָבען געקוקט מיט א באַטריבטען בליק אויף די שוואַכע זייטען פון היינע׳ס כאַראַקטער, וואָס האָט געקאָנט ווערען געפעהרליך פאַר זיינע אומגעהייערע פּאָעטישע פעהיגקייטען.

* * *

„דאַס בוך פון די ליעדער“, וואָס ווערט איצט געלייענט מעהר פון אַלע היינע׳ס ווערק, און מיט וועלכען היינע׳ס נאָמען איז באַזונדער־ענג פאַרבונדען, געהערט צום יאָהר 1827 און ענטהאַלט א גרופּע ליעדער וואָס זיינען אָנגעשריבען געוואָרען אין פאַרשיי־דענע יאָהרען און שטעלען מיטזיך פאַר פאַרשיידענע פּעריאָדען פון זיין ענטוויקלונג.

די ליעדער „יונגע ליידען“, וואָס געהערען צו די יאָהרען 1821—1816 זיינען די ערשטע און שוואַכסטע סעריע. זי ווערט איינגע־טיילט אין עטליכע טיילען. „טרוים־בילדער“, ליעדער, ראָמאַנסען און סאָנעטען. דער אינהאַלט פון דער סעריע איז פאָלגענדער: קינדהייטס־ערינערונגען פון דיסעלדאָרף, פּראַכטפולע בילדער פון דער גליקליכער קינדהייט. די ליעבע צו דער מוטער, די באַגייסטע־רונג פאַר נאַפּאָלעאָנ׳ען, א סך קאַטוילישע ריינלאַנדער ראָמאַנטיק און פאַרשיידענע אילוזיעס. דאָ קלינגען אַרוים וויציגע טענער, וויציגע קלאָגען וועגען געלט־שוועריגקייטען, וואָס קומען פאַר ביים דיכטער, ווען די דוקאַטען לאָזען זיך אוים פון דער טאַש. דאָרט הערען זיך שניידענדע דיסאָנאַנס־טענער, וואָס זיינען א רעזולטאַט פון דער פאַרצווייפלונג איבער די געליטענע, ערנידערונגען פונ׳ם דיכטער, ווען ער איז אַלס באַנקראָטירטער סוחר אַריינגעפאַלען אין די הענד פון די האַמבורגער בירזשעוויקעס. דאָ געפינען זיך אויך ליעדער פון זיין סטודענטען־צייט, מיט פלאַמענדער חבר׳שער פריינדשאַפט און שטאַרקע באַגייסטערונג פאַר א. וו. שלעגעל׳ן, וואָס האָט פאַרנומען דעמזעלבען גרויסען פּלאַץ אין דער ליטע־ראַטור ווי אין אוניווערזיטעט. דאָרט קומט אויך צום אויסדרוק דער דייטש־פּאַטריאָטישער ענטוזיאַזם, וואָס פאַרלאָזט היינע׳ן ניט.

דאַ ליינענ מיר לײדענשאַפּטפֿולע שורות, וואָס דערצעהלען וועגען היינע'ס זעלבסטשעצונג, ליעבעס־וועהען און פֿאַרשיידענאַרטיגע קלאַגען; צוערשט באַזינגט ער די ליעבע (אין וועלכע עס הערט זיך, אויף האַפּמאַנ'ס מאַנער: פֿאַרשיידענע בית־עולם שרעקען), דער־נאָך דעם סענטימענטאַלען טרויער צוליעב דער ניט־געגענזייטיגער ליעבע, ווייטער אויסברוכען פֿון פֿאַרצווייפֿלונג איבער דעם, וואָס די אומגעטרייע געליעבטע האָט איהם פֿאַרראַטען, איהם אַ טויט־קלאַפּ דערלאַנגט, און מיט איהר הייראַטען פּאַר אַ צווייטען זויגט זי זיין בלוט און פֿרעסט זיין האַרץ. נאָר אין איין ליעד „די פּענס־טערשוי", — אַלס אויסנאַהם — געהט די שטימונג איבער אין אַ וואולגאַרער פֿרעהליכקייט.

דאָס בעסטע פֿון אַט די יוגענד־ליעדער איז דאָס, וואָס טראָגט אַן אָריגינאַלען נאָמען „די לירישע אינטערמעצצאָ", דערפֿאַר וואָס עס איז אין 1821 צוערשט ערשינען אַלס אַ לירישע צוגאָבע צווישען די צוויי שלעכטע טראַגעדיעס „אַלמאַנזאָר" און „ראַטקליף". עס ענטהאַלט אין זיך די באַאַרבייטונג פֿון דיזעלבע סוזשעטען, וואָס דער ערשטער טייל, נאָר אין מעהר אָריגינעלע פֿאָרמען און אויף אַ מעהר קינסטלערישען, פֿרייען אופֿן. דער אַרויסגעבער פֿון דעם ערשטען טעקסט פֿון „דאָס בוך פֿון ליעדער", ערנסט עלסטער, אין זיין אַריינפֿיהר, און דער יונגער קריטיקער ווילהעלם בעלשע, אין זיין זעלבסטשטענדיגען ווערק וועגען היינריך היינע, האָבען גרינד־ליך באַוויזען, אַז אין אַט די ליעדער זעהען מיר זעלטען אַ דירעק־טען אויסדרוק פֿון אַ ניט־לאַנג איבערגעלעבטען ליעבע־טרויער. נאָר מיר באַקומען שטענדיג עפּעס אַן אַרט עקסטראַקט פֿון ערינערונגען וועגען אַ מיספֿערפֿאַלג. בכלל באַציהט זיך דער דיכטער אומגע־צוואונגען צו אַלטע ליעבע־וועהען, גלייך ווי ער זאָל זיך שפּיעלען מיט זיי, דערפֿאַר באַקומען זיך אַפֿט דיסאַנאַנסען אין די אויס־דרוקען. עס טרעפֿט ניט זעלטען, אַז דער לעזער קאָן בשום אופֿן ניט גלויבען אין דער ערנסטקייט פֿון די באַשריבענע געפֿיהלען, און בלייבט שטעהן פֿאַרקלערט איבער דער שטענדיגער פֿאַרזיכערונג וועגען דעם שרעקליכען טרויער פֿונ'ם לעבען אין דעם געוועהנליכען גאַנג פֿון דער קונסט.

און דאָך איז פֿון היינע'ס זייט געווען גאַנץ נאַטירליך, זיך אומ־

צוקעהרען אָפּט צו דערזעלבער ליידענשאַפט, כאָטש זי באַקומט ניט אין פאַרלויף פון דער צייט קיין צופלוס פון נייע קרעפטען, וואָס וואָלטען זי געקאָנט אויפלעבען. עס איז דערפאַר, וואָס ער האָט ניט דורכגעלעבט אַ צווייטע ליידענשאַפט, וואָס זאָל זיין פאַר זיין גייסטיגען לעבען אַזוי באַדייטענד און אַזוי שטאַרק, ווי זיין ערשטע ליעבע. אָט די ליעבע איז געווען און פאַרבליבען די גרעסטע געשעהענים אין זיין לעבען. עס קוקט אויס, אַז דאָס גליק, וואָס זיין ערשטע ליידענשאַפט האָט איהם געגעבען איז נאָר געווען אַן אויגענבליקליכעס; ווען ער האָט צוערשט אָנגעפאַנגען באַזינגען זיין ליעבע האָט ער גלייך געמאָהלען דעם ליעבע־טרויער, דעם מאַנגעל אין געגענזייטיגער ליעבע, דאָס געפיהל פון פאַרלאָזענקייט, פאַרראַט, דער געליעבטער׳ס קאַלטע האַרטקייט. איצט, ווערדיג באַפרייט פון דער ווירקונג פון אָט דער ליעבע, האָט ער דערצעהלט איהר גאַנצע אמת׳ע אָדער אויסגעטראַכטע געשיכטע פון איהר ערשטען טאָג אַן ביז דער מינוט, וואָס זי איז פאַר איהם געשטאָרבען; ער האָט זיך ניט באַנוגענט דערמיט, וואָס ער האָט דערצעהלט די גאַנצע ענטוויקלונג פון דער ליעבע ביז׳ן קאַטאַסטראָפע־מאָמענט; ער האָט צוגעגעבען אַ גרויסע פרישקייט און רייכקייט דערמיט וואָס ער האָט אַרומגערינגעלט יעדען פון אָט די וויכטיגע מאָמענטען פון זיין לעבען מיט אַ ראַהם פון נאַטור־שילדערונגען און פון די איהם באַהערשענדע שטימונגען. אין די „טרוים־בילדער“ הערשט די גאַנצע צייט די נאַכט און די געליעבטע זיינען אַרומגענומען פון דעם פריהלינגס־גרינס, פון דעם שעהנעם מאַי, פון פויגעל־געזאַנג און שטערען־שימער.

אַז די ערשטע צערטליכקייט, וואָס היינע׳ס געליעבטע האָט בלומר׳שט געפיהלט צו איהם, איז אַן אויסגעטראַכטע און ניט אין איינקלאַנג מיט דער ווירקליכקייט, איז זיך היינע אַליין מודה, אין זיין באַשרייבונג פון די צערטליכע סצענעס, וואָס זיינען פאָרגעקומען צווישען זיי: דער געליעבטער פיהלט זיך קיינמאָל ניט אַלס דער גליקליכער, נאָר אפילו אין דעם אומאַרמונגס־מאָמענט ווערט ער געפּייניגט פון פאַרלאַנגען:

„לעג צו דיין באַק צו מיינער, זאָלען אונזערע טרערען גיסען צוזאַמען; דריק צו דיין האַרץ שטאַרק צו מיינעם, זאָלען זיך

ביידע פון די פלאַמען אָנצינדען. און ווען עס גיסט זיך אַריין אונזער טרערען־טייך אינ׳ם גרויסען פייער־פלאַם, נעהם איך דיך פעסט אַרום מיט מיין אָרעם און שטאַרב פאַר ליעבעס־קומער“. — (אין פּראָזא — דער איבערזעצער.)

אָט דער גליקליכער געליעבטער, וועלכער איז גרייט צו שטאַרבען פון ליעבעס־קומער, ווען די הערצער וועלען אין פלאַמען אָנגעצונדען זיין און וועלען זיך איינער צום צווייטען דריקען, צייגט זיך, אין דער ווירקליכקייט, אַלס אַן אומצופרידענער געליעבטער.

פון די ריין־עראָטישע ליעדער זיינען יענע די בעסטע, וואָס דריקען אויס ליעבעס־באַגעהר און די, אין וועלכע עס ווערט באַשריבען דאָס טרויעריגע אָפּשטאַרבען פון דער ליעבע. צווישען די צאַרטע, פול מיט ליידענשאַפטליכען קומער, ליעדער, צייכענט זיך צומיינסטען אויס דאָס פּראַכטפולע מזרח׳ישע: „אויף די פליגעל פון געזאַנג טראָג איך דיך, מיין ליעבסטע“; עס פאַר׳כשופ׳ט דעם לעזער מיט דעם פרעמדען, אָריגינאַלען אינדישען פּייזאַזש און מיט דער מילדער, נשמה׳דיגער שטימונג. היינע האָט שטאַרק געבענקט נאָך אינדיען, ווי געטע נאָך איטאַליען. ער האָט זיך געפיהלט, אין גייסטיגען זין, אין דער היים אויפ׳ן ברעג פון טייך גאַנגאַ ווי געטע — אויפ׳ן ברעג פון טיבראַ. עס זעהט אויס, אַז קאַפּ האָט מיט זיינע לעקציעס דערוועקט אין זיין הארצען אַ ליעבע צו דעם מזרח׳יש לעגענדאַרישען לאַנד. צו די באַשרייבונגען באַנוצט ער אַ ראָמאַנטישען, לעגענדאַרישען סטיל, אַ ירושה פון זיינע פאָרגענגערס, צוגעפּאַסט צו זיין אייגענעם אינדיווידואום.

מיט שעהנער איינפאַכקייט צייכענט זיך אויס פאָלגענדער סטראָף:

„דאָרט אונטער׳ן פּאַלם־בוים, וועלען מיר זיך ביידע אוועקלעגען און טרינקען ליעבע און רוה און טרוימען אַ זעליגען טרוים“. (פּראָזא — דער איבערזעצער).

נעהמען מיר אָבער פאָלגענדען סטראָף:

„דאָרט ליעגט אַ רויט־גליהענדער גאָרטען אין שטילען לבנה־שיין, די לאָטוס־בלומען ערוואַרטען זייער ליעבע שוועסטער“. ווי דער גרונד־מאָטיוו זאָל דאָ ניט גוט זיין, ווי צאַרט עס זאָל ניט קלינגען, איז אין דעם דאָך פאָרהאַן עפּעס אומנאַטירליכעס, וואָס

באַגעגענט זיך ניט זעלטען אין היינעס נאַטור־בילדער. דער קאָ־לאָריט איז שטאַרק, נאָר ניט גענוג בולט. די שילדערונג איז ניט אין איינקלאַנג מיט׳ן טאָן. איך צווייפעל, צי דאָס וואָרט „רויט־גליהענד" פּאַסט זיך צו אַ גאָרטען, וועו דו באַשרייבסט איהם אַ באַגאַסענעם מיט לבנה־שיין. כמעט דעם זעלבען אומנאַטירליכען עפעקט, מאַכט דאָס פּיעל־שפּעטערע ליעד: „אבענד־דעמערונג":

„אַנטקעגען אַט דעם פענסטער זיינען געזעסען לאַכעדיגע אין לבנה־באַשיינטע „רויזען־פּנימ׳ער" —

די פּראָזאַ, אַז די בלום ערוואַרט כלומר׳שט, איז דער געשטאַלט פון איהר געליעבטען, איהר שוועסטער, זעהט אויס ווי אַז אַלט ליעבע־שפּיעל צווישען דעם רייכען בילד פון די גאַנגע־ברעגען. כמעט די זעלביגע ווענדונג געפינען מיר איז דער פאָלגענדער פּראָזע:

„די בלומען סוד׳ען זיך און קוקען מיך אָן מיט רחמנות: זיי ניט ברוגז אויף אונזער שוועסטער, דו טרויעריגער, בלאַסער מאַן".

דאָס איז אַלץ דער סטיל פון די אַלטע פּשוט׳ע ליעבעס־ליעדער, איבער וועלכע היינע האָט זיך אין די שפּעטערע יאָהרען דער־הויבען.

אין אַ צווייטען סטראָף פון אַט דעם וואונדערבאַר־צאַרטען אינדישען ליעד צייגען זיך אייגענטימליכקייטען, וואָס באַצייכענען היינע׳ס צוגעהעריגקייט צו דער ראָמאַנטישער שול מיט איהר איי־גענאַרטיגען פאַרשטעהן די נאַטור:

„די פיאָלקעס לאַכען, צערטלען און קוקען אַרויף צו די שטע־רען".

צו זאָגען, אַז די פיאָלקעס צערטלען איינס די צווייטע — דאָס איז שוין גענוג געוואַגט און דערמאָנט אָן אַנדערסאַנ׳ס פאַר׳כשופּ־טע גערטנער, דאָס וואָס זיי לאַכען נאָך דערצו, איז שוין צ ו גוט. אין דעם זעלבען סטיל האָט זאָלאַ שפּעטער באַשריבען דעם פּאַראַ־דאַ־גאָרטען.

אין דעם זעלבען גייסט ווי אַט דאָס ליעד, האָט היינע פאַרפאַסט אויך אַ צווייטעס וועגען דער לאָטאָס־בלום, וואָס האָט מורא פאַר דער זונען־שיין. דאָס איז אָן ערשט־קלאַסיג שעהן ליעד, וואָס, באַשרייבענדיג די אומשולדיגקייט פון בלומען, ווערט עס דורכ־געדרונגען פון געפיהלען מעהר ווי אַלע אַנדערע ליעדער, די זעליג־

נעפּיהלפּולע ליידענשאַפּט געהט דאָרט כמעט ביז היסטעריקע; דער דיכטער איז ניט צופרידן דערפון וואָס ער צווינגט די לאָטאָס־בלום צובליהען, אויפפלאַמען, גלאַנצען, געבען אַ פיינעם ריח און ציטערן, נאָר ער צווינגט זי אויך צו וויינען, ווערהרענד זיין געליעבטע — די לבנה — וועקט איהם מיט איהרע שטראַהלען 1).

נאָך אַט די ליידענשאַפטס־ליעדער זיינען די מעהר דורכגעפיהלטע די, וואָס דריקען אויס דעם סוף פון ליעבע. דעם בעסטען ביישפּיעל קאָן געבען דאָס ליעד נומער 56 אין „אינטערמעצצאָ“, וואָס באַשרייבט אין דער ערשטער שורה, ווי אַזוי אַ שטערענדעל — „דאָס שטערענדעל פון ליעבע פאַלט פונ׳ם הימעל“, אין דער צווייטער — ווי עס פאַלען די בוימער, די בלימעלעד און בלעטלעך“, און אין דער דריטער: „ווי אַזוי דער שוואַן זינקט צום אָפּגרונד אין זיין קבר פון כוואַליעס“, ביז אַלץ קאָנצענטרירט זיך אין דעם ענד־סטראָף: „עס איז אַזוי שטיל און טונקעל, פאַרוועלקט זיינען די בלעטער און בלומען, דער שטערען איז צוקלאַפּט אויף שטיקלעך, דאָס שוואַנען־ליעד — פאַרשוויגען געוואָרען“.

זעהר כאַראַקטעריסטיש איז פאַר היינע׳ן דער אומשטאַנד, וואָס ווי טיעף־האַרציג אַ ליעד זאָל ביי איהם ניט זיין, מאַכט ניט קיין איין נאַטור־בילד, וואָס ווערט דאָרט געמאָלען, דעם איינדרוק, אַז זיי זיינען אויף אַן אמת׳ען דורכגעלעבטע. זיי מאַכען אַלע דעם איינדרוק פון ווילקירליך צונויפגעזאַמעלטע סימבאָלען...

צווישען אַט די טרויעריגע פּאָעמען באַגעגענען זיך ליעדער פון אַ גאַנץ אַנדערען כאַראַקטער. עס ווערען דאָרט באַשריבען מעהר לייכטזיניגע ליעבעס באַציהונגען, די געוואַגטערע פון זיי האָט היינע אויסגעשטראָכען פון „דעם בוך פון ליעדער“ — צווישען וועלכע עס איז אויך פאַראַן: „אומאַרעם מיך, ליעבענד, מיין טייערע, מיט דיין גאַנצער קראַפט; אומאַרעם מיך ,ליעבענד, ליעב, שעהן ווייב, שליס מיך איין אין דיינע הענד, פיס און מיט דיין וואונדערבאַר לייב“.

נאָך אַנדערע האָט ער אויסגעלאָזט, ווי אַ שטייגער דאָס ליעד,

---

1) וו. קירכבעק: „היינע׳ס דיכטערווערקשטאַט“ אין „מאַגאַזין פאַר ליטעראַטור, יאָהר 59, נומער 18, 19 און 20.

וואָס פאַנגט זיך אָן מיט די ווערטער: „די וועלט איז נאַריש, די וועלט איז בלינד“ און ענדיגט זיך מיט באַשרייבונגען פון זיסע, ברענענדיגע לויבגעזאַנגען פון צאַרטע הענט. אָבער עס זיינען דאָרט פאַרהאַן אויך אַנדערע ערנסטע, ליידענשאַפטליכע סטראָפען, ווי: „איך האָב דיך געליעבט און ליעב דיך נאָך איצט“. צולעצט האָט היינע מיט דעם איהם אייגענטימליכען און גוטוויליג אָנגענו־מענעם עפּעקט באַשריבען, ווי ער איז דורכ׳ן ווילען פונ׳ם שיקזאַל געוואָרען אַן עראָטישער דיכטער, רעדענדיג דערביי קעגען זיין שטענדיגער געוואוינהייט, ניט אין זיין אייגענעם נאָמען, נאָר אינ׳ם נאָמען פון אַן אומבאַקאַנטען יונגען מאַן אינ׳ם ליעד: „אַ יונגעל ליעבט אַ מיידעל“, וואָס איז אַזוי שטאַרק באַריהמט געוואָרען. „אַ אינגעל ליעבט אַ מיידעל, יענע ליעבט אַ צווייטען, דער צווייטער ליעבט אַן אַנדערע און האָט חתונה מיט איהר כדת וכדין“.

נאָך אַט דער אָפּטיילונג קומט אַ זאַמלונג „היים־צוריקקעהר“, אָנגעשריבען אין 1823-24 אין האַמבורג און אין קוקסהאַווען. דאָס וואָרט „צוריקקעהר“ מיינט, דאָס זעהן זיך ווידער אַמאָל מיט האַמ־בורג, וואו עס איז פאָרגעקומען דעם דיכטער׳ס ליעבעס־געשיכטע און דערזעהענדיג די באַקאַנטע ערטער, האָבען זיך אַלע הארצענס־וואונדען צוריק געעפענט. צו אַט דער הויפּט־טעמע פון ביכעל קומט צו נאָך איינע: די ערשטע באַקאַנטשאַפט מיט׳ן ים, וואָס איז נאָך ביז דעמאָלט ניט באַזונגען געוואָרען אין דער דייטשער פּאָעזיע.

איצט קומען צו צום באַקלאָגען זיך אויפ׳ן פאַרלוסט פון דער געליעבטער, וואָס די סביבה, אין וועלכער די אַלטע טראַגעדיע האָט זיך אָפּגעשפּיעלט, האָט ביי איהם דערוועקט, נאָך נייע איינדרוקען און נייע בילדער. צוערשט לעבט אויף מיט נייער קראַפט די פריי־העריגע ליידענשאַפט; ער דערמאָנט אַלץ די אַלטע ליידען; ער פיהלט זיך זעהר אומאַנגענעם אין שטאָדט, פונקט ווי די הייזער וואָלטען איהם פאַלען אויפ׳ן קאָפּ; נאָך שווערער איז פאַר איהם אַריינצוקומען אין זאַל, וואו זי האָט איהם געטריישאַפט געשוואָרען. דאָס נייע אין די ליעדער פון דער אומגליקליכער ליעבע — איז דער אַלץ מעהר צוהיצטער ליידענשאַפטליכער האַס, וואָס צופלאַמט זיך אויפ׳ן קבר פון ליעבע און גליק.

נאָר אויף זיין רייזע האָט זיך דער דיכטער באַגעגענט מיט זיין געליעבטער׳ס פאַמיליע; עס ווייזט זיך אַרויס, אַז די איינגע־רע שוועסטער איז זעהר עהנליך צו זיין געליעבטער, באַזונדערס נאָך ווען זי לאַכט; זי האָט דיזעלביגע אויגען, וואָס האָבען איהם אַזוי אומגליקליך געמאַכט. אין אַ בריעף פונ׳ם 23טען אויגוסט, 1823, שרייבט ער צו זיין בעסטען פריינד: „אויף איין נאַרישקייט איז אויסגעוואַקסען אַ צווייטע". ערנסט עלסטערען האָט זיך איינ־געגעבען, מיט דער הילף פון אַ שטודיום פון היינע׳ס בריעף און ליעדער צו דערווייזען, אַז זיין ליעבע צו טערעזאַ׳ן, אַמאַליע׳ס שוועסטער, וואָס איז געווען אינגער מיט אַכט יאָהר פון דער לעצ־טער, האָט דעמאָלט פאַרביטען די ערשטע ליעבע, וואָס האָט גע־פיהרט צו אַזאַ טרויעריגען אויסגאַנג. די פּאָעטישע נעמען עוועלי־נאַ, אָטיליאַ, באַציהען זיך אויף טערעזאַ׳ן. די נייע ליידענשאַפט האָט זיך אַרויסגעצייגט צו זיין זעהר שטורמיש, נאָר זי האָט, וואַר־שיינליך, געקראַנגען די זעלבע קאַלטע אויפנאַהם ווי זיין ערשטע ליעבע. פון דעם נעהמען זיך פאָלגענדע באַקאַנטע סטראָפען:

„ווער עס ליעבט צום ערשטען מאָל אָהן געגענליעבע דער איז אַ גאָט. אָבער דער וואָס ליעבט צום צווייטען מאָל אומזיסט, דער איז אַ נאַר. איך ליעב שוין ווידער אָהן גע־געגענליעבע. די זון, די לבנה און שטערען לאַכען און איך לאַך מיט און שטאַרב".

אין יאָהר 1828 האָט טערעזא געהייראַט פאַר׳ן דאָקטאָר־יוריסט אַדאָלף האַללע. צווישען די ליעדער וואָס זיינען נאָך היינע׳ס טויט ערשינען, זיינען פאַראַן אָהן אַ צאָהל בייסענדע סאַטירען אויפ׳ן חתן און אויף דער חתונה. היינע האָט זיך אויסגעצייכענט מיט דער ניט־ריטערליכער געוועהנהייט, וואָס פיעלע פּאָעטען פאַרמאָ־גען — זיך נוקם זיין מיט סאַטירען, ווען מען ווייזט זיי צוריק. נאָר אין יענע ליעדער פון „היים־צוריקקעהר", וואָס באַציהען זיך אויף טערעזע׳ן, רופט זיך דער דיכטער ניט אָפּ וועגען איהר מיט דער ביטערניש און פיינדשאַפט, ווי ער האָט געטאָן מיט איהר עלטערער שוועסטער. ער לויבט ביז׳ן הימעל טערעזא׳ס שעהנקייט, איהרע וואונדערבאַרע אויגען, איהר עהרליכקייט; זי איז ווי אַ בלום; ער בעט צו איהר, אַזוי ווי אַנדערע בעטען צום הייליגען פּעטער,

פּאָוועל, אָדער צו דער מאַדאָנאַ; און ער קעמפּט מיט זיינע געפיהלען, ער שרעקט זיך פאַר דער נייער ליעבע. שטאַלץ און פורכט שטעהען אין זיין וועג און לאָזען זיך איהם ניט ערקלערען; בעסער וואָלט פאַר איהם געוועזן, ווען ער ליעבט ניט; ער באַמיהט זיך אָפט אליין ניט צו דערלאָזען, אַז די ליעבע צו איהם זאָל ערוואַכען אין איהר נשמה: „קינד, עס וואָלט געוועזן דיין אומגליק, און איך באַמיה זיך אליין, אַז אין דיין הארץ זאָל ניט אויפפלאַמען צו מיר די ליעבע“.

נאָר איצט, ווען עס האָט זיך איהם איינגעגעבען און נאָך אַזוי גרינג, האָט זיך דער פאַרלאַנג נאָך איהר ליעבע ווידער ביי איהם דערוועקט. ער איז צו שטאָלץ אום צו ריידען וועגען זיין ליידענשאַפט און וועגען זיינע ליידען, ער שפּאַסט און שפּעט, נאָר זיין הארץ פאַרגיסט זיך מיט בלוט; זי פאַרשטעהט ניט, זי זעהט ניט, אַז זיין הארץ ציטערט און ווערט צוריסען אויף שטיקלעך:

„אַך, אַט דאָס מויל איז צו שטאָלץ און קאָן נאָר קושען און זיך חכמה'ן; עס וועט אודאי אַרויסריידען אַ ליצנות, ווערענד איך וועל שטאַרבען פון שמערצען“.

זיין אַנשרעקען מיט'ן טויט דאַרף ניט גענומען ווערען אין בוכשטעבליכען זין, וואָרים אין אַ צווייט ליעד זאָגט ער גאַנץ אויפריכטיג:

„גלויב ניט, אַז איך וועל מיך דערשיסען, ווי שלעכט די אומשטענדען זאָלען ניט זיין. אַזעלכע זאַכען האָבען שוין איינמאָל מיט מיר געטראָפען.“

און דאָך האָט ער איצטיגס מאָל אויך געפיהלט זעהר טיעף און האָט פיעל געליטען. ווי זאָנדערבאַר עס זאָל ניט קלינגען, אָבער עס איז אַ פאַקט, אַז די ליעבע צו דער קוזינע, וואָס איז געווען די ערשטע און אויגענבליקליכע סטאַנציע אויף זיין וועג, דער פּשוט'ער אַריינפיהר אין דעם אמת'ען עראָטישען לעבען 1), — האָט

1) „אויף דער לאַנקע פון קינדהייט רייסט מען אַראָפּ די קליינע ליעבע־געשעכנישען, וואָס מען צוזעעט דערנאָך אויפ'ן ווינט, גלייך ווי מאַרגאַריט־בלעטלעך; אויף אָט די לאַנקעס פאַרליעבט מען זיך אין

זיך אַרויסגעצייגט צו זיין די איינציג ערנסטע, ווייט ניט אויגענ־בליקליכע ליעבע, וואָס דער יונגער היינע האָט איבערגעלעבט. אפילו אין די רייפע יאָהרען האָט קיין שפּעטעריג געפיהל ניט פאַרמאָגט די קראַפט פון אָט דער ערשטער אינגעלשער צוויימאַליגער ליי־דענשאַפט צוביידע שוועסטער, פון וועלכע די צווייטע האָט אין זיין פאַרשטעלונג אַרויסגערופען די געשטאַלט פון דער ערשטער.

צווישען די געפיהלפולע ליעדער, וואָס געהערען צו אָט דעם שטריך פון היינע'ס גייסטיגען לעבען, האָט דער דיכטער אין „היים־צוריקקעהר" ווי אויך אין „אינטערמעצצאָ" אריינגעבראַכט אַ גאַנצע רייהע פון קליינע לידער, וואָס באַשרייבען זיינע, מעהר ווענינער, ערנ־סטע ליבעס־פּאַסירונגען, זיינע איבערלעבונגען אין פאַרשיידענע אוני־ווערזיטעט שטעדט, און די גאַנץ פּשוט'ע און באַצאָהלטע עראָטישע פאַרגניגען, וואָס ער האָט געהאַט. פון דעם „בוך פון ליעדער" האָט ער אַרויסגעוואָרפען עטליכע פון די מעהר ציניש‏ע, וואָס ער האָט פריהער אָפּגעדרוקט אין „היים־צוריקקעהר", ווי אַ שטייגער, דאָס לוסטיגע נאַר זעהר צינישע ליעד: „בלאָמיר מיך ניט, מיין שעהן קינד, און באַגרים מיך ניט אונטער די לינדען. ווען מיר וועלען צוזאַמען אין הויז זיין, וועט אַלעס זיין גוט".

עס זיינען אויך אויסגעשלאָסען געוואָרען אַזעלכע פרעהליכע און שטיפערישע ליעדער, ווי: „געטליך איז געווען דאָס, וואָס איך האָב באַקעמפט מיינע זינדיגע פאַרלאַנגען, אָבער ווען עס איז מיר ניט געלונגען, האָב איך דאָך אַ גרויסע הנאה געהאַט".

צום מיינסטען ערשטוינט אונז אין אָט דער אָפּטיילונג דעם דיכטער'ס פעהיגקייט צו ליריזם און קינסטלערישען מאָהלען. אוי־סער זיין טאַלאַנט צו לירישע בליצען, וואָס זעהען אויס אין זייער הייסער ליידענשאַפט ווי אַ ניט־געקינסטעלטער אויסגעשריי פון אַ מאָדערנעם מענשען, ווייזט ער דאָ אַרויס אַן אָריגינעלע פעהיגקייט קינסטלעריש אַרויסצוברענגען געשטאַלטען מיט דער הילף פון ליכט, שאָטען און פאַרבען, אָהן שאַרף־באַשטימטע קאָנטורען.

לייענט, אַ שטייגער, איבער די סצענע אין דעם שטילען פּאָס־

שכנות, קוזינעס, מען פיהלט אַ פּאָעטישע ליעבע, וואָס לאָזט ניט קיין וואָרצלען".

טאַראַט צווישען דער פאַמיליע וואָס צעפאַלט זיך, האַלט זיך אין איין אַרומקריגען, קומט אַריין אין פאַרצווייפלונג („די העלע לבנה, די בלאַסע, הערבסטיגע“), דער זוהן וויל זיך אַנשליסען אַן אַ רוצחים־באַנדע, די טאָכטער פאַרקויפט זיך צו אַ גראַף. ווי לעבע־דיג די סצענע איז ניט געמאַלען, געהערט זי דאָך ניט צו די בעסטע; עס איז אין איהר פאַראַן צופיעל ראָמאַנטישעס, צום מיינסטען אין דער סצענע ווי דער פאַרשטאַרבענער פאָטער ערשיינט אין אַ שווארצען אַנצוג, שטעלט זיך אַנטקעגען הויז און קלאַפּט אין פענסטער.

דערפאַר איז אויסערגעוועהנליך מייסטערהאַפט אָנגעשריבען פאָלגענד ליעד: „וואָס פאַר אַ שלעכט וועטער!“ אין וועלכען די אַלטע מוטער געהט שפּעט ביינאַכט אין דער פינסטער אין אַ שלעכ־טען וועטער מיט לאַמטערן איינצוקויפען נויטיגע זאַכען פאַר איהר בילד־שעהנער טאָכטער, וועהרענד יענע זיצט אויף אַ שטול אין דער היים און קוקט שלעפעריג אויף דעם ליכט, און איהרע גאָלדענע האָר־לאָקען פאַלען אַרום איהר פראַכטפולען געזיכט; עס באַקומט זיך ווי אַן אַלט האָלענדיש בילד.

נאָר נאָך שעהנער איז די סעריע פון די אַכט ליעדער, וואָס ער האָט אָנגעשריבען אין קוקסהאַווען. די ליעדער: „מיר זיינען גע־בען אַ פישער־הויז געזעסען“ — איז אַ וואונדער פון קינסטלערישער מאַלעריי; פראַכטפול איז דער געשפּרעך מיט די מיידלעך פאַר׳ן פישער הויז, וואו די ווייטע אינדיע און טולע ווערען באַשריבען בלויז אין עטליכע ווערטער:

„ביי די ברעגען פון גאַנגעס לעבט אַלץ און דופטעט, שוויגענ־דע מענשען בוקען זיך פאַר די לאָטאָס־בלומען. אין לאַפּלאַנדיע וואוינען קליינע, שמוציגע מענשען מיט פלאַכע קעפּ און ברייטע מיילער; זיי זיצען אַרום פייער, בראָטען פיש, שרייען און פייפען.“

דאָ זיינען פאַראַן עטליכע פרעהליכע ליעדער וועגען מיידלעך, וואָס פיהרען זיך אויף פריי, ווי די, וואָס דער דיכטער זוכט אין שטאָדט און געפינט אין אַ זעהר רייכען האָטעל, אָדער אַזעלכע, וועמעס האַרץ עס בענקט נאָך בלויע מונדירען פון הוזאַרען.

צולעצט געפינען מיר דאָרט אין העכסטען גראַד שאַרפזיניגע ליעדער, וואָס אַלע קאָנען זיי איצט אויסווענדיג, וועהרענד פריהער

האָבען זיי שטאַרק אויפגעבראַכט געגען היינע׳ן. אזא איז צווישען אַנדערע דאָס באַוואוסטע פיער־שורות׳דיגע ליעד:

„זעלטען האָט איהר מיך פאַרשטאַנען, זעלטען אויך האָב איך אייך פאַרשטאַנען, נאָר ווען מיר האָבען זיך דערזעהן ליגענדיג אין בלאָטע, האָבען מיר זיך גלייך אָלע פאַרשטאַנען“.

עס איז אפילו שווער זיך פאַרצושטעלען, אז מען זאָל קאָנען זעהן פון אָט דער סטראָפע דעם דיכטערס ווידוי אויף נידעריגע אינסטינקטען. אזוי קאָן דענקען נאָר דער, וואָס באַמערקט מיט׳ן גרעסטען אינטערעס די ציניש׳ע שטעלען אין בוך און, גלייך ווי אַ שוויין, האָט ער ליעב זיך גראָבען אין בלאָטע. אז היינע׳ן איז אפילו ניט איינגעפאַלען זיך מודה צו זיין אין אָט דעם געדיכט, אז ער האָט געהאַט אַ פאַרלאַנג אויפצואוועקען ביים לעזער ציניש׳ע נייגונגען, קאָן מען אמבעסטען זעהן פון פאָלגענדען ליעד, וואָס איז אַ דירעקטע פאָרטזעצונג פון דעם ערשטען, און הויבט זיך אָן:

„דאָך די קאַסקאַטען זיינען אויפגעבראַכט ווען איך הויב אויף מיין קול, זיי זיינען אויפגעבראַכט און זאָגען, אז איך זינג זעהר גראָב“.

עס איז שווער נאָך קלאָרער צו באַווייזען, אז יעדעס מאָל, ווען ער איז געווען געוואַגט, אָדער ציניש, האָט ער דערמיט ענטשפּראָכען זיין צייטס־פאַרלאַנג ריכטיג איבערצוגעבען די ווירקליכ־קייט, זיין פאַראַכטונג צו דער ראָמאַנטישער באַפּוצונג פון דער שפּראַך, זיין אומבאַזיעגבאַרע שטרעבונג אויסצודריקען דעם קלאָרען אמת פון לעבען.

נאָך וועניגער באַרעכטיגט זיינען די אָפּט־באַגעגענטע קלאָגען וואָס יוליאַן שמידט רופט אָן טריוויאַליש, — אויף היינע׳ס מאַנער, אומערוואַרטעט אַריבערצוגעהן פון דערהויבענקייט צו נידעריגקייט. אַלס טיפּיש ביישפּיעל פאַר אָט דעם איבערגאַנג אין סטיל און שטימונג קאָן דיענען דאָס ליעד „די וועלט“ אין דער סעריע „דער צפון־ים“. דער דיכטער זעהט, ווי יעזוס, דער רעטער פון דער וועלט, שפּאַנט אין ווייסען, כוואַליעדיגען קלייד, איבער ים און יבשה. זיין שטערען דערלאַנגט די הימעל־הויכקייט, דאָס האַרץ איז די ברענענדיגע העלע זון; אָט די ברענענדיגע העלע זון האָט, באַלייכטענדיג און וואַרעמענדיג, געוואָרפען שטראַלען פון מילדקייט

און א צארט ליעב־ליכט אויפ'ן ים און דער יבשה. נאר פלוצלונג ווערט די שטימונג איבערגעריסען פונ'ם געדאנק, וועגען דעם ני־דערטרעכטיגען, צוויי פנים'דיגען מענשען אין בערלין, אין וועמען ער דערמאנט זיך פלוצלונג. דאס איז א מענש, שוואך אין קאפ, אין קערפער, נאר שטארק אין גלויבען. וואס וואלט יענער ניט אפגעגעבען, ער זאל קאנען מאלען אזעלכע בילדער, און אויף אזא'ן אופן דערגרייכען דעם ראנג פון א הויפט־ראטגעבער אין דער גאטט־פארכטיגער שטאדט אויפ'ן שפרעע! ווי וואלט ער דעמאלט גע־טרוימט וועגען קריגען א פארגרעסערטען געהאלט פון הונדערט גאלדענע טאלערס!

בלי ספק האט היינע מיט אט דער אומערווארטעטער שטעלע קאליע געמאכט דעם עפעקט פון א וואונדערבאר בילד, וואס ער האט פריהער אויפגעמאלען. ער האט צושלאגען זיין געדיכט אויף צוויי געגענגעזעצטע טיילען, ער האט פארדארבען די מעלאדיע מיט א העסליכען דיסאנאנס, אבער מיר פארשטעהען גאנץ גוט, אז די ערשטע וויזיאן ביים דיכטער, וואס איז באקאנט מיט יענעם צייט־לעבען, האט גרינג געקאנט ארויסרופען דאס צווייטע. יע־דענפאלס איז ניט אויפריכטיג צו ריידען וועגען דעם צוזאמענהאנג פון אזעלכע געדאנקען, וועגען געדאנקען־שפרונג, אלס א סימפטאם פון נידעריגע מחשבות. קיינעם איז אפילו ניט איינגעפאלען צו באשולדיגען געטע'ן אייף אזא מין אופן כאטש נאך פאוסט'ס שעהנע ערקלעהרונגע; פאר גרעטכען ברענגט ער מעפיסטאפעל'ס סארקאזמען. דער אונטערשייד איז נאר דער, וואס די טרוימען און דעם ציניזם לעגט געטע אריין אין די מיילער פון צוויי פאר־שיידענארטיגע מענשען, ווערענד אין דעם לירישען געדיכט נעהמט אויף זיך דער דיכטער די פאראנטווארטליכקייט פאר ביידע טיילען.

צום סוף פון אט דער סעריע קומען צוויי גאנץ אריגינעלע און אבסאלוט פארענדיגטע ליעדער, וואס מיט זייער אייגענטימ־ליכער ריטם־פארם צייכענען זיי זיך אויס פון די איבעריגע קליינע היינע'ס ליעדער. איינע פון זיי: „דעמערענד ליעגט זאממער־אבענד“, אין וועלכער עס ווערט באשריבען א פראכטפולע רוסאל־קע, ווי זי באדט זיך אין טייכעל ביי דער לבנה־שיין, איז איינגע־הילט אין דעם דורכזיכטיגען דופטיגען נעבעל ווי דער קארא־פיי־

זאַזש. די צווייטע פּאַרנעהמט מיט איהר ריטם אַ ספּעציעלען אָרט צווישען די קליינע ליעדער פון „היים־צוריקקעהר“ און איז פאַנ־טאַסטיש ווי אויך גאַנץ הארציג:

„דער טויט — דאָס איז די קאַלטע נאַכט, דאָס לעבען — דער שרעקענדער טאַג, עס דונקעלט שוין, מיך שלעפערט, דער טאַג האָט מיך מיעד געמאַכט, איבער מיין בעט דערהויבט זיך אַ בוים, און אויף איהם זיצט אַ יונגער נאַכטיגאַל. ער זינגט פון ריינער ליעבע, איך הער עס אפילו אין טרוים“.

„די האַרץ־רייזע“ איז די צווייטע אָפּטיילונג (1824) און ענט־האַלט פּראַכטפולע בערג־ליעדער, פאַרפאַסט אין דער צייט פון היינע׳ס פוס־טור, אַלס דערפרישונג נאָך זיינע יורידישע שטודיען אין געטינגען. פאַר אונז טראָגען זיך פּראַכטפולע בילדער פון בערג־פּלעצער און בערג־וואוינונגען. אין זיי ווערט די גאַנצע צייט אונ־טערגעהאַלטען מיט צוציהענדער שפּילעוודיגקייט די מוטיגע, דרייסטע און שטיפערישע שטימונג, וואָס דריקט אויס אין דער־זעלבער צייט ניט קיין קליינע מאָס פון זעלבסט־לויב. דאָס פּראַכט־פולע, שאַרפזיניגע ליעד וועגען די ריטער פון דעם ·הייליגען גייסט באַזירט אויף דער סצענע אין „פאַוסט“, וואו גרעטכען פרעגט אוים ביי איהר געליעבטען וועגען גלויבען און צייכענט זיך אויס מיט אַ נאַהענטקייט און אַן אויפריכטיגקייט, וואָס האָט עס פּאָפּולער געמאַכט איבער גאַנץ אייראָפּאַ.

דאָס בוך „דאָס בוך פון די ליעדער“ פאַרענדיגט זיך מיט די ליעדער, וואָס טראָגען דעם נאָמען „דער צפון־ים“. זיי זיינען אָנ־געשריבען געוואָרען, נאָכדעם ווי ער איז צוויי מאָל געווען אין נאָרדערנע (1825-26), מיט אַ שטאַרקען, פרייען ריטם. אין זיי ער־שיינט הויפּטזעכליך און פריהער פון אַלץ דאָס פאַרשטענדניס פאַר דער נאַטור, וואָס איז אַ נייער געביט אין דער דייטשער פּאָעזיע.

בנוגע צו נאַטור האָט געטע, ווייזט אויס, אַלץ אויסגעשעפּט. זיין ליעבע צו יעדער לעבעדיגער ערשיינונג אין דער נאַטור, וואָס דרינגט דורך זיין געפיהל פון קרובה־שאַפט מיט די חיות און פלאַנ־צונגען; זיין באַגריעף, אַז דער מענש איז דאָסזעלבע וואָס אַנדערע וועזענס, און זיין אידעע וועגען דער איינוגקייט פון דער וועלט אונטער די שטענדיג זיך־בייטענדע פאָרמען — אַט דיעזע פּעהיג־

קייט שטענדיג צו פאַרוואַנדלען די נאַטור אין געפיהל איז געווען די הויפט־אייגענטימליכקייט זיינע. זי האָט זיך געביטען אָרער פאַרגרעסערט דורך זיין פעהיגקייט צו באָאָבאַכטען און איבערגע־בען די נאַטור־ערשיינונגען, ניט אריינברענגענדיג אין דיעזע באַ־שרייבונגען קיין אייגענע געפיהלען. ער האָט געשטודירט די נאַ־טור, געוואָרען אַ באָאָבאַכטער און אויספאָרשער, און זיין אַלע טיע־פער־אריינדרינגענדע באָאָבאַכטונג, זיין געניאַלע דורכדרינגענדקייט, האָבען איהם פאַרוואַנדעלט אין אַן אויספאָרשער פון צוויי געביטען. ער האָט מיט זיינע ענטדעקונגען געשאַפען אַ גאַנצע עפּאָכע. מיר זעהען ווי זיין גרויסע נשמה לעבט איבער אַלע שטופען פון ענט־וויקלונג בנוגע צו דער נאַטור, דאָס שטאַדיום פון איינדריקען, די רעליגיעז־פאַנטאַסטישע און פּאָעטיש־וויסענשאַפטליכע, ביז וואַנען ער דרינגט, ענדליך, אַזוי דורך מיט די איינדרוקען פון געפיהל, אַז ער אונטערדריקט אין זיך מיט אַלע כחות דעם גייסטיגען עלע־מענט, אַלס דעם צושטערער פון דער אַלגעמיינער האַרמאָניע. זיינע פאָרשונג־בליקען ווערען אַלץ מעהר רעאַליסטיש און שלעפען אַלץ מעהר צו דער ערד אַראָפּ.

„איך האָב ניט מורא פאַר קיין פאַרוואורף — שרייבט ער אין אַן אַרטיקעל וועגען גראַניט — אַז דער ווידערשפּרעכענדער גייסט האָט מיך געצוואונגען איבערגעהן פון דער באָאָבאַכטונג און שיל־דערונג פון דעם מענשענ׳ס האַרץ, — דער סאַמע יינגסטער, פאַר־שיידענאַרטיגסטער, ריהרעוודיגסטער, זיך־בייטענדער טייל פון דער שאַפונג, וואָס ווערט גיכער פון אַלע איבעריגע געוואַקעלט און ער־שיטערט — צו דער באָאָבאַכטונג פון דעם סאַמע עלטסטען, דויער־האַפטסטען, טיעפסטען און אומערשיטערליכסטען נאַטור׳ס זון 1) — נעמליך, גראַניט.

אין וואָסער אַ נאַך ריכטונג האָט דער דייטשער דיכטער גע־קאָנט ארויסצייגען זיין געניאַלען געפיהל צו דער נאַטור? פון דעם מענשענ׳ס האַרץ ביז גראַניט האָט געטע אַלץ ארומגענומען.

עס איז פאַרבליבען נאָר איין איינציג געביט. געטע האָט נאָך

---

1) געטע׳ס ווערק, באַנד 23, 164.

ניט באַזונגען דעם ים. מיט פערציג יאָהר האָט ער צום ערשטען מאָל דערזעהן דעם ים אין ווענעציע, אויפ׳ן לידאָ.

„איך האָב דערהערט, שרייבט ער, אַ שטאַרקען גערויש; דאָס איז געווען דער ים — און איך האָב איהם באַלד דערזעהן. ער האָט זיך אויפגעהויבען הויך איבער׳ן ברעג און איז באַלד צוריק אָפּגע־פאַלען. עס איז געווען האַלבער טאָג, די צייט פון דעם בייטאַגי־גען צופלוס. ענדליך האָב איך מיט מיינע אייגענע אויגען דערזעהן דעם ים!“

און מיט אַ שטיקעל צייט שפּעטער שרייבט ער צו אַ קורצע פראַזע: „דער ים שטעלט פאָר אַ וואונדערפול בילד“. אין דעם פינפטען אַקט פון „פאוסט“, וואו דער דיכטער רעדט וועגען ים און ים־שווימונג, איז דאָרט דער הויפּט־אינטערעס אין דעם גראָבען פון קאַנאַלען און מאַכען וואַלען אויף דער יבשה, כדי זיך צו שיצען פאַר׳ן ים. דאָס איז אַלץ וואָס געטע האָט געשריבען וועגען ים.

אין היינע׳ס ליעדער „דער צפון ים“ ברומט דאָס ערשטע מאָל דער ים אין דער דייטשער פּאָעזיע מיט דער גאַנצער פרישקייט און קראַפט. דאָ ווערט דאָס ערשטע מאָל דערמאָנט וועגען קרעבס־שייד־לער אינ׳ם זאַמד און מעוועס אין דער לופט. דער ים ווערט גע־מאָלען אין דער צייט פון שטורם און רוהיגקייט. בייטאָג און ביינאַכט, מיר זעהען איהם פאַר זיך אַ רוהיגען, אַ צעוואָרפענעם אין דער גאַנצער ברייטקייט, און אין דער צייט פון שטורעם, מיט די וואונדערבאַרע טרוימען, וואָס ער רופט אַרויס, מיט דער ים־קראַנק־הייט, און פון זיין אָפּגרונד הויבען זיך אַרויס אויף דער אויבערפלאַך אַ גאַנצע מאַסע פון מיסטישע וועזענס, אַלטע און נייע, אַלטע, וואָס ווערען פאַרוואַנדעלט אין נייע, — אַמאָל אַ פייערליכע, נאָר אָפטער אַ וואונדער־וועלט פון געטער און געטינען, פון טריטאָנען און אָקעאַנידעס. דאָך זיינען אין היינע׳ס ליעד פאַרהעלטניסמעסיג ווייניג שילדערונגען פאַרהאַן; דעם דיכטער׳ס אייגענע ערינע־רונגען, זיין טרויער און זיינע האָפנונגען, מאַכען פול די ליעדער. זיין טיעפער פאַרלאַנג צו אָטעמען פריי האָט אין איהם דערוועקט דעם באַריהמטען אויסרוף, מיט וועלכען די טויזענדער גריכען באַ־גריסען, נאָך זייער לאַנג־דויערענדען שרעקליכען קריעגס־מאַרשען,

דעם עלעמענט, וואָס רינגעלט אַרום זייער אייגענע שטאָדט: „טאַ־לאַטטאַ! טאַלאַטטאַ! זיי געגריסט, דו, אייביגער ים!“

צווישען אַט די היינע׳ס לידער געפינען זיך עטליכע פון די בעסטע, פון די אומפאַרגעסליכע. צוערשט קומט די וויציג־לייכט־זיניגע אידיליע „די נאַכט אויפ׳ן ברעג“, וואו דער דיכטער באַזוכט די שעהנע פישער־פרוי און שילדערט זי מייסטערהאַפט, ווי זי זיצט אנגעבויגען איבער׳ן פייער:

„דאָס פלאַקערנדע רויטע פייער שפּיעלט צויבערנד־שעהן אויף איהר צאַרטען, איידעלען געזיכט, אויף די איידעלע, ווייסע שולטע־רען, וואָס קוקען ריהרענד אַרויס פון דער גראָבער גרויער העמד, און אויף דער באַשעפטיגטער קליינער האַנט, וואָס מאַכט צורעכט דאָס קלייד אַרום איהרע שעהנע היפטען“.

מיר וועלען דאָ דערמאָנען דאָס ליעד, וואָס איז איינציג מיט איהר לירישען שוואונג, „ערקלערונג“ — די ערקלערונג צו אַננעס׳ן, וועמעס נאָמען דער דיכטער וויל אויפקריצען אויפ׳ן הימעל־געוועלב מיט פייערדיגע בוכשטאַבען אין מיטען דער נאַכט־פינסטערניש, אַרויסרייסענדיג דעם העכסטען נאָדעל־בוים פון נאָרוועגישע וועל־דער און אַריינשטעקענדיג איהם אין עטנאַ׳ס פלאַמענדיגער ברוסט; דערנאָך קומט מיט איהר קורצקייט דאָס מערקווירדיגע ליעד „פראַ־גען“, וואָס גיט אונז אַ ערקלערונג וועגען דער שטימונג, וואָס האָט דערוועקט ביי היינע׳ן דעם נאַרישען פּלאַן אָנצושרייבען אַ נייעם „פאוסט“ נאָך געטע׳ן, — אַ פּלאַן, וועלכען היינע האָט זיך ניט באַשלאָסען צו דערצעהלען דעם גרויסען אַלטען, ווען ער האָט איהם באַזוכט אין וויימאַר. אין עטליכע פון די ים־לידער, באַזונ־דערס אין די, וואו ער איראָניזירט און שפּעט אָפּ פון זיך אַליין, באַמערקט זיך אַ זעלבסט־צופרידענהייט, וואָס ווירקט אומאַנגענעם אויפ׳ן לעזער. צווישען די לידער, וואָס זיינען פריי פון דעם, דאַרף מען דערמאָנען דאָס מייסטערהאַפט, ריין־הומאָריסטיש ליעד „אין האַפען“ — די אומשטערבליכע פאַנטאַזיע פון דעם שטאָדט־קעלער אין ברעמען, פון וועלכען היינע, דער שטענדיג ניכטערער, במעט גאָרניט טרינקענדיגער, מאָלט אַ מערקווירדיג בילד פון אַ פרעהליכער פאַר׳שכור׳ונג פון אַ גענ׳אַלען מענשען.

* * *

עס איז אונמעגליך פאַר אַ צפון־מענשען מיט אַ גרינדליכער קונסט־בילדונג, זיך צו פאַרטיפען אין היינריך היינע'ס ליריק, און ניט זיין אומאַנגענעם ערשטוינט פון אייניגע פראַזען און שפראַד־פאַרמען, וואָס האָבען ביי איהם נאָך אין דער פריהעסטער צייט אַנגענומען אַ מין טויטקייט. די ראָמאַנישע פעלקער פיהלען דאָס ניט. אָפטמאָל הערסטו, ווי קינסטלעריש ענטוויקעלטע מענשען פון די ראָמאַנישע נאַציאָנען מאַכען אַ פאַרגלייך צווישען היינע'ן און געטע'ן און שטעלען העכער דעם לעצטען, אַלס דעם מעהר קלאָרערען און שאַרפזיניגערען. פאַר די ראָמאַנישע לעזער איז געטע על־פּי רוב אומפאַרשטענדליך; וועגען היינע'ן זאָגען די פראַנצויזען: ביי איהם איז אַלץ קלאָהרער, זיי פיהלען ניט, אַז ביי געטע'ן האָבען די ווערטער כסדר אַ באַשטימטע באַדייטונג, ווערענד ביי היינע'ן זעהען זיי אָפט אויס ווי גרייט־אַריינגעשטעלטע פראַזען, וואָס האָבען ניט קיין בילדער און רעאַלע פאַרשטעלונגען, נאָר ווערען אָממייסטען באַנוצט צוליעב דעם, אַז זיי זאָלען אַרויסרופען אַ באַוואוסטען פּאָעטישען עפעקט. ניט פיעל דיכטער האָבען ווי היינע מיסגעברויכט ליליען־הענט, ראָזעווע בעקלעך און פיאָלקאָווע אויגען — אָט די אונמעגליכע פאַרבען־פלעקען — ביים באַשרייבען פון פרויען־שעהנקייט; ניט פיעלע דיכטער האָבען אַזוי מיסגעברויכט די פאַרשיידענע אַטריבוטען פון פריהלינג, מיט זיס־דופטענדע בלומען, מיט'ן נאַכטיגאַל, וואָס צו־גיסט זיינע טרעלען בייטאָג און ביינאַכט, מיט'ן באַזינגען דעם פראַכטפולען מאַי־מאָנאַט. על־פּי רוב מיסברויכט ער די נאַכטיגאַל, וואָס ווערט אין זיינע הענט פאַרוואַנדעלט אין אַן אמת־העראַלדישען פויגעל אויפ'ן שילד פון ליעבע.

ביי געטע'ן שטעלט יעדעס וואָרט מיט זיך פאָר אַ בילד, דערום נויטיגט ער זיך ניט אין פיעל בילדער אין בוכשטעבליכען זין פון וואָרט. ביי היינע'ן ווערען די ווערטער יעדע מינוט פאַרוואַנדעלט אין אַלעגאָריען, וואָס פאַרמאָגען ניט יענע אויסערליכקייט און אינווענינסטע צונויפבינדונג, וואָס זיינען די לאָגיק פון דער פּאָעזיע. אַזוי, אַ שטייגער, זאָגט היינע: „פון מיינע טרערען

קומען אַרויס פיעל דופטענדע בלומען", און אונטערן וואָרט „בלו־מען" מיינט ער ליעדער; אָדער ער שרייבט אין אַ צווייטען פּלאַץ: „אויב פאַרדעכטיגע פונקען וועלען אַמאָל אַרויסשפּריצען פון די רויזען, זאָרג ניט, די איצטיגע וועלט גלויבט ניט אין פלאַמען און נעהמט עס אָן פאַר פּאָעזיע".

און ער ברענגט אונז עטליכע בילדער, מעהר פאַרפּלאָנטעטע, ווי אין די באַריהמטע אַלט־סקאַנדינאַווישע ווערק פון די סקאַלדען אין דער אָפּפּאַלונגס־צייט; פונקען, וואָס שפּריצען אַרויס פון ראָזען, פונקען, וועלכע די בירגער ווילען ניט אָננעהמען פאַר פלאַמען; פונקען פון רויזען, וואָס הייסען פּאָעזיע.

באַזונדערס אָפּשטויסענד איז אָט די ליעדער מיט זייער בלו־מען־שפּראַך איז די צוזאַמענבינדונג פונ'ם סענטימענטאַלען עלע־מענט מיט'ן גראָב־מאַטעריאַליסטישען. עס ווערט דאָרט אַזוי גע־רעדט וועגען זיפצען און טרערען, גלייך ווי די זיפצען זאָלען זיין — רוישיגע קרעכצען, און די טרעהרען — עפּעס מאַסיווע באַשעפעני־שען. אַזוי, צום ביישפּיעל, ווען עס רעדט זיך וועגען זיפצען „און מיינע זיפצען וועלען פאַרוואַנדעלט ווערען אין אַ נאַכטיגאַלען־כאָר", ווערט דערצו צוגעשטעלט אַ מאַסיוועער סוף: „און אונטער די פענס־טער וועלען זיי זינגען דער נאַכטיגאַל'ס ליעד". נאָך שאַרפער ווערט אַרויסגעבראַכט אָט אַזאַ מישונג אין דעם טיפּישען ליעד וועגען אַ איינציגען טרעהר.

„וואָס וויל די איינזאַמע טרער. זי מאַכט טריעב מיין בליק. זי בלייבט איבער פון אַלטע צייטען אין מיין אויג".

מען מאַכט אונז באַקאַנט מיט דער פאַמיליען־געשיכטע פון אָט דער טרעהר און מיט איהר איינזאַמער לאַגע; זי האָט פאַרמאָגט פיעל גלענצענדע שוועסטער, וואָס זיינען שוין ניטאָ מעהר. איצט זיצט זי אָן עלענדע אין ווינקעל פון אויג. צום סוף פאַנגט דער דיכטער אָן רעדען צו איהר ווי צו אַן אַלטען גוטען פריינד; זאָל זי זיך געהן מיט איהר וועג, איצט, ווען אַלע זיינען אוועק:

„דו אַלטע, איינזאַמע טרעהר, געה דו איצט אויך אוועק."

די סענטימענטאַליטעט איז דאָ אַזוי מערדערליך שאַרף, אַז קיין פּאַראָדיע, פאַרפאַסט פון אַן אַנדערען, וואָלט ניט געקאָנט

אויסקוקען קאָמישער, ווי אַט די טרויעריגע ווענדונג, וואָס דער גרויסער הוזק־מאַכער האָט גאַנץ ערנסט אָנגעשריבען.

יעדער פעהלער, וואָס דער קינסטלער האָט, אַלס מענש, טרעט אַרויס אין פאָדערגרונד אין זיין קונסט. אַ סענטימענטאַלער, באַריהמערישער אָדער עפעקטיווער אויסדרוק קומט שטענדיג אַרויס פון ניט גענוגענדער פשוט׳קייט און ווינציג אויפריכטיגקייט אין געפיהל. דערפאַר זיינען אַט די חסרונות ביי היינע׳ן מעהר פיהלבאַר, אויב מיר וועלען פאַרגלייכען עטליכע פון זיינע שטימונגס־אויסדריקען מיט אַזעלכע ביי געטע׳ן.

נעהמט, אַ שטייגער, דאָס ליעד, וואו ער רופט זיך אָן דער אומגליקליכער אַטלאַס, וואָס דאַרף אויסטראָגען די ליידען פון דער גאַנצער וועלט:

„שטאָלץ הארץ, דו האָסט עס געוואָלט, — דו האָסט געוואָלט זיין גליקליך, אָדער אומענדליך אומגליקליך, אַ, שטאָלץ הארץ! און יעצט ביזטו אומגליקליך“.

אַט די שורות קאָן מען ניט פאַרגעסען. נאָר דער אויסרוף פון דער ערשטער שורה, אין וועלכער עס דריקט זיך אויס די פאַלשטענדיג אמת׳ע זעלבסט־מיינונג, קאָן זיך אויסדרוקען באַריהמעריש, ווען מיר זאָלען זי פאַרגלייכען מיט די פאָלגענדע פשוט׳ע און ערהאַבענע שורות פון געטע׳ן:

„די אייביגע געטער שענקען אַלץ אָוועק זייער געליעבטען, אַלע אומענדליכע פריידען, אַלע אומענדליכע ליידען“.

מען קאָן ניט מאַכען קיין פאָרוואורף היינע׳ן דערפאַר וואָס ער באַנוצט שטאַרקערע מיטלען ווי געטע. עס וואָלט געווען אומערהליך ווען מיר זאָלען האָבען טענות פאַר אַזאַ ליעד ווי, „אַ אינגעל ליעבט אַ מיידעל“, זאָגענדיג, אַז געטע וואָלט זיכער אויסגעמידען, ווי אַ דיסאָנאַנס, דאָס שאַרפע געוואָגטע געפיהל, וואָס רייסט זיך אַרויס פון דעם באַריהמטען סוף: „און ווער עס פּאַסירט, דעם ברעכט דאָס הארץ אין צוויי“. ער וואָלט ניט געענדיגט אַזוי צוליעב דערזעלבער אורזאַך, צוליעב וועלכער דער אור־אַלטער עללין וואָלט זיך אויך באַמיהט דאָס אויסמיידען. נאָר דאָס וואָס איז ניי, וואָס איז מאָדערנע אין געפיהל, האָט דאָס רעכט פאַר עקזיסטענץ. אפילו דער דיסאָנאַנס דאָ איז אויך געקינסטעלט.

נאָר אָפּטמאָל לאָזט דער דיכטער איבער פונ'ם גאַנצען מאָדערניזם נאָר דעם דיסאָנאַנס, ווי, אַ שטייגער, אינ'ם באַריהמטען ליעד: „מיין הערץ, מיין הערץ, איז טרויעריג געוועזן". אין דעם איז פאַרהאַן אַ מייסטערהאַפטע שילדערונג פון אַ ברייטען פּייזאַזש, וואָס מען זעהט פון דער הויכקייט פון אַן אַלטען טורעם. מיר זעהען דעם בלויען שטאָדטישען קאַנאַל מיט'ן אינגעל אויפ'ן שיפעל, און אויף זיין צווייטער זייט — די ניט גרויסע זומער־וואוינונגען, גערטנער, מענשען און אָקסען, לאָנקעס און וועלדער, מיידלעך וואָס וואַשען וועש, די מיהל־ראָד, וואָס דרעהענדיג זיך, הויבט זי אויף אַ בריליאַנטען־שטויב, און נעבען דעם אַלטען גרויען טורעם זעהען מיר דאָס ביידעל מיט'ן וועכטער, וואָס געהט אַרום הין און צוריק, און זיין ביקס גלאַנצט געגען דער זון. — אַנדערסען, וועלכער האָט אַמאָל דורכגעשטודירט דאָס ליעד שרייבט וועגען דעם: „און דער דיכטער ענדיגט מיט די ריהרענדע ווערטער: „איך וואָלט געוואָלט ער זאָל מיך דערשיסען". ריהרענדע? ניין ,גיכער איבערראַשענדע, גאַנץ אומערוואַרטעטע. אַט דער אויפפלאַם איז ,מעגליך, געווען גאַנץ אויפריכטיג, אָבער אַזוי נערוועז, אַז ער האָט קיין באַדייטונג ניט; עס קאָן אַפילו אָנגערופען ווערען פאַלש אויף אַזוי פיעל ,אויף וויפיעל די הויך־קלינגענדיגע ווערטער זיינען ניט מעהר ווי דער אויסדרוק פון אַ שטימונג, און ניט פון טיעפען ווילען; וועגען אַ פעסטען באַשלוס קאָן דאָ אודאי קיין רייד ניט זיין. געטע האָט אויסגעדריקט דעם פאַרלאַנג ניט צו שטאַרבען, נאָר דאָס שלום־מאַכען מיט'ן געדאַנק וועגען טויט, אין פאָלגענדע באַריהמטע, אומשטערבליכע שורות: „אויף אַלע בערג איז איצט רוהיג, אין אַלע טהאָלען הערסטו קוים אַ הויך. די פויגלען שווייגען אין וואַלד. וואַרט נאָר, באַלד רוהסטו אויך".

עס וואָלט געווען איבעריג זיך אָפּצושטעלען אויף די קאָנטראַסטען צווישעןביידע דיכטער'ס נאַטורען. אָדער פאַרגלייכען די מעלאָדיע פון געטע'ס ווערטער מיט היינע'ס דיסאָנאַנס. נאָר מען דאַרף ריין קינסטלערישען זין צו לעגען אויפמערקזאַמקייט אויף דער שטאַרקער האַרמאָניע וואָס האַלט צוזאַמען אַלע באַזונדערע טיילען פון אַט דעם ליעד. דאָס איז אָנגעשריבען אין איין גייסט פונ'ם אָנהויב ביז'ן סוף: די אָבענד־שטימונג אין וואַלד און אין מענשענ'ס

נשמה, דאָס אָפּשטאַרבען פון אַלע פאַרלאַנגען, די אויפלעזונג פון אַלע דיסאַנאַנס, דאָס צונויפגיסען זיך מיט דער גרויסער און מילדער נשמה־נאַטור.

האַבענדיג פאַר זיך די דאָזיגע פאַלקאָמענהייט, פיהלסטו נאָך שאַרפער די חסרונות פון היינע'ס לירישען סטיל מיט זיינע עפּעקטען, וואָס זיינען אָפּט קעגען די פאָדערונגען פון קינסטלערישען געשמאַק. אין זיינע שוואַכקייטען צייגט היינע'ס סטיל אַרויס אַן עהנליכקייט מיט'ן אַלעגאַרישען, לעגענדאַרישען סטיל פון די דייטשע ראָמאַנטיקער, פון וועלכע ער האָט איבערגענומען זיין דיכטערישע ירושה. דאָך איז היינע זעהר ווייט פון צו זיין אַ ריין־ראָמאַנטיקער, ווי ער איז אויך ווייט פון צו זיין אַ ריין־מאָדערנער רעאַליסט, פאַר וועלכען פיעלע האַלטען איהם.

ער האָט אָנגערופען זיין „אַטטאַ טראָלל“ אַלס דאָס לעצטע פרייע וואַלד־ליעד פון ראָמאַנטיזם. אַנדערע, וואָס האָבען זיך פיינדליך צו איהם באַצויגען, האָבען אָנגערופען זיין פּאָעזיע אַלס דעם פּראָצעס פון ראָמאַנטישער צופוילטקייט. „איך האָב געשריבען „אַטטאַ טראָלל“ — האָט ער געזאָגט — פאַר מיין אייגענעם פאַרגעניגען אין גייסט פון פאַנטאַסטישע טרוימען, וואָס האָבען געהערשט אין יענער ראָמאַנטישער שול, — אויף וועמעס שוים איך האָב פאַרבראַכט מיין בעסטע יוגענד, פאַרענדיגענדיג מיט'ן אָנשלאָגען דעם לעהרער“. אָבער דער ראָמאַנטיזם דיענט דאָ אַלס אַ רייך־גלענצענדער אָנצוג, אין וועלכען עס באַפּוצט זיך דער מאָדערנער גייסט, פאַרמאַסקירענדיג זיך, אום דערנאָך צו צולאָזען זיינע קליידער אויפ'ן וואַנט. אַלע ראָמאַנטישע עלעמענטען זיינען דאָ פאַרטראַטען: חיות רעדען, בערען טיילען זיך מיט זייערע געדאַנקען, מיר הערען זיך איין ווי דער מאָפּס גיסט אויס זיין הארץ און מען פיהרט אונז, חוץ דעם, אריין אין דעם ראָנסעוואַלען טאָל, וואָס איז אַזוי אָפּט באַזונגען געוואָרען אין לעגענדען. עס פעהלט דאָ אפילו ניט די בלויע בלום:

„ראָנסעוואַל, דו וואונדערבאַרער טאָל, ווען איך דערהער דיין נאָמען הויבט איז מיין האַרצען אָן צו דופטען די בלויע בלום“.

אַ לעגענדאַרישע וועלט רינגעלט אונז אַרום, די גרויסע אויגען פון די גייסטער קוקען אויף אונז. דער דיכטער מיט זיין באַגליי־

טער געהען אויף יאַגד אויף די פּירענעאישע בערג. דער באַגלייטער האָט אַ מוטער; עס געהען אַרום קלאַנגען, אַז זי איז אַ כשוף־מאַכערין. מיר געהען אַריין אין דער כשוף־מאַכערינ׳ס הייזעל מיט אַנגעשטאָפּטע פויגלען, מיט קאַרשונען, וואָס זיינען עהנליך צו געשפּענסטער; ביי נאַכט פיהרען די בערען און געשפּענסטער אויס אַ ווילדען צויבער־טאַנץ.

דאָס ליעד איז ביז אַ געוויסען גראַד דורכגעדרונגען אויך מיט אַ ראָמאַנטישען גייסט: עס פאַלט אַן אויף דער גראַב־דאָקטרינער טענדענציעזער פּאָעזיע פון יענער צייט, אויף דער אוטיליטאַרישער לעהרע, וואָס מען האָט אַריינגעפיהרט אין דער פּאָעזיע, אויף דער ליטעראַרישער סאַטירע, (אויף פרייליגראַטען, קאַרל מייער, גוסטאַוו פפיצער) דער אָנפאַל איז נאָכ׳ן געשמאַק פון די ראָמאַנטיקער.

און דאָך באַמיהט זיך דער דיכטער אויסצוהאַלטען די מעג־ליכסטע פּינקטליכקייט ביים באַשרייבען די ערטער און באַציהונ־גען. אייגענטליך האָט דאָס ליעד איין געשיכטע, וועגען דעם, ווי אַזוי היינע וואוינט אין אַ דאָרף, אין קאַטערעז, אין די פּירענעיען, מיט זיינער אַ פראַנצויזישער פריינדין, און ער קוקט צו ווי אַ בער טאַנצט אויפ׳ן מאַרק. דער בער אַנטלויפט פון זיין בעל־הבית אין די בערג; היינע׳ס באַגלייטער, לאַסקאַראָ, יאָגט איהם נאָך, דער־הרג׳עט איהם און שינדט פון איהם אָפּ די פעל. זשוליעטאָ, דעם דיכטער׳ס געליעבטע, לעגט אוועק די פעל פאַר איהר בעט, און היינע דערמאַנט שוין צו אָפט, ווי פיעלע נעכט פלעגט ער שטעהן מיט באָרפיסע פיס אויף דער פעל.

די פאַבעל איז גענוג רעאַליסטיש. אפילו די אויסערליכע איינ־צעלהייטען פון דער רייזע זיינען באַשריבען גאַנץ ריכטיג. עס באַקומט זיך אַן איינדרוק, אַז היינע וויל מיט זיין באַשרייבונג פונ׳ם קליינעם, בערגיגען שטעדטעל, וואוהין ער האָט זיך פאַרקלי־בען, און וואו די בערען טאַנצען און זינגען, איבערגעגעבען פּינקט־ליך אַלץ, וואָס ער האָט אַליין געזעהן און וואָס ער האָט פון אַנ־דערע געהערט. אפילו דער רעפריין פון דעם בערען־ליעד „גיראָפ־לינאַ, גיראָפלעטטאַ" איז ריכטיג איבערגעגעבען.

דאָך האָבען די טיעפסטע און פּראַכטפולסטע שטעלען פונ׳ם ליעד קיין ביסעל רעאַליזם ניט אין זיך. דאָס זיינען אַלץ פאַנטאַ־

זיעס. און די פּראַכטפּולסטע פאַנטאַזיע איז די, ווי היינע שטעהט ביינאַכט ביים פענסטער און זעהט ווי דער גאַנצער ווילדער געיעג ערשיינט דריי מאָל אויפ׳ן האָריזאָנט. ער האָט נאָך קיינמאָל ניט דערגרייכט אַזאַ הויכקייט ביים באַשרייבען פאַנטאַסטישע פיגורען, ווי ווען ער מאָהלט פאַר אונז די פאַנטאַסטישע וועזענס, וואָס טראָגען זיך איבער׳ן טונקעלען נאַכט־הימעל: דיאַנאַ, די פעיע אַבונדאַ און די פּראַכטפול־שעהנע איראַדיאַדע, וואָס שפּיעלט זיך אין איהר אומגעצוימטער פרייד מיט׳ן פאַרבלוטיגטען קאָפּ פון יאָאַן דעם באַפּטיסט.

* * *

מען קאָן מאַכען אַ פאַרגלייך צווישען היינע׳ס און רעמבראַנדט׳ס קונסט.ביידע טראָגען ניט קיין אַקאַדעמישען זיעגעל; זיי זיינען ביידע באַאיינפלוסט פון דער צייט. נאָר אויב מען רופט היינע׳ן דאָך אַן אַלס גרויסער רעאַליסטישער דיכטער, איז דאָס אַזאַ אומ־צווייפעלהאַפטער אמת, ווי דאָס וואָס מען רופט רעמבראַנדט׳ן אַן אַלס גרויסער קאָלאָריסט. פונדעסטוועגען קאָן מען רעמבראַנדט׳ן ניט אָנרופען אַלס דער גרעסטער רעאַליסט אין קאָלאָריט, וואָרים פיעלע מאָלער קאָנען בעסער פון איהם איבערגעבען די לאָקאַלע פאַרבען אין זייער אמת׳ער באַדייטונג, אָדער זיי קאָנען באַצווינ־גען מיט דער הילף פון ליכט און שאָטען די פאָרם און פאַרב פון די געגענשטאַנדען אַרויסטרעטען דייטליך אין פאָדערגרונד. ניט די פאַרב, נאָר דאָס ליכט איז די הויפּט־זאַך ביי רעמבראַנדט׳ן. פאַר איהם איז ליכט — לעבען; דער קאַמף פון לעבען איז פאַר איהם דער קאַמף פון ליכט, און די לעבענס־טראַגעדיע שטעלט זיך פאַר איהם פאַר אַלס קעמפענדע און שטאַרבענדע אין פינסטערניש און פיינטקייט. אום צו כאַראַקטעריזירען זיין אמת׳ע גרויסקייט אַלס מאָהלער, דאַרף מען איהם באַצייכענען גיכער אַלס ליומיניסט (פראַמאַנטענס אויסדרוק), איידער אַלס קאָלאָריסט, אויב אונטער׳ן וואָרט „לומיניסט״ ווערט פאַרשטאַנען אַ מענש, וואָס האָט אויף אַן אייגענאַרטיגען אופן אַ פאַרשטענדניס פאַר ליכט. ער אַפּפערט אָבער קיינמאָל ניט מיט קיין צייכנונג, ד. ה., אַ קינסט־לעריש ווערק, אום נאָר אַרויסצוקריגען אַ נויטיגען ליכט־עפעקט פאַר

אַ ליכט־שטראַהל. דערמאָנט זיך אָן דעם שלעכט־געמאָלענעם סקע־לעט אין זיין „אַנאַטאָמיע לעקציע!“ נאָר ביים אויספיהרען אָן אַר־ביט וואָס פאָדערט אַ פּינקטליכעס צייכנען, אַ פּאָרטרעטען־קונסט, אַ פעהיגקייט צו מאָהלען הענט און אַנדערע קערפּער־טיילען, קאָן ער זיך ניט פאַרגלייכען מיט קיין אמת׳ע רעאַליסטען — גרויס מאַכט איהם נאָר דאָס, וואָס ער צווינגט דאָס ליכט אויסדריקען אַזעלכעס, וואָס האָט פאַר איהם אַ באַדייטונג, נעמליך: דאָס אינערליכע זעעלען־לעבען, די וועלט פון חלומות אויף דער וואָהר.

דאָס זעלבע איז מיט היינע׳ן. ווי ווינציג אמת׳ע געשטאַלטען האָט דער דיכטער באַשאַפען! ווי ווינציג אַזעלכע זענען נאָך איהם פאַרבליבען! די וואָס ווילען ביי איהם זוכען פאַרדיענסטען אויף דעם געביעט, וועלען מוזען אָנרופען די בייזע, דיסאָנאַנסען־פולע געשטאַלט פון דעם אַלטען אידישען דיענער היאַצינטאָ, אַלס דעם בעסטען מענשען־טיפּ, וואָס היינע האָט געמאָהלען.

ניין, אויב מיר וועלען אורטיילען וועגען היינע׳ן נאָר נאָך זיינע רעאַליסטישע טיפּען, וועלען מיר מוזען שטעלען פיעל העכער פון איהם אַנדערע דיכטער, וועלכע שטעהען מיט זייער טאַלאַנט פיעל־נידעריגער פון איהם.

נאָר, אורטיילענדיג וועגען היינע, דאַרף מען דערמאָנען זיינע זעהונגען, די וועלט פון חלומות אויף דער וואָהר אין זיינע ליעדער ווי אין זיין פּראָזאַ. אין אַלגעמיין האָט היינע זיך געהאַלטען נע־הענטר ווי אַנדערע דיכטער צו דער ערד, נאָר נאָכדעם, ערשיינען איבער דער ערד, וואָס איז איינגעהילט אין פינסטערניש, העל־שטראַהלענדע געשטאַלטען, וואָס אַט טראָגען זיי זיך דורך פאַר אונזערע אויגען, און אַט פאַרשווינדען זיי.

דאָס באַמערקט זיך אפילו אין אַזעלכע קליינע ליעדער, ווי די אויבענגעבראַכטע: די שמועסען אין דעם פישער׳ס הייזעל וועגען גאַנגעס און לאַפּלאַנדיע. דערמאָנט זיך אויך, ווי היינע האָט גע־צוואונגען נאַפּאָלעאָנ׳ס געשטאַלט אַרויסטרעטען פאַר׳ן לעזער: אין זיינע „גרענאַדיערען“ ווערען די שילדערונגען פון נאַפּאָלעאָנען פאַרוואַנדעלט אין אַ זעהעניש. די ווערטער: „דעמאָלט וועט מיין קייזער אַריבערפאָהרען מיין קבר“ — זיינען באַלויכטען, גלייך ווי אַ נאַכט־געשפּענסט, פון אַ שווערדען־גלאַנץ. אין די שעהנע

שילדערונגען פון די „רייזע־בילדער" ערשיינען פאַר אונז די גע־שטאַלטען לייענענדיג די קינדער ערינערונגען.

אָבער זיך צו דערמאָנען, ווי היינע רופט ארוים יעזוס׳עם געשטאַלט: אין דעם ליעד „די וועלט" זעהט ער יעזוס׳ן אַלס דעם וועלט־פירשט, ווי ער שפּאַנט מיט זיין גאַנצער מעכטיגקייט אי־בער׳ן ים־אויבערפלאַך, אַנגעטאַן אין אַ שניי־ווייסען מאַנטעל. אין „דייטשלאַנד. דאָס ווינטער מעשה׳לע", באַשרייבט ער אַ גרויען ווינטער פריהמאָרגען אויף דעם פּאַדערזבאָרנג׳ער וועג; ווען דער נעבעל פאַרשווינדט, זעהט ער אויפ׳ן ראַנד פונ׳ם וועג אינ׳ם ליכט פון דעם מאָרגען־שיין אַ הילצערנעם צלם מיט׳ן בילד „פון דעם גרויסען דענקער, וועלכער האָט געוואָלט רעטען די מענשהייט, און איצט הענגט ער ווי אַ וואָרנונג": „זיי האָבען דיך שלעכט באַהאַנדעלט אַט די באַוואוסטע ראַטה־מיטגלידער.

שטילער אומעט, ביטערער הומאָר, וואָס ווערט אויסגעדריקט אָט אין הארציגע און אָט אין ערנידריגענדע אויסדרוקען, פאַר־שטאַרקען דאָ דעם איינדרוק פון דעם מענשליך־ערהאָבענעם, פּיי־ערליך־שרעקליך. אין דערזעלבער מאָס ווי ביי שעקספּיר׳ן ווערט פאַרשטאַרקט דער איינדרוק, ווען האַמלעט, דערהערענדיג אַז דעם פאָטער׳ס גייסט קלאַפּט פון אונטער דער ערד, שרייט אויס: „דו גראָבסט גוט, דו אַלטער קראָט!" (מוילוואורף). צווישען דעם בלישצענדען פייערווערק פון היינע׳ס שאַרפזיניגקייט ווערט גע־שילדערט פאַר׳ן לעזער יעזוס׳עם געשטאַלט, ניט אַלס אַ וועלט־פירשט, נאָר ווי אַלס אַזעלכער, וואָס דרעהט די שווערד איבער די סוחרים׳ס קעפּ, וואָס פאַרשוועכען דעם טעמפּעל, און ער וואַרפט פייער אויף דער ערד.

„דאָס ווינטער מעשה׳לע" איז אַ כאַראַקטעריסטישער ביישפּיעל פון היינע׳ס קינסטלערישער אַרט באַשרייבונג. אַלע 27 אָפּטיילונ־גען פון דעם גרויסען געדיכט זיינען גלייכאַרטיג געבויט. עס הויבט זיך אָן גאַנץ רעאַליסטיש, מיט רייזע־עראינערונגען, פלאַכע איינ־דרוקען פון דער ווירקליכקייט; דערנאָך הויבט זיך דער דיכטער אויף, אָהן הקדמות, נאָר מיט אומבאַמערקטע איבערגענג, ביז דער שטאַרקסטער ליידענשאַפט, העכסטען פּאַטאָס, ווילדען האַס, פלאַ־מענדע פאַנטאַזיע, צושטערענדער אָדער בויענדער באַגייסטערונג,

הייליגען צאָרן, וואָס ווירקט ווי א בליץ, און דערנאָד ווערט ער צוריק פאַרזונקען אין דער גרויער פינסטערניש פון וואָכעדיגע געשעהענישען און פאַרהעלטענישען.

היינע קומט צופאָהרען קיין קעלן, עסט אייערינע קוכענס מיט וואורשט און פאַרטרינקט מיט ריינוויין, און נאָכהער הויבט ער אָן אַרומגעהן איבער די גאַסען. ער דערמאָנט זיך דער שטאָדט'ס פאַרגאַנגענהייטען: דאָ האָט די פאַפסט-וועלט באהערשט די פרייהייט, דאָ האָט מען געברענט אויף שייטער-הויפענס מענשען און ביכער, דאָ האָבען נאַרישקייט און כעס דערהויבען זייערע שטימען, גלייך ווי הינט, וואָס בילען אויפ'ן גאָס. און פלוצלונג פאַלט דעם דיכטער'ס בליק אויף דער גרויסער, גייסטיגער באַסטיליע, די קעלנער קירכע, באַלויכטען פון דער לבנה, און אין האַרצען ביי איהם דערוועקט זיך א צאָרן. נאָר אַזוי לאַנג ווי ער וואַנדעלט אַרום איבער'ן שטאָדט, פיהלט ער אונטער זיך א געשטאַלט, וואָס איז איהם, דוכט זיך, באַקאַנט. און באַלד ווערען מיר איבערגעטראָגען אין א גאַנץ אַנדער וועלט: אַ וועלט פון וועזענס. די געשטאַלט באַוועגט זיך, גלייך ווי דעם דיכטער'ס שאָטען, און שטעהט שטיל, ווען ער בלייבט שטעהן. פריהער האָט ער זי אָפט גאַנץ נאָהענט געזעהן, ווען ער פלעגט ביינאַכט ביי זיין טיש שרייבען. אונטער'ן מאַנטעל האָט ער עס פריהער געהאַלטען, און האַלט איצט אויך, עפּעס א באַהאַלטענע זאַך — דאָס איז דעם הענקער'ס האַק. אַט די פיגור — איז דעם דיכטער'ס ליקטאָר: זי פאָלגט איהם אומעטום נאָך, ווי דער ליקטאָר פלעגט נאָכפאָלגען זיין האַר אין רוים, נאָר מיט דעם אונטערשייד, וואָס דער ליקטאָר פלעגט געהן פאָראויס.

אין דער צווייטער אָפּטיילונג ערשיינט פאַר אונז באַרבאַראָס, אויך ווי אַ חלום-געשפענסט, וואָס ערשיינט און פאַרשווינדט צוויי מאָל.

אויב היינע האָט באַשאַפען אַ גאַנצע עפּאָכע אין דער דייטשער ליריק, אין דער געשיכטע פון דער פאָעטישער קונסט מיט אַריינברענגען אַ נייעם סטיל, מיט'ן צונויפקניפּען די ליריק מיט פאַנטאַזיע, שאַרפזיניגקייט און מיט'ן אַרויפלעגען אויף איהר אַ גאַנץ נייעם גייסטיגען זיעגעל — מיט'ן אַריינפיהרען פּראָזע אין דער

פּאָעזיע אַלס אונטערשלאַג צו איהר, אָדער אָפּלאַכען פון איהר, ווערט דאָס ערקלערט מיט זיין געשיכטליכער לאַגע, מיט'ן איבערגאַנג פון דער ראָמאַנטישער באַפּוצונג פון דער ווירקליכקייט צו דעם טרויעריגען בליק אויף איהר — אָט דער איבערגאַנג איז באַשאַפען געוואָרען אַקוראַט אין יענער צייט און דאָס ערקלערט די צונויפקניפּונג פון ביידע עלעמענטען, וואָס באַמערקט זיך אין זיין דיכטונג.

דערפאַר איז דער הויפּט כאַראַקטער־שטריך פון זיין קינסטלער־וועלט — דאָס האַלב־ליכט, ענליך צו רעמבראַנדט'ס האַלב־ליכט.

רעמבראַנדט'ס קונסט באַשטעהט אין דעם, וואָס ער באַצווינגט די הויפּט־טיילען פונ'ם בילד אַרויסצוטרעטען אין פאָדער־גרונד פון שאָטען אָדער האַלבע שאָטענס; ער צווינגט דאָס ליכט, דאָס אמת'ע ליכט, צו ווירקען אויף אַן איבערנאַטירליכען אופן, אַרויס־שטופּענדיג עס, גלייך ווי דורכ'ן באַפעהל פון אַ צויבער־שטעקעלע, פון אַ גאַנצען ים פון אומעטיגע שאָטענדיגע כוואַליעס, אום עס צו צווינגען, צאַנקענדיג אָדער העל־לויכטענד, גלייך ווי אַ שיינענדער פלאַם, אַרויסטרעטען אין פאָדער־גרונד פון דער האַלב־דונקעלקייט, און מאַכען די פינסטערניש דורכזיכטיג, און די האַלב־פינסטערניש — באַלויכטען.

אין פאַרוואַנדשאַפט מיט רעמבראַנדט'ס קונסט, צווינגט אויך היינע, די ריין־מאָדערנע וועלט פון פ א נ ט א־ז י ע ס און ח ל ו מ ו ת מיט אומבאַמערקטע איבערגענג צומאָל אַרויסטרעטען פאַראויס אין ווירקליכען לעבען, און צומאָל פאַר־שוואונדען ווערען. אַן אַנדערש מאָל איז דאָס זעהעניש העל באַ־לויכטען, וועהרענד די רעאַלע וועלט איז באַהאַלטען אין פינס־טערניש, און אַמאָל איז פּונקט קאַפּויר: דאָס זעהעניש ווערט בלאַס, און די רעאַלע וועלט טרעט אַרויס פאַראויס העל־באַלויכטען.

* * *

היינע און געטע.

מיר האָבען שוין געזעהן, אַז ווען היינע איז געווען אַ סטו־דענט אין באָן, האָט ער זיך שטאַרק פאַראינטערעסירט מיט'ן גרינ־דער פון דער ראָמאַנטישער שולע. די פּערזענליכקייט פון אַ. וו.

שלעגעל'ן האָט אויף איהם געהאַט אַזאַ צויבערנדע ווירקונג, ווי זיין לעהרע. ער איז באַגייסטערט געוואָרען פון איהם, אַלס דעם מאַן, וואָס האָט אומגעקעהרט די דייטשע פּאָעזיע צו דער ווירק־ליכקייט, און האָט באַזייטיגט די אוננאַטירליכקייט, וואָס האָט אין איהר געהערשט. אויסער דעם האָבען איהם באַצויבערט די שעהנע מאַנערען פונ'ם אַריסטאָקראַטישען לעהרער, זיין וועלטליכער טאָן, זיין באַקאַנטשאַפט מיט דער בעסטער געזעלשאַפט פון יענער צייט.

דערנאָך האָט איהם געריהרט די גוטסקייט, מיט וואָס שלעגעל האָט זיך באַצויגען צו איהם און צו זיינע ערשטע פּאָעטישע פּראָ־בען. שלעגעל איז געווען דער ערשטער, וועלכער האָט געלערענט היינע'ן דעם סוד פון ליעדער־שרייבען, און דאָס וויכטיגסטע פון אַלץ איז דאָס, וואָס שלעגעל האָט איהם געמאַכט צו „גלויבען אין זיין פעהיגקייט און זיין צוקונפט.

שוין אין היינע'ס ערשטען פּראָזאַאישען אַרטיקעל, אין וועלכען עס רעדט זיך וועגען ראָמאַנטיזם פון 1820, ווערט די דאַנקבאַרקייט אויסגעדריקט צוגלייך מיט זיין ראָמאַנטישען גלויבענס־באַקענטעניש. ער פּראָטעסטירט געגען דער מיינונג, אַז ראָמאַנטיזם איז כלומר'שט „אַ געמיש פון שפּאַנישען עמאַל, שאָטלענדישע נעבלען און איטאַליענישע פּוסט־קלינגעריי": ניין, דער ראָמאַנטיזם דאַרף ניט זיין אומקלאָר און אומבאַשטימט, זיינע געשטאַלטען דאַרפען זיין געצייכענט מיט דיזעלביגע קלאָהרע קאָנ־טורען ווי אין דער קלאַסישער פּאָעזיע: „דערפון קומט עס — שרייבט ער — וואָס אונזערע צוויי גרעסטע ראָמאַנטיקער, געטע און א. וו. שלעגעל, זיינען אין דערלעצטער צייט אונזערע גרעסטע פּלאַסטיקער". און ער רופט אַן געטע'ס „פאוסט" און שלע־געל'ס „רויב" אַלס ביישפּיעלען פון פּלאַסטישע קאָנטורען און ער רופט אויס פּאָלגענדען באַגייסטערטען אויסרוף: „אַך, ווען זיי זאָלען עס קאָנען גוט פאַרשטעהן, די, וועלכע רופען זיך אַן שלעגעליאַנער!" די פּערזאָנען, וואָס האָבען געוואוסט היינע'ס פאַר־העלטנים צו שלעגעל'ן, נאָר דאָך דעם העסליכען אָנפאַל אויף דעם לעצטענס פערזענליכען לעבען אין דער „ר אָ מ אַ נ ט י ש ע ר ש ו ל ע", דאַרפען געדענקען אָט די ציטירטע שורות. היינע האָט אויך זיינע ערשטע צוויי סאָנעטען געווידמעט שלעגעל'ן. אין דער

ערשטער דאַנקט ער שלעגעלן פאַר זיין גוטער באַציהונג צו איהם, און באַצייכענט מיט וואָס ער איז איהם דאַנקבאַר; אין דער צווייטער לויבט ער זיינע פאַרדיענסטען פאַר דער דייטשער פּאָעזיע, פון וועלכער ער האָט באַזייטיגט אַלעס וואָס איז באַנאַל, געקינסטעלט און פאַלש קלאַסיש; אין דער דריטער לויבט ער איהם פאַר זיין אַריינפיהרען אין דער מאָדערנער דייטשער ליטעראַטור די ענגלישע, שפּאַנישע, אַלט־דייטשע, איטאַליענישע און אינדישע פּאָעזיע. דער טאָן פון דעם ליעד איז אַ באַגייסטערטער:

„דער ערגסטער וואָרם — איז דער געפיהל פון פאַרצווייפלונג; דער ערגסטער סם — דאָס איז דאָס ניט־גלויבען אין די אייגענע קרעפטען, וואָס האָט שיער ניט צובראָכען מיין לעבען; איך בין געוועזען אַן אַנטרונענער, אָהן הילף פון אימיצען, האָסטו רחמנות געקראָגען אויף מיר, האָסט מיך געשטיצט מיט אַ גוט וואָרט, און איך דאַרף דיר זיין דאַנקבאַר אויב דאָס שוואַכע אַנטרונען וועט ברענגען פרוכט".

אונטער'ן איינפלוס פון אַט די ערשטע ראָמאַנטישע ווינטען שרייבט היינע זיינע ערשטע ריין־ראָמאַנטישע ליעדער אין אַלטען סטיל. דאָס זיינען זיי:

„דו ביזט אַזוי שעהן און ריין, וואונדערבאַרע מאַגדאַלין; דיר אַליין וואָלט איך געוואָלט שענקען מיין לעבען. דיינע זיסע אויגען גלאַנצען מילד ווי לבנה־שיין; העל־ראָזעווע קוויטען בליהען אויף דיינע רויטע בעקלעך."

אַט די ליעדער דערמאָנען שטאַרק טיקס ליעדער אין זיינע מעשה'לעך. אין איינער פון די פון אונז־געבראַכטע ליעדער געפינען זיך די ווערטער: „וואַננע, מעגדעליין, אונגעליין, וועננעליין, מינדבען, וויילאַנד" — אַ גרויסע צאָהל פון פאַרקלענערענדע און אַלטע אויסדרוקען.

אַלס ביישפּיעל פאַר'ן דיכטער איז געוועזען דער סימפּאַטישער דייטשער דיכטער מיט'ן איידעלען געשמאַק, וועלכער איז געשטאָרבען אין 1827 אין עלטער פון 31 יאָהר, ווילהעלם מילער; ער איז געוואָרען זעהר באַריהמט, הויפּטזעכליך אַ דאַנק שובערט'ס מוזיק „דאָס ליעד פון אַ מילנער" און די ניט־ווינציגער באַוואוסטע אין זיין צייט „גריכישע ליעדער". ער איז דער פאָטער פון דעם

באריהמטען דייטש־ענגלישען פילאָלאָג מאקס מילער, וועמעס נאַ־ וועלע „דייטשע ליעבע“, אין וועלכער ער באשרייבט די ליעבע־ פארהעלטניש פון א יונגען דייטשען וויסענשאַפטס־מאַן צו דער קראַנקער, צו בעט־ליגענדער פרינצעסין, איז באגרינדעט, ווי מען באהויפּטעט, אויף א פאַסירונג פון זיין פאַטער׳ס לעבען.

היינע שרייבט צו מילער׳ן אין א בריעף פון דעם 7טען יוני, 1826:

„איך בין גענוג גרויס אום עפענטליך פאר אייך זיך מודה צו זיין, אז מיין קליינער „אינטערמעצא“ איז נים נאר עהנליך צו אייער דיכטונג, נאר זיין הארציגען ריטם האט ער זיכער צו פארדאנקען אייערע ליעדער“.

ווייטער ענטוויקעלט ער דעם געדאנק, אז צו פריה ווערט ער באאיינפלוסט פון די דייטשע פאָלקס־ליעדער און אז אין „רוים“ האט איהם שלעגעל ענטדעקט דעם סוד פון שרייבען ליעדער.

„נאר — זעצט ער פארט — איך האב נאר אין אייערע ליעדער געפונען ריינע הארמאָניע און אמת׳ע פשוט׳קייט, צו וועלכער איך האב שטענדיג געשטרעבט. ווי קלאר, ווי ריין אייערע ליעדער זיינען! זיי זיינען ווי אמת׳ע פאָלקס־ליעדער. אין מיינע ליעדער איז נאר די פאָרם פאָלקסטימליך; דער אינהאלט אבער ענט־ שפּרעכט די באדינגונגען פון דער געזעלשאַפט.“

נאר ביי מילער׳ן האט זיך היינע אויסגעלערענט צו באשאַ־ פען פון דער פאָרם פון אלטע פאָלקס־ליעדער — נייע ליעדער. אום צו פארשטעהן ווי אזוי היינע׳ס סטיל איז ענטשטאַנען און זיך פאָרמירט, דארף מען מאכען א פארגלייך צווישען מילער׳ס און היינע׳ס עטליכע ליעדער: ביי מילער׳ן הייסט עס:

„מיר זיינען אזוי באקוועם געזעסען צוזאמען אונטער׳ן בוים ביים פארקאַן, און האבען אזוי פארטראַכט געקוקט אויף דעם רוי־ שענדען טייכעל פון אונטען“.

ביי היינע׳ן:

„מיר זיינען אזוי געזעסען ביים פישער׳ס הייזעל און געקוקט אויפ׳ן ים, ביז דער אבענד־נעבעל האט זיך אויפגעהויבען און זיך נעלעגט אויף אונז“.

און ווי עהנליך איז די לעצטע סטראָפע אויף א סטראָפע ביי

דעמזעלבען מילער׳ן: „איצט לאָזט זיך אראָפּ דער אָבענד־נעבעל, אַ קאַלטער און שווערער, און די מלאכים פון טוידט טראָגען זיך אין נעבעלדיגע וואָלקענס ארום אונז“.

אַט די שורות זיינען אַן אריינפיהר צו דעם גרויסען, פּראַכט־פולען געדיכט אונטער׳ן נאָמען „דער ביוואוּאַק (ביידעל) פון די פּאַסטוכער אין דער רוימישער קאַמפּאַניע“. דער הויפּט־סוזשעט פונ׳ם געדיכט איז דעם פּאַסטוכ׳ס ליעד, וואָס דריקט אויס זיין בענקשאַפט נאָך דער געליעבטער. וויפיעל באַלעהרענדעס האָט היינע ארויסגעבראַכט אין אַזאַ סטראָפע, וואו אַ יונגע מיידעל ווערט אַזוי באַשריבען: „דאָרט אונטען זיצט אַ מיידעל און דרעהט איהר שפּין־ראַד. זי וועבט און פאַנטאַזירט און קוקט אראָפּ אויף דעם פלאַכען טאַל“. עס איז גאַנץ אמת, אַז די אידיליע ווערט ניט צו־שטערט ביי ווילהעלם מילער׳ן מיט עפּעס אַן ענדערונג אין דער שטימונג; דער דיכטער האָט ניט קיין טיפעל אין בלוט, און דאָס ווייכע אַנדאַנטע פונ׳ם טעמפּאָ דערגעהט ביז דער ענד פונ׳ם ליעד. נאָר דאָך איז ניט אין דעם דער הויפּט־אונטערשייד אינ׳ם סטיל פוןביידע דיכטער. אויך היינע קאָן אַמאָל דורכפיהרען אַ שטילע, רוהיגע שטימונג דורך אַ גאַנץ ליעד. דער חילוק איז נאָר אין דער קורצקייט פון היינע׳ס סטיל אין פאַרגלייך מיט מילער׳ס. ער גיט אין איינער, אַם העכסטען אין צוויי ליעדער דאָס, וואָס מילער גיט איבער אין צעהן.

דאָס נייע אין זיין לירישען סטיל באַשטעהט אין דער ביז איהם נאָך ניט געזעהענער קורצקייט. זיינע ליעדער שטעלען פאָר אַן אמת שטאַרקען עקסטראַקט. זיי פאַרמאָגען אַן אַנגענעמע, פיין־שמעקענדע עסענציע פון ליידענשאַפט, לעבען־געניטקייט, ביטער־קייט, שאַרפזיניגקייט, שפּאַט, שטימונג און פאַנטאַזיע — די עסענ־ציע פון פּאָעזיע און פּראָזע אין דער זעלבער צייט. די פּסיכאָלאָגען רופען עס אַן — די קאָנדענסאַציע פון געדאַנקען 1). פאַרגלייכענ־דיג דעם שילער׳ס דענקען מיט׳ן לעהרער׳ס, איז דעם שילער׳ס דענקען קאָנדענסירט. שטענדיגע קאָנדענסירונג באַמערקט זיך אין דער גאַנצער געשיכטע פון דער טעכניק. אַמאָל האָבען נאָר

1) לאַצאַרוס, „דאָס לעבען פון דער נשמה“, צווייטע אויסגאַבע.

עקזיסטירט טורעם־זייגערס, יעצט טראָגען מיר זייגערס אין די קעשענעס, — מיט אַנדערע ווערטער: אַמאָל האָבען די מעכאַניקער געדאַרפט האָבען אַ קאָנסטרוקציע פון אַ טורעם־זייגער פאַר די רעדלעך און שרייפעלעך, וואָס געפינען זיך איצט אין קעשענעזייגערס. פונקט אַזוי זיינען ניט פאַרהאַן אין פיעלע אַלטע טראַגעדיעס מעהר געדאַנקען און געפיהלען, וויפיעל עס געפינען זיך אין איינציגע היינע׳ס סטראָפען.

פאַרגלייכענדיג מיט די קורצע סטראָפען פון ווילהעלם מילער׳ן זעהען מיר ביי היינע׳ן ניט נאָר אַ מעהר ליידענשאַפטליכען אינהאַלט, נאָך נאָך אַ פיעל גרעסערען קאָנדענסירטען סטיל.

ווערענד מילער האָט געהאַט אַן איינפלוס אויף היינע׳ס קורצען, יאַמב־מעסיגען פערז, איז ער אין זיינע טראָכעיען נעהענטער צו אַ צווייטען, מעהר ראָמאַנטישען דיכטער: קלעמענסאַ ברענטאַנאַ. אין איינציגע פון זיינע „ראָמאַנסעראָ“ באַגעגענען זיך עהנליכקייטען צו ברענטאַנאָ׳ס ערשטע „ראָמאַנסען און ראָזענקראַנצען“; נאָר אַזוי ווי די לעצטע זיינען ערשט ערשינען אין 1853, פאַלט אוועק יעדער געדאַנק וועגען נאָכאַהמונג.

אין איין ראָמאַנס פון די „ראָזענקראַנצען“ רעדט זיך וועגען דעם העלד קאָסמע:

„עס שפּיגעלט זיך אָפּ אויף דעם וואַסער־שפּיגעל דער שלעכטער אַנזאָגער פון אַלטקייט: ווערסט גיך באַצאָהלען דעם חוב, דערויף צייגט דער „זילבערנער לאָקאָן“.

אין היינע׳ס ליעד „בימיני“, וואָס איז פאַרעפענטליכט געוואָרען נאָך זיין טויט, הויבט זיך אָן איין אַבטיילונג מיט פאָלגענדע ווערטער:

„איינזאַם איז געשטאַנען אויפ׳ן ברעג פון קובאַ — פאַר׳ן שטילען וואַסער־שפּיגעל — אַ מענש; ער האָט באַקוקט זיין געשטאַלט אין וואַסער. ווי עס האָט אויסגעקוקט, האָט דער אַלטער אָהן אַ באַזונדער פאַרגעניגען געקוקט אויף זיין אָפּשפּיגלונג אין וואַסער“.

דער געדאַנק, צונויפשטעל און פאָרם פונ׳ם ליעד איז כמעט דערזעלבער ביי ביידען.

עס איז אויך דאָ אַ געוויסע עהנליכקייט צווישען דער געשיכטע וועגען דעם מיסטעריע־בוך אין ניינטען ראָמאַנס פון די „ראָזענ־

קראַנץ", און דער געשיכטע וועגען דעם שעהנעם קעסטעלע אין היי־נע'ס גרויסען ליעד וועגען „יהודה בן הלוי" 1). דער אונטערשייד איז נאָר אין דעם: ביי ברענטאַנאָ'ן ענטדעקט אונז די געשיכטע וועגען דעם בוך, וואָס געהט פון האַנט צו האַנט, נאָר די ראָמאַנ־טישע וואונדער־וועלט, וועהרענד ביי היינע'ן ווערט דאָס ארומגעהן פונ'ם קעסטעלע פאַרוואַנדעלט אין אַ שפּאַס וועגען דער ניט־באַ־שטענדיגקייט פונ'ם לעבען: דער פּערל געהערט צוערשט צו סמערדיסען, זי שענקט איהם אַטאַס'ען, דערנאָך צו אַלעקסאַנדער דעם גרויסען, וועלכער גיט איהם אָפּ טאַאיס'ען; דערנאָך געהט ער איבער צו קלעאָפּאַטראַ'ן, דעם מאַוורישאַנער סולטאַן, דער קאַס־טילישער רעגירונגס־קאַסע, און ענדליך, צו דער באַראָנעסע סאַלאָמאָן ראָטשילד; מיט אַ קאָמפּלימענט צו איהר ענדיגט זיך דאָס גאַנצע ליעד.

היינע האָט, בלי ספק, גענומען ביי קלעמאַנסאַ ברענטאַ־נאָ'ן דעם סוזשעט פונ'ם ליעד, וואָס איז מעהר פון אַלע פאַר־שפּרייט אין דייטשלאַנד און ווערט אַממעהרסטען געזונגען: „איך וויים ניט וואָס זאָל דאָס באַדייטען".

ברענטאַנאָ האָט נאָך אין זיין „גאָדווי" פון 1802, אָפּגעדרוקט אַ באַלאַדע אונטער'ן נאָמען „לאָרעליי". דאָרט ווערט ניט דער־צעהלט וועגען אַ סירענאַ, נאָר וועגען אַ יונג מיידעל פון באַכראַך ביים ריין, וואָס איז געווען אַזוי פּראַכטפול, אַז אַלע האָבען זיך אין איהר פאַרליעבט. מען האָט זי באַשולדיגט אין כשוף. נאָר דער עפּיסקאָפּ וואָס האָט זי געדאַרפט פאַראורטיילען פאַרברענט צו ווערען אויפ'ן שייטער־הויפען, האָט אויך ניט געקאָנט אויס־מיידען דעם אַלגעמיינעם שיקזאַל און האָט זיך אין איהר איינ־געליעבט. זי בעט אויף זיך אַ טויט־אורטייל, וואָרום דער, וועמען זי ליעבט, האָט זי פאַרלאָזט. ווען דער עפּיסקאָפּ באַפעהלט זי אָפּצופיהרען אין מאָנאַסטיר קריכט זי אין מיטען וועג ארויף אויפ'ן שטיינערנעם באַרג „לאָרעליי" (לעי — מיינט אַ מאַרמאָר

1) פאַרגלייך: עדוואַרד גריזבאַך, „די דייטשע ליטעראַטור", זייט 254, וואו דער פּראָפעסאָר באַהויפּטעט דאָס מיט זיכערקייט.

באַרג) און וואַרפט זיך אַריין אין ריין, פון פאַרצווייפעלטער בענק־שאַפט נאָך איהר געליעבטען.

דאָס האָט אין 1811 באַוואויגען דעם שרייבער ניקאָלאַי פאָגט אָנצושרייבען די אַזוי־גערופענע „ריין־לעגענדע“, ערקלערענדיג, אַז זי איז גענומען געוואָרען פון די אַלטע לעגענדעס. לאָרעליי האָט אויפ'ן וועג אין מאָנאַסטיר באַגעגענט איהר געליעבטען, וואָס איז אונטען געפאָהרען אין אַ שיפעל, און פאַרצרות, וואָס זי קאָן ניט האָבען זיין געגענזייטיגע ליעבע, וואַרפט זי זיך אין ריין אַריין. דריי פון איהרע פאַרגעטערער זיינען נאָכגעשפרונגען נאָך איהר. דעריבער טראָגט דער נאָהענטער באַרג דעם נאָמען „דריי־ריטער־שטיין“. די לעצטע געשעהעניש איז, מעגליך, גענומען פון דער ענדע פון ברענטאַנאָ'ס ליעד.

ווער האָט געזונגען דאָס ליעד? דער שיפער האָט עס הויך געזונגען, זיצענדיג אויפ'ן ריין־ברעג. זיין ליעד האָט זיך אין דער הויך געגאָסען, צוטראָגענדיג זיך פון די הויכע בערג אַראָפ. „לאָ־רעליי! לאָרעליי! לאָרעליי! דריי זיינען מיר אין וועג געוועזן“.

פון אָט דער ווירקליך פאַנטאַזיע־פולער פאָלקס־לעגענדע האָט אַ געוויסער גראַף לעבען גענומען אין 1821 אַ סוזשעט פאַר'ן ליעד לאָרעליי, אין וועלכען אַ יונג מיידעל, וואָס באַגעהט זעלבסט־מאָרד, ווערט פאַרוואַנדעלט אין אַ רוסאַלקע, וועלכע פאַרנאַרט מיט איהר זינגען אין אַפגרונד אַריין פאַרבייפאָהרענדע פישער 1):

„אויף דעם גרויסען פעלזען־שטיין, וועלכער איז באַלויכטען פון לבנה־שיין, זיצט די צויבער־פרוי און קוקט אויפ'ן ריין. זי קוקט אין אַלע זייטען, אַרום זיך, אַרויף און אַראָפ, די שיפלעך שווימען פאַרביי. ליעבער אינגעל, קוק ניט אַרויף! זי וועט דיך פאַר־כשופ'ן מיט איהרע ליעדער, זי וועט דיך דורכשטעכען מיט איהר בליק; דאָס איז די שעהנע לאָרע, זי וועט דיך פאַנגען“ און אַז. וו.

לאָמיר איצט נעהמען דאָס איבעראַל באַקאַנטע היינע'ס ליעד, וואָס איז צוערשט געווען אַ סטודענטען־ליעד, און איז דערנאָך

1) א. שטראָדטמאַן: „ה. היינע'ס לעבען און ווערק“, צווייטע אויפלאַגע, 1 באַנד, זייט 696.

געוואָרען א פאָלקס־ליעד; עס כאַפּט אוש ביים הארצען, און באַצויבערט מיט דער צאַרטער צונויפקניפּונג פון דער מעלאָדיע מיט'ן טעקסט. עס איז אומצוויפעלבאר, נאַכגעמאַכט. דערזעלבער סוזשעט, דערזעלבער פּערזען־מאָס, אפילו דער ריטם איז דערזעלבער, למשל: בליצט—זיצט. אויפ'ן אָרט פון קאָהן—געטאָהן, שטעהט נאָר אָן—געטאָן, אבער וואָס פאר אַ אונטערשייד! צום סוזשעט איז צוגעקומען שטימונג. מיר האָבען צוערשט פאר זיך א פּערזענליך פּסיכאָלאָגישען איבערגאַנגס־פּונקט, אַן אומערקלערליכע בענקשאַפט, אונטער וועמעס איינפלוס דער דערצעהלער קאָן בשום אופן ניט באַפרייען זיך פון דער אַלטער געשיכטע, דערנאָך שוועבט פּלוצלינג פאר אונז ארוים א בילד, א באַשטימטע, דייטליך־געמאָהלענע לאַנדשאַפט:

„די לופט איז קיהל, דונקעל, און רוהיג פליסט דער ריין. די בערג־קעפּ פינקלען אין שיין פון דער פארגעהענדער זון. די שעהנסטע יונגע מיידעל זיצט דאָרט אויבען און מיט א גאָלדענעם קאַם קעמט זי זיך די גאָלדענע האָר".

צולעצט טרעט אריין דער עלעמענט פון דעמאָנישער ליידענשאַפט. די, וואָס האָבען שוין פריהער געפּרובירט באַארבייטען דעם סוזשעט האָבען דאָס ניט געקאָנט אריינשטעלען. היינע באַשרייבט דאָ אַן עלעמענטאַרע צויבער־קראַפט, עהנליך צו דער, וואָס געטע האָט איינפאַכער באַשריבען אין זיין ליעד „דער פישער", און עס האָט געמאַכט א שטאַרקען איינדרוק. נאָר געטע מיט זיין רוהיגער נאַטור באַשרייבט א שטילע, רוהיגע, גלעטענדיגע פאַר'שכור'ונג; און היינע, אין איינקלאַנג מיט זיין כאַראַקטער, שילדערט א בליץ־שטורמדיגע ליידענשאַפט, וואָס מאַכט אַן אומבאַשרייבליכען איינדרוק.

עס איז מעגליך, אַז מיר וועלען באַקומען א טיעפערע פאַרשטענדניש וועגען היינע'ס קינסטלערישען שאַפען און וועגען די מיטלען, מיט וועלכע ער באַארבייט זיינע סוזשעטען מיט דער הילף פון פאַנטאַזיע, ווען מיר וועלען זיך צוקוקען ווי אַזוי ער נוצט אויס א פּראָזאאישען סוזשעט. עס זעהט אויס, אַז היינע האָט געפונען אין אַנרי בעיל'ס בוך „דע־לאַמור" פאָלגענדע ערצעהלונגען, איבערזעצט פון אראביש:

„סאַגיד בן־אַגאַ האָט אַמאָל געפרעגט זיין אראַב: „פון וואַ־

סער א שבט קומסטו? — איך קום פון דעם שבט — האָט דער אַראַב געענטפערט—אין וועלכע מען שטאַרבט ווען מען פאַרליעבט זיך.— ביזטו, הייסט עס, פון אַזראַס שבט? — יאָ, איך שווער ביים הער־שער פון קאַאבע, אַז איך קום פון דעם שבט. — פאַרוואָס־זשע ליעבט איהר אַזוי? — אונזערע פרויען זיינען פּראַכטפול און אונזערע יונגע־לייט — ריין.

און ווייטער:

„איינמאָל האָט מען געפרעגט אַרוא בן־האזעמא פון עזראַ'ס שבט: — איז דאָס אמת, אַז מעהר פון אַלע מענשען פאַרמאָגט איהר די צאַרטסטע ליעבע־געפיהלען? — יאָ, עס איז אמת — האָט אַזראַ געענטפערט, — איך האָב געקאַנט אין מיין שבט דרייסיג יונגע־לייט, וועלכע זיינען געשטאָרבען, ניט פון קיין אַנדער קראַנק־הייט, אויסער ליעבע".

צולעצט:

„איין אַראַבער פונ'ם שבט בעני־פאַזאַראַטאַ האָט זיך איינמאָל אָנגערופען צו אַן אַראַב פונ'ם שבט בעני־אַזראַ: איך האָב ביז איצט געדענקט, אַז דער טויט וואָס קומט פון ליעבע איז זיס און מוטיג. נאָר דאָס איז, אייגענטליך, אַ נאַרישקייט און אַ קראַנק־הייט. — דו וואָלסט אַזוי ניט גערעדט, — האָט דער צווייטער געענטפערט, — ווען דו וואָלסט געזעהן אונזערע, מיט וואָאַלען פאַרדעקטע, פרויען, מיט זייערע גרויסע שוואַרצע אויגען, מיט די לאַנגע ברעמען, ווען דו וואָלסט זעהן ווי זייערע ציינער בלישטשען צווישען די רויטע ליפּלעך, ווען זיי לאַכען".

אַט די אַנעקדאָטען האָבען געגעבען היינע'ן דעם סוזשעט פאַר זיין באַריהמט ליעד: „דער אַזראַ": „יעדען טאָג האָט אין האַרעם־גאָרטען שפּאַצירט". היינע שילדערט צוערשט דאָס פּלאַץ, דעם גאָרטען מיט'ן פאָנטאַן, וואו דאָס וואַסער ברויזט, דערנאָך ווייזט ער אונז אַ שקלאַף, וועלכער קומט יעדען טאָג אין גאָרטען, ווען דעם סולטאַנ'ס טאָכטער שפּאַצירט און ער ווערט יעדען טאָג אַלץ בלאַסער און בלאַסער; און צולעצט דערצעהלט ער אונז, ווי די פּרינצעסין האָט זיך איין אָבענד געווענדעט צום שקלאַף מיט אַפגעהאַקטע פראַגען: „איך וויל וויסען דיין נאָמען, דיין שבט, דיין אָפּשטאַמונג".

„און דער שקלאַף ענטפערט: מיין נאָמען איז מאַכמער, מיין געבורטס־אָרט — יעמען, און מיין אָפּשטאַמונג איז פון די עזראַ'ס, וועלכע שטאַרבען, ווען זיי פאַרליבען זיך".

ווי איהר זעהט, האָט היינע דורכגעלאָזט אַלע ערקלערונגען. האָסט אַ שטאַרקע הנאה פון דער וואונדערבאַרער קורצקייט פון אָט די מאָנומענטאַלע ווערטער, פון דער פעהיגקייט אויסהאַקען אַ רעפּליק, ווי פון שטיין. נאָר לאָמיר זיך פאַרטיפען אין אינהאַלט פון די ליעדער און זעהן, וואָס איז זייער גייסטיגער אינהאַלט? דאָס גאַנצע ליעד באַשטעהט אין דער לאַקאָנישער צונויפקניפּונג פון די ווערטער, ליעבע און טוידט. דאָס איז די צונויפקניפּונג, וועלכע מערקט זיך אין אַלע היינע'ס יוגענד ליעדער — דאָס צונויפבינדען פון ליעבע און ליידען, ליעבע און פאַר'סמ'ונג, ליעבע און גע־דאַנקען וועגען זעלבסט־מאָרד — די פאַרבינדונג פון לאַמור און לאַ מאָרט, וואָס מיר זעהען אויך ביי מיוסע'ן אויף יעדען שריט.

דער אויסדרוק איז דאָ, ווי אין אַלגעמיין ביי היינע'ן, עפּיגראַמאַטיש, פּאַלגליך, ניט ווערטער־רייך.

איצט האָבען מיר גענוג מאַטעריאַל אום צו באַקומען אַ פאָר־שטעלונג, ווי אַזוי היינע האָט אויסגעאַרבייט זיין דיכטערישען סטיל. עס איז נוצבאַר איהם צו שטודירען אין אַ פאָרענדיג־טען, גאַנץ־ענטוויקעלטען אויסזעהן.

לאָמיר נעהמען אַלס אויסגאַנגס־פּונקט דאָס פון אונז געבראַכטע לעצטע ליעד מיט'ן עפּיגראַמאַטישען סוף. עס איז כאַראַקטעריס־טיש פאַר היינע'ן, וואָס דאָ, ווי אין אַלגעמיין, אומעטום, פאַרטיעפט ער זיך ניט אין דער אינערליכער אינהאַלט־אומענדליכקייט. צו־מיינסטען פאַרשאַרפט ער און פאַרשטאַרקט די געפיהלען־אויס־דריקען. אַזוי טהוט ער אויך מיט די ליעבעס־געפיהלען, וואָס ציהען צו זיין אויפמערקזאַמקייט מעהר ווי אַלץ אַנדערש. און, צו לעצט, איז היינע אָריגינאַל דערמיט, וואָס ניט קאָנענדיג זיך איבערטראָגען אין אַ צווייטענ'ס געדאַנקען, האָט ער שטענדיג גע־שילדערט די געפיהלען פון מענערשער ליעבע, און קיינמאָל ניט געפּרואווט באַשרייבען די פרויען־ליעבע. היינע'ן איז זעהר פרעמד אַזאַ שילדערונג, ווי אין געטע'ס באַוואוסטען ליעד וועגען דער

פרייד, וואס כאפט ארום א פארליעבטע פרוי. געטע גיט א פאל־שטענדיגע כאראקטעריסטיק פון דער ליעבע: מיר האבען איהר אינערליכען לעבען, איהר פולסירען, איהר וואקלען זיך צווישען תענוג און ליידען. היינע׳ס עפיגראמאטישער סטיל מאכט אומ־מעגליך אזא ענטוויקלונג פון דעם געפיהל־לעבען. און ער צייכענט זיך אוים מיט דערזעלבער קורצקייט ווי דעמאלט, ווען ער הויבט אן באשרייבען עפעס א פאסירונג. אזא קורצקייט באגעגנען מיר ניט ביי קיין אנדער דיכטער: ער ווירקט אויפ׳ן לעזער מיט אנ־צוהערענישען און אנצייגונגען, וואס זיינען מערקווירדיג צונויפגע־פרעסט. איך וועל ברענגען, אלס ביישפיעל, פאלגענדע סטראפען:

„עס איז געווען אן אלטער קעניג, זיין הארץ איז שווער געווען, זיין קאפ גרוי. דער ארימער אלטער קעניג האט געהייראט א יונגע פרוי. עס איז געווען א שעהנער פאזש, בלאנד איז געווען זיין קאפ, לייכטזיניג זיין מח. ער טראגט נאך דער יונגער קעניגינ׳ס זיידענעם שלעפ״.

באמערקט דעם וואונדערבארען עפעקט, וואס עס מאכט אט די ווערטער־צוזאמענשטעלונג: „בלאנד איז געווען זיין קאפ״; עס דוכט זיך, אז דאס ליעד אליין ווערט פרעהליך און טאנצענדיג. און איצט לייענט דעם סוף:

„קענסטו דאס אלטע ליעד? עס קלינגט אזוי זיס און אומעטיג! זיי מוזען ביידע שטארבען, ווייל זיי ליעבען זיך צו שטארק״.

דער סוף איז פראכטפול. אבער די געשיכטע אליין איז פאר אונז אומקלאר: מיר דארפען זיך אנשטויסען, ווי מען דארף זיך אנשטויסען אז דער געשיכטע וואס שפיעלט זיך אפ צווישען דעם שקלאף און דעם סולטאנ׳ס טאכטער, און אויך דא איז ליעבע מיט טוידט צוזאמענגעבונדען.

עס איז שטענדיג פאראן עפעס א פוסטקייט און אינהאלטס־לאזיגקייט אין היינע׳ס ליעבע־באגריף, וואס מיר זעהען אויך דא קלאר. אט די ליעבע פארמאגט ניט קיין ווירקליך־אי־נערליכען אינהאלט, קיין מאראלישען ווערט. אדער, ריכטיגער, היינע האט ערשט אויף זיין טויטען־בעט אנגעהויבען באשרייבען די ליעבע, וואס האט אן אינערליכען זין. די ליעבע אין דעם „בוך פון ליעדער״ ווערט אממיינסטען געשילדערט ווי א באקלא־

גען זיך אויף דער געליבטער׳ס קאַלטקייט און אומטרייהייט. דאָס איז אַלץ פוסטקייט וואָס דערוועקט ניט קיין מיטגעפיהל. די שפּע־טעריגע ליעבע־ליעדער זיינען צומיינסטען ליידענשאַפטליכע און לייכטזיניגע, און וואָס שרייענדער זיי זיינען געשריבען אַלץ אַ קלענערען איינדרוק מאַכט דאָס געפיהל אויף אונז:

„מיין הארץ איז ווי די זון, אַזוי פלאַמענד און שעהן, און אין אַ ים פון ליעבע פאַרזינקט עס“.

צופיעל גרויסהאַלטונג און באַרימעריי ענטהאַלט אין זיך אַט דאָס יוגענד־שרייענדיג ליעד. דאָסזעלבע קאָן מען זאָגען וועגען דעם פאָלגענדען ליעד:

„איך האָב דיך געליעבט און ליעב דיך נאָך איצט; און ווען די וועלט זאָל אפילו חרוב ווערען, וואָלטען דורך די רואינען מיינע ליעבע־פלאַמען זיך דורכגעשלאָגען“.

פאַר דעם דיכטער איז דאָ הויפּטזיכליך וויכטיג געווען דער קינסטלערישער איינדרוק, און די ליעדער זיינען אָנגעשריבען אין אַ גוטען, ריין־מאָדערנעם סטיל. דאָס גאַנצע בילד טראָגט זיך דייטליך דורך פאַר אונזערע אויגען: דאָס הארץ פאַרזינקט אין ים, גלייך ווי די זון. די ניט־אויסגעלאָשענע ליעבע־פלאַמען שלאָ־גען זיך דורך די וועלט־רואינען. עס באַקומט זיך אַ נאָך מעהר מאַלערישער, ערהאַבענער בילד, ווען אַגנעס׳עס נאָמען ווערט אויפגעשריבען אויף דעם הימעל־געוועלב. נאָר די ליעדער פאַר־מאָגען ניט קיין נשמה־געפיהל. לאָמיר זיך דערמאָנען, פאַר אַ פאַרגלייך, אָן געטעס טיעף־מענשליכע ווערטער:

„דיר איז באַקאַנט מיין יעדער וועזען־שטריך, ווייסט, ווי ריין עס קלינגט מיין נערווען־סטרונע, מיט איין בליק לייענסטו טיעף אין מיין נשמה, וואוהין אַנדערע שטערבליכע קאָנען ניט אריינ־דרינגען“.

אַדער לייענט איבער דאָס פאָלגענדע ליעד, וואָס פאַרשטאַרקט נאָך מעהר דעם איינדרוק, וואָס באַקומט זיך פונ׳ם ערשטען:

„דו האָסט זיך געלערענט צו זיין גערולדיג און האָסט איינ־געצאַמט דאָס קאָכעדיגע בלוט. האָסט מיך ארויפגעפיהרט אויפ׳ן וועג פון אמת און גוט׳ס; אין דיינע אומאַרמונגען האָט די געפּיי־ניגטע ברוסט געפונען רוה“.

דאָס איז דער אויסדרוק פון דער געזונדסטער, פולסטער, געזעניזייטיגער סימפּאַטיע, דאַנקבאַרקייט פאַר ליעבע, טיעפען פאַרשטאַנד. היינע געפינט אויסדריקען צו כאַראַקטעריזירען אַזאַ ליעבע נאָר אונטער'ן איינפלוס פון זיין געשפּענסט־ליידענשאַפט צו דער יונגער פרוי לאַ מוטשע, וואָס איז צו איהם געקומען ווי אַ מלאך ביי זיין טויטען־בעט; וואָרים דער הויפּט־שטריך אין אַלע אַנדערע ליעדער איז ניט זיין באַשרייבונג פון דער ליעבע, ניט די געזונטע געפיהלען, רוה און גליק וואָס זיי ברענגען. היינע קעניגט אין גאָר אַן אַנדער געביעט.

ליידענשאַפטליכען באַגעהר שילדערט ער ווי אַ מאָדערנער דיכטער מיט אַזעלכע פאַרבען און שטימונגען אין קאָרעדזשיע'ס גייסט פיעל בעסער, ווי געטע מיט זיין אַנטישער קלאַרהייט. דער באַגעהר איז ביי געטע'ן געשילדערט אין גריכישען אָדער איטאַליענישען גייסט. לאָמיר זיך דערמאָנען אַן דער ליעד וועגען דעם זיסען פּאָמעראַנץ:

„איך געה צו צום בוים און זאָג: פּאָמעראַנץ! ביזט אַ ליעבער פּאָמעראַנץ! ביזט אַ זיסער פּאָמעראַנץ! איך הויב אָן וואַרפען דעם בוים, — הערסט? — איך וואַרף איהם! אַ, וואַרף זשע זיך אַריין אין מיינע אָרעמס!“

פאַרגלייכט אַט יענע געזונטע שטימונג, דאָס פייער און פיינשמעקעדיגקייט, די נאַטור וואָס דערהויבט זיך איבער דער פּאָעזיע מיט וועלכער עס איז אָנגעהויכט, פאָלגענדע היינע'ס ליעבע־ליעד, ווי, אַ שטייגער: „די לאָטאָס־בלומען שרעקען זיך פאַר דער זוןפּראַכט“.

פאָלגענדעס איז העכסט כאַראַקטעריסטיש פאַרביידע דיכטער:

ווי מיר האָבען שוין פריהער געזאָגט, איז שטענדיג, ווען עס ווערט געשילדערט די ליעבע אין אַ פרעמד לאַנד, מאָלט געטע צומיינסטען איטאַליע, און היינע — אינדאָסטאַן, נאָר אָהן די פאַרגרעסערונגס־און־פאַרקלענערונגס אויסדרוקען, אָבער מיט אַ געזונדער, ריין־געטליכער קראַפט. לייענענדיג געטע'ס ליעד „מיניאָן“ זעהען מיר פאַר זיך אַ קלאַסיש לאַנד וואו לימענעס בליהען. אַ שטאַרקע קראַפט פיהלט זיך אין יענע ווערטער, אין יעדער באַ־

שריבענער איינצעלהייט, וועלכע היינע קאַן ניט דערגרייכען. נאָר פאַרגלייכענדיג דערמיט היינע'ס זיס ליעד „אויף די פליגלען פון ליעדער־געזאַנג", עפענט זיך פאַר אונזערע אויגען אויף אַ טרוימער־ריש־האַסטיג לידען, אַ פראַכטפול־מיסטישע פערספּעקטיוו:

„עס שפּרינגען אַדום די קלוגע און לייכטע גאַזעלען; און פון ווייטענס הערט זיך דאָס רוישען פון די הייליגע שטראָמען־וועלען."

דאָס איז מיט זיין גרונד־געדאַנק אַן אומשטערבליכע סטראָפע. געטע בלייבט אפילו דעמאָלט, ווען ער צולאָזט זיך אין ליעבע שילדערונגען, פונקט ווי זיין גאָלד־שמיעד פון עפּען, נאָך אַלץ דער גרויסער, קלוגער געצענדיענער, וואָס צייכענט געטער־געשטאַלטען. אין היינע'ס קלאָר־זעהענדען מח האָט זיך געפונען יענער קומער פון געטליכער זינלאַזיגקייט, וואָס איז נויטיג געוועזן, אום דער די־סעלדאָרפער סוחר'ס זוהן זאָל פאַרשטעהן און איבערגעבען אַ פול בילד פון טרוימערישער זעלבסט־פאַרגעסענהייט פון אַלט־אינדיע.

נאָר שאַרפער טרעט אַרויס היינע'ס סטילישע אָריגינאַליטעט אויפ'ן הינטערגרונד פון געטע'ס שאַפען, אויב מיר וועלען פאַרגלייכען ביי ביידע דיכטער יענע פלעצער אין זייערע לידער, וואָס באַשרייבען ניט קיין ליידענשאַפטליכען באַגעהר, נאָר ריינע ליעבע־ליידען.

לאָמיר דערמאָנען די שורות, וועלכע געטע לעגט אַריין אין מיניאָנאָ'ס מויל:

„דער וואָס ווייס וואָס ליעבע בענקשאַפט איז וועט פאַרשטעהן, ווי איך לייד, וועהרענד, ווערענדיג פאַרצערט פון צרות, קעמף איך אַליין. זיך ווענדענדיג צום הימעל, זיך אַרומקוקענדיג אין אַלע זייטען זעה איך, אַז מיין פריינד איז ווייט פון מיר. איך לייד. אַלץ איז געענדיגט. מיין נשמה קוועלט זיך. — יענער, וואָס האָט געוואוסט וואָס ליעבע־בענקשאַפט איז, וועט מיך פאַרשטעהן".

אין דיעזע ווערטער דריקט זיך אויס דעם מאַסטער'ס גאַנצע דיכטערישע טיעפקייט. פיעל קונסט האָט זיך געפאָדערט אויס־צודריקען די פאַרציהענדע מאָנאָטאָנישקייט פון דעם ליעבע־קומער: צומיינסטען די ריפמען, דער אויסגעצויגענער פערז, און ענדליך דער געוואָגטער, אַבסאָלוט־רעאַליסטישער אויסדרוק.

און יעצט וועלען מיר דערמיט פאַרגלייכען די באַשרייבונג פון דעם ריינעם ליעבע־קומער. מיר וועלען ברענגען אַ ליעד, אין

וועלכען אַט דאָס געפיהל דערגרעהט ביז דער העכסטער שטופע, און מיר וועלען זעהן, וואָס פאַר אַ ווערק מען קאָן שאַפען מיט דער הילף פון דער פּלאַסטישער פאַנטאַזיע, מיט דעם פאָלקאָמענסטען קורצען און צוזאַמענגעפּרעסטען סטיל, וועמעס ענטוויקלונגס־געשיכטע מיר האבען געפאָלגט:

„אויף אַ נאַקעטען בערגעל אין צפון שטעהט אַן איינזאַמער דרעמלענדער פיכטענבוים, אין אַ ווייסען דעק, פון אייז און שנעע. ער טרוימט פון אַ פּאַלמע אינ'ם זוניגען לאַנד, וואָס טרויערט איינזאַם און שווייגענד אויף אַן אנגעגליטען פעלזענבאַרג".

דאָס ליעד איז כמעט אָהן ריפמען. מיר לייענען נאָר פאָלגענדעס: אַ פאַרשנעעטער פיכטענבוים טרוימט, און אַן אנגעגליטע פּאַלמע קוועלט זיך אונטער דער הייסער זון. דאָס איז אַ נאָך קיינמאָל ניט געזעהען בילד; דאָס איז אַלץ אויסגעטראַכט; מאָהלען דאָס איז אונמעגליך. איך האָב עס געזעהן אויסגעמאָהלט אויף אַ דייטשער אויסשטעלונג און אַט דאָס צווייערדיגע בילד האָט געמאַכט אַ זעהר נאַרישען איינדרוק. און דאָך איז עס אַן אומגעוועהנליך, אומשטערבליך ליעד! דאָס איז דערפאַר, וואָס דאָס סימבאָלישע בילד איבערראַשט אונז מיט דער איינפאַכקייט, מיט די דייטליכע קאָנטורען פון דער שטימונג, וואָס עס געהט איבער, און איבערצייגט אונז, אַז מען קאָן ניט אונטערדריקען די בענקשאַפט, ניט קוקענדיג אויף דער אינערליכער נשמה־פאַרבינדונג.

אויב געטע'ס קראַפט ליעגט אין דער שילדערונג פון איינפאַכע געפיהלען, געזונטע, ניט געמישטע, ליעגט היינע'ס קראַפט אין קאָנען שילדערען געמישטע געפיהלען ביי די מאָדערנע מענשען, אויסדריקען יענע שמערצליכע נשמה־צופאַלענקייט, וואָס איז אַן אויסגאַנג פון אַן איבערגעלעבטער שווערער ערפאַהרונג. געטע וואָלט קיינמאָל ניט געקאָנט אָנשרייבען אַזעלכע שורות מיט זייערע שאַרפע קאָנטראַסטען און רעטזעלהאַפטען אינהאַלט:

„ווען איך זעה דיינע אויגען, פאַרשווינדט מיין לייד און וועה; אָבער ווען דו וועסט זאָגען: „איך ליעב דיך!" וועל איך ביטער וויינען".

פאַרוואָס דאַרף ער וויינען? איך האָב געהערט, ווי מען האָט אויף דער פראַגע נאַאיוו געענטפערט: „דערפאַר וואָס ער ליגט!"...

אַד, נייַן, די זאַך ווערט ניט אַזוי פּשוט ערקלערט. ער האָט געהערט אָט די ווערטער פון אַ צווייטערם מויל, און זיי זיינען אַנטשוויגען געוואָרען אויף איהרע ליפּען; ער ווייסט ווי לאַנג אַזאַ ליעבע געדויערט, און ער כאַפּט זיך אויף פון זיין זעלבסטפאַרגעסענהייט דערהערענדיג איהר שטימע — ער צווייפעלט אין דער דויערהאַפטיגקייט פון איהר און זיין ליעבע.

עס איז אויך העכסט אינטערעסאַנט צו באַאָבאַכטען, ווי אַזוי היינע, ביים באַאַרבייטען דאָס ליעד, בייט אָפּט די ווערטער. צו־ערשט איז די לעצטע שורה געווען אַזוי אָנגעשריבען: „דעמאָלט וועל איך וויינען שטיל און ביטער". דערנאָך האָט ער דאָס וואָרט „ביטער", ניט קוקענדיג אויף דעם ווידערשפּרוך מיט זיין פון פריהער צונויפגעשטעלטען פּלאַן, פאַרביטען מיט'ן וואָרט „פרעהליך", ביז וואַנען די שורה האָט באַקומען איהר איצטיגען אויסזעהן 1).

היינע איז ניט געווען גענוג גליקליך און גרויס, אום צו זיין צופרידען פון זיין לעבען. אַן עמיגראַנט, וואָס איז צושיידט מיט זיין לאַנד, אַן אומהיילבאַרער, אַ טויט־קראַנקער, אַ צוגעקאָוועטער צום בעט, האָט ער ניט געקאָנט, אויב שוין אפילו אָפּשטופּען אַן אַ זייט אַלע אַנדערע אומשטענדען, קוקען אויף דער וועלט און לעבען מיט אַזעלכע אויגען, ווי עס האָט געקוקט אויף זיי דער, וואָס האָט אויסערליך אויסגעקוקט גאַנץ פאַרזיכערט, און אַרומגערינגעלט מיט עהרע, דער גאַנץ־געזונטער פריינד פון די פירשטען אין וויימאַר. דעריבער געפינען מיר ניט ביי געטע'ן אַזוי פיעל רעבעלירענדע אויסברוכען, אַזוינע פאַרביטערטע איינפאַלען און צינישע אויסדרוקען. געטע לעגט זיי בכלל אַריין אין מויל פון זיין מעפיסטאָפעל. היינע, וואָס פאַרמאָגט ניט קיין דראַמאַטישען טאַלאַנט, האָט געמוזט אויף זיך אַליין טראָגען די פאַראַנטוואָרטליכקייט פון זיינע אויסדריקען, דערפאַר וואָס ער רעדט שטענדיג אין זיין אייגענעם נאָמען. די מעהר שאַרפע אויסדרוקען האָט געטע אַרויסגעוואָרפען פון זיינע ליעדער.

אין איינינגע פּלעצער איי „פאוסט" געפינט זיך, צווישען אַנדערע, פאָלגענדעס:

---

1) ה. היפּטער: „פּונים לעבען פון היינריך היינע", ז. 158.

„אַ געשווינד־לויפענדער ריטם — און דער רוהם באַרוהיגט זיך. דער העלד ווערט פאַרגעסען פון אַלעמען, פון די העכסטע ווי פון די נידעריגסטע. דער גרעסטער קעניג פאַרמאַכט די אויגען און יעדער הונט... אויף זיין קבר".

היינע שטעלט זיך אַפּ אויף אַזעלכע בילדער, וואָס געטע דער־מאָנט זיי נאָר, אום זיי גלייך צו פאַרגעסען. אויך געטע קאָן זיין אַ גאַנץ לעסטערער. ער האָט אַנגעשריבען אַ ליעד וואָס ווערט אָפט ציטירט, אָבער פון ווינציגע פאַרשטאַנען: „ווער עס האָט קיינמאָל ניט געגעסען זיין ברויט מיט טרערען". דאָס איז אַ ביטערע, בלוטיגע קלאַגע געגען דער וועלט. אָבער אין איהר ביטערקייט איז זי פול מיט פאַרשטיקטע טרערען, און זי אָטעמט ניט מיט אַ ווילדער פאַרצווייפלונג, אַזוי ווי היינע'ס „פראַגען", אָדער ווי דאָס ליעד „לאַז די הייליגע פאַראבלען", וואו עס ווערט געזאָגט:

„פאַרוואָס ווערט דער עהרליכער גערריקט אונטער דער משא פון צלם, ווערענד דער אויסוואורף פאָהרט שטאָלץ פאַראוים אויף אַ פערד, ווי אַ זיעגער? — אַזעלכע פראַגען שטעלען מיר שטענדיג, ביז וואַנען מען פאַרשטעקט אונז ניט דאָס מויל מיט ערד; נאָר קאָן דען דאָס אַנגערופען ווערען אַ ענטפער?"

היינע'ס אויסדריקען זיינען דאָ, ווי שטענדיג, שאַרפער ווי זיי דאַרפען זיין, נאָר דאַך פאַרקלענערען זיי ניט דעם ווערט פון סוזשעט.

ניט זעלטען זיינען ביי איהם דאָ אויסדרוקען פון בענקשאַפט און איבערזעטיגקייט. מען דאַרף ניט לאַנג זוכען צווישען זיינע ליעדער אום צו געפינען אַ שטימונג, אין וועלכער עס ווערט אויס־געדריקט דאָס אָפּזאָגען זיך פון יעדען פּרינציפּ, די פאַרשטיקונג פון יעדער שטרעבונג. ביי געטע'ן טרעפען מיר ניט אַזעלכע. זיין „וואַניטאַס וואַניטום" און „איך האָב מיינע זאַכע אויף ניכטס גע־שטעלט", זיינען געוואָרען טיש־ליעדער. דאָס איז זעהר כאַראַקטע־ריסטיש פאַר איהם. מיט אַנדערע ווערטער, געטע'ס פאַרצווייפלונג איז ניט פאַרקערפּערט אין אַ שטרענגער ערנסטקייט; דערפאַר רייסט זי זיך אַרויס און ווערט פאַרוואַנדעלט אין אַ לוסטיג־געפיהל. געטע האָט ניט געוואוסט פון אַזאַ געדריקטער שטימונג, וואָס דעם לע־בען'ס שלעכטער וועטער טהיילט איין, דערפאַר איז ער געוועזען מעהר אַנטי־קריסט ווי היינע.

אויף וויפיעל עס איז באַלעהרענד צו פאַרגלייכען דעם אויס־דרוק פון זעלבסטענטזאַגונג בייביידע דיכטער, אויף אַזוי פיעל איז אויך נוצליך צו פאַרגלייכען זייער מוטיגקייט, און זעלבסט־בייפאַל. געטעס ליעד „פייגליכע געדאַנקען“ פון „קלאַודינע פאַן ווילאַבעלאַ“ איז זעהר כאַראַקטעריסטיש פאַר איהם: דאָס איז כמעט זיין לעבענס־לאָזונג. עס איז זיך זעהר שווער פאַרצושטע־לען אַ מעהר ענערגישען אויסדרוק פאַר דער כאַראַקטעריזירונג פון מענליכער באַשלאָסענהייט, ווי דער, וואָס זאָגט זיך אַרויס אין פאָלגענדער שורה: „זיך ערהאַלטען טראָץ אַלע געוואַלטען“ און ז. וו.

פאַרגלייכט עס מיט היינע׳ס ליעד: „צו דער חברה“, דאָס איז אַ וואונדערבאַר ליעד, וואָס איבעראַשט, ניט נאָר מיט׳ן רוישיגען ריטם, נאָר אויך מיט די אויסערגעוועהנליך שעהנע ריימען. די ערשטע סטראָפע, וואָס ניט אַנצוהערעניש וועגען גאָלדענע עפּע־לעך, וואָס היפּאָמען וואַרפט אַטלאַנטען איז שוין אַליין פאַר זיך אַ פּראַכטפול שעהן ווערק:

„לאָז זיך ניט פאַרפיהרען מיט גאָלדענע עפּעלעך אויף דיין וועג. אויב די שווערדען וועלען קלינגען און די פיקען וועלען רוישען, וועלען זיי דעם העלד ניט אָפּשטעלען“.

פון דעם העלד׳ס געשטאַלט, וואָס קיין צאַמען קאָנען איהם אויף זיין זיעגערישען מאַרש ניט אָפּשטעלען, געהען מיר איבער צום בילד פון אַלעקסאַנדער, וואָס דיענט אַלס ביישפּיעל פאַר אַ גרויסען העלד. עס ווערט דערצעהלט וועגען זיין אומערשיטערענדע שטאַרקייט און געוואַגטקייט:

„ווער עס איז דרייסט, דער מוז זיעגען. געה אומערשראָקען פאַראויס. די פּרינצעסינען וואַרטען שוין שטעהענדיג אויף די קניע אין דעם זיעגער׳ס געצעלטען. מיר געהען דרייסט פאַראויס, מיר שטרעבען צו זיעג, מיר ירש׳ענען דעם טראָהן און דאָס בעט פון דעם אַלטען דאַריאָ׳ן. אָ, בליהענדער אומגליק, אָ, זיסער טוידט! דער טריאומף־טויט פאַר׳שכור׳ט אין בבל׳ס־טויערען“.

נאָכ׳ן זיעג קומט דאָס בוקען זיך פון די פּרינצעסינס, די זיסקייט פון פאַרגעניגען, בליהענדער אומגליק, טריאומפיהרענדער טוידט אין דער פריידפאַר׳שכור׳ונג — וואָס׳ר אַ סאַרדאַנאַפּאַלע שטימונג איז אין דעם אויפרוף צו דער יוגענד, אין דער פאַרע־

רונג פון פעסטשטעהן! דאָ קעמפט מען פאַר רוהם און פרויען
אַלס טראָפּעיען, און ניט פאַר דער פרייהייט פון דעם אייגענעם
„איך”, וואָס איז אַזוי איינפאַך אויסגעדריקט ביי געטע׳ן: „קיינ־
מאָל זיך ניט בויגען, שטענדיג שטעהן פעסט — מיינט רופען די
געטער צו הילף”. דאָס געפיהל איז ביי געטע׳ן ריינער און פו־
לער, די שפּראַך איז איינפאַכער, וועהרענד היינע׳ס מעלאָדיען פאַר־
מאָגען כמעט אַן אומגעוועהנליך שעהנע אינסטרומענטאַציע. נאָר
ביי געטע׳ן האָבען מיר גאָרנישט פאַר די אויגען, קיין בילד שאַפט
ער ניט. עס איז טיפּיש, וואָס ביי געטע׳ן נעהמען די געפיהלען
אַן אַן אומגעהייערען כאַראַקטער, נאָר ביי היינע׳ן זיינען זיי מאָ־
דערנער, מעהר געמישט, און אין גלייכער צייט איז די מעטרישע
פאָרם מעהר צערטליך־פיהלענד, פאַרמאָגט מעהר קונסט, וואָס
לאָזט ניט אוים די מינדעסטע איינצעלהייטען.

לאָמיר נעהמען דעם סוזשעט פון דערצעהלערישען און קינסט־
לערישען כאַראַקטער, — וועגען די דריי הייליגע. (וואַלכווען), וועל־
כע מען דערמאָנט אין טויף־טאָג. אין געטע׳ס „עפּיפאַניאַס” ווערט
ער באַשריבען אויספיהרליך, פרעהליך, אין אַן עכטען פאָלקס־טאָן:
„די דריי הייליגע קעניגען מיט זייערע שטערען”. יעדער פון די
דריי הייליגע — דער ווייסער, רויט־לייביגער און שוואַרצער, ווערען
באַשריבען מיט אַלע איינצעלהייטען, ווי זיי קוקען אוים, ווען אי־
בערטהוענע געהען זיי פון איין הויז אין צווייטען, און דאָס ליעד
ענדיגט זיך מיט פאָלגענדע ווערטער:

„דריי הייליגע האָבען פאַרטראַכט עפּעס גוטס ביי זיך אין האַר־
צען, זיי האָבען געזוכט אַ מוטער מיט אַ פּיצעל קינד. דער פרומער
יוסף האָט אויף זיי געקוקט, וועהרענד דער קאַלב און עזעל זיינען
געלעגען אויף שטרוי”.

היינע באַציהט זיך ניט צו דער לעגענדע מיט אַ גרעסערע
רעליגיעזיטעט ווי געטע, נאָר ער ווערט מעהר ערנסט, רעדט אין
קירצערע אויסדרוקען, מאָהלט שאַרפער די קאָנטורען און עס באַ־
קומט זיך אַ גאָר אַנדער עפעקט. געטע באַוועגט די מחות מיט
זיין קינדערשער פרייד, מאָהלט מיט גרויסע שטריכען; היינע
דרינגט אַריין אין די טיעפקייטען פון געדאַנק, אַזוי אַז זיין שיל־
דערונג ווערט איינגעקריצט אין דעם לעזער׳ס געדאַנקען. ער באַ־

מיהט זיך צו מאַכען אַן איינדרוק, ווי עס מאַכט אויף אונז עפּעס אַ בילד פון אַן אַלטען פלאָרענטינער מייסטער.

„די היילינע דריי קעניגען פון מזרח פרעגען אין יעדער שטאָדט: איהר, יונגע לייט און מיידלעך: „וועלכער איז דער וועג קיין בית־לחם?“ ניט די אַלטע, ניט די יונגע ווייסען עס. און די דריי פאָהרען ווייטער. זיי פאָלגען נאָך אַ גאָלדענעם שטערן, וואָס בלישטשעט ליעב און פרעהליך. דער שטערן שטעלט זיך אָפּ איבער יוסף'ס הויז. קומען זיי אַהינצו אריין; דאָס קאַלב ברילט, דאָס קינד שרייט, די דריי היילינען זינגען“.

אַ קלוגער איינפאַל איז דאָס ליעד, אָבער וואָס'ר אַ האַרמאָניע! וואָס'רע קלאָרע פאַרבען! מעגליך ווייניג ווערטער — קיין איבעריגע איינצעלהייט, קיין איבעריגער שטריך, און דאָך דער סאַמע ריכטיג־אויסגערעכענטער, ניט־אָפּוועגדיגער עפעקט.

ווען מיר ווענען, ענדליך, צוטרעטען צו באַטראַכטען די ווייט־אָפּשטעהענדע פון דער ווירקליכקייט, געגענשטאַנדען, וועלכע באַ־געגענען זיך אין יעדער לירישער פּאָעזיע, ווי צ. ב. ש., שלום, גליק, אומגליק און מיר ווענען אויף דעם געביעט פאַרגלייכען היינע'ן מיט געטע'ן, וועט זיך דאָ אויך אַרויסצייגען, אַז געטע פאַרמאָגט אַ פולערען טאָן און היינע — אַ גרעסערע באַשטימטקייט פון קאָנ־טורען.

געטע האָט אַזוי געשריבען וועגען שלום:

„דו, וואָס ביזט אין דערזעלבער מאָס טייער דעם הימעל ווי דער ערד, וואָס היילסט אַלע ליידען און וועהטאָגען, מאַכסט צווייפאַכיג גליקליך דעם, וואָס איז צווייפאַכיג אומגליקליך! אָך, איך בין אַזוי מיעד פון'ם לעבען!... צו וואָס זיינען די אַלע צרות און פּאַרגעניגען?... שלום, וואָס דו ביזט אַזוי זיס פאַר דער גאַנצער וועלט, קום, קום און מאַך פול מיין האַרץ“.

דאָ, ווי איהר זעהט, זיינען ניטאָ קיינע געגענשטאַנדען, קיינע פאַרקערפּערונגען. די שטימונג וואַקסט אויס פון די ערשטע זעקס פערזען ביז'ן אויסרוף: „דער שלום איז אַזוי זיס“, — וועגען וועמעס קומען דער שרייבער איז ניט איינגאַנצען זיכער.

פאַרגלייכט די פאָלגענדע פאַרקערפּערונג פון גליק און אומ־גליק ביי היינע'ן.

„גליק — איז א לייכטזיניג מיידעל, וועלכע האלט זיך ניט לאנג אויף איין ארט; זי טהוט דיך פרעהליך א גלעט איבער'ן קאפ און אנטלויפט. דער אומגליק — איז א שווארצע פרוי, וואס דריקט דיך ליעב צום הארצען, זאגט, אז זי האט זיך ניט נאך וואס צו איילען, זי זעצט זיך נעבען דיין בעט און שטריקט".

עס איז שווער מיט אזוי ווינציג ווערטער פארוואנדלען צוויי געגענשטאנדען אין צוויי לעבעדיגע פיגורען, און דאס שטודירען פון די מיפען האט, גלויב איך, קוים געקאנט דערגרייכען צו אזא הויך, ווי אין די לעצטע צוויי שורות פון דעם ליעד, אונטער וועלכע עס באהאלט זיך אזא טיעפע און שרעקליכע ערפאהרונג.

מיר האבען געזעהן, אז היינע האט זיך געלערענט ראמאנטיק ביי א. וו. שלעגעל'ן, וועלכער האט ביי איהם ענטוויקעלט געשמאק און איינבילדונג. צוערשט האט ער' זיך אפגעגעבען מיט ראמאנטישע מעשיות פון שדים, און מיט אלטע ראמאנטישע לירישע אויסדריקען. אין דער מעטריק פון זיינע יוגענדליכע ליעדער מאכט ער צוערשט נאך ווילהעלם מילער'ן, ווענען ער שטודירט זעהר פלייסיג; אין זיין מעהר באוואוסטען ליעד באנוצט ער זיך מיט קלעמענס ברענטאנא. נאר גיך האט ער באקומען אן אייזערנעם סטיל, וואס צייכענט זיך אויס מיט א קורצער שילדערונג פון שטימונגען, געדאנקען און בילדער. זיין אריגינעלע אייגענטימליכקייט איז די שטארקסטע קורצקייט. היינע מאכט פאר אונז אלץ אויסקוקען לעבעדיג, נאהענט, פיהרט אריין אפילו אין די רוהיגע סוזשעטען א נערוועזע, אפט א דעמאנישע ליידענשאפט, ניט זעלטען דערפיהרט ער די מימיק ביז קאריקאטור, פארבייט אמאל דאס טאג־ליכט אויף דעם העלען עלעקטרישען ליכט, — אזא אומנאטירליכקייט באגעגענט זיך אמאל איז דער נאטור. דער הויפּטמיטעל, מט וועלכען ער באנוצט זיך, איז דער פּאעטישער עפּיגראם.

צוליעב זיין אייגענטימליכער נאטור, וואס איז א צונויפמיש פון שארפזיניגקייט מיט פאנטאזיע, צייגט ער אפט ארויס א נייגונג צו קאנטראסטען, צו זוכען אומעטום שארפקייט, ווידערשפּרוכען, און א פארליעבע צו עפעקטען, וועלכע באקומען זיך ווען א רוהיגע, וואכעדיגע ווירקליכקייט רייסט זיך אריין אין דער פּאעטישער פאנטאזיע, אדער ווען די בילדער ווערען בלאס און פאר־

הילט מיט אַ נעבעל, אום אָפּצוטרעטען דאָס פּלאַץ פֿאַר דער גוט־באַקאַנטער ווירקליכקייט.

זיין שילדערונג איז מאָדערן: אַלץ איז ביי איהם אויבען אויף, אַלץ וואַרפט זיך אין די אויגען. וואָס מיינט זיין אַ גרויסער שריפטשטעלער? דאָס מיינט, אַרויסרופען בילדער און שטימונגען, בילדער מיט דער הילף פון שטימונגען, און שטימונגען מיט דער הילף פון בילדער. היינע האָט אין זיך ענטוויקעלט צום מייסטען די לעצטע פעהיגקייט און מיידט קיינמאָל ניט אויס צו געבען אַ דייטליכען קאָנטור און שאַפען אַ קינסטלערישען עפעקט.

דערגרייכענדיג די העכסטע שטופע פון זיין ענטוויקלונג, האָט ער זיך דערהויבען איבער אַלע זיינע לעהרער און צייט־גענאָסען. אום צו פאַרשטעהן די קראַפט פון זיין סטיל און בויגיגקייט מוז מען איהם פאַרגלייכען מיט'ן גרעסטען סטיליסט פון זיין צייט — געטע'ן. ביי אַזאַ פאַרגלייכונג מוז ער אָפּט אָפּטרעטען דעם וועג פאַר געטע'ן, נאָר ניט זעלטען דערהויבט ער זיך במעט צו יענעמ'ס הויכקייט. עס איז שוין גענוג כבוד פאַר איהם וואָס מען קאָן, און אַמאָל מוז מען, איהם פאַרגלייכען מיט געטע'ן.

סטיל איז דער אויסדרוק פון פערזענליכקייט און געוועהר פאַר ליטעראַרישען קאַמף. געטע'ס סטיל, ניט קוקענדיג אויף זיין גרויסקייט, איז זעהר צושוואַומען, און דערפאַר ניט מאָדערנע. נאָר היינע'ס סטיל איז אַ געוועהר, מיט וואָס ער האָט זיך באַנוצט אין דער בעסטער צייט פון זיין טעטיגקייט, ווי מיט אַן אַלט־שפּאַנישען געוועהר, וואָס בויגט זיך אויס ווי אַ פּרוזשינע און קאָן ניט צובראַכען ווערען אַן שטאָלענעם פּאַנצער. און איז מעהר פאַר אַלץ נויטיג אום מלחמה צו האַלטען מיט דער בייזקייט און העסליכקייט, מיט דעם פּראָסט און שטורם, מיט'ן קאַנטראַסטען־רייך פון דער איצטיגער צייט. ער האָט אויך פאַרמאָגט אַ גרויסע פעהינקייט צו ווירקען אויף די נערוועז פון די לעזער, צוליעב זייער שטאַרקער נייגונג צו זיסע און ביטערע געדאַנקען.

* * *

אומצווייפעל, אַז קיין זאַך האָט היינע'ן ניט קאַליע געמאַכט אין די אויגען פון די שפּעטערינע דורות אַזוי פיעל, וויפיעל זיין

אָפּענהערציגקייט וועגען זיינע ליעבעס־ערפאַהרונגען. איי‍ניגע ליעדער האַבען צוליעב דעם אַ שלעכטע רעפּוטאַציע, ווי, למשל, די, וועלכע זיינען געזאַמעלט אונטער׳ן נאָמען „פאַרשיידענע״: אייניגע פון זיי זיינען אומשולדיגערהייט פאַראורטיילט געוואָרען. אַנדערע האָבען, ווירקליך, מיאוס׳ע סוזשעטען און צייכענען זיך ניט אויס מיט קיין איידעלען אינהאַלט. געטע איז „דער גאָט און די באַיאַדערע״ האָט אונז איבערצייגט, אַז געוואַגטע סוזשעטען קאָנען פאַרפיינערט ווערען דורך אַ גוטען סטיל, און אפילו דאָרט, וואו ער רעדט, ווי אין די ווענעציאַנישע עפּיגראַמען, וועגען די באַיאַדערקעס, ווען די ליעבע מאַכט ניט לייטישער, און רעדט דאָרט פיעל וועגען דעם דיכטער׳ס באַציהונג צו זיי, דיענט די אַנטיקע עפּיגראַמען־מאָס אַליין אַלס פאַרפיינונגס־מיטעל, און דערצו ערלויבט זיך ניט דער דיכטער קיין איין אומווירדיג וואָרט; חוץ דעם ווערען די קליינע איבערגעהאַקטע עפּיגראַמען פאַרטרונקען אין אַ מאַסע פון געטע׳ס אַנדערע ליעדער, און לייענענדיג זיי פיהלסטו, אַז געטע איז דער מענש, וועמען די נאַטור האָט באַשאַפען נאָר צוליעב דעם, אום זי זאָל דורך איהם קאָנען זעהן, ווי אַזוי זי אַליין זעהט אויס.

ביי היינען פאַרנעמט די אָפּענהערציגקייט וועגען זיינע פאַרהעלטענישען צום צווייטען געשלעכט זעהר פיעל פּלאַץ און צייכענט זיך ניט שטענדיג אויס מיט געשמאַק. דאָס גיט איהם צעהן לעזער פאַר איינעם, וועמען עס שטופּט אָפּ, נאָר אָט דער איינער וואָס דרעהט זיך אַוועק איז מעהר וויכטיג, ווי די צעהן, וואָס זיינען פאַרבליבען.

דאָך פאַרנעהמט די אָפּענהערציגקייט אַ געוויסען טייל אין זיין שטאַרקייט. זי האָט געקאָנט טראָגען ניט אַזאַ פּערזענליכען כאַראַקטער, נאָר זי איז נויטיג פאַר דעם, וואָס וויל אויסדריקען אין זיינע ווערק ניט נאָר ערנסטקייט, נאָר אויך קאָמיזם. דאָס און אַנדערע פּערזענליכע ציניש‍ע אַנפאַלען דערנעהנטערען היינע׳ן צום גרעסטען פּאָעט־סאַטיריק פון אַלע צייטען — אַריסטאָפאַן.

צום סוף פון זיין „ווינטער־מעשה׳לע״, באַלד נאָך אַ ריזיקאַלישער שטעלע, וואו ער ערקלערט, ווי אַזוי ער האָט אויסגעשמעקט ידיעות וועגען דייטשלאַנד, אַריינלעגענדיג דעם קאָפּ אין קאַרל דעם

גרויסען׳ס טראַהן, דערצעהלט היינע, אַז די הערליכסטע גראַציעס האָבען אַנגעצויגען די סטרונעס פון זיין לירע און אַז די לירע איז דיזעלבע, וואָס דער פּאַטער, דער גליקזעליגער הערר אַריס־טאָפאַן, דער מוזע׳ס געליעבטער, האָט אַנגעצויגען. ער גיט צו, אַז אין זיין לעצטען קאַפּיטעל האָט ער נאַכגעמאַכט „צו די פויגעל“, — די בעסטע פון זיין פּאַטער׳ס דראַמעס.

ער האָט זיך דעריבער באַטראַכט אַזוי גרויס, וואָס ער האָט מיטגעבראַכט זיין קונסט פון דעם גרעסטען סאַטירישען דיכטער פון אַלט־גריכענלאַנד.

אין דער ערשטער מינוט איבערראַשט עס אונז; וואָרים אין דער צייט, ווען פאַרשיידענע אַנדערע דייטשע דיכטער, ווי פּלאַטען און פּרוץ, האָבען זיך געמיהט נאָכמאַכען די פאָרמען פון אַריסטאָ־פאַנ׳ס קאָמעדיעס: די טרימעטערעס, כאָרעס, פּאַראַבאַזעס, דער גאַנצער קונסט־פאָרם, דער פרייער און פּינקטליך־באַשטימטער, ווי זי איז באַשאַפען געוואָרען אין שולע פון די גריכישע סאַטיריקער, האָט היינע אפילו ניט געמאַכט קיין פאַרזוך איבערצונעהמען אָט די פּאָעטישע קונסט־פאָרם, ווי, אין אַלגעמיין, יעדע אַנדערע, פאַר איהם פרעמדע, פאָרמען. זיין אָריגינאַלע אייגענטימליכקייט באַ־שטעהט אין דעם, וואָס כאָטש ער האָט שטאַרק און געוויסענהאַפט געשטרעבט צו דערגרייכען אַ פּאָלקאָמענע מעטריק, אַ זיכערקייט און געשיקטקייט אין אויסדרוקען — איך האָב נאָך קיינמאָל ניט געזעהן אַזאַ באַשפּרינקעלטען מיט אויסבעסערונגען מאַנוסקריפּט ווי פון זיין „אַטטאַ טראָלל“ אין דער קעניגליכער בערלינער ביב־ליאָטעק — דאָך איז ער געווען קראַפטלאָז אונטערצופאַלען דעם קינסטלערישען יאָך, וואָס די פאָרם פון אַ גרויס ווערק לעגט אַרויף. אַ דאַנק אָט דער אייגענטימליכקייט זיינער. דער פאַר זיינען די פּלענער פון זיינע גרעסערע ווערק שטענדיג צוזאַמענוואַקלדיג, בעת יעדע איינצעלהייט באַזונדער איז פלייסיג באַאַרבייט.

מען קאָן זאָגען אָהן איבערטרייבונג, אַז אַלס קינסטלער האָט היינע זיך קיינמאָל ניט געשטעלט קיין פראַגען צום לעזען.

איין איינציג מאָל האָט ער געמאַכט אַ פאַרזוך אַנצושרייבען אַ פּראָזאַאיש ווערק, אַ ראָמאַן אָדער אַ נאָוועלע. עס איז פאַר־בליבען אַ פראַגמענט; וואָס עס איז געוואָרען מיט דעם אי־

בעריגען טהייל פונ׳ם ווערק, צי ס׳איז פארניכטעט געוואָרען בעת׳ן פייער, ווי מען זאָגט, אָדער עס איז קיינמאָל ניט פארענדיגט געוואָרען, ווי איך דענק — בלייבט אומבאקאנט. און אפילו דער טהייל פונ׳ם ווערק „דער באַבראַכער רב״, וואָס איז געבליבען, ווען מען קוקט זיך גוט צו געפינט מען אויס, אַז עס איז אַ באַשרייבונג פון היינע׳ס פערזענליכען לעבען, וואָס איז איבערגעטראַגען אויף דער ווייטער פארגאַנגענהייט.

היינע האָט קיינמאָל ניט געפּרואווט זיינע כחות אין דער שטרענג־בינדיגער מעטרישער קאָמפּאָזיציע. זיינע צוויי איינציגע, גרעסערע פּאָעטישע ווערק „אַטטא טראָלל״ און „דאָס ווינטער־מעשה׳לע״ זיינען פריע, קאַפּריזנע פאַנטאַזיעס, זייף־בלאָזען, וואָס שוועבען נאָר אין די טרוימען, און זיינען צוזאַמענגעבונדען נאָר מיט דער טאָן־איינהייט און מיט דער אייגענאַרטיגקייט פון דעם אינערען געבוי.

היינע׳ן איז קיינמאָל אויפ׳ן זינען ניט געקומען איבערצוזעצען אָדער באַאַרבייטען אריסטאָפאַנ׳ען. ער איז אין דער הינזיכט ניט געווען עהנליך צו געטע׳ן, וועלכער, ניט קוקענדיג אויף זיין אומ־געהויער אָריגינעלע שאַפונג, האָט איבערגעזעצט און באַאַרבייט פאַר זיינע לאַנדסלייט דידראָ, בענווענוטאָ, טשעליני און וואָל־טער׳ן. באַקענענדיג זיך מיט אריסטאָפאַנען איז געטע פון איהם באַגייסטערט געוואָרען, און ביי איהם — ניט ביי היינע׳ן — איז געבוירען געוואָרען דער געדאַנק צו איבערזעצען „די פויגעל״, נאָר — וואָס ס׳איז מערקווירדיג — ער מאַכט אַ גאַנצע איבערקעה־רעניש אין אריסטאָפאַנ׳ס קאָמעדיע דערמיט, וואָס די סאַטירע ווערט פון אַ פּאָליטישער פאַרוואַנדעלט אין אַ ליטעראַרישער. צוויי פּערזאָנען, אומצופרידענע מיט׳ן פּאָליטישען סיסטעם, ווערען פאַר־וואַנדעלט ביי געטע׳ן אין ליטעראַרישע אַוואַנטיורען־זוכער. מיט דער סאָווע וויל ער — ווי מען קאָן זעהן אין יאַקאָבי׳ס בריעף צו הייזע׳ן — איבערראַשען קלאָפּשטאָקען און מיט׳ן פּאָפּוגאַי — קראַמער׳ן. אין עפּילאָג פון דער באַאַרבייטונג גיט געטע אַריס־טאָפאַנען אַן אומשטערבליכען צונעמעניש: „דער שטיפעריש גראַציע־געליעבטער״, וואָס קאָן אַזוי גוט צוגעשריבען ווערען היינע׳ן.

בלי ספק איז היינע דער שאַרפזיניגסטער מענש אויף דער וועלט, יעדענפאַלס, דער שאַרפזיניגסטער מענש אין דער נייער געשיכטע. אמת, וואָלטער איז טאַקע אַ פאַרקערפּערונג פון שאַרפזיניגקייט, נאָר זיין שאַרפזיניגקייט איז אַ דענקענדע און טרוקענע, ניט קיין פּאָעטישע, ניט פול מיט פאַנטאַזיע ווי היינע׳ס.

ניט קלוג האָט געטאָן דער שטאָלצער פּלאַטען אין זיין צייט אַרויסלאָזענדיג אַ ווערק, וואָס האָט אויסגעלאַכט היינע׳ן: „ראָמאַנטישער עדיפּ“, נאָכמאַכענדיג די אויסערליכע פאָרם און דעם מאַנער פון אַריסטאָפאַנ׳ס קאָמעדיעס; עס איז געווען אַ דורכפאַל, וואָרים נאָר די שעהנקייט פון פאָרם און די גראָבע ווערטער זענען עהנליך געווען צו אַריסטאָפאַנ׳ס. ביי היינע׳ן פאַרקערט, זיינען פאַראייניגט געווען אַלע אַריסטאָפאַנ׳ס מעלות: שאַרפזיניגקייט, פרייער אויסדרוק, פאַנטאַזיע, צערטליכע ליריק און ציניזם — אַלץ אין אַ גראַציעזער פאָרם. אָהן גראַציע און שאַרפזיניגקייט איז ציניזם, אָהן צווייפעל, נידעריג און אָפּשטויסענד. נאָר צוזאַמען מיט פיעל אַנדערע הויכע מעלות, האָט די אומפאַרשעמטקייט אַ גרויסע ווירקונג. אַ דיכטער, אַריסטאָפאַנ׳ס נאָכפאָלגער, מוז און דאַרף ניט האָבען די שטאָלצקייט, וואָס לאָזט ניט דעם דיכטער שרייבען אום צופרידענשטעלען דאָס פובליקום, און צופרידענשטעלען די, וואָס פאַרשטעהען אייך נאָר דעמאָלט, ווען זיי באַגעגענען זיך מיט אייך אין זומפּ. ער טאָר אין קיין פאַל ניט זיך צוריקהאַלטען דערפון צו ברענגען זיין „איך“ אַלס קרבן, ד. ה., זיין מאָראַלישען „איך“, אום צו קריגען אַ גרעסער פעלד פאַר זיין ליטעראַרישער טעטיגקייט.

קיין שום נוצען וועט ניט ברענגען דאָס, וואָס דער מחבר וועט, ווי פּלאַטען (אָדער ווי האָוך אין דאָס „בויען פון דעם בבל־טורעם“) זיך באַמיהען צו מאַכען אַן איינדרוק אַלס אַ „הערליכער דיכטער“, און זוכען כבוד פאַר זיין פערזענליכקייט, — קיין גוטס וועט ניט אַרויסקומען, אויב ער וועט אויסשרייען זיין פאַרלאַנג „באַזיעגען זיינע געגנער מיט אמת׳ער שאַרפזיניגקייט“. מען קאָן ניט אין איין און דערזעלבער צייט אַרויסטרעטען אַלס אַן איידעל־מאַן און אַריסטאָפאַנ׳ס נאָכפאָלגער. וועסט האָבען אַ דורכפאַל אין דער

לעצטער הינזיכט, אויב דו וועסט צוגעבען א גרעסערע באדייטונג דער אכטונג פון אנדערע, איידער דעם זיעג פון קונסט. נאר ביי די אמת׳ע אריסטאפאנ׳ס נאכפאלגער באקומט די דיכטונג, פארקעהרט, א גרעסערען ווערט, ווי זי איז געווען פאר די דיכטער, וואס זיינען מעהר פייערליך אין זייערע שאפונגען, ווי א שטייגער, שילער און הוגא. זי שפיגעלט אפ דעם מענשעו׳ס לעבען אין גאנצען, פון די העכסטע ביז די נידעריגסטע פונקציעס.

ווי קליין עס זיינען די פארמאלע פארבינדונגס־פונקטען צווישען היינע׳ס סאטירישע ליעדער און אריסטאפאנ׳ס פאנטאסטישע קאמעדיעס, נאר דאך קאן מען זאגען, אז זינט דער צייט פון דעם קלאסישען אלטערטום איז ניט געבוירען געווארען נאך א דיכטער, וואס זאל זיין עהנליך צו אריסטאפאנען, אזוי ווי היינע.

אט דער געדאנק איז ניט דער אויסגאנג פון דער ניט־פארשטענדניש פון דעם גרויסען אונטערשייד, אינ׳ם כאראקטער פון אט דיביידענס דיכטער׳ס ווערק. אריסטאפאנ׳ס קאמעדיעס מיט זייער גראנדיעזער און פינקטליך־באשטימטער קינסטלערישער פארם, איז דער אויסדרוק פון קינסטלערישען שטודיום פון א גאנץ פאלק; זי איז דער רעזולטאט פון רעליגיעזע פייערונגען, וואס זיינען פאראנשטאלט געווארען לכבוד דער מאנומענט־פייערונג. זייענדיג אויסגעטראכט און באארבייט צוערשט פון פיעל טאלאנטפולע פארגענגער, וועמעס סטיל איז געווען איינארטיג, און דער טאלאנט — עהנליך איינער אויפ׳ן צוויטענס און איז איבערגעגאנגען בירושה צו אריסטאפאנען, פונקט אזוי ווי שעקספיר האט איבערגענומען זיין טאלאנט פון זיינע פארגענגער, זיינען אריסטאפאנ׳ס קאמעדיעס מיט זייער פארם, אז ארבייט פון פיעלע הענט, נאך אין א גרעסערער מאס ווי היינע׳ס סטראפען. ניט לעגענדיג אפילו קיין אויפמערקזאמקייט צו יעווּפאליע׳ס און קראטינ׳ס באשולדיגונגען, אז אריסטאפאן האט זיך באנוצט מיט דער ארבייט פון זיינע פארגענגער קאנען מיר, פון די „ריטער“ אליין זעהן, אז דער קאמיקער מאגנעס האט שוין אויפגעפיהרט אויף דער ביהנע פיעסען מיט די נעמען: „פויגעל“, „אייזלען“, „זשאבעס“. דער כאר, צונויפגעשטעלט פון פויגלען, חיות, פליגען איז ניט אויסגעטראכט געווארען פון אריסטאפאנען, נאר ער האט דאס איבערגענומען. נאר דערפאר וואס

אונז זיינען אומבאַקאַנט די פאַרגעננער פון דעם גריכישען דיכ־טער, קוקען מיר אויף זיינע ווערק ווי אויף ריין־אָריגינעלע, ווי אויף אַ טיפּ פון דער גרויסער פאַנטאַסטישער סאַטירע, און כמעט אַלע איצטיגע סאַטירעס און פאַנטאַזיעס זיינען בלאָס און שוואַך אין פאַרגלייך מיט אַריסטאָפאַנ׳ס סאַטירעס, וואָס איבערראַשען מיט זייער דרייסטקייט.

זיין וועלט איז איבערגעדרעהט אויף דער צווייטער זייט. ווען אין „פריעדען" זאַטעלט טריגאַי אַן אַ מיסטיגען זשוק, און הויבט זיך אויף איהם אויף, ווי אויף פעגאַסען, אין דער לופטען צו געטערס הייזער, אָדער ווען ער שלעפּט מיט אַ שטריק אַרויס דעם פרידען פון אַ טיעפען ברונעם, וואוהין די מלחמה האָט איהם אַריינגע־וואָרפען, ווערט וועגען דעם געדערט, ווי וועגען גאַנץ מעגליכע זאַ־כען, און אַריסטאָפאַן לאָזט דורך אָט די געשעהענישען אָהן שום זייטיגע ערקלערונג, אַזוי אַז מיר מוזען גלויבען אין דער מעגליכ־קייט פון אַזעלכע ערשיינונגען. ווען מיר הערען אין די „פויגלען", ווי אַזוי איינפאַכע יונגען, וואָס טרעטען אַרויס אין ראָלען פון חכמים, ענטוויקלען זייערע אומזיניגע פּלענער צו בויען אַ שטאָדט אין די וואָלקענס, קלינגט דאָס צוערשט אין אונזערע אויערען ווי אַ משוגע׳נע פּלאַפּלעריי, און ווען מיר זעהען ווייטער, ווי די פויג־לען הערען זיך צו מיט יראת הכבוד צו זייערע רייד, טראָגען מיר ניט אַרויס פון דעם בילד קיין שמייכלענדע מיינונג וועגען די פויגעל׳ס נעראַנקען, פאַרקעהרט, עס באַקומט זיך אַ קאָמישער איינדרוק, אַז די נאַרישע פויגלען ערוואַרטען אַ רעטונג פון די אַראַטאָרס. נאָר ווען מיר ווערען דערנאָך געוואָהר, אַז אַזאַ שטאָדט איז טאַקע אויסגעבויט געוואָרען, אַז אַלץ האָט זיך איינגעגעבען אויפ׳ן בעסטען אופן, און מיר זעהען ווי דאָס גליק באַלוינט פאַר׳ן אונטערנעהמונגס־גייסט דערפיהלען מיר, אַז די וועלט, וואָס מיר באַאָבאַכטען איז גאַרניט די געוועהנליכע וועלט, אין וועלכער מיר לעבען — דאָס איז נאָר אַ גאַנץ אַנדער וועלט, וועמעס געזע־צען זיינען אין ווידערשפּרוך מיט אונזערע.

אָט די נייע וועלט איז אַ ריין־פאַנטאַסטישע און ווידערשפּרעכט די געזעצען פון ווירקליכקייט און נאַטור. דאָס איז די וועלט, וואו אומזיניגקייט זיעגט, און דער דיכטער געפינט, אַז אַזוי דאַרף זיין.

נאָר דעמאָלט, ווען דער צוזעהער באַדענקט זיך, וואו עס געפינט זיך אָט די איבערגעדרעהטע וועלט, וואו דאָס אַלץ קומט פאָר, וואו די פּאָליטישע אומפאַרשעמטקייט נעהמט אַן אַזעלכע גראַנדיעזע מאָסען און פאַלט ניט נאָר ניט דורך, נאָר פאַרקערט, קריעגט אַלעמענ׳ס צוטרוי און ווערט באַלוינט פאַר איהרע מעשים — קערט ער זיך צוריק אום צו דער ווירקליכקייט און אין דער וועלט דערקאָנט ער זיין אייגענע, דערקאָנט ער זיין געבורט־פּלאַץ, די אַטענער.

פון אַריסטאָפאַנ׳ס פּיעסען, וואָס זיינען פאַרבליבען ביז היינטיגען טאָג, שפּיעלען זיך די „פויגלען“, „זשאַבעס“ און דער „שלום“ ניט אָפּ אויף דער ערד, אָדער, אַמוועניגסטענס, ווערען זיי ניט איינגאַנצען אָפּגעשפּיעלט אויף דער ערד. די האַנדלונג קומט פאָר אָדער אונטער דער ערד, אָדער אין דער לופטען. נאָר אין די קאָמעדיעם ערשיינען געטער, אָבער זיי ווערען אויסגעלאַכט, געשלאָגען און געשטופּט. אין דער אמת׳ער וועלט ערשיינען זיי ניט, וואָרים מען גלויבט זיי נאָר אין דער פאַנטאַסטישער.

היינע, אַלס מאָדערנער דיכטער, ערלויבט זיך ניט צו שילדערן אַזאַ איבערנאַטירליכע וועלט, כאָטש ער קאָן זיך אָהן איהר ניט באַגעהן. דערפון נעהמט זיך וואָס ער געברויכט, אָדער מיסברויכט אָפּט אפילו פאַרשיידענאַרטיגע זייטען פון דער פאַנטאַסטישער וועלט; איך גלויב קוים, צי מען קאָן אַזוינס טרעפען ביי אַן אַנדער מאָדערנעם דיכטער. נאָר מאַכענדיג אַ פאַנטאַסטישע ראַהם, שטעלט ער אַהין אַריין אויך דאָס איבערנאַטירליכע אויפ׳ן אַריסטאָפאַנישען אופן.

ווי מיר האָבען שוין אויבען געזאָגט, איז ער ענליך אויף אַריסטאָפאַנען מיט דער טיעפקייט פון זיין אומפאַרשעהמטקייט און מיט׳ן שוואונג פון זיין ליריק.

אמת, אַנצוהערענישען וועגען שלעכטער פאַרדייאונג און אַזוי ווייטער פאַרנעהמען ביי היינע׳ן ווינציגער פּלאַץ ווי ביי אַריסטאָפאַנען, וועלכער, ווי ער האָט אַליין געזאָגט, האָט פאַראַכטעט אָט דעם סאָרט קאָמיזם. ער איז גוט, ווי אַריסטאָפאַן האָט זיך אויסגעדריקט, נאָר אום אַרויסצורופען אַ געלעכטער ביים דעם עמהאַרצ׳ישען פּובליקום. נאָר דאָך האָט היינע אָפּט און פיעל גערעדט

וועגען אַזעלכע זאַכען. (צומיינסטענס איז זיינע אַנפאַלען אויף פּלאַטענען), און מיר זעהען, אַז ער דערמאַנט כמעט אַזוי אָפּט ווי אַריסטאָפאַן, פאַרשיידענע העסליכע פליגען.

היינע האָט זיך ניט געקאָנט, פאַרשטעהט זיך, ערלויבען אַזאַ פרייע שפּראַך וועגען געשלעכט־באַציהונגען, ווי די אַלטע גריכען, נאָר ער האָט זיך באַלוינט מיט זיינע אַנצוהערענישען, וואָס האָבען פאָלשטענדיג פאַרביטען דעם פרייען אויסדרוק. אָפּטמאָל זאָגט ער זיך אָפּ פון יעדען צודעק און דער ציניזם, וואָס האָט זיך באַהאַלטען אונטער אַ שמייכעל אָדער גרימאַסע, האָט זיך אויפּגעדעקט אין זיין גאַנצער פּראַכט, צום ביישפּיעל, צום סוף פון „ווינטער־מעשה׳לע“, אין דעם ליעד „אומגלויבען“ און ז. וו.

און ווידער אַמאָל זעהען מיר ביי איהם אַ עהנליכען צו אַריסטאָפאַנען שטריך: ביים שילדערען אַ מענשען האָט זיך היינע דערהויבען ביז דעם העכסטען, איידעלען און צאַרטען ליריזם. דער־זעלבער דיכטער, וואָס ווייסט אַזוי גוט די מאַטעריעלע ענטשטעהונג פון אַלע וועזענס אין דער נאַטור, ברענגט אין איינעם פון זיינע ליעדער אַרוים אַלץ פונ׳ם נאַכטיגאַל:

„אין אָנפאַנג איז די נאַכטיגאַל געבוירען געוואָרען און אָנגעהויבען זינגען דאָס וואָרט: ציקיוט, ציקיוט“.

אָט די ליעדער דערמאָנען די וואונדערבאַרע ליעדער אין די „פויגלען“:

„טייערע, ליעבע! דו ביזט ביי מיר טייערער פון דעם אַלץ־עקזיסטירענדען! מיין פריינדין, די ליעבהאָבערין פון וואַלד־איינזאַמקייט! ועסטו קומען? וועסטו קומען? וועסטו פאַרבלייבען?“ און ז. וו.

היינע, ווי אַריסטאָפאַן, פיהרט אַן אַ קאַמף מיט די געטער. נאָר פאַרשטעהט זיך, זיין סאַטירע איז פאָרזיכטיגער ווי ביי די אַלטע גריכען: די איצטיגע וועלט איז ניט מוחל אַזוי גיך קיין שפּאַסען וועגען אַזעלכע זאַכען, ווי די אַלטע וועלט. ווען דיאָניסי, דער קאָמעדיע־גאָט, ערשיינט אַלס באַריהמער און שרעקענדיגער, באַקומט ער קלעפּ פון אַלע זייטען און צולעצט בעט ער זיין ריטער, וועלכער פאַרנעהמט אַ בכבוד׳יג פּלאַץ צווישען די צוהערער, אַז ער זאָל איהם העלפען אין זיין אומגליק — אַריסטאָפאַן האָט גע־

קאַנט שילדערען אַזעלכע בילדער; נאָר היינע, וועלכער האָט גע־שריבען אונטער׳ן דרוק פון דער צענזור פון דער מאָדערנער געזעל־שאַפט און פּאָליציי, האָט ניט געטאָרט זיך ערלויבען אַזאַ גאַנץ־לעכער שטערונג. נאָר דאָך ערלויבט ער זיך פון צייט צו צייט אַריינ־וואַרפען אַן אומשולדיגען שפּאַס, אַ פרעהליכען וויץ, און, צומאָל אַן אויסערגעוועהנליך־בייסענדען סאַרקאַזם. עס איז באַקאַנט, ווי אַזוי גיאַציגט ערקלערט אין „די רייזע בילדער" די באַדייטונג פון פאַרשיידענע רעליגיעס. ער פּאַלט אַן אויפ׳ן קאַטאָליציזם, וואָס מיט זיין גלאָקען־קלינגען, פּימיאַן־רויכערען און „מעלאַנכאָליע" איז עס ניט קיין רעליגיע, וואָס זאָל פּאַסען פאַר אַ האַמבורגער; ער שטראָפט דעם פּראָטעסטאַנטיזם און מאַכט אַ לאַטעריע פון דעם תפלה־צעטעל, וואָס ער געפינט אויף אַ שוואַרצער ברעט אין איי־נעם פון די לוטעראַנישע קירכען, און לייקענט אויך אָפּ די אידישע, מיט די באַוואוסטע ווערטער: „דאָס איז ניט קיין רעליגיע, נאָר אַן אומגליק".

פרעהליך און דרייסט איז דאָס ליעד „ויכוח", וואו דער רבי און דער קאַפּוצין ערקלערען יעדערער זיין דאָגמאַ, און לויבען יעדערער די הייליגקייט פון זיין רעליגיע מיט די העסליכסטע אויס־דרוקען, ביז וואַנען דעם קעניג׳ס טאָכטער, וואָס דאַרף שליכטען דעם קריעג, ענטזאָגט זיך דערפון, ערקלערענדיג, אַז זי קאָן עס ניט טאָן; דאָס איינציגע וואָס זי באַמערקט איז דאָס, אַז אי פון דעם רב, אי פון דעם קאַפּוצין הערט זיך אַ שלעכטער גערוך. דאָס אָפּשפּעטען פון דער רעליגיע נעמט ענדליך אַן אַ דראַמאַטישען כאַראַקטער, אין דעם פּלאַץ אין היינע׳ס בוך וועגען בערנען, וואו ער דערצעהלט, אַז זייענדיג אויפ׳ן העלגאָלאַנד פלעגט ער אָפט דיספּוטירען מיט אַ פּרייסישען יוסטיץ־ראַט וועגען דער דריי־איי־ניגקייט, און אַז זייערע קולות פלעגען אָראָפּנידערען אויף דער דינער סטעליע אין אונטערשטען גאָרען, וואו דער פלעגמאַטישער האָ־לענדער פלעגט אין דערזעלבער צייט ערקלערען דער בעל־הבית׳טע דעם חילוק צווישען דעם געטריקענטען, געוויקטען און גען־אַלצע־נעם שעל־פיש. דאָס איז דערזעלבער פיש, נאָר אַנדערש געמאַכט.

אָבער וועגען וועלט־הערשער איז היינע, פאַרשטעהט זיך, ניט ווייניגער פון אַריסטאָפאַנען דרייסט און פאַנטאַסטיש אין זיין

סאַטירע. דער לעצטער האָט געצייגט זיין מוטיגקייט מיט׳ן ארויס־טרעטען געגען קלעאַנען און פעראַמענען; איהם האָט זיך קיינמאָל ניט איינגעגעבען צו פאַרטיידיגען גערעכטיגקייטען, און אין די מעהרסטע פאַלען האָט ער פאַרטיידיגט דאָס אומגערעכטע, צייגענ־דיג זיך אַלץ שטאַרקער קאָנסערוואַטאָר און ערלויבט זיך צו מאַכען אומגערעכטע אָנפאַלען. היינע האָט זעלטען זיך ארויסגעצייגט אַלס אומגערעכטער, און איז קיינמאָל ניט געווען קאָנסער־וואַטיוו. נאָר ער פלעגט דערמאַנען אַן אַריסטאָפאַנען מיט זיינע אַריסטאָקראַטישע שטרעבונגען, מיט דער בייזקייט פון זיינע פער־זענליכע אָנפאַלען (די לידער געגען מאַירבעער׳ן און אַז. וו.) און מיט זייער אויסערליכער פאָרם, צום ב. ש., זיין שפּילעוודיג באַ־נוצען זיך מיט פאַטעטישע אויסצוגען פון באַקאַנטע לידער.

מיר זעהען ביי איהם אַ גאַנצע רייהע פון שאַרפזיניגע איינ־פאַלען געגען פרידריך ווילהעלם דעם פינפטען אין זיין „ווינטער מעשה׳לע“, וואו האָמאָניע וואַרענט היינע׳ן געגען דעם „קעניג פון טולע“ און אין זיין „דער נייער אַלעקסאַנדער“; ער האָט אויך אַ גאַנצע רייהע לידער געווענדעט געגען דעם קעניג לודוויג פון בייערן און זיין טעטיגקייט. אָט דער קעניג, וועמען היינע האָט צוערשט געלויבט ביז׳ן הימעל, איז געווען אַרומגערינגעלט, אַזוי ווי אַ מעצענאַט, מיט דער טיעפסטער אונטערטעניגקייט פון אַ גאַנצער גרופּע דיכטער און מאָהלער. אין די „לויבגעזאַנגען צום קעניג לוד־וויג“ פאַלט היינע אַן אויף זיינע אַלע שוואַכקייטען, אויף דער גאַ־לערעיע פון שעהנע פרויען אין מינכענער שלאָס, זיינע שלעכטע לידער, זיין כעם איבער דעם, וואָס איניגע פון באַריהמטע מאָה־לער און געלערענטע וואָס האָבען געקראָגען שטיצע פון איהם, האָבען זיך איבערגעקליבען פון בייערען קיין פּרייסען. וועגען דער גאַלערעיע פון שעהנע פרויען זאָגט היינע: „ער האָט ליעב קונסט, און ער באַפעהלט צו נעהמען בילדער פון די שעהנסטע פרויען, און דערנאָך שפּאַצירט ער אַרום אין זיין אויסגעפּוצטען סעראַל, ווי אַ קונסט־סריס“. און וועגען דעם, וואָס די באַריהמטע לייט האָבען זיך איבערגעקליבען קיין פּרייסען, באַנוצט זיך היינע מיט דער געלעגענהייט צו דערלאַנגען דערוויילע אַ קלאַפּ זיין אַלטען שעיר־לעזאל — מאַסמאַנען.

זאָלען קארנעלי און שעלינג זיך געהן, וואוהין זיי ווילען; איינעם האָט פאררוטען זיין פאַרשטעלונגס־קראַפט, דעם צוויי־טען — דער זינען. נאָר דאָס, וואָס מען האָט פון מיין קרוין ארויס־גע׳גנב׳עט דעם קאָסטבארען שטיין, וואָס מען האָט מיין גימנאַסט מיין מענשען־בריליאַנט, מאָסמאָנען, באַזאָרגט מיט אַ פּאַספּאָרט, דאָס האָט מיך טיף איבערראַשט, עס האָט צובראָכען מיין האַרץ. ער פעהלט מיר דער מענש, וואָס האָט זיך אויסגעצייכענט מיט דער קונסט זיך דערהויבען צו די העכסטע שטאַפּלען".

וועגען דעם קעניג׳ס פּארהעלטניסע צו פּאָעזיע זאָגט היינע:

„דער האר לודוויג איז אַ גרויסער דיכטער. ווען ער זינגט, וואַרפט זיך אפּאָלאָן פאַר זיינע פים: „אַך, הער אויף!... איך געה ארונטער פון זינען! פאַרנעם מיין געבעט, איך בעט דיך טויזענד מאָל!"

נאָך שאַרפזיניגער איז די פּאַראָדיע אויפ׳ן קעניג לודוויג׳ס ליידענשאַפט צו ליעדער־שרייבעריי, אין דער אויפשריפט, וואָס הענגט איבער „אטטא טראָל" אין דער באַיערישער וואַלהאַל:

„טראָל, איז אַ טענדענציעזער בער, מאָראַל־רעליגיעז, פאַרפיהרט פונ׳ם צייט־גייסט, איז ער געוואָרען אַ ריינער סאַנקיולאָט. ער האָט שלעכט געטאַנצט; נאָר פּרינציפּען האָט ער געטראָגען אין זיין האַריגער ברוסט. אָפטמאָל האָט אַ שרעקליך גערוך פון איהם זיך געהערט; ניט קיין טאַלאַנט, דערפאַר אָבער אַ כאַראַקטער".

דער האַרטער ריפּם און אָנגעצווינגענע קאָנסטרוקציע דערמאָנען זעהר שטאַרק דעם קעניג לודוויג׳ס ליעדער, וואָס ציהען צו די אויפמערקזאַמקייט פון יעדען אויסלענדער אויף די ווענט פונ׳ם אָרקאַד אין מינכען 1).

דאָס איז נאָר אַ פּערזענליכע סאַטירע אויף געקרוינטע פּערזאָנען. נאָר ביי היינע׳ן ווי ביי אריסטאָפאַנ׳עס רופט זיך די סאַטירע

---

1) די קאָמישסטע, אומגעוועהנליך שלעכטע צוויי־ריפמידיגע קעניג לודוויג׳ס ליעד איז פאָלגענדע:

„פלאָרענץ! דיר פעהלט דאָס, וואָס רוים באַזיצט און יענעם — דאָס, וואָס דו באַזיצסט, ווען איהר זאָלט ביידע פאַראייניגט זיין, וואָלט דאָס געווען צו שעהן פאַר דער ערד".

אָפּ אויף אַלע פּאָליטישע, סאָציאַלע און ליטעראַרישע ערשיינונגען, און דעמאָלט נויטיגט ער זיך אין פאַנטאַזיעס ווי אַלס קינסטלערישע, אַרויסהעלפענדע מיטלען. דאָס צווינגט איהם, ווי דעם גריכישען דיכטער, זיך אויפהויבען אין דער פאַנטאַסטישער וועלט, אין די וואָלקענס, אָדער זיך אַראָפּלאָזען אונטער דער ערד.

ער האָט עס שוין געטאָן, ווי מיר האָבען שוין פריהער געזאָגט, אין „ווינטער מעשה׳לע“. מיר זעהען דאָרט, מיט וואָסער זאָרגפעלטיגקייט און מייסטערהאַפטיגקייט היינע גרייט צו אַ פאַנטאַסטישע שילדערונג וועגען באַרבאַראָסעס אונטערערדישער וואוינונג אין קיופהויזער. צוערשט הערט זיך דער רעפריין פון דער אַלטער ליעד פון די מעשה׳לעך: „זון, דו רייןמאַכענדער פלאַם!“ נאָכדעם דערצעהלט זיך אַז אַלטע לעגענדע וועגען דער זון, אַלס אַנקלעגעריןקעגען אַ מערדער פון אַ יונגער פרוי, נאָכדעם פאָלגט די באַשרייבונג פון דער גוטער אַלטער אַם, וועלכע זינגט ליעדער און דערצעהלט אַזוי פיעל וואונדערבאַרע מעשיות וועגען דעם קעניג׳ס טאָכטער, וואָס איז געוואָרען אַ פאַסטושקע פון גענז, און וועגען קעניג, וואָס איז געפאַנגען אין די בערג; דאָס אַלץ ווערט דערצעהלט זעהר אויספיהרליך — ביז וואַנען די ראַמען פון דער ערצעהלונג צורוקען זיך און פאַר אונז ערשיינט באַרבאַראָס מיט זיינע ריטער, געשמיעדטע אין אייזענס; מיר הערען ווי ער ווענדעט זיך צו זיי, רופענדיג זיי צום קאַמף, צום געוועהר, אום זיך נוקם צו זיין פאַר דער שאַנדע, וואָס די מערדער האָבען אַרויפגעוואָרפען אויף דער גאָלד־האָריגער דייטשלאַנד. דערנאָך קעהרט זיך די ערצעהלונג אום צו דער שטימונג פון דער אַמ׳ס ליעד און צו איהר ענד־סטראָף, צום אויסרוף, וואָס ווערט איצט אויסגעשריען מיט פרייד און באַגייסטערונג: „זון, אַ דו, רייןמאַכענדער פלאַם!“ אַ ריין־אַרסיפאַנישען גרעאַנקען־שוואונג זעהט מען אין אָט דער דיכטערישער שילדערונג פונ׳ם אַלטען אַרסענאַל, פוסטער באוואָפנונג, אָפּבלאַקירטע פאָהנען, שלאָפענדע סאָלדאַטען, און דערנאָך די פּלוצליכע איבערקעהרעניש: דער רוף צו דער ערוואַכטער קראַפט, און דער צוזאָג זיך אומקעהרען גיך צוריק צו דעם מיטעלאַלטער, איידער אויסטראָגען די הערשאַפט פון דער צוויי־פּנים׳דיגער פּרייסען, וואָס איז אַ געמיש פון גאָטישען אומזין

און מאַדערנעם ליגען. אין די צוויי ווייטערדיגע אַפּטיילונגען פאַל־גען די באַשרייבונגען פון דעם בארג, ווי ער קוקט אויס אינווע־ניג. און עס ווערט געפיהרט אַ געשפּרעך מיט באַרבאַראָסען, גע־שילדערט ווי אַ חלום, ווען מען רייזט אין אַ דיליזאַנס.

אויפ'ן זעלבען גרונד פון פיינדשאַפט צו פּרייסען איז אויך גע־מאָלען די אַנטי־פּרייסישע ראַפּסאָדיע אין דעם מינדערנער האַ־טעל. היינע וויל קעמפען מיט'ן פּרייסישען אַדלער, וויל איהם דער־שיסען און ארומפּליקען. ווען אַריסטאָפאַן זאָל געווען זיין אין כעס אויף אַן אַדלער, וואָלט ער גלייך פאַר אונזערע אויגען מעהר גע־שילדערט. נאָר היינע טרעט צו צו זיין שילדערונג מיט זיינע געוועהנליכע אַרומרעדענישען. עס קומט ביי איהם אויס אַזוי, אַז ווען ער חלומ'ט אין האַלבען־דרעמעל באַקומט דער רויטער צווייג איבער'ן קאָפּ אַן אויסזעהן פון אַן אַדלער מיט פעדערען און נעגעל, וואָס דראָהט איהם און וויל אַרויספּיקען זיין לעבער און ברוסט — באַנוצענדיג זיך מיט דער געלעגענהייט, דערצעהלט אונז היינע זיין פיינדשאַפט צו דעם פויגעל.

נאָר אין עטליכע פּלעצער באַקומט היינע'ס קינסטלערישע שיל־דערונג אַ גרויסע דרייסטקייט און ווערט מעהר ענליך צו דער באַשרייבונג פונ'ם גרויסען גריך. דאָס זעהען מיר, למשל, אין דער פּראַכטפולער רעדע, מיט וועלכער דער דיכטער ווענדעט זיך צו די וועלף אין טעווטאָבורגער וואַלד. דער רייזענדער הערט ווי זיי וואָיען ביינאַכט נעבען זיין עקיפּאַזש, וואָס האָט פאַרלאָרען אַ ראַד. ער געהט אַרויס און ווענדעט זיך צו די ווילדע חיות מיט פאָלגענדע ווערטער:

„חברים וועלף! איך בין גליקליך היינט צו פאַרברענגען אין אייער געזעלשאַפט, וואו אַזעלכע איידעלע זעלען וואָיען אַנטקעגען מיר“.

דעם שריפטשטעלער'ס רעדע איז אַ הומאָריסטישער אויסצוג פון די רעדעס, וואָס גרויסע מענשען האַלטען ביי עהנליכע אומ־שטענדען. אַט די שעה וועט בלייבען איינגעקריצט אויף אייביג אינ'ם רעדנער'ס מח. עס איז אַ ליגען, אַז ער איז אַריבערגעגאַנגען אין הונד'ס לאַגער; איהם איז קיינמאָל ניט געקומען אויפ'ן זינען צו ווערען אַ הויף־ראַטגעבער אין טשערעדע פון די באַראַנען. מיט

דער שאַפּישער פעל, וואָס ער האָט אַמאָל אויף זיך אָנגעטאָן, האָט ער זיך נאָר באַנוצט, אום זיך צו דערוואַרימען, נאָר ער איז געווען און איז געבליבען אַ וואָלף און וויל שטענדיג נאָר זיין מיט די וועלף.

די סצענע צווישען דעם דיכטער און האַמבורג׳ן, וואָס איז גע־שילדערט אַלס אַ מעכטיגע פרוי מיט אַ קרוין, וואָס זעהט אויס ווי אַ צייהנערדיגע וואַנד, איז, ווי היינע אַליין זאָגט, נאַכגעמאַכט פון פאַיסטעטערעס און באַזילעיעס חתונה אין די „פויגלען“. זי איז געשריבען זעהר דרייסט און יונגעלש־פרעהליך און אין איהר צולאַזקייט ענטהאַלט זי פיעל מעהר אַפּשטויסענדע ערטער ווי אַריסטאָפאַנ׳ס, וועלכער טרעט קיינמאָל פערזענליך ניט אַרויס אויף דער ביהנע אום צו פאַרטיידיגען זיך, אַלס דיכטער. היינע׳ס ציניזם פאַרגעהט ניט אַזוי וויט, ווי אַריסטאָפאַנ׳ס, נאָר דערפאַר טראָגט ער אַ מעהר פערזענליכען כאַראַקטער.

אין „אַטטא טראָלל“ טרעט נאָך דייטליכער אַרויס זיין עהנליכ־קייט צו אַריסטאָפאַנ׳ען. די פאַנטאַזיע קריגט דאָ אַ ברייטע פעלד פאַר האַנדלונג, ווייל די הויפּט־פּערזאָן איז דאָ ניט קיין מענש, נאָר אַ בער. די אויסערגעוועהנליכע פאַנטאַזיע קאָן מען זעהן דאָרט, וואו דער בער, נאָך זיין אַנטלויפען, טאַנצט פאַר זיינע בע־רעלאַך ביי דער לבנה־ליכטיגקייט. מיט אַן אומפאַרגלייכליכען הו־מאָר זיינען געשריבען זיינע רעדעס, אומצופרידענע מיט מענשליכע פּריווילעגיעס: דער בער פאַרגלייכט זיי מיט די אַלטע בערישע פּריווילעגיעס; אָט די ווערטער דערמאָנען אַ פראַכטפולען פאַ־ראבאַז אין די „פויגלען“, וואו עס ווערט באַהויפּטעט, אַז די פויגעל־וועלט איז עלטער פון דער מענשען־וועלט: די וועלט איז באַשאַפען פונ׳ם אורשפּרינגליכען איי, וואָס די ליעבע האָט געלעגט, און פויגלען זיינען קינדער פון ליעבע. עס איז זעהר אַמוזירענד ווי דער בער שטאַלצירט מיט דער וועלט פון די חיות; נאָר נאָך אַמו־זירענדער זיינען דעם בער׳ס פּראַטעסטען, דערפאַר, וואָס היינע באַנוצט זיך מיט זיינע אויסדריקען, אום זיי צו באַפּוצען מיט פרעהליכע, בייסענדע וויצען געגען מענשען, וואָס דערוועקען זיין פאַרדרוס; צום מיינסטען קריגט פריילִיגראַט, וועמעס פּאָפּולער, אָבער נאַריש ליעד, „דעם לייב׳ס רייזע“, ווי אויך זיין שלעכט

ליעד „דער נעגער קעניג“ האָבען ביי איהם ארויסגערופען ביטערע שפּאָטען:

„זיינען דען ניטאָ קיין געבילדעטע הינט? צעהלט דען ניט אַ פערד גלייך ווי אַ קאָמערץ־ראַט?... און אייזלען שרייבען ניט קיין קריטיק? זיינען מאַלפּעס דען ניט קיין אַקטיאָרען?... זינ־גען דען ניט די נאַכטיגאַלען? איז פרייליגראַט דען ניט קיין שרייבער? ווער קאָן נאָך אַזוי גוט באַשרייבען דעם ליב, ווי זיין לאַנדסמאַן דער קעמעל?“

פיעל פון דעם, וואָס דער בער רעדט, קלינגט ווי אַ סאַטירע געגען דער נארישער קאָמוניסטישער דעמאָקראַטיע, פיעל הויכע פּראַטעסטען געגען אייגענטום: בערען ווערען געבוירען אָהן קע־שענעס, מענשען פילען אָן זייערע. פיל ווערט דאָ אויך די גלייכ־הייט אָפּגעלאַכט:

„דאָס גרונד־געזעץ דאַרף זיין די גלייכהייט פון גאָט׳ס באַשעפע־נישען אָהן אונטערשייד און גלויבען, פאַרב, גערוך און פעל. אַך־מעטום דאַרף הערשען גלייכהייט! דער אייזעל זאָל זיין באַרעכטיגט צו דערגרייכען די העכסטע טרעפּ: דער ליב וועט אָפּט מוזען טראָגען זיך מיט מעהל.“

נאָר אין אַלגעמיין איז „אַטטא טראָלל“ אַן אומשולדיגע סאַטירע, וועלכע לאַכט אוים אויף אַ פאַנטאַסטישען אופן די צבוע׳קעס, קאָ־מוניסטען, מענשען־פיינד, רעוואָלוציאָנערען, קאָסמאָפּאָליטען און נאַציאָנאַליסטען — וואָרים דער בער איז צוביסלעך באַקאַנט מיט אַלע פראַגעס. ווי אָריגינאַל עס קלינגט אַטטא טראָלל׳ס פּרעדיגען געגען אַטעאיזם, רעדענדיג וועגען זיין דעאיטישען גלויבען. ער הויבט אָן מיט פאָלגענדע ווערטער:

„היט זיך פאַר מענשען׳ס דענקאַרטען, ווייל זיי פאַרדאַרבען די נשמה. קיין פיינער מאַן איז דאָך אויף דער וועלט גאָרניטאָ“.

אַ פּרעהליכע טיעפזיניגקייט ליעגט אין די ווערטער, מיט וועל־כע היינע ווענדט זיך צו באַויערען און פרייליגראַטען, און אויך אַ שאַרפזיניגקייט וואָס דערמאָנט וואָלטער׳ס, נאָר אַ רייכערע, אַ מעהר דורכגעפיהלטע, ווי ביי יענעם, אין דער באַשרייבונג פון דעם באַשעפער פון דער וועלט:

„לאָמיר ארויפקוקען ארויף! אין אַ חיה׳שען געצעלט, אויף אַ

גאָלדענעם טראָהן, זיצט מיט ווירדע אַז אומגעהייער־מעכטיגער
בער".

כאָטש דער בער רעדט מיט דער שפּראַך פון פאַרשיידענע פאַר־
טייען, נאָר צום מיינסטען קריגען פון איהם די דייטשען. פון זיי
לאַכט דער דיכטער אָפטער ווי פון אַלע. די גוט־ארומגעלעקטע
מיידלער־בערען דערמאַנען די דייטשע פּאַסטערס־טעכטער; דער
אינגסטער בערעלע מאַכט גימנאַסטישע איבונגען ניט ערגער פון
מאַסמאַנען, און איז ווי דער לעצטער, די בלום פון דער לאָקאַלער
קולטור; ער האָט זיך קיינמאָל ניט געקאָנט אויסלערנען אַן אַנ־
דער שפּראַך, אויסער זיין אייגענער: גריכיש ווי לאַטייניש זיינען
איהם פרעמד.

אַזוי אַרום קעהרט היינע אַלע מאָל אום דעם לעזער מיט פאַר־
שיידענע דריידלער צו דער דייטשער ווירקליכקייט.

מיט'ן אַריסטאָפאַנישען גייסט איז אויך דורכגעדרונגען דער
פּלאַן, וואו עס הייסט, אַז עס געהט אַ רעגען און דער דיכטער שרייט
אויס: זעקס־און־דרייסיג מלכים פאַר איין זאַנטיג!"—און די שטעלע
וואו ער געפינט, ענדליך, אַ רוהיג, באַשיצענד אָרט און ער שרייט
ווידער אויס: „זעקס־און־דרייסיג מלכים פאַר איין שלאָף־ראָק!"

אינגאַנצען אין אַריסטאָפאַנישען גייסט איז דער אויסגעלאַזטער
פּלאַן אין „אטטא טראלל", וואו דער פויגעל גוט־גוט דערצעהלט,
ווי אַזוי סאַלאָמאָן און באַלקים פרעגען זיך רעטעענישען: „וועך
איז דער גרעסטער אויסוואורף פון אַלע דייטשע אויסוואורפען,
וואָס וואוינען אין די זעקס און דרייסיג קעניגרייכען פון דייטשען
בונד?" — באַלקים, צו וועלכער די פראַגע איז געווענדעט, שיקט
קוריערען אין אַלע דייטשע מלוכות און געגענדען, און יעדעס מאָל
ווען זי לאָזט וויסען סאַלאָמאָנען וועגען אַ ניי־אויסגעפונענעם אויס־
וואורף ענטפערט ער: — „קינדער, עס זיינען דאַ נאָך גרעסערע". —
די אָריגינאַלע דייטשע אייגענטימליכקייט באַשטעהט אין דעם,
וואָס ווען מיר געפינען דאָרט אַן אויסערגעוועהנליכען אויסוואורף,
פאַרנעהמט זיין אָרט נאָך אַ גרעסערער: עס איז ניטאַ אין דייטש־
לאַנד קיין גרעסערער פּראַגרעס ווי אין אַט דער הינזיכט — אין
דער זוכעניש פונ'ם גרעסטען אויסוואורף. נאָך נעכטען איז עקס
געוועזען דער גרעסטער אויסוואורף; היינט אָבער איז ער אַ גאָרניט

אין פאַרגלייך מיט נ. נ. אַלס ביישפּיעל פון היינע׳ס מערקווירדי־
גען קינסטלערישען טאַקט קאָן דיענען דער אומשטאַנד, וואָס ווען
ער האָט אײַנגעזעצט אין באַרבייט דאָס ליעד האָט ער פאַרבויגען אָט
דעם מיטעל, וואָס האָט געקאָנט אויף אַן אַמוזירענדען אופן שלאָגען
זיינע שונאים, אײַנגעזעצט אויסשליסענדיג עס פונ׳ם ליעד.

צולעצט באַמערקט זיך אין דער ריין־ליטעראַרישער סאַטירע
היינע׳ס עהנליכקייט צו אַריסטאָפאַנ׳ען: לאָמיר, אַלס ביישפּיעל,
ברענגען די סאַטירע אויף דער שוואַבישער סאַטירישער שולע אין
„אַטטאַ טראָלל“: היינע באַשרייבט אין דער צוויבערינג׳ס הייזעל
אַ קאַץ, אין וועלכער דער שוועדישער דיכטער איז פאַרוואַנדעלט
געוואָרען; זי קאָן נאָר דאַמאָלס צוריק פאַרוואַנדעלט ווערען אין
אַ מענשען, אויב עס „וועט זיך געפינען אַ מיידעל, וואָס ווייסט
נאָך ניט פון קיין מאַן“, און זי דאַרף איינגעהן אויף דעם באַדינג:
„ערב סילוועסטער־טאָג, דאַרף די מיידעל אײַנגאַנצען איבער־
לייענען פּפיצער׳ס ליעד און דערביי ניט איינשלאָפען“.

אין אַ צווייטען אָרט שיקט היינע זיינע סאַטיר־פיילען געגען
אָט די געקינסטעלטע ווערטער אין פריילינגראַט׳ס „מאָרען קעניג“
מיט זייערע באַפּוצטע פאַרגלייכונגען: „פון דעם וויים־שיינענדען
געצעלט געהט אַרוים דער געקרוינטער נעגער, דער העלד, אַזוי
געהט אַרוים פון די טויערען פון די בלישטשענדע וואָלקענס די
טרויעריגע און טונקעלע לבנה“. אַ ליעד וועגען דעם מאָרען
קעניג, וואָס ווערט געפאַנגען, געבראַכט קיין אייראָפּאַ און דאַרף
קלאָפּען אין די פּויקען פאַר דעם אַריינגאַנג פון אַ צירק, דערמאָנט
זיך און זיין געוועזענער גרויסקייט און קלאַפּט אַזוי שטאַרק אין
פּויק, אַז ער ווערט אַזש צוזעצט. נאָר דאָס, וואָס דער מאָר קוקט
אוים דורך דער געצעלט־עפענונג ווי אַ לבנה, וואָס קוקט אַרוים
פון אונטער די וואָלקענס מאַכט אַ זעהר קאָמישען איינדרוק.

ביי היינע׳ן הענגט אַרוים דעם בער׳ס רויטער צונג פון זיין
שוואַרצען מויל, אַזוי ווי די לבנה קוקט אַרוים פון אונטער ווייסע
וואָלקענס. און צום סוף פון היינע׳ס ליעד, אין „זשאַדען די
פלאַנטע“, זעהען מיר אַ מאָר וואָס היט חיות און איז ניט קיין
אַנדערער, ווי פריילינגראַט׳ס מאָרען־קעניג; ער האָט חתונה גע־
האַט מיט אַ ווייסער קעכין פון עלזאַס, וועלכערס פּיס דערמאָנען

איהם אַז די פּיס פונ׳ם עלפאַנד פון זיין שטאָדט, און די פראַנצויזישע שפּראַך קלינגט אין זיינע אויערען ווי די מאַרישע. ז׳ קעבעלט איהם מיט אַזעלכע שפּייזען, אַז ער האָט באַקומען אַ גרוים בייכעל, וואָס קוקט אַרויס פון אונטער זיין העמד גלייך ווי אַ קלייניגקע, קיילעכדיגע שוואַרצע לבנה, וואָס קומט אַרויס פון אונטער ווייסע וואָלקענס.

פונקט אַזוי פיהלט זיך דער איינפלוס פון אַריסטאָפאַנ׳ס סאַטירע אין די ביטערע און שאַרפע סאַטירישע איינפאַלען געגען פּלאַטענען אין דעם לעצטען טייל פון די „רייזע־בילדער“. אפילו איינינגע פּרעהליכע ערטער אין ליטעראַרישען קריעג זיינען געמיינשאַפטליך ביים דייטשען און גריכישען סאַטירישען שריפטשטעלער. אין די „זשאַבעס“ ווידערהאָלט עסקיל אין זיין דיספּוט מיט עוריפּידען, וועמען אַריסטאָפאַן פאַרפאָלגט מיט זיין שנאה, דיזעלב׳גע ווערטער, פון וועלכע דער געדאַנק איז: „קאַליע געמאַכט די ליעדער“; די ווערטער ווערען צוגעשטעלט צו אַלץ וואָס עוריפּיד זאָגט וועגען זיך. אין די „רייזע־בילדער“ איז היינע זיך נוקם אין פּלאַטענען דערמיט, וואָס ער באַפעהלט גיאַצינטען צושטעלען די ווערטער „פון פאָרענט און אונטען“ צו פּלאַטענ׳ס ליעדער, און אַזוי אַרום ווערען די ליעדער שטאַרק פאַרדרעהט.

אַריסטאָפאַנ׳ס קאָמעדיעס זיינען ווי אַ שעהנע סטעליע, באַפּוצט מיט פּראַכטפולע פרעסקעס. היינע׳ס קאָמיזם קאָן מען צוגלייכען צו זעהר גוט־געמאָלטע בילדער, אַרומגעלעגטע מיט פרעסקעס. אין דער גריכישער קאָמעדיע איז פאַרהאַן פיעל ליכט און רוים, גלייך ווי אין מיקעל אַנדזשעלאָ׳ס סיקסטין קאַפּעלע. אַלץ איז דאָ, ווי אין דער סיקסטין־קאַפּעלע, גראַנדיעז, געררוים, קרעפטיג, געשאַפען מיט דעם גייסט, וואָס צושטערט מיט׳ן לירישען פליסען פון געפיהל, מיט דער דרייסטקייט פון דער פאָרשטעלונג און שטאַרקייט פון דער אַלעגאָריע די אַנגענומענע רעגעלען. דער אונטערשייד איז נאָר דער, וואָס מיקעל אַנדזשעלאָ׳ס וועלט איז טראַגיש, ניט־געצווימט, פייערליך, בעת אַריסטאָפאַנ׳ס — איז דיפיראַמביש, אַ קאַריקאַטור־וועלט אין דער ראַהם פון גריכישע לעבענס־פאַרהעלטנישען.

אין פאַרגלייך מיט אַריסטאָפאַנען איז היינע — אַ פּריוואַטער

מענש וואָס לעבט זיך אין זיין הויז. אַריסטאָפאַן האַנדעלט אין דער בייטאַגיגער ליכט־שיין פון אַ טעאַטער, וואָס איז אַרומגערינ־גלט מיט טויזענדער צוהערער; היינע רעדט מיט זיין פובליקום פון זיין צימער אַרויס. נאָר די בילדער, וואָס דרוקען זיך אָפּ אויפ׳ן נעץ־הייטעל פון זיין אויג, פאַרמאָגען אַ מעהר־פלאַמענדע און קלאָרערע לעבענס־אָפּשפּיגלונג ווי די, וואָס אַריסטאָפאַן פיהרט אַרויס אויף דער ביהנע. זיינע שטרעבונגען און באַמיהונגען טראָגען ניט יענעם ריין־לאַקאַלען קאָלאָריט, ווי דעם גריכישען דיכ־טער׳ס ווערק. אין דעם מאָמענט פון באַגייסטערונג ווענדעט ער זיך צו מיליאָנען מענשען אויסער זיין פאָלק, צו די אויסדערוועהל־טע, צו די, וואָס קאָנען לייענען. זיין ליריק איז מעהר סוביעקטיוו, האַרציגער און נערוועזער, ווי די גריכישע ליריק, פונקט ווי זיינע סאַטירעס זיינען געווידמעט די אַלגעמיינע אידעען, וואָס נאָך אַריסטאָפאַנ׳ס שטאַנדפּונקט עקזיסטירען גאַרניט. ער איז ווייני־גער שאַרפזיניג ווי זיין גריכישער פאָרגענגער, און ער קעמפט שטענדיג פאַר פּאָליטישער ענטוויקלונג און פּערזענליכע פרייהייט, בעת עווריפּידי׳ס און סאָקראַט׳ס געגנער האָבען עפּעס געקעמפט פאַר דער פאַרטיידיגונג פון דער פאַרגאַנגענהייט, וואָס איז אָהן צוריקקעהר פאַרזונקען אין אייביגקייט, — דער פאַרגאַנגענהייט, צו וועלכער זיי האָבען ווינציגער ווי אַלץ באַלאַנגט.

* * *

היינע׳ס פּראָזע קאָן ניט געשטעלט ווערען אויף איין שטופע מיט זיינע ליעדער. אין זיין באַריהמטסטען ווערק, די „רייזע־בילדער“, צייגט ער זיך אַרויס אַלס סמערנעס שילער; שפּעטער, ווערענדיג מעהר זעלבסטשטענדיג, ווייזט ער, אמת, אָפטמאָל אַרויס גרויס שאַרפזיניגקייט און זעהר לעבעדיגע שילדערונג, נאָר ער שטעלט זיך זעלטען אויף דער הויך פון די געגענשטאַנדען, וועלכע ער דאַרף באַהאַנדלען. ער קאָן ניט שרייבען ניט וועגען דער דייטשער פילאָזאָפיע פאַר די פראַנצויזען, און ניט וועגען פראַנ־צויזישער מאַהלעריי פאַר די דייטשען — פאַר אַלץ איז ער דער־זעלבער דילעטאַנט. אמת, אַלס זשורנאַליסט דערגרייכט ער זעהר

אַ הויכע מדרגה, נאָר ער איז צו גרויס אַלס אַ מענש צו ווערען קלאַסיפיצירט אַלס אַ זשורנאַליסט.

פאַרשטעהט זיך, אַז די פּעדאַנטען צווישען זיינע געגנער האָבען געלעגט גרויס געוויכט אויף זיין אַזוי־גערופענער אויבערפלעכליכ־קייט. מען האָט איהם, פאַרשטעהט זיך, ניט געקאָנט אָנרופען גוטער אַרבייטער, נאָר, יעדענפאַלס, האָט ער אַרויסגעצייגט געוויסע פליי־סיגקייט, און זיינע קענטעניסען זיינען געווען פאַרשיידענאַרטיג און גרינדליך. אָבער גרויס איז ער געווען נאָר אַלס דיכטער; די מעהרסטע פון זיינע פּראָזאאישע ווערק זיינען נאָר געשריבען גע־ווען אויף טאָג־טעמעס, ניט רעדענדיג שוין דערפון, וואָס מען האָט זיין אָנדענקונג אָנגעטאָן גרויס שאָדען מיט דעם פאַרעפענטליכען פון זיינע בריעף, וועלכע שטעלען איהם, אין אַלגעמיין, ניט אַרויס אין קיין גוטער ליכט. אין זיי צייגט ער זיך, מעהרסטענס, אַרויס פאַרזונקען אין פּערזענליכע אינטערעסען. געלט ־ נויט איז אַ נודנע מאַטעריע, ווען אפילו עס האַנדעלט וועגען געלט־נויט פון אַ גרויסען טאַלאַנט.

היינע, ווי עס איז באַקאַנט, האָט ניט לאַנג געלעבט. אין דער פולער בליהונג פון זיינע גייסטיגע קרעפטען האָט אַ שרעקליכע קראַנקהייט געמאַכט אַן ענדע צו זיין לעבען.

זיין גאַנץ לעבען איז ער געווען שוואַך. אין דער יוגענד האָט ער שטענדיג געליטען פון שרעקליכען קאָפּ־וועהטאָג; ער האָט געמוזט זיך אַזוי־אַפּהיטען פון טרינקען, אַז, ווי זיינע פריינד באַ־הויפּטען, ער האָט זיך באַנוגענט נאָר מיט׳ן שמעקען דעם פאַרט־ווייז, וואָס איז געשטאַנען אין זיין צימער. זיין נערוועז־סיסטעם איז פריה אויפגעטרייסעלט געוואָרען, נאַטירליך אַ היבש ביסעל וויינינגער, ווי מען דענקט געוועהנליך וועגען איהם. דערפאַר וואָס ער איז געווען אין פולען זין אַ „מויל־זינדער" און זיך שטענדיג באַריהמט אין זיינע ווערק מיט זיינע שלעכטע געוועהנהייטען — נאָר ער איז קראַנק געוואָרען אויף אַזאַ קראַנקהייט, וואָס פאַלט שטענדיג אוים אויפ׳ן שיקזאַל פון אַזעלכע פּערזאָנען, וועמעס לעבען עס לויפט איבער אין שטענדיגער גייסטיגער שאַפונג. ער האָט באַקומען אַ קראַנקהייט אויפ׳ן רוקען־מאַרך צוזאַמען מיט

א פאראליזירונג, צוערשט פון די שלייפען און דערנאך כמעט פונ׳ם גאנצען קערפער.

זיין לעבען, וואס קאן ניט אנגערופען ווערען ניט גרויס און ניט גליקליך, צוטיילט זיך אויף צוויי שארף־באשטימטע טיילען: זיין וואוינען אין דייטשלאנד ביז דער יולי־רעוואלוציע און זיין וואוינען אין פאריז פון 1831 ביז 1856, דאס יאהר פון זיין טוידט. זיין לעבען איז דורכגעפיהרט געווארען אהן א שום באשטימטען פלאן, נאר ניט אהן באמיהונגען פאר א באשטימטער ענטוויקלונג פון זיין טאלאנט; מען קאן קוים גלויבען, צי ער וואלט געווען דערגרייכט אזא באריהמטקייט אין דער אלוועלטליכער ליטעראטור, אדער וואלט פארנומען אזא אויסערגעוועהנליך פלאץ אלס סאטירישער דיכטער, ווען ער זאל געווען לעבען אין זיין לאנד.

זיין יוגענד אין דייטשלאנד האט ער פארבראכט אונטער׳ן יאך פון דער רעאקציע; זיינע רייזע־בילדער" זיינען שטארק פאפולער געווארען פאר זייער אויסדריקען די פאליטישע אומצופרידענהייט, נאר גיך האט ער זיך אינגאנצען אפגעזאגט פון פאליטיק. דערנאך האט די יולי־רעוואלוציע דורכגעריינינגט די לופט, היינע פארלאזט דייטשלאנד, באזעצט זיך אין פאריז און בלייבט דארט אויף שטענדיג, דערפאר וואס דער דייטשער בונד האט ארויפגעלעגט א חרם אויף זיינע ווערק. גיזא׳ס רעגירונג גיט איהם אין געהיים א קליינע יעהרליכע פענסיע, וואס גיט איהם א מעגליכקייט צו פיהרען א פארהעלטניסמעסיג זארגלאז לעבען; א דאנק אט דער פענסיע פאלט מען שטענדיג אן אויף איהם, אמת, ניט שטענדיג אהן אן אורזאך, נאר דאך, אין מעהרסטע פאלען, אומזיסט. מען דארף ניט פארגעסען, אז היינע איז ניט געווען באקאנט מיט דער קונסט פון געלד־פארדינען, נאר אט די קונסט וואלט איהם ווייניג נוצען געבראכט, ווען ער זאל אפילו געווען וועלען מיט איהר זיך באנוצען.

בעת זיינע ביכער האבען געבראכט מיליאנען פאר זיינע פארלעגער האט ער פארקויפט קאמפ׳ען זיין „בוך פון לידער" אויף אייביג, פאר אן אלטען חוב פון 50 לואידארען, און זיין גאנץ לעבען האט ער געמוזט אנקומען נאך שטיצ׳ע צו זיין רייכען פעטער, וועלכער האט עס איהם געגעבען אהן איבעריגען חשק. ווען היינע און

צום מיינסטען די קליינע פּאַריזער גריזעטקע, מיט וועלכער ער האָט געהייראַט, וואָלטען אַפּילו געוואוסט ווי אַזוי מען דאַרף פיהרען באַלעבאַטישקייט, וואָלט ער אַפּילו דעמאָלט אויך ניט געקאָנט אויסקומען אָהן רעגירונגס־הילף. איצט אָבער האָט ער געמוזט פּאַרשוויינען אין די דייטשע צייטונגען פּאַרשיידענע האַנדלונגען פון דער פראַנצויזישער רעגירונג, וועגען וועלכע ער וואָלט ביי אַנדערע אומשטענדען גערעדט. נאָר קיין אַנדערע שלעכטסקייטען האָט די איהם געגעבענע הילף פאַר איהם ניט געהאַט. יעדענפאַלס האָט זי איהם קיינמאָל ניט געצוואונגען צו שרייבען וואָס ער האָט ניט געפיהלט, אָדער וואָס זאָל זיין געגען זיינע אַנשויאונגען.

פון פראַנקרייך האָט ער ניט אויפגעהערט צו פיהרען זיין שטענדיגען, כאָטש זיין עטוואָס אָפּגעשוואַכטען קאַמף געגען דער אייראָפּעאישער רעאַקציע. מען קאָן זאָגען, אַז אין דעם הינזיכט איז ער געוועזען באַיראָנ׳ס גרויסער יורש. מיט עטליכע יאָהר שפּע־טער, ווי די סאַרקאַזם־שווערד איז אַרויסגעפאַלען פון דעם פאַר־שטאָרבענעם באַיראָנ׳ס הענט, האָט היינע איהם אונטערגעכאַפּט און אַ גאַנצען דור לאַנג איהם גענוצט מיט דערזעלבער פעסטער עקשנות און שטאַרקער קראַפט. נאָר אין די לעצטע אַכט יאָהר האָט זיך דער שווערד געפונען אין די הענט פון אַ טויטליך־פאַר־וואונדעטען מענשען.

ער האָט קיינמאָל ניט געשריבען אַזעלכע אמת׳ע, בייסענדע און גלענצענדע ליעדער ווי דאַן, ווען ער איז געוועזען צוגעקאַוועט פון דער שרעקליכער קראַנקהייט, צו זיין בריימען און נידעריגען בעט אין פּאַריז; און נאָך קיינמאָל האָט זיין שאַפענדער גייסט ניט אַרויסגעצייגט קיין גרעסערען מוט און אויסגעהאַלטענקייט, ווי אין דער צייט ווען ער האָט איבערגעטראַגען אונמענשליכע ליידען. זעלטען האָט די מאַכט פון גייסט איבער׳ן קערפּער זיך אַרויסגע־צייגט דייטליכער. ליגען מיט פאַרשטשימעטע פון וועהטאַג צייהן איז שוין געווען פאַר אַ מענשען, נאָר נאָך שאַפען, אָפּשפּעטען, מאַ־כען שפּאַס, און אַרויסצייגענדיג דערביי אַ גרויסען שכל, גלענ־צענדען הומאָר און פלאַמענדע פאַנטאַזיע, שוועבען מיט׳ן גייסט אין גלענצענדע טיעפע פאַנטאַזיעס, ליגענדיג דערביי לעבענסלאָז און

פּאַראַליזירט אויפֿ'ן טויטען־בעט — דאָס איז אַ באַווייז פֿון מערק־ווירדיגער נשמה־גרויסקייט.

ער איז געלעגען אָפּגעצערט ווי אַ סקעלעט, מיט צוגעמאַכטע אויגען, פּאַראַליזירטע הענט, מיט פאַרדאַרטע געזיכטס־שטריכען; ווען ער האָט גערעדט, האָט איבער זיין מאַרטירער־געזיכט געשוועבט אַ מעפיסטאָפעלישער שמייכעל; זיינע ווייסע און אויסערגעוועהנ־ליך שעהנע הענט זיינען אינגאַנצען דורכזיכטיג געוואָרען. צולעצט איז פֿון היינע'ן פאַרבליבען נאָר דאָס קול, אַזוי ווי ביים אַלטען טיפאָן; נאָר אַט דאָס קול האָט פאַרמאָגט זעהר הייסע אינטאָ־נאַציע, האָט גלענצענד אויסגעדריקט זיינע שפּאַסען און שאַרפ־זיניגע איינפאַלען.

זיין גייסטיגע אַרבייט האָט ניט אויפגעהערט. עס האָט זיך געדוכט, אַז די מעכאַנישע ראָד פֿון זיין מח האָט זיך געדרעהט אָהן פּאַרע, אַז זיין לאָמפּ האָט געברענט אָהן נאַפט.

עס איז ניט אמת, אַז ער איז כלומרשט געוואָרען אַ נאָהענטער פֿון קלויסטער, אָבער זיין רעליגיעזיטעט, וואָס פלעגט אַפּט, נאָך פֿון זיין קינדהייט אָן, אין איהם ערוואַכען, האָט אויך איצט ער־וואַכט, און דער ליידענדער דיכטער האָט אָנגעהויבען גלויבען אין גאָט. יעדענפאַלס, פלעגט אפילו אָט דער גלויבען ביי איהם צומאָל אַרויסרופען אַ שמייכעל. ווען זיינער אַ פרומער פריינד האָט איהם די לעצטע טעג פאַר זיין טויט גע'מוסר'ט, האָט ער שמייכלענדיג געענטפערט: „גאָט וועט מיר מוחל זיין, דאָס איז דאָך זיין אַרבייט“.

אַלס ריהרענדער באַווייז פֿון זיין נשמה־גרויסקייט און פֿון זיין ליעבע צו זיין מוטער קאָן דיענען דער פאַקט, וואָס פאַר דער גאַנצער צייט פֿון זיין קראַנקהייט האָט ער זיך שטאַרק געזאָרגט, טאָמער וועלען די ידיעות וועגען זיין קראַנקהייט אָנקומען צו זיין מוטער אין האַמבורג; ער האָט ביז'ן סוף איהר געשריבען פרעה־ליכע, שפּאַסיגע בריעף, און פֿון זיינע ווערק וואָס ער האָט איהר געשיקט האָט ער געהייסען אויסשטרייכען יענע פלעצער, וואָס וואָל־טען געקאָנט ביי איהר אַרויסרופען פאַרדאַכט.

זיין גייסטיג לעבען מאַכט אויף אונז אַ צויבערענדען איינ־דרוק מיט פאָלגענדען שטריך: ער, דער דרייסטסטער פֿון אַלע

דיכטער און מענשען אין זיינע שילדערונגען, שרייבט אין דער צייט פון זיין קראַנקהייט, די צאַרטסטע און איידעלסטע ליעבע ליעדער. ווי באַקאַנט, זיינען זיינע לעצטע יאָהרען פאַריסט געווען פון דער איבערגעבענהייט און ליעבע פון א יונגער, זעהר שעהנער פרוי 1).

ביז היינטיגען טאָג האָט מען ניט פעסטגעשטעלט איהר נאָמען און איהר געבורט־פּלאַץ. זי האָט געוואָלט בלייבען אומבאַוואוסט און האָט געגעבען א פאַלשען נאָמען, אום צו פאַרהוילען די שפּורען. זי פלעגט זיך רופען מאַרגאַ אָדער פרייליין פאָן בעלגערן אָדער סאַרע דעניגסאָן. צו היינע'ן איז זי געקומען מיט'ן נאָמען עליזא קריניץ, און דוכט זיך, אז דאָס איז דער ריכטיגער. אָבער עס איז אומבאַקאַנט, צי דאָס איז געווען איהר מיידעלשער נאָמען, וועלכען זי האָט געקראָגען אין פּראַג ביי איהר געבורט, אָדער זי איז געווען פרוי פאָן־קרינעץ פון טאַרגאַאו. היינע פלעגט זי רופען „לאַ מוטשע" — נאָכ'ן פליגעלע, וואָס איז געווען אויסגעקריצט אויף איהר זיעגעל. נאָך זיין טויט איז זי אַרויסגעטראָטען אין דער פראַנצויזישער ליטעראַטור, אונטער'ן נאָמען קאַמילע סעלדען, און ניט קיין אַנדערער, ווי טען, האָט געמאַכט אויפמערקזאַם דעם פראַנצויזישען פּובליקום אויף איהרע ערשטע צוויי ביכער: דער ראָמאַן „דאַניעל וולאַדי" און די עטיודען „דער געדאַנק פון דער מאָדערנער פרוי".

מען דערצעהלט, אַז זי איז אין איהר פריהער יוגענד געקומען קיין פּאַריז און איז געווען א שטיקעל צייט אומגליקליך פאַרהייראַט צו א מענשען, וועלכער, אום פון איהר פריי צו ווערען, האָט זי איינגעשלאָסען אין א משוגעים־הויז. עס האָט זיך איהר איינגעגעבען פון דאָרט זיך אַרויסצורייסען און אַנטלויפען קיין ענגלאַנד. זי האָט אַליין דערצעהלט, אַז זומער 1855 איז זי געקומען פון וויען קיין פּאַריז און געקומען צו היינע'ן איהם איבערגעבען מוזיק־

1) קאַמיליע זעלדען: „די לעצטע טעג פון היינריך היינע" — מעמואַרען (שאַרענ'ס פאַמיליען־בלאַט 1884).
אַלפרעד מעלסנער: עראינערונגען וועגען היינריך היינע — „די געשיכטע פון מיין לעבען".

פּיעסען און גרוסען, וואָס אַ ווינער קאָמפּאָזיטאָר, באַראָן וויסקע־פאָן־פּוטלינגענט האָט צו איהם געשיקט.

מיט איינינע יאָהר פריהער האָט זי זיך באַקאַנט מיט׳ן עסט־רייכישען דיכטער אַלפרעד מייסטער. זיי האָבען זיך צופעליג גע־טראָפען אויפ׳ן באַהן, אויפ׳ן וועג פון פּאַריז קיין האָווער. ווי זי האָט אַליין געזאָגט, איז זי דעמאָלט אַלט געווען זעכצעהן יאָהר. נאָך אָט דער מעלדונג מעג מען שטעלען אַ פראַגע־צייכען. פאַר מייסנער׳ן האָט זי זיך פּשוט אָנגערופען מאַרגאָ. זיי זיינען זיך געפּעלען, צונויפגעגאַנגען און דערנאָך זיך צעגאַנגען און זיך ווידער אַמאָל געטראָפען אין פּאַריז אין 1849. אין 1850 האָט מייסנער זי באַגעגענט אין לאָנדאָן אין דער געזעלשאַפט פון אַן עלטערער פרוי; נאָר ווען ער איז צו איהר צוגעגאַנגען האָט זי איהם גע־זאָגט, אַז ער האָט אַ טעות געהאַט און ער האָט איהר קיינמאָל גאָרניט געזעהן. מיט פינף יאָהר שפּעטער האָט זי געבעטען ענט־שולדיגונג אין אַ בריעף צו איהם, זאָגענדיג, אַז זי האָט עס געמוזט טאָן. זיי האָבען קאָרעספּאָנדירט ביז 1860.

ווען לאַ מוטשע איז אָנגעקומען אין היינע׳ס הויז איז זי, ווי זי זאָגט אַליין, אַלט געווען פיער און צוואַנציג יאָהר, נאָר זי האָט געמוזט עלטער זיין, אַרום 28 יאָהר. זי איז געווען אַ בלאָנדין מיט בלויע אויגען; מען האָט ניט געקאָנט זי אָנרופען שעהן, נאָר זי איז געווען פראַכטפול, רייצענד און פּיקאַנט, און ביי דער ערשטער באַגעגעניש האָט זיך היינע פאַרליעבט אין איהר. אין גיכען האָט ער שוין ניט געקאָנט אויסקומען אָהן איהר; ער האָט געליטען ווען עס זיינען אַריבער צוויי טעג און זי איז צו איהם ניט געקומען, כאָטש אָפט זיינען זיינע ליידען געווען אַזוי אומער־טרעגליך, אַז ער האָט אַליין איהר געמוזט פאַרוועהרען קומען. נאָר אין די בריעף און ליעדער, וואָס זיינען צו איהר געווידמעט, זעהען מיר ביי היינע׳ן אַזאַ טיעף עראָטישע ליעבע, אַזוי פיעל האַרציג־קייט, וואָס מיר געפינען ניט אין זיינע אַנדערע ליעבע ליעדער.

ער האָט זי אָנגערופען די אויסדערוועהלטע פון זיין האַרצען, דער וועזען, וועמען דאָס שיקזאַל אַליין האָט באַשטימט פאַר זיין זווג. ווען זיי זאָלען זיין צוזאַמען, וואָלטען זיי געוואוסט פון גליק. „איך ווייס איצט, איך שוועהר ביי גאָט, אַז איך האָב דיך שטענ־

דיג געליעבט. עס ווערט שווער אויפ'ן הארצען דערמאַנענדיג זיך, אז גראַדע דעמאָלט, ווען דער ליעבע־דורשט קאָן געשטילט ווערען, מוזען מיר אויף אייביג זיך צושיידען. איינציימיג קלינגען דאָס באַגריסען פון באַגעגעניש און צושיידונג".

לאַכענדיג און וויינענדיג, ווערט ער אויפגעבראַכט ביים גע־דאַנק ווענען פלאַטאָנישער ליעבע צווישען צוויי ליעבענדע, פאַר וועמען די אומאַרמונג איז אונמעגליך.

„ווידער אַמאָל! קיין איין אומאַרמונג קיינמאָל! דו באַ־קומסט קיינמאָל ניט קיין גוט שטיקעל פלייש. איך קאָרמע דיך נאָר מיט גייסטיגע שפּייזען, נאָר מיט אַ סוף אָהן פלייש".

ער ווערט פאַרצווייפעלט פון אומגעדולד, ווען ער מוז אויף איהר וואַרטען: זאָל מען מיך רייסען מיט אַנגעברענטע צוואַנגען, זאָל מען מיך ברענען, מיך אַרט דאָס ניט. זאָל מען מיך קאַטעווען, פּאַסעווען, נאָר מאַך מיך ניט צו וואַרטען אויף דיר".

און פאַר'ן טויט מאַכען אַלע דיסאָנאַנסען שלום אין דעם גרויסען מיסטישען ליעד, אינ'ם געשפּרעך וואָס דער שטאַרבענדער פיהרט מיט'ן בלימעלע אויף זיין קבר:

„אַט די בלום ביסטו, מיין געליעבטע, געווען. אין מיינע חלומות, נאָך דיינע קושען האָב איך דיך גלייך דערקאַנט. די בלומען פאַרמאָגען ניט אַזעלכע צאַרטע ליפּען. בלומען ליפּען ברי־הען ניט אַזוי שטאַרק. מיינע אויגען זיינען, ווירקליך, פאַרמאַכט געווען, נאָר קוקענדיג אויף דיר, האָב איך דערפיהלט אין מיין נשמה אַ פרייד, וואָס איז שווער צו באַשרייבען! דו האָסט מיט באַגייסטערונג אויף מיר געקוקט — ווי אַ ווענען, וואָס איז באַלויכ־טען פון לבנה־שטראַהלען".

אַט די בילדער און געפיהלען זיינען פון אַן אַנדער וועלט; זיי באַלאַנגען צו דער וועלט פון די בלינדע, וואו קושען זיינען פאַרהאַן, אָבער קיין ליפּען זעהט מען ניט, וואו טרערען טריפען פון די אויגען, וועלכע מען קאָן ניט זעהן, וואו עס הערט זיך דער בלומען־גערוך נאָר די פאָרמע פון די בלומען ווייסט מען ניט און וואו דאָס זונ־ליכט ווערט פאַרביטען אויף דעם צויבערענדען לבנה־שיין. און פּונקט ווי די צאָהל פון די קערפּערליכע ערשיינונגען איז דאָרט קליין, אַזוי ווינציג קלאַנגען עקזיסטירען דאָרט.

„מיר האָבען נים גערעדט, נאָר מיין האַרץ האָט איינגעזאָפּט דאָס, וואָס האָט זיך שווייגענד געטראָגען אין דיינע געדאַנקען, וואָס האָט געלייענט אין דיין געזיכט־אויסדרוק. דאָס אַרויסגעזאָגטע וואָרט איז נים שעמעוודיג, דאָס שווייגען — איז די פּראַכט־פולע, ריינע בלום".

דאָס איז געווען — זאָגט ער — אַ שווייגענדער געשפּרעך, און קיינער האָט נים געפרעגט וועגען וואָס זיי האָבען גערעדט.

„פּרעג, וואָס איז די באַדייטונג פונ'ם קאַרבונקעל'ס גלאַנץ. פרעג, וואָס מיינט דער מילדער גערוך פון דער נאַכט־פיאַלקע און ליליעס; אָבער פרעג קיינמאָל נים וועגען וואָס עס האָבען גערעדט דער שטאַרבענדער מט'ן קבר־בלימעל ביי לבנה־שיין".

היינע'ס ליריק האָט זיך דאַ דערהויבען צו דער שעהנקייט פון דער ליריק פון שעלי, דער פאַלקאָמענסטער פון די מאָדערנע דיכטער. דער טאָן פון זיין מוזע דערמאָנט דאָ אָן שעלי'ס: דער טאָן פון אוריאל'ס פּיעדעל, ריין, באַצויבערענד, פול און צימערדיג, מאָדערנע אין זיין כשופ־דיגער, האַלב־קרענקליכער צאַרטקייט.

היינריך היינע איז נאָך זיין אָפּשטאַמונג געווען אַ מזרח־מענש, נאָכ'ן געבורט און ערציהונג — אַ דייטש, נאָך דער בילדונג ביז אַ געוויסער מאָס — אַ פראַנצויז, און נאָכ'ן גייסט — אַ פאָלקאָמענער קאָסמאָפּאָליט, מעהר ווי אַלע אַנדערע דייטשע דיכטער, אויסער געטע'ן.

קיין דיכטער פון אידישער אָפּשטאַמונג, פון יהודה הלוי'ס און משה אבן־עזרא'ס צייט (אומגעפעהר 1120) האָט נים דערגרייכט צו אַזאַ הויכקייט אין פּאָעטישען שוואונג, נאָר היינע איז נים עהנליך געווען צו קיינעם פון דיביידע גרויסע פאָרגענגער. ביי איהם זעהט זיך דייטליך אָן, ווי שפּעטער ביי דיזראַעלי'ן אין ענגלאַנד, ביי לאַסאַל'ן אין דייטשלאַנד, ביי גאַמבעטען אין פראַנקרייך, יענער אויסשנים, דורך וועלכען עס קוקט אַרויס די אייגענטימליכקייטען פון זיין ראַסע, ווען די מאָדערנע קולטור האָט זיך אין איהר אַריינגעריסען, זי געדריקט און חרוב געמאַכט, ווי שטאָל צוברעקעלט קיזעלשטיין. אַלס דייטש האָט היינע איבערגענומען פיעל פון די דייטשע ראָמאַנטיקער: ער פאַרמאָגט זייער גרונד־שטימונג פון פאַנטאַזיעס, דעם שעהנעם קלאַנג און קלאַרים, נאָר

אַלס דייטש און גלייכצייטיג אויך אַלס שילער פון געטע׳ן און העגעל׳ן האָט ער איבערגענומען דעם העגעליאַניזם פוןביידע. און אַ חוץ דעם, האָט ער פון׳ם ערשטען איבערגענומען זיין הייד־גייסט און פון׳ם צווייטען — אַביסעל פון זיין דיאַלעקטיק און שאַרפזיניגקייט. אַלס קאָסמאָפּאָליט פאַרבינדט ער די סענטימענ־טאַלע ראָמאַנטיק מיט׳ן פראַנצויזישען עספּרי און מיט דעם אי־דישען טרויער, האַרציגקייט, שפּאַסהאַפּטיגקייט, וואָס האָבען מיט זייער גרינגען און צוציהענדען אויסזעהן פּאָפּולאַר געמאַכט זיינע ביכער אין אַלע וועלט־טיילען, אַזוי אַז איצט זיינען זיי איבערגע־זעצט אין אַלע שפּראַכען.

די נייע דייטשע רעגירונג האָט ניט געלאָזט שטעלען נאָך הייי־נע׳ן קיין דענקמאַל, וואָס זיינע פאַרעהרער האָבען געוואָלט שטעלען פאַר זיין כבוד וועגען, און אָהן וועלכען ער פערזענליך האָט זיך געקאָנט באַגעהן. די עסטרייך־אונגאַרישע קעניגין האָט געמוזט אָפּנעהמען צוריק די ביישטייערונג וואָס זי האָט געגעבען פאַר׳ן דענקמאַל. אפילו אין זיין קליינעם געבורט־שטעדטעל האָט מען ניט געוואָגט איהם צו שטעלען אַ דענקמאַל. די פראַנצויזען האָבען געקאָנט, אויפ׳ן סמך פון אָט דער אויפפיהרונג פון דער דייטשער רעגירונג, איהם שטעלען אַ דענקמאַל אין פּאַריז, וואָס ער האָט אַזוי ליעב געהאַט און דאָרט פאַרבראַכט די צווייטע העלפט פון זיין לעבען, נאָר זיי האָבען זיך דערויף ניט אַנגעשטויסען, אָדער ניט געוואָגט. אין דייטשלאַנד איז צו יענער צייט זיכער ניט גע־ווען נאָך אַזאַ שריפטשטעלער אין דער דייטשער שפּראַך, וואָס זאָל האָבען אַזאַ גרויסע צאָהל לעזער, ווי היינע.

די נייעסטע אייראָפּעאישע ליטעראַטור איז רייך ווי נח׳ס קאַס־טען. זי פאַרמאָגט ווילדע און שטוב־חיות, קעניגליכע לייבען און מעכטיגע אָדלערס, גראָבע בערען און ווייסע שוואַנען, קלוגע קראָ־הען און באַריהמערישע פּאַוועס און זיך־קוועלענדע נאַכטיגאַלען, שוין ניט רעדענדיג פון די אייזלען און מאַלפּעס, וואָס זיינען אָהן אַ שעור. זי פאַרמאָגט אויך אַן אַנטילאָפּ.

דער אַנטילאָפּ איז געשיקטער און שנעלער פון אַלע ווילדע חיות וואָס גאָט האָט באַשאַפען, ווען ער האָט זיך געווענדעט צו

דער פרוי מיט פאָלגענדע ווערטער: האָט טאַקע אין אמת׳ן גאָט געזאָגט: אַז איהר טאָרט ניט עסען פון אַלע בוימער אין גאָר־טען?...

יא, דער אַנטילאָפּ האָט געשטעלט אַזא פראַגע.

דער אַנטילאָפּ לעבט, איז צערטליך און באַוועגליך; ווען ער דערפיהלט זיך אין אַ געפאַהר, איז ער פרעהליך און וויציג, ער איז שטענדיג געשיקט, פלינק און גראַציעז. זיין הויפּט־מעלה — איז גראַציע. עס איז פאַרהאַן אַ אַנטילאָפּ פאַמיליע, וואָס טראָגט דעם נאָמען בני־ישראל. צו איהר באַלאַנגט היינע.

איך צווייפעל, צי באַיראָן האָט געהאַט אַזאַ גרויסען איינפלוס אינ׳ם נייַנצעהנטען יאָהרהונדערט, ווי היינע. אַט דעם איינפלוס קאָן מען מערקען איבעראַל: אין דייטשלאַנד ווי אין עסטרייך און איטאַליען, אין רוסלאַנד ווי אין פּוילען, אין פראַנקרייך — פון גאָטיע ביז רישפּען אויפ׳ן צפון האָבען היינע׳ס ווערק פאַרבלאַנדזשעט. די אומגעהייערע לעזע־וועלט האָט זיי ממש געשלונגען. היינע האָט געהאַט אַן איינפלוס אויף איינינע פון די גרעסטע דענישע שריפטשטעלער, ווי אויף די פאַרשטעהער פונ׳ם עלטערען דור, אויף אַזעלכע, ווי כריסטיאַן ווינטער, אַראַל לעמאַן, עמיל אַרעסטופּ, גאָלדסמיט, אַזוי אויך אויף דער גרויסער צאָהל שריפטשטעלער פונ׳ם איננערען דור, אָנהויבענדיג מיט יאַקאָבסענ׳ען און ענדיגענדיג מיט סאָפוס קלאַוסענען. דאָסזעלבע קאָן מען אויך זאָגען אין באַצוג צו נאָרוועגיען, וואו עס זיינען אונטערגעפאַלען אונטער זיין איינפלוס ווי איבסען און זיינע צייט־גענאָסען, אַזוי אויך אַלעקסאַנ־דער קיללאַנד, גונאַר הייבערג מיט די זייעריגע. נאָר נאָך אין אַ גרעס־סערער מאָס ווי אויף די שריפטשטעלער האָט היינע געהאַט אַ ווירקונג אויפ׳ן פּובליקום, אויף דעם גייסט און נשמה פון כמעט יעדער איינער נאָך ניט ענטוויקעלטער פּערזאָן.

זיין ווירקונג קאָן מען ניט אָפּמעסטען, יעדענפאַלס איז זי געווען גראַנדיעז און מעכטיג, מעגליך, אַז אומבאַמערקבאַר. פאַר כאַראַקטערלאָזע פּערזענליכקייטען און שוואַכע קעפּ איז זי שטענדיג געווען געפעהרליך, אַרויסרופענדיג ביי זיי עפּעס אַ צודרעהעניש, נאָר אויף געזונטע, שטאַרקע גייסטער האָט זי געהאַט אַ באַפרייַ־

ענדע, אויפלעבענדע ווירקונג; אין די אַלטע טעג האָט מען זי אויפ־
געכאַפּט גיך, ווי אַ מגפה, נאָר אין די שפּעטעריגע יאָהרען האָט זי
געבראַכט פּרוכט. נאָר איצט, ווען איהר קאָנצענטרירטע מאַכט איז
שוין אָפּגעשוואַכט, טראָגט זי זיך נאָך אין לופטען און וועט זיך
נאָך לאָזען פיהלען אין דער אַטמאָספערע פון׳ם צוואַנציגסטען
יאָהרהונדערט.

.9

פארטייאישקייט.

בערנע, און אנדערע צוזאמען מיט איהם האבען ארויסגעטראגען, אדער זיינען געווען גרייט ארויסצוטראגען אן אורטייל איבער היינע׳ן, טאדלענדיג איהם פאר זיין ניט־ערנסטע באציהונג צו קיין זאך. אויב מען זאל אפווארפען אן א זייט אלע קליינליכקייטען און איינצעלהייטען, וואס זיינען א טייל פון בערנע׳ס כעס, וועט מען אויסגעפינען, אז אייגענטליך נעהמט זיך אט דער כעס דערפון, וואס היינע האט ניט געוואלט באלאנגען צו א פארטיי. בערנע אליין איז געווען דער גרעסטער פארטיי־מאן אין דער ליטעראטור, אויף וויפיעל עס איז נאר מעגליך געווען אין זיין ניט־פארלאמענטארישער צייט.

אין אונזערע צייטען זאגען אפט די קאנסערוואטארען ארויס א געדאנק, אז קונסט פאלגט נאך איהרע אייגענע צוועקען; אין יענער צייט האט געהערשט די איבערצייגונג, אז זי דארף דיענען די לעבענס־אינטערעסען, און אין אלע דייטשע ווערק פון יענער צייט, ווי אין די קלענערע אזוי אויך אין די גרעסערע, איז שטענדיג בולט די אורזאכע, וואס האט געצוואונגען די שריפטשטעלער צו שרייבען. נאר אפילו אזעלכע קלאר־טענדענציעזע, ווי היינע איז געווען, זיינען אין די אויגען פון די פאנאטיקער (אזעלכע ווי בערנע) געווען ניט גענוג טענדענציעז. אויף זיי פלעגט זיך באציהען דער אויסדרוק: ער איז א טאלאנט, ס׳איז אמת, „נאר ער האט ניט קיין כאראקטער“. אט דעם אויסדרוק האט היינע שטארק אויסגעלאכט אין זיין „אטטא טראלל“. אין דעם פארווארט לאכט ער שוין אפ פון דעם, וואס מען דערצעהלט דעם פובליקום, אז עהרליכע מענשען

זיינען שטענדיג שלעכטע מוזיקאַנטען, און, פאַרקערט, גוטע מוזי־קאַנטען זיינען זעלטען עהרליכע מענשען. נאָר עהרליכקייט, אָבער ניט מוזיק, — איז די הויפּט־זאַך אין לעבען.

אין אַ צווייטען פּלאַץ זאָגט היינע, אַז דאָס איז אַ סימן פון יענער פּערזאָנ׳ס באַגרענעצטקייט, אויב די באַגרענעצטע מאַסע רופט איהם אַן כאַראַקטער און לויבט איהם, אַלס אַזעלכען; איהר לויבען איז דער רעזולטאַט פון דעם, וואָס די שמאָלע און אויבער־פלאַכע וועלט־אַנשויאונג ווערט זעהר גיך איבערגענומען פון דער מאַסע.

אַז היינע האָט צוליעב די אייגענטימליכקייטען פון זיין כאַ־ראַקטער ניט געהאַט קיין פעסטע שטעלונג — איז קלאָר. נאָר אויב מיר וועלען אָפּשטופּען אַ זייט דעם אומשטאַנד, וואָס אין גע־וויסע פאַלען האָט ער אַרויסגעוויזען כאַראַקטערלאָזיגקייט, ווערט פאַר אונז די פראַגע, באַגרינדעט אויפ׳ן פּרינציפּען־פּונקט, אַזוי פאָרמירט: מוז אַ דיכטער זיך אומבאַדינגט שטעלען אויף דער זייט פון אַ פּאַרטיי, אָדער ניט?

נעמליך, אין יענער צייט, ווען היינע האָט אין זיין „אַטטאַ טראָלל" אויסגעלאַכט די מענשען, וועלכע, זייענדיג פאַרכאַפּט פון די לעבענס־ציעלען, האָבען געזעהן אַ מעגליכקייט אין דעם פאַר־בייטען פון אַ טאַלאַנט אויף אַ כאַראַקטער, האָט מען אין דער דייטשער פּאָעזיע זיך אַרומגעריסען אַרום דער פראַגע, צי דאַרף אַ דיכטער זיך שטעלען אויף דער זייט פון דער אָדער אַנדער פּאַרטיי, אָדער זיך שטעלען העכער פון זיי אַלע. אין הערבסט 1841 איז ערשינען „אַטטאַ טראָל", וואָס האָט אַזוי אָפּגעלאַכט פון פריילינג־ראַט׳ס יוגענד־ליעדער. אין נאָוועמבער פון זעלבען יאָהר האָט פריילינגראַט, וואָס איז באַריהמט געוואָרען מיט זיינע מזרח־ליע־דער, וואָס זיינען געשריבען אין הוגאָ׳ס סטיל, און האָט מיט אַ שטיקעל צייט צוריק געקראָגען אַ פּענסיע פונ׳ם דייטשען קייזער, אין זיין ליעד „פון שפּאַניען", געווידמעט דער דערשאָסענעם דיעגאָ לעאָנען, אַנגעשריבען פּאָלגענדעס וועגען דעם דיכטער: ער בוקט זיך פאַר׳ן העלד באַנאַפּאַרט און הערט מיט פאַרדראָס אויס הענ־גיענ׳ס געשריי פאַר׳ן טוידט, וואָרים דער דיכטער שטעלט זיך פיעל העכער פון דער פּאַרטיי. נעאָרג הערוויג האָט איהם דערויף גע־

ענטפערט אין זיין ליעד „פּאַרטיי“ (צו פערדינאַנד פרייליגראַט) און די מעהר כאַראַקטעריסטישע זיינע פאָלגענדע סטראָפען:

„פּאַרטיי! ווער קאָן ניט באַציהען זיך מיט כבוד צו אַ פּאַר־טיי, וואָס איז ביז איצט געווען די מוטער פון אַלע זיעגען! קאָן דען דער דריטער זיך באַציהען קאַלטבלוטיג צום וואָרט, וואָס האָט געשאַפען אַלץ וואָס איז פּראַכטפול? פאַר אָדער געגען דאַרף זיך אַרויסזאָגען יעדער מוטיגער מענש. אונזער לאָזונג איז: אַ שקלאַף אָדער אַ פרייער. אַפילו געטער האָבען זיך אַראָפּגעלאָזט אויף דער ערד פונ׳ם אָלימפּ און האָבען מיט דער געטליכער קראַפט זיך געשטעלט אויף דער זייט פון אַ פּאַרטיי“.

ווען הערוועג האָט מיט אַ יאָהר שפּעטער אין זיין ליעד „דער דועט פון פּאַנסיאָנערען“ חוזק געמאַכט פון פרייליגראַט׳ן פאַר דער פּענסיע וואָס ער קריגט, „די אינוואַלידען־פּענסיע“, ווי ער האָט זי אָנגערופען, האָט דער דיכטער, ווי באַקאַנט, זי צוריק אומגעקערט דעם דייטשען קייזער, איז געוואָרען אַ פּאָעט־פּאָליטיקער, און איז אַזוי גיך באַקעהרט געוואָרען פון אַ ראַדיקאַל אויף אַ רעוואָלוציאָ־נער, אַז ווען עס האָט אויסגעבראָכען די רעוואָלוציע אין 1848, איז זיין ראָלע געווען די גרעסטע פון אַלע רעוואָלוציאָנערע דייטשע דיכטער. מיר זעהען, אַז פרייליגראַט האָט אָנערקענט הערוועג׳ן אַלס גערעכט. נאָר דאָס באַווייזט נאָך ניט, אַז הערוועג איז ווירקליך טאַקע געווען גערעכט.

די פראַגע, צי אַ דיכטער דאַרף זיין אַ פּאַרטיי־מאַן איז זעהר אַ האַרבע. זי איז האַרב איבער דער פּיעל־באַדייטונג פונ׳ם וואָרט פּאַרטיי. היינע און בערנע, פרייליגראַט און הערוועג האָבען עס אין פאַרשיידענע צייטען פאַרשיידען אויסגעטייטשט.

אויב דער דיכטער פאַלט אונטער דער באַגרענעצטער פּאַרטיי־פּראָגראַם, אָדער רעליגיעזער לעהרע, פאַרלירט ער נאָר דערפון, ווי שמאָל ער אַליין זאָל ניט זיין. קאָן מען דען אָננעהמען, אַז זיינע אידעאַלען זיינען פונקט צוגעפּאַסט צו די פּאַרטיי־אויפגאַבען מיט זייער באַגרענעצטער באַשטימטקייט? אויב טהאָמאַס מור איז געווען דער וויהיג־דיכטער, און וואַלטער סקאָט — דער טאָרי־דיכטער, איז נאָר דערפאַר, וואָס זייערע מחות זיינען ניט געווען איבעריג גרויס. באַיראָן איז געווען טיעפער פון זיי ביידע, און

פוןביידע פּאָליטישע פּאַרטייען. דאָך פיהלט יעדערער אינס־טינקטיוו, אז ער וואָלט געוועזען אומגערעכט ווען ער זאָגט, אז באיראָן אַלס דיכטער, איז ניט געשטאַנען אויף אַ זייט פון אַ געוויסער פּאָ־ליטישער אָדער רעליגיעזער פּאַרטיי. ער איז דאָס געוועזען מעהר ווי שילער, וועלכער קאָן אין פּאָליטישער הינזיכט ניט צוגערעכענט ווערען צו קיין פּאָליטישער פּאַרטיי שוין דערפאַר אליין, וואָס אין זיין צייט האָבען אין דייטשלאַנד קיין פּאַרטייען ניט עקזיסטירט.

עס זיינען פאַרהאַן אָפּהאַנדלונגען אין דער שעהנער ליטע־ראַטור, וואָס האָבען ניט קיין שום שייכות צו פּאַרטייאישקייט. דער דיכטער פון ליעבע ליעדער קאָן ניט צוגערעכענט ווערען צו קיין פּאַרטיי, כאָטש מען קאָן ניט זאָגען, אז ער איז אויסגעשלאָסען פון דער קינסטלער־פּאַרטיי, ווארים ווען מיר הויבען נאָר אָן רעדען וועגען ריכטונגען אין קונסט, שטויסען מיר זיך באַלד אָן אויפ'ן וואָרט „פּאַרטיי". נאָר ווען דער דיכטער ריהרט זיך נאָר צו צו אַ סוזשעט, דער יסוד פון וועמען עס זיינען די וועלט־אַנשויאונג און אידעען, מוז ער זיך אַנשליסען אין איין פּאַרטיי. ער מוז אויס־קלויבען איינע פון די וועלט־אַנשויאונגען.

אויב מיר וועלען וועלען איינשטימען מיט פרייליגראַט'ס מיי־נונג, אז דער דיכטער האָט נאָר דאָס רעכט באַגייסטערט צו ווערען פאַר נאַפּאָלעאָנ'ען און צו דערזעלבער צייט זיין ענטריסטעט פונ'ם מאָרד אויף ענגינ'ען, האָט די מיינונג גאָרניט וואָס צו טאָן מיט דער פראַגע וועגען פּאַרטייאישקייט, ווארים דאָס באַדייטעט פאַר אונז, אז דער דיכטער האָט זיך ניט אָפּגעזאָגט פון זיין רעכט צו אורטיילען וועגען דער פאַרגאַנגענהייט פון דעם שטאַנד־פּונקט פון גערעכטיגקייט און באַמערקען די שלעכטע און גוטע זייטען פון זיינע העלדען. פּאַרטייאישקייט איז אַ מעהר באַשטימטען זין פון וואָרט איז ניט דאָס אָפּשאַצען פון דער פאַרגאַנגענהייט. עס האָט מעהר צו טאָן מיט דער פראַגע פון דער צוקונפט, און מען קאָן ניט געהן אין איין צייט אויף צוויי פאַרשיידענע וועגען.

דאָס וואָרט „פּאַרטיי" האָט נאָך די שוואַכקייט: אַ פּאַרטיי מיינט אַ טייל, — נעמליך, אין דעם פאַל מיינט עס אַ געוויסען טייל פון דעם לאַנד'ס באַפעלקערונג; אָבער דער דיכטער דאַרף באַלאַנ־גען צו זיין לאַנד און פאָלק, און ניט צו אַ געוויסען טייל פון זיי.

אויף אַזאַ אופן, איז די פּאַרטיי אַ שמאָלער באַגריף, דאָס פאָטער־לאַנד — אַ ברייטער. אויב אונטער׳ן וואָרט „פּאַרטיי“ ווערט פאַרשטאַנען, צום ב. ש., אַ פאַקטיש באַוואוסטע פּאָליטישע פּאַרטיי, וואָס ענטשפּרעכט מעהר אָדער ווייניגער איהר נאָמען און פּראָגראַם, דאַרף מען אָנערקענען, אַז דאָס פאָטערלאַנד, פאַרשטעהט זיך, שטעהט איבער אַלע פּאַרטייען.

אויב מיר ווילען, פאַרקעהרט, פאַרשטעהן דאָס וואָרט „פּאַר־טיי“ אין דעם זין, ווי מען שרייבט עס צו צושילער׳ן און באַיראָן׳ען, ווען מיר זאָגען, אַז זיי זיינען געשטאַנען נאָהענט צו אַ פּאַרטיי, באַקומט דאָס וואָרט אַ ברייטערע באַדייטונג ווי דאָס וואָרט „פאָ־טערלאַנד“; דערפאַר וואָס „פאָטערלאַנד“ מיינט, אַ באַשטימט־באַגרענעצטער שטח ערד, געוויסע פאַרענדיגטע אינטערעסען, אַ געוויסע פאַרענדיגטע געשיכטע, און די „פּאַרטיי“ אין דעם אויבענ־דערמאָנטען זין מיינט אַ סיסטעם פון אידעען, וואָס זיינען ניט פאַרבונדען מיט קיין אָרט: וועלטליכע אידעען, אַלגעמיינע אינ־טערעסען פון דער מענשהייט. און אויב די פּאַרטיי, ווי עס איז אין אַלגעמיין אָנגענומען, איז נאָר אַ פאַרקערפּערונג פון די מענש־ליכע גרונד־שטריכען פון אַ געוויסער צייט, איז יעדענפאַלס, פאַר־נעהמט אַ יאָהרהונדערט, אַ גרעסערען פּלאַץ ווי אַ פאָטערלאַנד, און דער דיכטער טוט אַ טובה זיין פאָלק דערמיט, וואָס ער שטופּט אַרויס זיין וועלט־אַנשויאונג ווייטער פון די גרעניצען פון דער איינגער פאַרשטעלונג וועגען לאַנד.

בערנע און היינע זיינען, נאָך מיין מיינונג,ביידע געווען ביז׳ן העכסטען גראַד, פּאַרטיי מענשען, נאָר דאָס האָט זיי ניט געשטערט צו זיין אין דערזעלבער צייט די גרעסטע פּאַטריאָטען; אַזוי ווינ־ציג איז זייער פּאַרטייאישקייט געווען אַ שטערונג צו זייער ליעבע צום פאָטערלאַנד.

בערנע איז געווען באַוואוסט אין דער אָפיציעלער פּרעסע אין זיין צייט ניט נאָר אַלס זינלאָזער ראַדיקאַל, נאָר אַלס פיינט פון פאָטערלאַנד. ער האָט געהאַט אַ געפעהרליכע אייגענשאַפט, אַזוי בולט אויסצודריקען זיינע געדאַנקען, אַז זיי פּלעגען אָפּשטויסען, באַליידיגען, אָדער אַרויסרופען פאַרקעהרטע האַנדלונג. ער האָט, אַ שטיינער, אַרויסגערופען גרויס אומצופרידענהייט מיט זיין ער־

קלערונג, אַז יעדעם פאָלק קאָן אָרונטערוואַרפען זיין קעניג, אויב זיין נאָז געפעלט ניט דעם פאָלק, און גאַנצע ביכער מיט זידלערייען אויף איהם זיינען אָנגעשריבען געוואָרען, דערפאַר וואָס ער האָט אָנגערופען די דייטשען „שקלאַפען אין דער נאַטור". עס איז דער גאַנגען אזוי ווייט, אַז ער האָט זיי גערופען „דאָס קעלנער פאָלק".

אָט וואָס ער אַליין שרייבט וועגען דעם:

„וואָס זאָל איך טאָן מיט מענשען, וואָס גלויבען ערנסט, אַז איך האָב גע'עצה'ט די פעלקער אַראָפּצוואַרפען זייערע קעניגען, אויב זייערע נעזער געפעלען זיי ניט?... ווען איך זאָל זאָגען: „מיינע הערען, נעהמט ניט מיינע ווערטער אין בוכשטעבליכען זין", וואָלטען זיי, מעגליך, מיר געווען געגלויבט, אָבער וואָס פאַר אַ נוצען וואָלט עס געבראַכט? מען וואָלט מיר געענטפערט: „איהר דאַרפט געדענקען, אַז איהר שרייבט ניט הויפּטזעכליך פאַר געבילדעטע מענשען, נאָר אַז פיעלע ניט־געבילדעטע וועלען אייך אויך לייענען". — דערויף וואָלט איך אָדער גאָרניט געענטפערט, אָדער וואָלט פשוט געזאָגט: „פיהרט מיך אַוועק אין תפיסה". פאַר'ן געריכט וואָלט איך געהאַלטען אַזאַ דרשה: „מיינע הערען! דער דייטש איז אַ קראָקאָדיל. (אַלגעמיינע ענטריסטונג: קראָקאָדיל! צום פּונקט!) מיינע הערען! דער דייטש איז אַ קראָקאָדיל (צום פונקט! דער פאָרזיצענדער: — איהר מיסברויכט דאָס רעכט פון פאַרטיידיגונג.) מיינע הערען! דער דייטש איז אַ קראָקאָדיל — איך בעט ערלויבעניש זיך אַרויסזאָגען ביז'ן סוף. עס זאָל ניט פאַרשטאַנען ווערען, אַז איך מיין מיט מיינע ווערטער ווילדקייט אָדער קראָקאָדילען־טרערען. דער דייטש איז אַ גוט־הארציגע שטוב־חיה און פאַרגיסט אַזעלכע ריינע אמת'ע טרערען, ווי יעדער אויסגעשמיסען קינד. אויב איך רוף אָן דאָס דייטשע פאָלק קראָקאָדילען, איז דאָס אַ דאַנק זיין אויסערליכען הייטעל, וואָס איז עהנליך צו אַ קראָקאָדילישען. עס באַשטעהט פון הארטע שופּען, און איז עהנליך צו אַ ציגעלנעם־דאַך. אַלץ, וואָס פאַלט אַרויף אויף איהם, שפּרינגט צוריק אָפּ, אַלץ וואָס פליסט, רינט דורך איהם דורך. שטעלט זיך פאָר, מיינע הערען, אַז איהר האָט באַשלאָסען צו מאַגנעטיזירען אַזאַ קראָקאָדיל, כדי אָביסעל צו היילען זיינע שוואַכע נערווען, און אָביסעל, אָדער הויפּטזעכליך טאָקע צוליעב

דעם, אום איהר זאָלט קאָנען זעהן זיינע אינגעווייידען, זיך דער־וויסען זיין קראַנקהייט און וואָסערע היילונגס־מיטלען איהר דאַרפט געברויכען. וואָס וואָלט איהר געטאָן אין אַזאַ פאַל? איהר וואָלט איהם געגלעט מיט אייער ווארימער האַנט איבער זיין קראַקאַדילען פאַנצער? ניין, איהר זענט צו קלוג פאַר דעם, איהר ווייסט דאָך דערמיט קיין שום ווירקונג אויף איהם ניט האָבען. איהר וועט איהם טופּען מיט די פיס, אַריינקלאַפּען צוועקעס אין זיין פעל, און אויב דאָס וועט אויך ניט זיין גענוג, וועט איהר אין איהם אַריינשיסען אַ פיער הונדערט ביקסען־קוילען. איהר וועט אויס־רעכענען, אַז נייין־און־נייינציג פון זיי וועלען זיין פוסטע, און דערפאַר וועט איינע, די הונדערטע, טרעפען אין פונקט, וועט עס האָבען די צאַרטע און באַשיידענע ווירקונג, וואָס איז געווען דער ציעל פון אייער מאַגנעטיזירען. דאָס, אייגענטליך, האָב איך געטאָן...״ („פּאַריזער בריעף״, פונ׳ם 14טען דעצעמבער, 1831).

מיר זעהען, אַז בערנע׳ס שאַרפע אויסדרוקען וועגען די דייטשע שקלאַפען־זיטען און פאַסיוויטעט דריקען נאָר אויף אַ פאַרשטעלטען אופן אויס זיין ליעבע צום פאַטערלאַנד. זיין פּאַטריאָטיזם איז שטענדיג אַן אָפענער, נאָר ער ברעכט זיך דורך אַ וועג דורכ׳ן טרוי־עריגען סאַרקאַזם, ווי דורך די גייסטיגע דיפיראַמבען ביי אַנדערע.

וואָס באַלאַנגט היינע׳ן, איז בערנע אַהן צווייפעל געווען גע־רעכט, זאָגענדיג, אַז דעם דיכטער׳ס בויגיגער טעמפּעראַמענט האָט געמאַכט פאַר איהם אונמעגליך צו אָנפיהרען אַ קאַמף פאַר פּאָ־ליטישע איבערצייגונגען; ער איז אויך געווען גערעכט אין זיין באַהויפּטונג, אַז היינע, ווי מיר האָבען פריהער אָנגעוויזען, האָט געליטען פון דאָפּעלטקייט און אומקלאָרהייט, דערפון, וואָס ער האָט זיך גערעכענט אי אַלס פאָלקס־רעוואָלוציאָנער, אי אַלס אָנ־הענגער פון אַריסטאָקראַטיזם. נאָר אויב היינע האָט ניט געוואָלט באַלאַנגען צו קיינער פון די אין זיין צייט עקזיסטירענדע פּאָלי־טישע אָדער רעליגיעזע פּאַרטייען, איז דאָס דערבעסטער באַווייז פון זיין גייסטיגער ענטוויקלונג. זיין שפּאָט אין „אַטטאַ טראָל״ איבער די אָפּאָזיציאָנעלע פּרעדיגער־קלעריקאַלען איז אָנציהענד און גאַנץ גוט באַגרינדעט. דאָס באַווייזט, אַז ער האָט פיינט גע־האַט דעם דאָגמאַטיזם אין אַלע זיינע ווענדונגען.

דערפאַר איז בערנע אומגערעכט מיט זיין באַהויפּטונג, אַז היינע האָט אין פולען זין פון וואָרט זיך אָפּגעריסען פון זיין פּאַרטיי, האָט פאַרוואָרפען אַלע גרונד־אידעען, פאַר וועלכע ער האָט גע־קעמפט. דאָס האָט ער אפילו ניט געטאָן דעמאָלט, ווען ער האָט נאָך אַן אַכט־יאָהריגען מאַרטירערטום אויף זיין טויטען־בעט מיט גרויס מיה אויפגעעפענט זיינע פּאַראַליזירטע שלייפען, אום צו גע־פינען דעם גאָט אין הימעל, וועמעס פּוסטקייט ער האָט אַליין באַשריבען מיט טרויער און צאָרן.

אין יענער צייט איז היינע געוועזען ניט קיין קלענערער פּאַטריאָט ווי בערנע. פאַר יעדען קענער פון היינע׳ס ווערק איז, פאַרשטעהט זיך, באַקאַנט די שעהנע שטעלע, צום סוף פון די „רייזע בילדער“, וואו עס ווערט דערצעהלט די כראָניק פונ׳ם קעניג מאַקסימיליאַן. ער איז איינגעשפּאַרט אין טיראָלער תפיסה, פאַרגעסען פון זיינע ריטער און הויפּס־לייט, ווען עס עפענט זיך אויף די תפיסה־טיר און עס קומט אַריין אַ פאַרמאַסקירטער מאַן, אין וועמען דער קע־ניג דערקאַנט קונץ־פאָן־דער־ראָזענען, זיין געטרייען הויף־וויצ־לער.

איך האַלט, אַז אַט די היינע׳ס ווערטער זיינען ניט נאָר שאַרפ־זיניג, נאָר אויך אמת:

„אָ, דייטשלאַנד! אָ, טייער דייטש פאָלק! איך בין דיין קונץ פאָן דער ראָזען. איך בין דער מאַן, וועמעס גאַנצע ארבייט איז באַשטאַנען נאָר אין זאָגען וויצען, און וועלכער האָט געקאַנט אין די אויפהאַלטען דעם פרעהליכען גייסט; איצט, אין טרויערי־גען מאָמענט, געה איך אַריין אין דיין צעל; אונטער מיין מאַנטעל האַלט איך דיין קעניגליכען סצעפּטער און דיין קרוין, — דערקענסטו מיך, מיין קעניג?... אויב אפילו דו קוועלסט זיך איצט אין די קייטען, וועט דאָך דיין גוטע ארבייט, פריהער אָדער שפּעטער, טריאומפירען, דער באַפרייאונגס־טאָג דערנעהנטערט זיך, עס פאַר־נעמט זיך דער פריהמאָרגען פון אַ נייער צייט. מיין קעניג, די נאַכט איז פאַריבער, און פון יענער זייט וועגט דיינע, הויבט זיך אָן דער מאָרגען רויטלען“.

אויב מיר ווילען זיך ניט אָפּשטעלען אויף די איינצעלהייטען, אויף דרייסטע איינפאַלען און פרעהליכע שפּאַסען, וועלען מיר

זיך איבערצייגען, אַז דאָס געפיהל, וואָס האָט געפונען אין אָט די ווערטער אַ קלאַסישען אויסדרוק, איז מעכטיג ביי היינע׳ן. ניט זיין פּאַרטייאישער שטאַנדפּונקט, און די באַגייסטערונג פאַר פרעמדע רעכט און סיסטעם, וואָס זיינען אַן אויסגאַנג פון דעם שטאַנדפּונקט, האָבען ביי איהם צוגענומען די אמת׳ע און טיעפע ליעבע צו זיין פאַטערלאַנד, וואָס האָט איהם געמאַכט אַזוי שטאַרק צו ליידען פון בענקשאַפט נאָך זיין היימלאַנד, נאָר ער האָט ניט געהאַט יענעם פּאַטריאָטיזם, וואָס עס פאַרמאָגט אַ פשוט׳ער דייטש, וואָס באַשטעהט אין דעם, אַז דאָס האַרץ קוועלט זיך, ווערט איינגעשרומפּען ווי פעל אויף דער קעלט: אין איהם איז לעבעדיג געוועזן יענער פּאַטריאָטיזם, וואָס דערוואַרימט דאָס האַרץ און צושפּרייט עס, אַזוי אַז דורך זיין ליעבע צו זיין לאַנד, אומ־אַרמען מיר די גאַנצע ציוויליזירטע וועלט. און ווי אַזוי האָט ער געקאָנט ניט ליעבען דייטשלאַנד! ווי ער האָט אַליין געזאָגט, און ווי יעדערער וואָלט געזאָגט וועגען זיין היימאַט: „די הויפּט־זאַך איז דאָס, וואָס דייטשלאַנד זיינען מיר“. זיין גאַנץ וועזען האָט דאָך געקראָגען דעם שטעמפּעל פון זיין געבורט אין דייטשלאַנד און פון די יוגענד־יאָהרען וואָס ער האָט דאָרט פאַרבראַכט.

און אַזוי ווי ער האָט געמוזט פאַרברענגען די צווייטע העלפט פון זיין לעבען אין האַלב־ווילענדיגען, האַלב ניט־ווילענריגען גירוש, און נאָך מעהר היימלאָז איז ער געוועזן דערפאַר, וואָס דער דייטשער בונד האָט קאָנפיסקירט זיינע ווערק, איז די דייטשע שפּראַך פאַר איהם געוואָרען די אמת׳ע, העכסטע היימאַט. ער האָט זיך אַליין אויסגעדריקט, אַז די דייטשע שפּראַך איז זיין הייליגסטער פאַר־מעגען, דער אומבאַקעמפּפטער סימבול פון פרייהייט, און ער האָט זי ערקלערט אַלס אַ ניי פאַטערלאַנד פאַר דעם, וועמעס נאַרישע עקשנות האָט פאַרטריבען פון זיין אמת׳ען לאַנד.

.10

אימערמאַן.

אַלע וואָס זיינען באַקאַנט מיט היינע'ס ווערק און בריעף האָ־בען געמוזט באַמערקען די הארציגע פריינדשאַפט און צערטליכע באַציהונגען, וואָס האָבען אין דער יוגענד איהם פארבונדען מיט קאַרל אימערמאַנ'ען. ער האָט פאַרגעשלאָגען אימערמאַנ'ען אריינ־צושטעלען עטליכע פון זיינע עפיגראַמען אין די „רייזע בילדער“, און ווירקליך איז צווישען די אָפּטיילונגען „רייזע־בילדער“ און בוך „לע־גראַנד“ אריינגעשטעלט געוואָרען אַ האַלבער בויגען פון אימערמאַנ'ס ריפּם־עפּיגראַמען, אין וועלכע עס ווערען אויסגעלאַכט די שריפטשטעלער און דער ליטעראַטור־לאַגע פון יענער צייט, — צווישען אַנדערע אויך די דיכטער, וואָס האָבען געשריבען ליעדער אין דער אָריענטאַלער פאָרם; אָט די עפּיגראַמען האָבען שטאַרק געטראָפען פּלאַטענען און ארויסגערופען זיין דראַמאַטישע סאַטירע „דער ראָמאַנטישער עדיפּ“, און דערנאָך היינע'ס ענטפער אויף איהר.

ס'איז מערקווירדיג פּלאַטענ'ס נאַכלעסיגקייט, וואָס ער האָט אָנגערופען אַלס ראָמאַנטיקער ביידע שריפטשטעלער, וואָס האָבען, גיכער ווי אימיצער אַנדערש און אפילו מעהר ווי פּלאַטען אַליין, מיט־געהאָלפען דער ענטוויקלונג פונ'ם נייעם גייסט און נייער קונסט, און זיינען, יעדערער אויף זיין שטייגער, געוואָרען די גרינדער פון דער מאָדערנער פּאָעזיע.

קאַרל אימערמאַן, געבוירען אין 1796, איז געווען מיט איין יאָהר עלטער פון היינריך היינע'ן, אַ זוהן פון אַן אַלטען פּעדאַנ־טישען געוועזענעם בעאַמטען אין מאַגדעבורג; אַליין פאַר זיך

איז ער געווען אַ גאַנץ ענטוויקעלטער; דער פּרייסישער גייסט, וואָס האָט אויף היינע'ן קיין שפּור ניט איבערגעלאָזט, איז זעהר פריה אין איהם פאַרקערפּערט געוואָרען. זיי זיינען געווען געגענזאַצען כמעט אין אַלעם.

אימערמאַן האָט אַלס וואָלונטיר גענומען אַנטייל אין שלאַכט נעבען וואַטערלאָא, איז מיט'ן חיל אריין אין פּאַריז, אַרויס פון דיענסט מיט'ן ראַנג אָפיצער און זיך גענומען שטודירען רעכט אין האַללע. אַ דאַנק דעם שטרענגען געפיהל פון גערעכטיגקייט, וועלכער איז געווען איינגעבוירען אין איהם, האָט ער זיך צוקריעגט מיט דעם גרויסען סטודענטען־בונד „טעווטאָניע“, וואָס האָט זיך גענומען דאָס רעכט פון מאָראַלישער הערשאַפט איבער אַלע סטודענטען, וועלענדיג איינפיהרען מאָראַל־ריינקייט מיט דער הילף פון גראָבקייטען, און האָט זיך אַרויסגעצייגט אַלס מאַכט־ליעבענדער און זעהר גראָב. מיט דעם בונד האָט אימערמאַן איז פאַרלויף פון עטליכע יאָהר געפיהרט אַ קאַמף. פיעל מאָל האָט ער געמוזט אַנקומען נאָך פּאָליציי־הילף, צוליעב די פאַרפאָלגונגען און באַליידיגונגען, וואָס ער פלעגט אויסשטעהן פונ'ם בונד. דעריבער האָבען די געגנער איהם פאַראַכטעט, און די הערשענדע פּאַרטיי האָט איהם אַנגערופען מוסר; אָט די באַשולדיגונג האָט געהאַט אַ גרונד, וואָרים די פאַרשטעהער פון דער פּאָליטישער רעאַקציע האָבען, געגען זיין ווילען, זיך באַנוצט מיט זיין געגנערשאַפט צו די אומווירדיגקייטען, וואָס די סטודענטישע אָרגאַניזאַציעס האָבען זיך ערלויבט, אום זיי צו אונטערדריקען און דערנאָך זיי אינגאַנצען צושליסען. זינט דעמאָלט האָט אימערמאַן געלעבט אינגאַנצען אָפּגעזונדערט. פיעל פון זיין נאַטור, דאָס טרוקענע און די אייגענאַרטיגקייט פון זיין כאַראַקטער, ווערט דערקלעהרט מיט זיין דאַמאָלדיגער לאַגע. אַזאַ אָפּגעזונדערטקייט איז אַ גינסטיגער באָדען פאַר דער ענטוויקלונג פון שטאָלצקייט און זעלבסט־ווירדע.

אין 1819 האָט אימערמאַן געקראָגען אַז אַמט איז געריכט אין מיונסטער, וועסטפאַליע, אַ שטרענג־קאַטוילישע פּראָווינץ־שטאָדט. ער האָט זיך גלייך דערפיהלט פרעמד צו דער אָרטיגער באַפעלקערונג. נאָר דאָ האָט ער, אין אַ שטיקעל צייט אַרום, זיך באַקאַנט

מיט אַ פרוי, וואָס האָט געהאַט אַ גרויסען איינפלוס אויף זיין שפּע־טערדיגען שיקזאַל.

ליזאַ פאָן־ליוצאָוו איז געוועזען פון דענישער אָפּשטאַמונג. זי האָט געהייראַט מיט אַ בריגאַדיר־קאָמאַנדיר, אַדאָלף פאָן ליוצאָוו, דער באַוואוסטער פיהרער פון וואָלונטרען־קאָרפּוס, וועמען קערנער האָט באַזונגען. אַ געבוירענע אַלס גרעפין אַלפעלדט־לאָורוויג, איז טראַנעקער לאַנגלאַנד, איז זי צו יענער צייט אַלט געוועזען 20 יאָהר און האָט יעדען באַצויבערט מיט איהר גראַציע, מאַניערען, גוטער נשמה און איידעלען כאַראַקטער. פון איהר פריהסטער יוגענד אָן האָט זי געמאַכט אַ טיפען איינדרוק אויף יעדען, וואָס האָט זיך מיט איהר באַקאַנט.

זי איז געוועזען אַ יורש׳טע פון גרויסע רייכטימער, אָבער זי איז אויסגעוואַקסען צווישען אומגליקליכע פאַמיליען־פאַרהעלטענישען. איהרע עלטערען זיינען זיך צוגאַנגען, ווען זי איז פערצעהן יאָהר אַלט געוועזען. דער גראַף אַלפעלדט, באַליעבט פון פרידריך דעם זי־בעטען, האָט געהאַט אַ גענוס־זוכענדען טעמפּעראַמענט; ער האָט אויפגעהאַלטען אַ האַרעם, האָט ליעב געהאַט מוזיק און טעאַטער, האָט אויפגעהאַלטען אין טראַנעקער אַ שטענדיגען אָרקעסטער און אַ טרופּע פון דייטשע און פראַנצויזישע אַקטיאָרען; ער איז געוועזען אַזוי ניט־אויסגערעכענט, אַזוי פאַרשווענדעריש און גאַסט־פריינד־ליך, אַז אפילו זיין רייכטום האָט זיך לאַנג ניט געקאָנט האַלטען. דער גרעפינ׳ס באַקאַנטשאַפט מיט אימערמאַנ׳ען איז פאָרגעקומען ביי פאָלגענדע אומשטענדען: זי האָט זיך געווענדעט צו איהם נאָך אַ יורידישער עצה, וואָרים איהר פאָטער האָט ניט נאָר פאַר־האַלטען איהר ירושה, וואָס איז געבליבען פון דער מוטער — די מוטער איז געשטאָרבען אין 1812 — נאָר ער האָט אפילו ניט גע־וואָלט איהר אַרויסגעבען די יעהרליכע סומע, צו וועלכער זי איז געווען באַרעכטיגט.

לאַנג האָט דער גראַף ניט געוואָלט איינשטימען אויף דער טאָכטער׳ס הייראַט מיט אַן אָרימען און דעמאָלט נאָך גאַנץ אומ־באַקאַנטען אויסלענדישען אָפיצער. נאָר ערשט אין 1810 האָט ער געגעבען זיין ערלויבעניש. און ווען אין 1813, האָט אויפ׳ן פאָרשלאַג פון פרידריך דעם דריטען, די דייטשע יוגענד זיך געכאַפּט פאַר׳ן

געוועהר מיט גרויס באַגייסטערונג, און ליוצאָוו האָט געגרינדעט דעם באַוואוסטען קאָרפּוס פון שוואַרצע יעגער, האָבען די ליוצאָווצעס, דער „דרייסטער, ווילדער אָטריאַד" ענטדעקט זייער וואָלקעריע אין דער געשטאַלט פון זייער פיהרער'ס פּראַכטפולער פרוי, וועלכע איז פאַרגעטערט געוואָרען פון דער מאַסע. עליזע, וואָס האָט, ווי עס זעהט אויס, פון קינדוויייז אָן גערעדט דייטש, זיך געפיהלט אויפ'ן דייטשען באָדען ווי אַ טאָכטער פון איהר נייעם פאָטערלאַנד און האָט מיט איהר גאַנצער נשמה זיך איבערגעגעבען צו זיין שיקזאַל. זי האָט באַגייסטערט די דרייסטע, איז אַרומגעגאַנגען מיט אַ העלדען־מוט אַרום די קראַנקע, איז געווען אַ הילף און טרייסט פאַר די בעסטע יונגע־לייט, און נאָך אַ זיעג, פלעגט מען איהר ברענגען די בעסטע טראָפּעיען. דער אָפיציער, וואָס איז דער ערשטער, נאָכ'ן שלאָכט נעבען „בעל־אַלבאַניע", אריין אין דער פאַרכאַפּטער נאַפּאָלעאָנ'ס קאַרעט, האָט איהר געבראַכט אַ פּאָר האַנדשוה און צוויי גלעזער, וואָס האָבען באַלאַנגט צום אימפּעראַטאָר.

נאָכ'ן שליסען פון פרידען האָט זי געוואוינט מיט'ן מאַן אין פאַרשיידענע שטעדט, אין וועלכע מען האָט איהם אַלע מאַל איבערגעפיהרט, און פון 1817 האָט זי געוואוינט אין מיונסטער. די קליינליכע, נאַרישע, חניפה'דיגע נעוואוינהייטען פון דער באַפעלקערונג זיינען איהר געווען דערווידער, נאָר אויך דאָ, ווי אומעטום, וואו זי האָט זיך געפונען, האָט זי געקאָנט אַרום זיך צונויפנעהמען אַ קרייז פון פריינט, וואָס זיינען באַגייסטערט געוואָרען פון איהר אויסערגעוועהנליך עסטעטישען געשמאַק און איידעלען שכל, וואָס האָט זיך אַרויסגעוויזען ניט נאָר אין איהר געשפּרעך, נאָר אפילו אין איהר שמייכלען און אין פּשוט'ען בויג פון קאָפּ.

אימערמאַן האָט פון דער ערשטער באַגעגעניש אין איהר דערזעהן ווי עפּעס אַן ענטדעקונג פון דער העכסטער, איידעלסטער וועלט, נאָך וואָס ער האָט אַזוי געבענקט אין זיין איינזאַמען, ניט פרעהליכען לעבען. אין דעם, צו אַ שלאָס עהנליכען, הויז, וואו די ליוצאָוו'ס האָבען געוואוינט, וואָס איז פריהער געווען אַ מאַנאַסטיר מיט גרויסע פענסטער און הויכע טירען, האָט עליזע, אַרומגערינגעלט מיט בלומען, ביוסטען, ביכער, בילדער, פויגלען, הינט און פאַרעהרער אויסגעקוקט ווי אַ דאַמע פון די לאַנג פאַרגאַנגענע די־

טער־צייטען, אָדער ווי איינע פון יענע פּרינצעסינס פון דער אויפ־בליהונגס־צייט, וואָס האָט געצווינגען די דיכטער צו איהר שלאָס און זיי באַגייסטערט.

דאָס יאָהר 1825 האָט געבראַכט אַ גרויסע איבערקעהרעניש אין עליזע׳ס לעבען. דער גוטמוטיגער און ריטערישער, נאָר לייכט־זיניגער און גיך־זיך־איינליבענדער ליוצאָוו האָט זיך אַזוי שטאַרק פאַרליעבט אין אַ קאָקעטישער און ניט־אינטערעסאַנטער פרוי, אַז ער האָט געבעטען ביי דער ווייב, זי זאָל איהם פריי לאָזען. זי איז ניט געווען צוגעגרייט פאַר אַזאַ שריט פון זיין זייט. נאָר אונטערהערענדיג ליוצאָוו׳ס געשפּרעך מיט זיינעם אַ פריינד, וואו ער האָט זיך אויסגעדריקט, אַז ער האָט שוין אַ פאַרטיגען פּלאַן צו הייראַטען אַ רייכע יורש׳טע, האָט זי מיט אַנדערע אויגען אָנגע־הויבען קוקען אויף זיין אַמאָליגער דרינגענדער עקשנות מיט איהר חתונה צו האָבען — און ער האָט פיעל פאַרלאָרען אין איהרע אוי־גען. מיט איהר שטאָלצקייט האָט זי גלייך איהם געלאָזט וויסען, אַז זי וויל ניט זיין קיין שטערונג פאַר זיין גליק און גלייך צוגע־שטימט צו אַ גט. די אורזאַכע דערפון האָט זי קיינעם ניט פאַר־טרויט. מיט קיין איין שאַרף וואָרט האָט זיך דאָס פּאָר פּאָלק ניט פאַרביטערט. אין אַפּריל 1825 האָבען זיי זיך געג׳גט. פאַר׳ן און נאָכ׳ן גט האָט ליוצאָוו געשריבען בריעף צו עליזע׳ן, אין וועלכע ער האָט אויסגעדריקט זיין וואַרימסטע פריינדשאַפט און גרויסע באַגייסטערונג. פאַר איהם האָט די שיידונג געהאַט די אומגליק־ליכסטע רעזולטאַטען. מען האָט איהם געטאַדעלט פון אַלע זייטען, און ווען די זאַך איז שוין געשעהן, האָט זיין קאַפּריזנע דאַמע איהם אָפּגעזאָגט. צו שפּעט האָט ליוצאָוו חרטה געקראָגען אויף זיין צו־געהן זיך מיט עליזע׳ן, און ווען ער האָט מיט עטליכע יאָהר שפּע־טער, אום צו קריגען זיין אייגען ווינקעל, חתונה געהאַט מיט דער אַלמנה פון זיין פאַרשטאָרבענעם ברודער, האָט די צווייטע ווייב אַרויסגעצייגט אַן אומערטרעגליכען כאַראַקטער, און ער האָט די לעצטע יאָהרען פון זיין לעבען געפיהרט אַ ביטערע עקזיסטענץ.

אַזוי ווי דער גט האָט עליזע׳ן געמאַכט היימלאָז און זי איבער־געלאָזט אין פולער איינזאַמקייט, האָט דאָס געבראַכט אַלץ ווייטער צו אַ גרעסערער דערנעהנטערונג צווישען איהר און דעם יונגען

דיכטער, וועלכער האט אין דער יונגער פרוי געזעהן זיין אידעאל. אימערמאן האט שטארק געוואלט זיך אויף אייביג מיט איהר פאר־בינדען, נאר עליזע האט מיט שרעק געטראכט וועגען דער מעגליכ־קייט פון א צווייטער הייראט: דעם מנהג אליין האט זי געהאסט. און דערצו האבען נאך די זעקס יאהר וואס זי איז עלטער פון איהם, זי געמאכט צו פארטראכטען זיך. ווען אימערמאן האט אין 1828 געקראגען דעם אמט פון ראט־געבער אין דיוסעלדארפער געריכט, האט ער אנגעהויבען בעטען ביי עליזע׳ן, זי זאל איהם נאכפאלגען אהינצו. זי האט איינגעשטימט און האט דערביי ווידערהאלט איהר מעלדונג, אז זי וועט מיט איהם ניט חתונה האבען; דערפאר האבען זיי זיך ביידע געגעבען דאס ווארט, אז קיינער פון זיי וועט מיט קיין אנדערער ניט הייראטען.

די פארליעבטע האבען זיך באזעצט אין א זומער־וואוינונג אין דארף דירענדארף, נעבען דיסעלדארף; זייער הויז איז געווען ארומגערינגעלט מיט א שעהנעם גארטען, פול מיט רויזען. זיי האבען איינגעארדנעט א פיינע און אנגענעמע הויז, וואו זיי האבען ביידע געהאט זייערע באזונדערע צימערען. פיעל יאהרען האבען זיי דא אפגעלעבט אין אינהאלטסרייכען און גליקליכען לעבען. צו יענער צייט איז דיסעלדארף געווען דער צענטער פון א גרויסער צאהל פון די דייטשע אויסגעצייכענטע קינסטלער, אזעלכע מאלער ווי שאדאוו, לעסינג, הילדעבראנדט. אהערצו זיינען זיך צונויפ־געקומען פון אלע עקען דייטשלאנד דיכטער ווי גראבבע, קאמפא־זיטארס ווי מענדעלסאן, ליעבהאבער און קענער פון קונסט ווי שנאאזע. אימערמאנ׳ס און עליזע פ. אלעפעלד׳ס הויז איז געווא־רען דער צענטער פאר די אלע באגאבטע מענשען. נאך אין מיונ־סטער האט אימערמאן אין עליזע׳ס קרייז ארויסגעצייגט גרויס טא־לאנט אין פארלעזען דראמאטישע ווערק. ער האט דא אויך פארט־געזעצט האלב־עפענטליכע פארלעזונגען. דערפון איז ער געקומען צום געדאנק צו רעזשיסירען טעאטער־פארשטעלונגען. ער האט מיט מיטגלידער פון דיסעלדארפער געזעלשאפט דורכגעלערענט עטליכע דראמען און געגעבען איניגע פארשטעלונגען; אנגעפאהרענע אק־טיארען האבען איהם אין דעם ארויסגעהאלפען; דער גרויסער בערלינער אקטיאר זיידעלמאן האט ביי איהם געשפילט אין דער ראל

פון נאַטאַן, און פעליקס מענדעלסאָן האָט אויף דער דיסעלדאָרפער ביהנע געשפּיעלט צוויי אָפּעראַס און האָט זיי אַליין דירידזשירט.

ווען עליזע׳ס פאָטער איז געשטאָרבען אין 1832 האָט זי, אמת, ניט גע׳ירש׳ענט אַזאַ גרויס פאַרמעגען, וואָס יעדערער איז, בעת איהר יוגענד געוועזן זיכער, אַז עס וועט איבערגעהן צו איהר, נאָר זי האָט אָנגעהויבען קריגען פון איהר שוועסטערקינד, וועלכער האָט גע׳ירש׳ענט די גראַפישע גיטער, אַ גרויסע יעהרליכע סומע אויף איהר גאַנצען לעבען. זי האָט מיט אימערמאַנ׳ען אַרומגערייזט אַרום ריין, אין דרעזדען, אין האָלאַנד; איין רייזע האָט אימערמאַן אַליין געמאַכט, נעמליך די, וואָס ווערט באַשריבען אין „רייזע־זשורנאַל“. די באַשרייבונג באַשטעהט פון די בריעף, וואָס ער האָט געשיקט צו עליזע׳ן. אַלץ וואָס ער האָט געשריבען האָט זי איבער־געקוקט, איז אונטערגעפאַלען איהר ליעבליכער, נאָר ניט זעלטען אויך שטרענגער קריטיק.

נאָך אַ דריי־יעהריגער עקזיסטענץ האָט דער טעאַטער, וואָס איז געפיהרט געוואָרען פון אימערמאַנ׳ען געמוזט, צום גרויסען באַ־דויערען פון׳ם דיכטער, אונטערגעהן דערפאַר, וואָס די רעגירונג האָט עס ניט גענוג געשטיצט. ער האָט געוואָלט זיך צושטרייען אַרומרייזענדיג אין די פראַנצויזישע שווייץ (1837) וואָס ער האָט באַשריבען. די בריעף, פון וועלכע מען האָט אַרויסגענומען זיינע פראַנקישע שילדערונגען, זיינען אויך אַלע געשריבען געוואָרען צו עליזע׳ן, דאָס זיינען געווען זיינע לעצטע בריעף, וואָס ער האָט איהר געשיקט; וואָרים אויף דער איצטיגער רייזע זיינער האָט ער אין מאַגדע געטראָפען אַן אַכצעניהעהריגע מיידעל, מאַריאַנע נימייער, וואָס האָט געמאַכט אויף איהם אַ שטאַרקען איינדרוק. טרעפענדיג זיך, נאָך זייער אָפּמאַך, מיט עליזע׳ן, און אויף דער רייזע מיט איהר צוזאַמען צוריק נאָך דיסעלדאָרף האָט ער איהר פּלוצלונג, צו איהר באַוואונדערונג, געמאַכט אַ פאָרשלאָג, זי זאָל מיט איהם חתונה האָבען. זי האָט, ווי געוועהנליך, איהם אָפּגע־זאָגט. ער איז, ווי עס ווייזט אויס, נאָך פריהער געווען זיכער, אַז זי וועט איהם אַזוי ענטפערען, און ער האָט נאָר געוואָלט ריין מאַכען זיין געוויסען. גלייך נאָך דעם האָט ער, ניט זאָגענדיג גאָרניט עליזע׳ן, פאָרפיהרט אַ לעבעדיגע קאָרעספּאָנדענץ מיט מאַ־

ריאנע'ן און איהר געמאכט א פארשלאג. עליזע האט זיך דער־וואוסט וועגען זיין פאר־קנס־ונג פון זייטיגע מענשען, און זי האט באשלאסען באלד מיט איהם איבעררייסען אלע באציהונגען און איהם פארלאזען.

אין אויגוסט 1839 איז זי ארויסגעפאהרען פון דיסעלדארף מיט איהרער א פריינדין, און אימערמאן האט זי באגלייט ביז קעלן. ביז דאמאלס איז עליזע, נים קוקענדיג אויף איהרע 49 יאהר, גע־ווען נאך גאנץ שעהן, און איצט איז זי מיט אמאל אלט געווארען. אין אקטאבער 1839 האט אימערמאן געהייראט, און אין אויגוסט 1840 איז ער געשטארבען. עליזע האט איהם אויף 15 יאהר אי־בערגעלעבט 1).

עס איז קלאר, אז זיינע פארהעלטנישען צו עליזע'ן, וואס זיי־נען אין פארלויף פון פיעל יאהרען געווען א קוואל פון פרייד און אונטערהאלט פאר אימערמאנ'ען, האבען צום סוף איהם אנגעהויבען קוועלען. אבער עס וואלט געווען אומגערעכט צו באהויפטען (ווי חערקע האט עס געטאן), אז כלומר'שט די איבערגעריסענע פאר־העלטניסען און די גלייך נאכפאלגענדע געזעצליכע הייראט האבען אימערמאנ'ען געגעבען די פאעטישע קראפט, וואס ער האט אזוי גלענצענד ארויסגעצייגט אין זיין גרעסטען ווערק „מינכהויזען" אט דאס לעצטע ווערק איז ווי זיינע אנדערע פארטראכט און אויפ־געשריבען געווארען אין דער צייט פון זיין צוזאמענלעבען מיט עליזע'ן.

איהר געשטאלט און זיינע באציהונגען צו איהר האבען אין פיעל הינזיכטען אויפ'ן פארשיידענארטיגסטען און שטארקסטען אופן געהאט אן איינפלוס אויף זיין שאפונג. מען קאן געפינען סימנים פון אט דעם איינפלוס אין זיין דראמע „פעטרארקע", וואו עס ווערט געשילדערט פעטרארקע'ס ליעבע צו לאורע'ן און די אומבאזיעגטע קראפט פון אזא ליעבע, אויב זי איז אפילו געווענדעט צו נים קיין פרייער פרוי. איהר מיינונג וועגען דער אומבאדינגטער, אבסאלוטער ליעבע־רעכט ווערט באשריבען אין דער דראמע „קאר־דעניא און צעלינדא". אויסער דעם איז זי, ווייזט אוים, געגומען

1) לודמילא אסינגי: „גרעפין עליזא פון אהלפעלד".

געוואָרען אַלס מאָדעל פאַר דער העלדין פון דער קאָמעדיע „די שטיפערישע גרעפין“, און האָט אויך, אָהן צווייפעל, געדיענט אַלס מאָדעל פאַר יאָהאַנ׳ען אין ראָמאַן „עפיגאָנען“. נאָר דאָס אַלעס איז נאָך גאָרנישט אין פאַרגלייך מיט דער ווירקונג פון ענט־וויקלונג און פאַרפיינקייט, וואָס זי האָט געהאַט אויף אימערמאַנ׳ען, אַלס דיכטער.

מערקווירדיג איז געווען דער שיקזאַל פון זיין רוהם. פון זיינע פיעלע ווערק ווערט איצט געלייענט נאָר דער איינציגער ראָמאַן „מינכהויזען“; ריכטיגער געזאָגט, נאָר איין טייל פון דעם ראָ־מאַן, — נעמליך נאָר די העלפט, וואָס מען האָט אויסגעטיילט פונ׳ם איבעריגען און עס אַרויסגעגעבען באַזונדער — ווערט איבערגעבען זיין נאָמען דעם שפּעטעריגען דור. דער טייל פונ׳ם ראָמאַן האָט איבערגעלעבט אַלע אנדערע אימערמאַנ׳ס ווערק.

דער ראָמאַן „מינכהויזען“ איז געווען פאַרטראַכט, אַזוי ווי עס ווערען געוועהנליך פאַרטראַכט ראָמאַנטישע ערצעהלונגען, אין אַ פון פריהער־געפּלאַנטען, אומאָרדענטליכען אויסזעהן. למשל, דאָס בוך הויבט זיך אָן פון דעם עלפטען קאַפּיטעל. דער העלד, אַ וועסט־פאַלישער באַראָן, איז אַ זוהן פון דעם אַלטען ליגנער מינכהויזען, און אויך אַזאַ ליגנער און פאַנטאַזיאָר ווי זיין פאָטער. אַלע צו־זאַמען איז עס אַ סאַטירישע באַשרייבונג פון פאַרשיידענע ליגענס און פאַרשיידענאַרטיגע פאַלשקייטען און באַריהמערישע איינפאַ־לען פון יענער צייט, וואָס גיט דעם דיכטער אַ גרויסע אַרענאַ פאַר זיין פאַנטאַזיע. נאָר די אַלע ניט־געצוואונגענע פאַנטאַסטישע ער־צעהלונגען, וואָס ענטשפּרעכען דעם טיטול פונ׳ם בוך „אַן ערצעה־לונג אין אַראַבעסקען“, האָבען געלעגט דעם יסוד פאַר אַ שפּעטע־ריגער גרויסער נאָוועלע פונ׳ם דאָרפישען לעבען, וואָס פאַרנעמט אַן אַנגעזעהן פּלאַץ אין דער דייטשער ליטעראַטור, אונטער׳ן נאָמען „דער אויבער־הויף“. די הויפּט פּערזאָנען דאָרט, די העל־בלאָנדע ליזאַבעט און דער דאָרפישער „סטאַראָסטאַ“, זיינען די פאַרקערפּערונג פון דעם נייעם אמת און נייע פּאָעזיע. די האַנדלונג קומט פאָר אויף דער „רויטער ערד“ פון וועסטפאַליע; זיי זיינען די ערשטע טיפּען פון דייטשען פּשוט׳ען פאָלק, אַרויס־געפיהרט אין דער דייטשער ליטעראַטור, אָהן דער נודנער זיסקייט

פון די פאַסטאָכישע אידיליעס און אַהן דער באַלעט־עהנליכער באַ־פוצונג און אָפּערעטען־גייסט. ער איז דאָ געשילדערט מיט דייט־ליכע, שטאַרקע פאַרבען, מיט זיינע אייגענשאַפטען און אָריגינעלער אָפּשטעמפּלונג. אין די טיפען וואָס אימערמאַן האָט אויסגעמאָלען איז פאַראַן פיעל פרישקייט און נאַטירליכקייט, וואָס פאַרהיט זיי פון דער שעדליכער ווירקונג פון די יאָהרען.

„דער אויבער־הויף" איז געווען דער גרונד־מאָדעל פאַר אַלע ערצעהלונגען פון׳ם פויערשען לעבען אין אייראָפּאַ; אין פיעלע הינזיכטען שטעהט די ערצעהלונג העכער פון די איבעריגע, ווי אַלט זי איז ניט אין אַנדערע ווענדונגען. הונדערטער פאַנטאַסטישע פעדים פאַרבינדען אָט די מיסטערהאַפט־אַנגעשריבענע ערצעהלונג מיט די גרויסע ראָמאַנטישע ראָמאַנען, נאָר מען קאָן אַהן שום שוועריגקייטען צושניידען די פעדים און דאַמאָלס וועלען מיר באַ־קומען ריינעם קריסטאַל, אין וואָס די ראָמאַנטיק האָט צולעצט זיך פאַרוואַנדעלט אין אימערמאַנ׳ס נשמה.

ביי דער איצטיגער צייט זיינען מיר געוועהנט צו דענקען, אַז די ערצעהלונגען פון פויערשען לעבען זיינען ענטשטאַנען פונ׳ם ראָמאַנטיזם. פונדעסטוועגען האָבען זיי אינ׳ם צפון און אין פראַנק־רייך געדיענט אַלס איבערגאַנג צו אַ מעהר אמת׳ער קונסט־נאַטור, ווי די ראָמאַנטישע איז געווען. אין דייטשלאַנד איז פאָרגעקומען אַ גרויסע ענדערונג. ווען אימערמאַן האָט אויפ׳ן אָרט פון היסטאָ־רישע און פאַנטאַסטישע יאַמבישע דראַמען, פון וועלכע די האַנדלונג פלעגט פאָרקומען אין אַזעלכע פלעצער, וואָס דער שריפטשטעלער האָט קיינמאָל ניט געזעהן, אָנגעהויבען שילדערען דאָס פשוט׳ע מענשען־לעבען אין דער וועניג־באַקאַנטער וועסטפאַליע, וואו ער האָט געוואוינט און געטראָגען זיין ריכטער־אַמט. אין יענער צייט האָט די געגענד ניט געהאַט קיין באַהנען און מסחר, נאָר דאָרטען זיינען געבליבען אומבאַריהרט די געזונטע פאַטריאַרכישע געוואוינ־הייטען און זיטען, און עס האָט זיך נאָר געפאָדערט אַ רעאַלע שיל־דערונג, אַז עס זאָל זיך באַקומען אַ באַשרייבונג פונ׳ם פויערען־לעבען, וואָס זאָל זיך דערהויבען איבער אַלע פריהערינע פאַנטאַס־טישע שאַפונגען פון זיין דיכטערישער פאַרשטעלונג.

דער געזונטער פויער, דער רייכער בעל־גוף, וועלכער איז די

הויפּט־פּערזאָן איז דער ערצעהלונג, איז דער ערשטער פון די אַלע געזונטע, זעלבסטשטענדיגע טיפּען אין די דייטשע און אין די פרעמד־שפּראַכישע ערצעהלונגען. אַבער ער שטעהט העכער פון אַלע אויערבאַך׳ס, איז אַלגעמיין גוט־געשילדערטע פויערען, א דאַנק דער געשיכטליכער גרויסקייט, מיט וואָס ער איז, אַזוי צו זאָגען, דורכגעדרונגען, און וואָס איז באַגרינדעט אויף זיין ווארימער ליעבע צו דער טויזענד־יעהריגער פאַרגאַנגענהייט פון זיין פאַטער־לאַנד. אַט דער פויער טרעט אַרויס פונ׳ם הינטערגרונד פון די טראַ־דיציעס פון די לאַנג־פאַרגאַנגענע און פאַרגעסענע צייטען, וואָס זיינען אַזוי לעבעדיג אין יענער געגענד.

ער — איז דער נאַטירליכער פויער. ער פאַרמאָגט ניט אין זיך קיין מילדקייט, ער האָט אפילו קיין צייט ניט געהאַט זי אין זיך איינצוזאַפּען, ווארים פון דער פריהעסטער יוגענד האָט ער געמוזט פיהרען אַ זעהר שווערען לעבען. ער איז אינגאַנצען די פאַרקער־פּערונג פונ׳ם געזונטען גייסט, גערעכטיגקייט, עקשנות, צערטליכ־קייט, שטאַנד־שטאַלצקייט און עגאָאיזם. איז יסוד פון זיין וועזען איז פאַראַן עפּעס גראַניט־עהנליכעס. אַלס נאַטירליכער פויער איז ער קלוג און כיטרע אין זיינע האַנדלונגען און ווענדונגען, איז שטענ־דיג גרייט אַרויסצוהעלפען זיינע דאָרפס־לייט מיט אַן עצה, אום צו באַשיצען זייערע אינטערעסען, מעגען זיי זיין ניט גערעכטע, גע־גען דער רעגירונגס־מאַכט; ער איז שטענדיג אויף דער וואַך גע־גען די רעגירונגס־באַאַמטע, און איז גרייט צו יעדער צייט זיך דאַ־געגען שטעלען, מעג זיך אפילו האַנדלען וועגען פּראַגרעס, — ווי אַ שטייגער, וועגען דורכלעגען נייע וועגען. ער איז קאַלט אין זיינע פאַמיליען־פאַרהעלטענישען און איז אַרומגעלעגט מיט אַ גאַנצער נעץ פון פויערשען אַבערגלויבען.

און דאָך איז ער גרויס. ער האָט אַ גרויסע ווירקונג אויף זיינע מענשען און פיהרט שטענדיג אוים וואָס ער וויל. ער הערשט ניט נאָר איבער זיין גרויסען הויף מיט דער גאַנצער שטרענגקייט פון אַן אַלטען פּאַטריאַרד, שטיצענדיג די אַלטע מנהגים, אַליין נאָכ־קוקענדיג נאָך אַלץ און אַלעמען, צונישט מאַכענדיג יענעמ׳ס רייד מיט אַ טרעפענדען ווערטעל, צאָהלענדיג נאָר מיט׳ן כבוד וואָס מען דיענט ביי איהם, — נאָר אויסער דעם, ניט האָבענדיג צו זיך

קיין גלייכע צווישען די שכנים, צווינגט ער צו קוקען אויף איהם ווי אויף אַ מנהיג און באַפעהלט זיי שווייגענד, אָהן ווידערשטאַנד פון אימיצענ׳ס זייט, זיך באַפרייען פון דער רעגירונג׳ס אויבער־מאַכט און זעלבסטשטענדיג זיך רעגירען, באַטראַכטענדיג איהם אַלס זייער פיהרער, עהנליך צו אַ שופט פונ׳ם אַלט־העברעאישען טיפּ. אין זיין געגענד זיינען ניטאַ קיין קרימינאַל און בירגער־פּראַצעסען. קיינער הויבט דאָרטען ניט אויף קיין בירגער־קריעגען און באַשולדיגט ניט דעם צווייטען אין קיין פאַרברעכען. מען קאָן דענקען, אַז דאָרט איז אַן אינזעל, אויף וועלכען מען באַגעהט קיינ־מאָל קיין זינד ניט. אַבער אין דער ווירקליכקייט איז פּונקט קאַ־פּויר. נאָך פונ׳ם מיטעלאַלטער עקזיסטירען דאַ געהיימע געריכ־טען, „פעהם־געריכטען“, און די פּויערען, אונטער דער פיהרערשאַפט פון זייער דאָרף־סטאַראָסטאַ, זאָרגען זיך אַליין וועגען אויפהאַלטען גערעכטיגקייט אין זייער סביבה. זיי קומען זיך צונויף אין געהיים ביינאַכט, אין אַן אָפּגעזונדערט פּלאַץ, אויף אַ בערגעל, ענטשיידען זייערע קריגערייען, און דער אורטייל וואָס ווערט אַרויסגעטראָגען, ווערט גלייך און פּינקטליך דורכגעפיהרט: די איינציגע שטראָף איז, אַז דער שולדיג־געפונענער זאָל זיך האַלטען אָפּגעזונדערט פון דער געמיינדע, — דאָס איז פאַר איהם אַזאַ שטרענגע שטראָף, וואָס איז פילייכט אַזוי שווער פאַר איהם ווי די שטרענגסטע שטראָף וואָס אַ רעגירונגס־געריכט לעגט אַרויף; וואָרים דער פּויער, פון וועמען אַלע קעהרען זיך אָפּ, וועמען קיינער אין זיין געגענד וויל ניט העלפען, ליידט אפילו דאַן, ווען קיין שום אַנדער שלעכטס ווערט געגען איהם ניט אָנגעווענדט. די איזאָלירונג איז פאַר איהם, ווי ער זאָל זיצען אין אַן איינצעל־קאַמער אין תפיסה.

אַלס אַ סימבאָל פון זיין ווירדע און מאַכט טראָגט זיך דער סטאַראָסטאַ אַרום מיט אַ שווערד און באַטראַכט זי, נאָך לעגענדע, אַלס די שווערד פון קאַרל דעם גרויסען, און קוקט דערויף, ווי אויף דעם קאָסטבאַרסטען שאַץ אין זיין הויף. די שווערד טראָגט ער מיט זיך בעת׳ן געריכט. די שווערד איז אויסגעגראָבען געוואָרען פון אונטער דער ערד, און איז אַ גאַנץ־געוועהנליכער געוועהר־אינס־טרומענט, ניט עלטער פון 200 יאָהר, און דער מחבר באַשרייבט דאָ זעהר בילדליך, ווי דעם אַלטען פּויער באַפאַלט אָפּט אַ צוויי־

פעל וועגען דער אַלטקייט פון שווערד און ווי אַזוי ער באַמיהט זיך, מיט אַ ריין פויערשען פאַרשטאַנד, עס צו אונטערדריקען אין זיך. ער צווינגט אַז אַנטעקוואַר, אַלס באַלוינונג פאַר אַ וואונדער־באַרען אַלטען קרוג, וואָס ער ברענגט איהם אַלס מתנה, איהם אַרויס־צוגעבען אַ שריפטליכען באַווייז, אַז די שווערד האָטווירקליך באַ־לאַנגט צו קאַרל דעם גרויסען.

אַ וואַגאַבונד, נאָך אַ ליעבע־באַציהונג מיט׳ן סטאַראַסטאַ׳ס טאָכטער, דערהרג׳עט זיין זוהן, באַשיצענדיג זיך געגען איהם. די טראַגעדיע־קאַטאַסטראָפע איז דער ערצעהלונג איז געגרינדעט אויף פאָלגענדעס: דער וואַגאַבונד, וועלענדיג זיך נוקם זיין אינ׳ם פויער, דערפאַר וואָס ער האָט איהם איזאָלירט פון דער געזעלשאַפט און צובראָכען זיין לעבען, האָט אַוועקגע׳גנב׳עט דעם שווערד און איהם אַזוי באַהאַלטען, אַז דער פויער האָט איהם ניט געקאָנט געפינען. אָט דער גרויזאַמער שאָדען האָט אויף דעם אַלטען שטאַרק געווירקט. עס ווערען אויפגעדעקט אַלע געהיימניסען פונ׳ם זעלבסט געריכט און שווערד און דער אַלטער פויער ווערט געבראַכט אין געריכט.

„הערדען ריכטער! — זאָגט ער אין זיין לעצטער רעדע: — איך זעה קלאָהר, אַז מיט מיין שווערד און געהיימען פויערשען זעלבסט־געריכט קוק איך אויס ווי אַ נאַר אין דעם פּראָקוראָרס אויגען, און אויב איך בין זיך ניט טועה, ווערט אַלץ וואָס איז מיר אַזוי טייער, דאָ אַנגערופען — נאַריש. איך וועל זיך ערלויבען אייך דאָ צו ערקלעהרען די באַדייטונג פון די אַלע נאַרישקייטען״.

דער סטאַראַסטאַ דערצעהלט, אַז זינט ער געדענקט, האָט ער באַאָבאַכטעט אַז שטענדיג נאָך עפּעס אַן אומגליק, ווי, אַ שטייגער, אַ פאַרפלייצונג, אַ הונגער, אַ מגירה פון פיה, קומען אין דאָרף אַריין צופאָהרען די הערדען וואָס קאָנען לייענען און שרייבען און ווייסען אַלץ בעסער, ווי די אומגליקליכע, וועמען דער אומגליק האָט געטראָפען; זיי האָבען באַשריבען דעם אומגליק מיט אַ צייט שפּעטער נאָך דער געשעהעניש, נאָר זיי זיינען קיינמאָל ניט געוועזען אויפ׳ן אָרט צו העלפען, און ווען די רעגירונג האָט יאָ געשיקט עפּעס געלט, זיינען זיי קיינמאָל ניט אַריינגעפאַלען אין די נויטיגע הענט.

„צום מיינסטען פלעגט אונז וואונדערען איין זאַך: אַמאָל פלעגט איינער פון אַט די שרייבענדע האַרדען אַזעלכעס אָפּטאָן ביי אונז, אַז מיר פלעגען שטאַרק איבער איהם לאַכען. און אין צוויי יאָהר שפּעטער פאַהרט שוין דערזעלבער העדר פאַרביי אונזער דאָרף אין אַ קאַרעטע געשפּאַנט מיט פיער פערד, און האָט אַזאַ אויסזעהן, גלייך ווי ער האָט געהאָלפען גאָט צו באַשאַפען די וועלט, און זיין ברוסט איז אויסגעפּוצט מיט אַ סך שעהנע בענדער. און אַט זעהענדיג דאָס אַלץ און באַטראַכטענדיג עס מיט מיין פּשוט'ן שכל, האָב איך באַשלאָסען, אַז די שרייבענדע הערען העלפען אונז גאָר ווינציג, און האָבען ניט קיין איבעריגען חשק צו ברענגען אונז די הילף; זיי שרייבען נאָר, און ביסלעכווייז צעשרייבען זיי זיך ביז אַ קאַרעטע מיט פיער פערד... איך האָב אַ טראַכט געטאָן, אַז אַ פיינער מענש קאָן זיך שטענדיג דורכשלאָגען אַ וועג אין לעבען, אויב מען זאָל נאָר שטאַרק באַטראַכטען, וואָס עס טוט זיך ארום דיר, אונטער דיינע פיס, ניט זיצען מיט צונויפגעלעגטע הענט, און ערליך באַהאַנדלען דיינע שכנים... צוערשט האָב איך זיך אַליין אָפּגעוועהנט פון ערוואַרטען הילף פון פרעמדע, האָב פלייסיג גענומען צאָהלען מיינע שטייערען און טאָן מיינע פליכטען... און דערנאָך האָב איך אָנגעהויבען אויך צוגעוועהנען מיינע דאָרפסלייט דערצו... זיי האָבען גענומען אַ ביישפּיעל פון מיר, און דערפאַר האָבען פיעל זאַכען, צוליעב וועלכע מען האָט אין אַנדערע ערטער אויפגעהויבען אַ טומעל, ביי אונז ניט געטראָפען... און ווען אַלץ האָט זיך אויסגעגלייכט, האָבען מיר אָנגעהויבען אַליין ענטשיידען אַלע קריעגערייען. ווארים מיט'ן פּשוט'ען פויערשען שכל איז ניט שווער צו באַשליסען וואָס איז דיינס און וואָס איז מיינס, ווען עס געהערט די וואַנט און ווען יענער שטריק. און ווען עס טרעפט זיך אַ גנבה ווייסט דאָס דאָרף כמעט שטענדיג ווער דער גנב איז, כאָטש קיין אמת'ע באַווייזען זיינען געגען איהם ניטאָ, און אַ רעגירונגס־געריכט קאָן דערפאַר באַפרייען דעם פאַרברעכער, און ער וועט אומפאַרשעמט אַרומשפּאַצירען אין דאָרף, זיך פרעהענדיג מיט דער גנבה, וואָס דער באַ׳גנב׳עטער וועט שוין קיינמאָל ניט זעהן, ווי ער זעהט ניט זיינע אויערען. און אַזוי געלאָסען האָבען מיר גע׳משפּט. און קיינער קאָן צו אונז קיין טענות

ניט האָבען, ווארים מיר האָבען קיינעם קיין שלעכטס ניט געטאָן; מיר האָבען נאָר איבערגעריסען די באַציהונגען מיט פאַרברעכער און אומווירדיגע לייט, און דאָס איז געווען אונזער אורטייל; און דאָס פאָלק האָט מורא געהאַט פאַר דעם אורטייל פיעל מעהר ווי פאַר די רעגירונג'ס געריכטען און תפיסה.

„און אָט, האָט ער פאַרענדיגט זיין רעדע, ווען אַלע מענשען זאָלען זיך אויף אַ פריינדליכען אופן צונויפשליסען, אַ בירגער מיט בירגער, אַ סוחר מיט סוחרים, אַן אַדעליגער מיט אַדעליגע, אַ געלע־רענטער מיט געלערענטע, וואָלט, מיר דוכט זיך, געווען פיעל בע־סער. מענשען וואָלטען דעמאָלט ניט געווען ענליך צו נאַרישע קינדער וואָס שרייען שטענדיג: פּאַפּע, מאַמע. נאָר יעדערער וואָלט זיך געווען ווי אַ פירשט ביי זיך אין הויז און מיט זיין גלייכען. דעמאָלט וואָלט דער קעניג אויך געווען אַ מעכטיגער הערשער, ווארים ער וואָלט דעמאָלט געקעניגט איבער פיעל הונדער־טער טויזענדער מלוכות“.

ווען מיר ענדיגען דאָס בוך דוכט זיך אונז, אַז איצט, ווען די געהיימנים פונ'ם זעלבסט־געריכט איז שוין אויפגעדעקט און די שווערד איז פאַרשוואונדען, וועט שוין נעהמען אַ סוף צום זעלבסט־געריכט. נאָר דער מחבר זאָגט דאָ, ווייזט אויס, אַרוים זיין מיי־נונג, ווען ער צווינגט דעם קלוגען דיאַגאָן ערקלערען, אַז די זעלבסט־שטענדיגקייט, וואָס איז אויסגעאַרבייט און פאַרמולירט געוואָרען פונ'ם פּויער און זיינע פריינד, שטעלט מיט זיך פאַר אַ געוויסען לאָזונג, וואָס וועט, ניט קוקענדיג אויף קיינע אונטערדריקונגען, ניט אונטערגעהן, און די גרונד־אידעע, אַז דער מענש איז אָפּהענגיג פון זיין גלייכען, און ניט פון פרעמדע, וואָס רייסען זיך אויף אַ נעקינסטעלטען אופן אַריין אין זייער לעבען, איז אַן אויפריכטיגע. פון זיין שטאַנדפונקט איז דער אַלטער פּויער — אַ געזונטער מענש, די אמת'ע שווערד פון קאַרל דעם גרויסען, וואָס קיין גנב קאָן ניט אוועק־גנב'ענען, דער שטאַרקסטער רעגירונגס־יסוד.

געדענקט, אַז דאָס בוך איז אָנגעשריבען געוואָרען פון אַ דיכ־טער, וואָס איז אַ רעגירונגס־ריכטער, אַ זוהן פון אַ פּרייסישען באַ־אַמטען.

אַלס געגענזאַץ צו דער פעסטער סטאַראָסטאַ־פיגור, שילדערט

אונז אימערמאַן, מיט דערזועלבער זיכערער האַנט, די העלדין, א יונגע, דאָרפישע מיידעל, די העל־בלאָנדע ליזאַבעט. אין איהר פאַר־ליעבט זיך דער יונגער גראַף אָסוואַלד, וואָס געהט צופוס אַרום איבער'ן לאַנד, און די ליעבע פון די צוויי ריינע נשמות מיט איהר רייכען אינהאַלט, איז דאָס שעהנסטע אין בוך. אימערמאַן האָט שוין לאַנג אַרויסגעוויזען אין זיינע ווערק זיין טיעפען גלויבען, אַז די אומבאַגרענעצטע ליעבע איבט אויס איהר מאַכט איבער די מענשליכע זעעלען; נאָר דאָ האָט ער געמאָהלען די יונגע ליעבע מיט אַזאַ קראַפט, ווי אין ערגעץ נים. דאָ שלאָגען אַזן ברענען צוויי יונגע, אומשולדיגע הערצער. זיי באַגעגענען זיך מיט דער גאַנצער איבערפולקייט פון זייערע געפיהלען, רייך מיט געזונטע, טיעפע, ניי־געבאָרענע און צובליהטע האַפנונגען. קיין ענטזאַגונג און ענטוישונג האָבען נאָך ניט אָפּגעקיהלט קיין איין טראָפּען פון זייער הייסען בלוט. שאַרפזיניג איז אַרומגעקלערט דער מיטעל, ווי אַזוי דער אונטערשייד צווישען זיי ווערט אַלץ קלענער: אַ יונגער יעגער, דער ערגסטער שיסער אין דער וועלט, וואָס האָט געירש'ענט פון זיינע עלטערן די ליידענשאַפט צו שיסען, נאָר קאָן קיינמאָל ניט טרעפען אין פונקט, מאַכט איינמאָל אויף זיין געיעג, דאָס ערשטע מאָל אויף זיין לעבען, אַ גוטען שאָס, וואָס טרעפט אין אַ לעבעדיגען פונקט, דער פולווער־שטויב טרעפט דער יונגער מיי־דעל'ס פלייצע. דער טיעפער בזיון, וואָס ער פיהלט צוליעב דעם, ווערט צוביסלעך איבערגעגאַנגען אין שטאַרקער ליידענשאַפט. ווען ליזאַבעט ווערט געזונט, באַגעגענען זיי זיך ווידער אַמאָל, און איין מאָל געהען זיי צוזאַמען אַוועק אין וואַלד:

„איך וויל בעטען ענטשולדיגונג פון דיינע וואונדען —

האָט ער געזאָגט, און אַראָפּנעהמענדיג פון איהר דאָס טיכעל, האָט ער אַ קוש געטאָן די קליינע רויטע סמנים צווישען איהרע ברוסטען און די ווייס־בלענדענדע פלייצעס. זי האָט געלאָזט, זיך ניט גע־וועהרט; נאָר אויף דער ברוסט האָט זי פאַרלעגט די קליינע הענט, און איז געזעסען אַזוי אַנטקעגען איהם, גלייך ווי דער אונ־טערטעניגער ליעבע־קרבן, און געקוקט אויף איהם מיט אַ בעטענדען, פאַרשעמטען בליק. אַט דעם בליק האָט דער גראַף ניט געקאָנט אויסטראָגען. ער האָט צוריק גיך אַרויפגעוואָרפען דאָס טיכעל

אויף איהרע אַקסלען, איז געפאַלען צו איהרע פיס, האָט צוגערריקט איהרע קניהען צו זיין הארצען און איז אַפּגעגאַנגען פון איהר אויף עטליכע טריט, אום זיך אביסעל צו בארוהיגען פון זיין אויפרעגונג".

אַזעלכע סצענען קאָן מען ניט אין קורצען אויסדערצעהלען. איבערלייענען אין אָריגינאַל די דאָרפּישע אידיליע צווישען די געליעבטע, איבערלייענען ווי זיי דערצעהלען אבער איינער דער צווייטער וועגען זייער ליעבע, ווי ער שפּיעלט זיך מיט איהרע האָר, און זי געפינט ניט קיין אַנדערע ווערטער אום אויסצודריקען איהרע געפיהלען, ווי נאָר: „אַך, דו!" — זיי מאַכען זיך אָן איבערבייסען איינקויפענדיג ווייצען־ברויט און עפּעל, און זיי אייניגען זיך אויף דער מיינונג, אַז די ראָמאַניסטען ליגען ווען זיי דערצעהלען, אַז ליעבע ווערט געקאָרמעט פון דער לופט אַליין. אַט די סצענעס זיינען אַזוי נאַטירליך געמאָלט, ווי די עהנליכע צו זיי ביי אויערבאַך'ן, קעללער'ן, אָדער ביערנסאָנ'ען.

און אימערמאַן שטעהט אויף דערזעלבער הויך מאָלענדיג די אומגליקליכע, ווי די גליקליכע זייטען פון לעבען. עס איז ניט פאַראַן קיין שעהנערער פּלאַץ אין זיין ראָמאַן, ווי דער, ווען דער פּאַטער דערצעהלט ליזאַבעט'ן, אַז איהר געליעבטער איז אַ זעהר אָנגעזעהענער מענש, און ער צושטערט איהר האָפנונג, אַז אַסוואַלד וועט מיט איהר הייראַטען. יענער האָט באַהאַלטען פון איהר זיין שטאַנד און זיך אָנגעגעבען אַלס פּשוט'ער וואַלד־שומר, נאָר אום צו מאַכען איהר אַ פרעהליכען סורפּריז. ווען זי זאָל גוט געוועזען באַקלערען די זאַך, וואָלט זי זיכער באַשלאָסען, אַז זי האָט ניט וואָס מורא האָבען, טאָמער וועט ער איהר אויפהערען צו ליעבען. נאָר די נייעס, אַז איהר געליעבטער האָט זי אָפּגענאַרט, האָט גלייך ביי איהר צוגענומען דעם גלייכגעוויכט פון איהר נשמה, און אימערמאַן זאָגט דערביי אַרויס אַ טיעפען געדאַנק:

אַזוי לאַנג ווי די ליעבע איז אומבאַרירט, פאַרמאָגט זי אַ געטליכע אונדרינגענדקייט; נאָר טאָמער הויבט מען זי אָן צו וואַקלען, געהט זי גלייך אַרויף אויפ'ן וועג פון פאַלשע פאַראויסזעהונגען: אומזיניגקייט פילט זי אָן, זי געהט דורך דורך קאַטעדראַלען און זעהט

זיי ניט, און פאַרקעהרט, אָפט נעמט זי אָן ווערים־בערגלער פאַר אַלפּען־בערג.

אין די ווערטער ליעגט אַ טיעפער געדאַנק: זיי גיבען אַ ריכטיגע באַשרייבונג פון די געפיהלען, וואָס זיינען איינגעוואָרצעלט אין דער אומבאַוואוסטזיניגקייט. ביי היינע'ן איז די לעצטע פסיכאָלאָגיע שטענדיג אַ פּשוט'ע: אויב ער באַקלאָגט זיך, איז דאָס נאָר אויף אומטרייהייט, ווי אויף דער אומגערעכטיגקייט וואָס ווערט געטאָן באַוואוסטזיניג. אימערמאַן האָט דאַ געשאַפען סאָמנאַבולישען עלעמענט, באַוועגט פון געפיהלען, — די סאָמנאַבולישע זיכערקייט, וואָס קומט אַרויס פון די געפיהלען, אויב זיי געפינען זיך אויסער די גרענעצען פון די כחות, וואָס צושטערען זייער גלייכגעוויכט.

ווי אין גאַנצען, אַזוי אויך אין די איינצעלהייטען, איז אָט די ערשטע ערצעהלונג פון פויערען־לעבען דורכגעדרונגען מיט ריינער פּאָעזיע. דער ראָמאַנטיש פאַנטאַסטישער עלעמענט שפּיעלט נאָך דאַ אַ ראָלע: דער געהיימער געריכט, קאַרל דעם גרויסען'ס שווערד, דאָס אַנהאַלטען פון די אַלטע טראַדיציעס — דאָס אַלץ זיינען ראָמאַנטישע שטריכען; אַ ראָמאַנטישער שטריך איז אויך עליזאַבעטע'ס פאַנטאַסטיש קומען אויף דער וועלט: אָט די יונגע מיידעל איז, ווי מיר דערוויסען זיך דערנאָך, דעם ליגנער מינכהויזען'ס אומגעזעצליכע טאָכטער. די אַלע שטריכען באַווייזען אונז, ווי די ערצעהלונג האָט זיך אויסגעוויקעלט פון דער ראָמאַנטישער ליטעראַטור פון דער פאַראיבערגאַנג־עפּאָכע. נאָר גראָדע אַ דאַנק דעם, זעהן מיר דעם זעהר שווערען און ענערגישען איבערגאַנג־פּראָצעס, אַ דאַנק וועלכען, די מאָדערנע רעאַלע שילדערונג פון דעם געזונטען פאָלקס־לעבען איז געבאָרען געוואָרען פון די אומגעצאַמטע פאַנטאַזיעס פון דער פריהעריגער עפּאָכע.

אימערמאַן, ווי דאַניעל דעפאָ, אַבאַט פּרעוואָ, וועסעל, שאַמיסאָ, בערנאַרדין־דע־סען־פּיער, האָט זיך נאָר מיט איין ווערק באַריהמט געמאַכט אויף שטענדיג, בעת זיינע פיעלע אַנדערע זיינען גלייך פאַרגעסען געוואָרען. קיין אַנדער ווערק ווי „מינכהויזען“ איז ניט געבליבען נאָך אימערמאַנ'ען. ער האָט געשריבען שפּאַסיגע העלדען־ליעדער. „טוליפּענטדען“, וואָס זיינען אַמאָל געלויבט

געוואָרען, זיינען איצט אומלעזבאר. ער האָט געשריבען אַנדערע ווערק, וואָס זיינען אין זייער צייט אַנערקענט געוואָרען פאַר גאַנץ גוטע, און איצט ליעגען זיי באַדעקט מיט שטויב, ווי אַ שטייגער, די דראַמאַ „מערלין“ (אין 1831) אין שעהנע ריפמען, אַ גרויס ראָמאַנטישע ווערק, אַ ניט־געלונגענער פּענדאַנט צום צווייטען טייל פון געטע׳ס „פאוסט“, אָדער די היסטאָרישע טראַגעדיע, וואָס האָט צוערשט געטראַגען דעם נאָמען: די „טראַגעדיע אין טיראָל“ און דערנאָך: „אַנדרעאַס האָפער“. פון די דראַמעס איז די לעצטע די בעסטע. זי איז געגרינדעט אויף אימערמאַנ׳ס קינדהייטס־ערי־נערונגען וועגען דער גרויסער שלאַכט מיט די פראַנצויזען אין טי־ראָל און איז געשריבען מיט׳ן פאַרלאַנג צו באַשרייבען אין אמת׳ע און ניט־צוגעפּוצטע פאַרבען די צוויי ניט־גלייכע און קעמפּענדע פעלקער און זייערע געגענגעזעצטע קולטורען. אַזוי ווי זי איז ערשינען אין 1828 און איז קריטיקירט געוואָרען פון בערנע׳ן אין זיינע „דראַמאַטישע בלעטער“ און אויסגעלאַכט פון פּלאַטענען אין דער ראָמאַנטישער עדיפּוס, איז זי אינטערעסאַנט צום מיינסטען אַלס דאָס אומגעזעצליכע קינד, געבוירען אין קלייסט׳ס געניע און פון שילער׳ס מוזע, וואָרים זי דערמאָנט גלייכצייטיג מיט׳ן העלד׳ס כאַראַקטער אין שילער׳ס „ווילהעלם טעלל“ און מיט דער ליעבע־געשיכטע צווישען דעם פראַנצויז און דער טיראָלישער פרוי און איהר גוטען אויסגאַנג — אַן קלייסט׳ס — „די הערמאַן מלחמה“. אָט דער חסרון איהרער איז טאַקע די אורזאַכע פון איהר קורצען לעבען, און ווען אימערמאַן האָט זי אין 1831 איבערגעאַרבייט, אויסשליסענדיג אַלץ, וואָס איז קריטיקירט געוואָרען, אַרויסוואַר־פענדיג די גאַנצע ליעבע־געשיכטע און (וואָס דערמאָנט אויך אַן קלייסט׳ען) די סצענע מיט דער שווערד, וואָס דער מלאך ברענגט אין שלאָף צו האָפער׳ן — האָט ער דערמיט צוגענומען ביי דער דראַמע איהר גאַנץ לעבען, — איהר האַרץ. שוין צוליעב שטאָלצקייט אַליין האָט ער געדאַרפט געווען איבערלאָזען די פיגור, וואָס איז אַזוי ביטער אויסגעלאַכט געוואָרען פון פּלאַטענען.

אומגליקליכע אומשטענדען האָבען געצוואונגען אַזעלכע צוויי פּריוואַט־ליעבענדע פּערזאָנען ווי אימערמאַנען, פּלאַטענען און צוויי אַזעלכע זעלטענע טאַלאַנטען ווי היינע און פּלאַטען צו פיהרען

אַ פאַרביטערטען קאַמף. אַלס אורזאַך פאַר דעם ליטעראַרישען קאַמף, פאַר די גראָב־אומאַנשטענדיגע אַנפאַלען געגען אימער־מאַנען און היינען אין „ראָמאַנטישען עדיפּ“, אַזוי אויך פאַר היי־נע׳ס שאַרפע, שלאַגענדע אַנפאַלען געגען פּלאַטענען אין זיינע „רייזע בילדער“, איז געווען אימערמאַנ׳ס אַ ניט־וויכטיג, נאָר ביטערען צוויי־שורה׳דיג ליעד: עס האָט זיך געפאָדערט נאָר פלאַטענ׳ס קרענקליכע זעלבסט־ליעבע און זיין גאַנצער קריעגערישער גייסט אום אַנצוהויבען אַזאַ קאַמף, וואָס איז אַנגעגאַנגען מיט פאַר־סמ׳טען געוועהר.

פון פלאַטענ׳ס בריעף זעהט מען, ווי נאָהענט ער האָט גענומען צום האַרצען אימערמאַנ׳ס צוויי שורות, וואָס זיינען אַריינגעטראָגען געוואָרען אין די „רייזע־בילדער“ און ווי שטאַרק ער האָט ביי זיך באַשלאָסען זיך נוקם זיין פאַר זיי אויפ׳ן ערגסטען אופן. ווי גרויס און אין זיך זיכער פלאַטען איז געווען אַלס אמת׳ער קינסטלער, און ווי מוטיג ער האָט זיך ניט אַרויסגעציינט אין זיין באַגייסטע־רונג פאַר דער פּאָליטישער פרייהייט, נאָר דאָך ציינט אַרויס דער אופן פון זיין האַנדלונג געגען מענשען, וואָס זיינען אויף איהם אַנגעפאַלען, ווי זעלבסט־באַגייסטערונג, וואָס ווירקט אומאַנגענעם און דערגעהט ביז זעלבסט־ליוב און גראָבקייט, וואָס נעמט זיך אַביסעל פון שטאַנד־שטאַלצקייט און אַביסעל פון פאַרדרוס פאַר דעם באַליידיגטען עהרע־גייץ. פּלאַטענ׳ס בריעף פון רוים פונ׳ם 18טען פעברואַר 1828, ציינט, אַז ער האָט גאָר ניט געהאַט דעם מינדסטען באַגריף וועגען אימערמאַנ׳ס טראַגעדיע „די טראַגעדיע פון טיראָל“, אויף וועלכער האָט נאָך פריהער באַשלאָסען אַנצופאַ־לען. דער „ראָמאַנטישער עדיפּ“ איז שוין כמעט געווען פאַרענדיגט, ער שרייבט צו פוגער׳ן:

„שרייב מיר עפּעס וועגען אימערמאַנ׳ס „אַנדרעי האפער“, עפּעס וואָס פון דער האַנדלונג, עפּעס אַ פּיקאַנטע שטעלע. איך מוז עס האָבען פאַר דער ענדע פון דעם 5טען אַקט, וואו איך שילדער איהם אַלס אַ משוגע׳נעם“.

די אומבאַגרענעצטע פיינדשאַפט וואָס פּלאַטען ווייזט אַרויס אין זיין דראַמע צו אימערמאַנ׳ען, ציינט אונז קלאָר זיין שטרעבונג נאָך נקמה, כאָטש ער באַמיהט זיך דאָס אַפּצולייקענען. היינע׳ן

וואַרפט ער נאָר אויס זיין אידישע אפּשטאַמונג. אין דער דראַמע דרעהט זיך אַלץ אַרום אַט דעם פּונקט: היינע—איז דער פּעטראַרקא פונ'ם יום־טוב סוכות, דער שטאָלץ פון דער שוהל. די אַנפאַלען זיינען אַזוי פּערזענליך, אַז אימערמייער האָט ערקלערט, אַז ער איז היינע'ס אַ פריינד, נאָר ער וואָלט ניט געוואָלט זיין זיין געליעבטע, וואָרים פון זיינע קושען הערט זיך קנאָבעל און אַז. וו. פון די בריעף זעהט מען, אַז פּלאַטען האָט זיך שטאַרק טועה געווען וועגען זיינע געגנער'ס כחות. ער האָט זיך געפיהלט פעהיג „צו צוקוועטשען דעם אידען היינע'ן", ווען ער זאָל עס נאָר וועלען. ווען זיינע פריינד מאַכען איהם אויפמערקזאַם, אַז דאָס וואָס ער פאַלט אַן אויף היינע'ס אַפּשטאַמונג איז לעכערליך, ענטפערט ער זיי מיט פעסטען גלויבען:

„דאָס וואָס ער איז אַ איד, אָדער אַזעלכער געווען, איז ניט קיין מאָראַלישער חסרון, נאָר אַ קאָמישער שטריך. דער אויפמערקזאַמער לעזער וועט באַגרייפען, צי האָב איך זיך באַנוצט מיט אַט דעם צופאַל מיט דער אַריסטאָקראַטישער איידעלקייט".

און פּלאַטען איז אַזוי זיכער מיט זיין פּאַרטרעפליכקייט, אַז נאָך אין דעצעמבער 1828, ניט לאַנג פאַר דעם, ווי היינע האָט איהם „דורכגעריבען", האָט ער אין איהם געזעהן נאָר „דעם אומפאַרשעמטען אידען, דעם מיאוס'ען נע־זונד־ניק אין סאַנקיולאָט"; זיין אומצופרידענקייט מיט די ערשטע אויסגאַבען פון די „רייזע־בילדער", צוליעב זייער אונמאָראַלישקייט איז געווען אַזוי גרויס, אַז ער האָט אָנגערופען דעם דיכטער אַלס אמת'ן טייוועל. דעם ביטערען ענטפער וואָס ער האָט געקראָגען האָט ער פאַרדיענט, און פאַר זיין ניט קאָנען שעצען היינע'ס און אימערמאַנ'ס פאַרדיענסטען איז איהם דערנאָך דרייפאַכיג באַצאָהלט געוואָרען. אמת, היינע'ס אַנפאַלען זיינען געווען ניט קיין גאָר־עהרליכע, נאָר זיין שמערצליכסטע שטראָף איז געווען די, וואָס זיינע פריינד און פערעהרער האָבען עס איהם ניט פאַרגעבען. די פיינדשאַפט צווישען אימערמאַנען און פּלאַטענען איז אַרויסגערופען געוואָרען פון דער עהנליכקייט אין זייערע ביידענס כאַראַקטערען, — פון דעם געפיהל פון איינזאַמקייט, וואָס האָט אין צוזאַמענהאַנג מיט דער קרענקליכער זעלבסט־ליעבע, באַשאַפען אין זיי די נייגונג צו זעלבסט־לויב און צו אומגערעכטע אַנפאַלען אויף אַנדערע, ווען זיי האָבען נאָך

גוט ניט געקאָנט. פּלאַטען, ווי אימערמאַן, יעדער אויף זיין שטיי־גער, פאַרצייכענען דעם איבערגאַנג פון דער ראָמאַנטישער רעטונג צו דער מאָדערנער. פּלאַטען, נאָכגעהענדיג דעם ראָמאַנטיזם, האָט שטענדיג זיך באַרייכערט מיט נייע פאָרמען, מזרח׳ישע ווי האַזעל׳ס, דרומ׳דיגע — ווי די אַלט־גריכישע סאָנעטען, ווי די אַריסטאָפאַנישע קאָמעדיעס און פּינאַדראַווער אָדעס. און מיט אַ שטיקעל צייט פאַר זיין טויט האָט ער דערגרייכט מיט זיינע „ליעדער און געדיכ־טען" („פּאָליטישע ליעדער", צווישען אַנדערע: „די ליעדער וועגען פּוילען") דעם העכסטען פּונקט אין דער ענטוויקלונג פון דער פריי־נעזאָנענער מאָדערנער ליריק, — און אימערמאַן, וועלכער האָט זיין גאַנצען לעבען באַארבייט טראַגישע און פאַנטאַסטישע סוזשע־טען מיט דער ראָמאַנטישער עקזאַלטאַציע, אַריינברענגענדיג אין זיי אַ ראָמאַנטישע סימבאָליק, האָט זיך פאַר׳ן טויט באַקעהרט צו דער ווירקליכקייט פון זיין היים־לאַנד, אַרויסצייגענדיג אין זיין לעצטען ווערק אַ לעבעדיג־פּאָליטישען געפיהל, וואָס האָט באַגייס־טערט נאָך זיין טויט אַ גאַנצען דור שריפטשטעלער אין גאַנץ אייראָפּאַ.